ד״ר עמנואל רינגעלבלום

פּוילישע יידן אין קאָשטשושקאָ-אויפֿשטאַנד

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע

ד״ר עמנואל רינגעלבלום

די פּוילישע ייִדן אין אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ-1794

וואַרשע / 1937

Bibljoteka Jiwo / Żydowski Instytut
Naukowy | Sekcja historyczna |
Dr. **Emanuel Ringelblum**
Żydzi polscy w Insurekcji Kościuszkowskiej 1794 roku

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 8413

The Yiddish Scientific Institute (Jivo)
Departament of History
Dr. **Emanuel Ringelblum**
Polish Jews in the Kosciuszko-Insurrection of 1794.
Printed in Poland
Druk. A. Rozensztajn, Warszawa,
Mławska 5. Tel. 11.53-62.

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון מײַן מוטער
נעכע העללער-רינגעלבלום

הקדמה

די איצטיקע אַרבעט וועגן ייִדן אין דעם אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ איז אַ רעזולטאַט פֿון מײַנע פֿאָרשונגען איבער דער געשיכטע פֿון ייִדן בעתן 18טן י״ה, בפֿרט איבער דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון די ייִדן אין וואַרשע אין יענער צײַט. בעת די דאָזיקע פֿאָרשונגען האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צונויפֿצוזאַמלען אַ רײַכן מאַטעריאַל וועגן די ייִדן אין די צײַטן פֿון דער אינסורעקציע.

זינט צענדלינגער יאָרן פֿאַרנעמען זיך פּוילישע היסטאָריקער מיט פֿאָרשן דעם אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1794. אויך די פֿראַגע וועגן דעם אָנטייל פֿון ייִדן אין דעם אויפֿשטאַנד האָבן שוין נישט איין מאָל באַהאַנדלט פּוילישע און ייִדישע היסטאָריקער, הן אין באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען הן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלגעמיינע פֿאָרשונגען איבער דעם קאָשטשושקאָ-אויפֿשטאַנד. די אויספֿירונגען, צו וועלכע עס זײַנען געקומען די פֿאַרשיידענע פֿאָרשער, זײַנען אָפֿט געווען דיאַמעטראַל היפּוכדיקע. בעת אַ טייל היסטאָריקער האָט איבערגעשאַצט די ראָלע פֿון ייִדן אין דער קאָשטשושקישער אינסורעקציע, בפֿרט דעם מיליטערישן באַטײַט פֿון דעם בערעק-יאָסעלעוויטש-פּולק, האָבן אַנדערע בכלל געלייקנט וועלכן נישט איז אָנטייל פֿון ייִדן אין אויפֿשטאַנד, אָדער האָבן אויפֿן סמך פֿון פֿאַראיינצלטע, אָפּגעריסענע ידיעות אויפֿגעוואָרפֿן די ייִדן אַ פֿײַנטלעכע באַציִונג צו דעם קאַמף פֿון פּוילישן פֿאָלק פֿאַר פֿרײַהייט.

אין ביידע פֿאַלן האָבן געווירקט נישט וויסנשאַפֿטלעכע מאָטיוון. בעת אַ טייל פֿאָרשער האָט די קנאַפּע צאָל דאָקומענטן וועגן ייִדן אין אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ געזען דורך אַ פֿאַרגרעסער-גלאָז, האָבן אַנדערע נישט באַמערקט די דאָזיקע דאָקומענטן, אָדער האָבן געהאַט ספֿקות וועגן זייער אויטענטישקייט, אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז זיי זײַנען געפֿעלשט געוואָרן צוליב פּאָליטישע טעמים.

אַזאַ מין איבערטרײַבונג אין פּלוס אָדער אין מינוס האָט געקענט גורם זײַן נאָר דער מאָדנער צוגאַנג פֿון די ביזאיצטיקע מחברים: זיי האָבן דעם זייער קנאַפּן היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן אונדזער פֿראַגע געלאָזט הענגען אין דער לופֿטן. די פֿאָרשער האָבן כּסדר אָפּערירט מיט

דעם באַגריף ייִדן, פונקט ווי עס וואָלטן נישט פֿאַראַן געוועזן בײַ ייִדן פֿון יענער צײַט שיכטן און סאָציאַלע גרופּעס מיט אָפּט פֿאַרשיידענע אינטערעסן און דעריבער מיט אַ פֿאַרשיידענער שטעלונג צום אויפֿשטאַנד. מען האָט גערעדט וועגן ייִדן בכלל, הגם בנוגע דער פוילישער באַפֿעלקערונג האָבן די זעלביקע היסטאָריקער זיך באַנוצט מיט אַזעלכע באַגריפֿן ווי בירגערטום, (דאָס רײַכע, קליינבירגערטום), פויערים א״אַ מען האָט געשריבן וועגן דער באַציִונג פֿון ייִדן אַלס גאַנצקייט צום אויפֿשטאַנד, הגם בנוגע דער פוילישער באַפֿעלקערונג האָט מען אונטערגעשטראָכן, אַז פֿאַרשיידענע גרופּעס אָדער שיכטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ פֿאַרשיידענע פֿאַראינטערעסירונג מיט דעם פֿרײַהייטס קאַמף.

אין מײַן איצטיקער אַרבעט האָב איך זיך געפֿלײַסט אויסצומײַדן די פֿעלערן פֿון מײַנע פֿאָרגייער. קודם־כּל האָב איך זיך באַמיט צונויפֿצוזאַמלען אַ וואָס רײַכערן מאַטעריאַל, וואָס זאָל באַלײַכטן דעם ענין אָלזײַטיק און אָביעקטיוו. דעם רוב מאַטעריאַלן האָב איך געשעפּט פֿון דעם אַרכיוו פֿון קיניגרײַך פוילן, וואָס איז לויט דעם שלום־טראַקטאַט 1921 אַרויסבאַקומען געוואָרן פֿון רוסלאַנד — און געפֿינט זיך אין דעם הויפּטאַרכיוו פֿון אַלטע אַקטן אין וואַרשע. (Archiwum Główne Akt Dawnych w Warszawie) ווײַטער האָט זיך געפֿונען אַ סך נײַער מאַטעריאַל אין דער דעמאָלטיקער פּרעסע, אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור אאַז״.

דער גרעסטער טייל אַרכיוו־מאַטעריאַלן איז שייך צו דער הויפּטשטאָט וואַרשע. נישט געקוקט דערויף האָב איך אָבער מײַן אַרבעט געגעבן דעם טיטול: „די פוילישע ייִדן אין דעם אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ״. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די גרויסע צאָל אַרכיוו־אַקטן פֿון צענטראַלן און אויך לאָקאַלן כאַראַקטער (די באַריכטן און די קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָרדענונגס־קאָמיסיעס) האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אויסצופֿאָרשן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון אויפֿשטאַנד, וואָס זײַנען שייך צו דער ייִדישער פֿראַגע, ווי למשל די באַציִונג פֿון דער צענטראַלער מאַכט, און טיילווײַז אויך פֿון דער לאָקאַלער, צו די ייִדן, די פֿראַגע פֿון ייִדישן אָנטייל אין דעם אויפֿשטאַנדישן מיליטער אין דער שטאָטישער מיליץ אאַז״.

מיר דוכט, אַז ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט די פּראָווינצער אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וועלן אונדז צוקומען אַ גאַנצע ריי מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטע פּרטים: אָבער עס וועלן לחלוטין נישט אָנגערירט ווערן די אַלגעמיינע קאָנטורן פֿון דער אַרבעט, וואָס זײַנען אָנגעצייכנט געוואָרן לויט די צענטראַלע אַקטן. די דאָזיקע מיינונג האָט זיך מיר פֿולקום באַשטעטיקט, נאָך דעם ווי איך האָב זיך באַקענט מיט די מאַטעריאַלן וועגן לובלינער געגנט, וואָס עס האָט צונויפֿגעקליבן מאַגיסטער קערמיש. זיי ברענגען נישט אַרײַן קיין פּרינציפּיעלע ענדערונגען אין דעם

בילד, וואָס שאָפט זיך אויפן יסוד פון די מאַטעריאַלן פון די וואַרשעווער אַרכיוון.

די אויבן דערמאָנטע מאַטיוון האָבן מיך באַוויגן אויסצובררייטערן די ראַמען פון דער אַרבעט אויף גאַנץ פוילן, הגם לכתחילה האָב איך בדעה געהאַט אַרומצונעמען בלויז וואַרשע. נישט האָבנדיק דערווײַלע די מעגלעכ-קייט צו פאָרשן די אַרכיוו-מאַטעריאַלן פון ווילנע, האָב איך די מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען שייך צו דער אַמאָליקער ליטע, אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל, וואָס וועט קומען ווי אַ צוגאָב צו דער אַרבעט.

די מאַטעריאַלן וואָס ווערן באַנוצט אין דער אַרבעט זײַנען צום רוב פוילישע, אַ טייל דײַטשע און פראַנצייזישע. קיין יידישע מקורים זײַנען צום באַדויערן נישט פאַראַן. עס קען זײַן, אַז אין דער אָדער יענער קהילה צי בײַ פריוואַטע פערזאָנען זײַנען פאַראַן איינצלנע אַקטן אָדער דאָקו-מענטן וועגן דער באַטייליקונג פון יידן אין אויפשטאַנד אָדער וועגן זייער הילף פאַר אים. צום יידישן וויסנשאַפטלער זײַנען אָבער אַזעלכע אַקטן נישט דערגאַנגען, דעריבער איז מען געצוווּנגען זיך צו באַנוצן מיט ריין פוילישע אַקטן. עס איז איבעריק דאָ אויפצווײַזן, ווי וויכטיק עס וואָלטן געווען אַזעלכע יידישע מקורים פאַר דעם פאָרשטיין די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט בײַ דער יידישער מאַסע פון יענע צײַטן. עס זײַנען נישט אויפגעהיט געוואָרן קיין שום לעגענדעס און דערציילונגען (פאַראַן מערניט איין דערציילונג: וועגן שמואל זביטקעווערן בעת דער פראַגער הריגה) וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען ווי געוויינטלעך די הערשנדיקע שטימונגען און זאָלן אויספילן דעם בלייז, וואָס באַקומט זיך, ווײַל עס פעלן געשריבענע מקורים.

איך האָב זיך דאָ געפלײַסט אַרײַנצוטראַכטן זיך אין די מאָ-טיוון, וואָס האָבן די באַזונדערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג געשטויסן צו באַציִען זיך פּאָזיטיוו אָבער נייטראַל לגבי דער אינסורעקציע. איך האָב זיך באַמיט sine ira et studio אָפּצושאַצן די ראָלע פון די יידן אין אויפשטאַנד. צי האָט זיך עס מיר אײַנגעגעבן, דאָס וועט שוין דאַרפן אָפּשאַצן דער לעזר אַליין.

נאָך אַ וויכטיקן מאָמענט איז דאָ כדאי אונטערצושטרײַכן. די ביז-איצטיקע היסטאָריקער, וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם אָנטייל פון יידן אין אויפשטאַנד, האָבן אין זינען געהאַט בלויז די באַוואָפנטע אָנשטרענגונגען פון די יידן. מען האָט אָבער אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן יענע טויזנטער יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן מיט דעם שער און אײַזן, מיט דער לאָפּעטע און ריסקאַל, דורך ליווערונגען פון אַמוניציע און אַנדערע מיליטערישע אַרטיקלען, דורך פאַרשיידענע גאַרניזאָן-דינסטן און דורך טויזנטער אַנדערע מיטלען און אופנים — געהאָלפן דעם אויפשטאַנד. דער דאָזיקער יידישער „הינטערלאַנד" האָט נישט נושא-חן געווען בײַ אונדזערע היסטאָריקער; זיי האָבן זיך פאַרקוקט נאָר אויף בערעקן און זײַן פולק און נישט געזען די

ברייטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, וואָס אָן זייער גרייטער מיטהילף איז זיך נישט מעגלעך פֿאַרצושטעלן דאָס באַוואָרגן דאָס מיליטער מיט דעם וואָס ס'איז נייטיק און ממילא דערמעגלעכט דעם קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט.

צום סוף דריק איך אויס מײַן האַרציקסטן דאַנק דעם אמעריקאַנער אָפּטייל פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, באַזונדער דעם פֿרײַנד ד"ר יעקבֿ שאַצקי, פֿאַר זייער מאַטעריעלער הילף וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די אַרבעט זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן. אויך דאַנק איך דעם אויספֿיר-ביוראָ פֿון ייִוואָ אין ווילנע פֿאַר זײַן מיטהילף בײַם פֿאַרעפֿנטלעכן די אַרבעט.

איך דאַנק אויך ד"ר רפֿאל מאַהלער פֿאַר דעם פֿאַרעפֿנטלעכן בײַם סוף פֿון מײַן אַרבעט זײַנע דערגענצונגען וועגן דער פֿראַנער הריגה.

אַלגעמיינער אַריינפֿיר

טרויעריק איז געווען דער מצבֿ פֿון פּוילן אין דער מיט פֿון 18 טן יאָרה׳. אויף צ״ל געביטן האָט זיך דעמאָלט געלאָזט מערקן אַ ירידה. פּאָליטיש איז פּוילן שוין זינט דער צפֿון-מלחמה (אָנהייב 18 טן י״ה.) געווען אַ וואַסאַל פֿון רוסלאַנד און טיילווייז אויך פֿון פּרייסן און עסטרייך. רוסלאַנד נוצט אויס די אומטאָלעראַנץ, וואָס הערשט דעמאָלט לגבי אַנדערש גלייביקע, און מישט זיך אַריין אין די ענינים פֿון לאַנד. פּוילן האָט זיך ניט געקענט אַנטקעגנשטעלן די אַרומיקע מלוכות, מחמת איר מיליטערישער שוואַכקייט. דער פּוילישער אַדלשטאַנד האָט נישט דערלאָזט צו שאַפֿן אַ שטענדיקע פּעסטע אַרמיי, בעת רוסלאַנד און פּרייסן האָבן אין יענער צייט געהאַט אין זייער רשות באַטייטיקע, גוט אָרגאַניזירטע און מאָדערן באַוואָפֿנטע אַרמייען. די מאַכט פֿון קיניג און פֿון דעם מלוכהשן אַפּאַראַט איז געווען אַ שוואַכע. די גאַנצע מאַכט האָט זיך געפֿונען אין די הענט פֿון דעם גרויסאַדל, וואָס האָט באַזעצט אַלע וויכטיקע אַמטן און האָט אַפֿילו פֿאַרמאָגט פּריוואַטע אַרמייען. דער פּוילישער פּאַרלאַמענט, גערופֿן „סיים“, פֿלעגט איבער דעם פּרינציפּ פֿון איינשטימיקייט אַ סך מאָל אויפֿגעריסן ווערן, זייער אָפֿט דורך דעפּוטאַטן פֿאַרקויפֿטע צו אויסלאַנד. מיט איין וואָרט, פּאָליטיש איז די פּוילישע מלוכה געווען זייער אַ שוואַכע, בעת אירע שכנים זיינען אַ דאַנק דער צענטראַליזירטער אַבסאָלוטער מאַכט און דער גוטער מלוכה-אַדמיניסטראַציע געווען אַ שטאַרקער כח.

ווירטשאַפֿטלעך איז פּוילן געווען מוראדיק רויִנירט. די זייער אָפֿטע מלחמות מיט די קאָזאַקן, שוועדן, רוסן, טאָטערן, טערקן א״אַנד אין 17 טן און 18-טן יאָרה. האָבן בדלות געשטעלט דאָס לאַנד. די פּוילישע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿון די פּריצים, וואָס האָבן אין זינען געהאַט בלויז זייערע אייגענע אינטערעסן – ווי קאָנסומענטן, האָט גורם געווען די ירידה פֿון דער ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד.

גייסטיק איז פּוילן געווען דעמאָלט איינס פֿון די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער אין אייראָפּע. נישט אומזיסט ווערט טאַקע די ערשטע העלפֿט פֿון

18טן י״ה, ווען עס האָבן געהערשט צוויי מלכים פון דער סאַקסישער דינאַסטיע (אויגוסט דער 2טער און אויגוסט דער 3טער) אָנגערופן די צײַט פון פינצטערניש, די פוילישע אוניווערסיטעטן האָבן דעמאָלט געשטעקט טיף אין דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק. דאָס שולוועזן אין די הענט פון די יעזויטן איז געווען אַ נעסט פון פינצטערניש, רעליגיעזן פאַנאַטיזם און פריצישער גאווה.

געזעלשאַפטלעך איז פוילן געווען אַ פעאָדאַל לאַנד, ווו דער אַדל איז געווען דער איינציקער פריווילעגירטער שטאַנד. ער האָט געהאַט אַלע רעכט אין לאַנד, בעת די אַנדערע שטאַנדן, דאָס בירגערטום און די פויערים, זײַנען געווען אויף שריט און טריט באַגרענעצט, נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרנעמען קיין שום אַמטן, אָנטיילצונעמען אין פאַרלאַמענט וכדומה. די גאַנצע שווערקייט פון שטײַערן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די פּלייצעס פון די אונטערדריקטע קלאַסן. אויף דעם פויער זײַנען געלעגן חוץ דעם פאַרשיידענע פעאָדאַלע דינסטן, די וויכטיקסטע די טרויעריק באַרימטע פאַנשטשיזנע (דער חוב צו באַארבעטן אומזיסט די פעלדער פון די פריצים).

טיפע שינוים קומען פאָר אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה. אין דער צײַט, וואָס ווערט גערופן די סטאַניסלאַוואָווישע תקופה (epoka stanisławowska). די דאָזיקע תקופה נעמט אַרום די יאָרן 1764—1795, ד״ה די רעגירונגס־צײַט פון לעצטן פוילישן קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פאָניאַטאָווסקי (פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען: די סטאַניסלאַוואָווער תקופה). די ערשטע צעטיילונג פון פוילן אין יאָר 1772 איז געווען אַן איבערבראָך אין די שטימונגען פון דעם איינציקן הערשנדיקן פאַקטאָר אין פוילן, דעם אַדל. כדי צו ראַטעווען דעם איבערגעבליבענעם טייל פון פוילן, הייבט מען אָן צו טראַכטן וועגן פאַרשיידענע רעפאָרמען אויפן פּאָליטישן,ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט. עס געווינט די איבערהאַנט דער פּראָגרעסיווער טייל פון אַדל, וואָס גרופירט זיך אין דער א״ג „פּאַטריאָטישער באַרטיי". דער סיים אין די יאָרן 1788—1791, דער אַ״ג „פיריאָריקער סיים", געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון די ליבעראַלע פריצים. די פאַרשיידענע רעפאָרם־פּראָיעקטן, וואָס ווערן ברייט אַרומגערעדט אין דער דעמאָלטיקער זייער רײַכער פובליציסטיק, ווערן טיילווײַז בעת דעם פיריאָריקן סיים פאַרוואַנדלט אין מעשים. די קרוין פון דער גאַנצער רעפאָרם־צרבעט איז געווען די באַרימטע קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ (1791), וואָס איר יאָרטאָג ווערט ביז הײַנט געפײַערט אַלס נאַציאָנאַלער יום־טוב. די וויכטיקסטע רעפאָרמען זײַנען אַדורכגעפירט געוואָרן אויפן פּאָליטישן געביט. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די מאַכט פון קיניג, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נישקשהדיקע אַדמיניסטראַציע, פאַרבעסערט די פונקציאָנירונג פון פאַרלאַמענט דורכן אָפּשאַפן דעם פּרינציפּ פון איינשטימיקייט וכדומה. הגם די

קאָנסטיטוציע פון 3 טן מײַ איז געווען אַ בפירוש פּעאָדאַלע, זײַנען אָבער די שטאָטלײַט צום ערשטן מאָל אין דער פּוילישער געשיכטע צוגעלאָזט געוואָרן צו די סיים־באַראַטונגען, הגם מיט געוויסע באַגרענעצונגען. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן פאַרגרעסערן די אַרמיי ביז 100.000 מאַן. געזעלשאַפטלעך האָט זיך אָבער אין פּוילן כמעט גאָרניט געביטן. די פּעאָדאַלע קנעכטשאַפט פון די פּויערים איז ווײַטער פאַרבליבן אָן שום עיקר־ענדערונגען. די קאָנסערוואַטיווע פּריצים, געראופן די „אַלט־פּריצישע פּאַרטיי" (Stronnictwo staroszlacheckie) איז נישט געווען צופרידן פון די אַדורכגעפירטע רעפאָרמען, וואָס האָבן אָנגערירט הגם אין אַ קליינער מאָס זייערע ביזאיצטיקע פּריווילעגיעס. נישט האָבנדיק גענוג איי־גענע כוחות אויף אומצוואַרפן די דורכן פּיריאָריקן סיים אָנגענומענע באַשלוסן, בפרט די קאָנסטיטוציע פון 3 טן מײַ, אָרגאַניזירן זיי מיט דער הילף פון רוסלאַנד אַ פאַרשווערונג אין דער פאָרם פון דער טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע (פון דער אוקראַיִנישער שטאָט טאַרגאָוויצע, וווּ עס איז געשאַפן געוואָרן דער דאָזיקע מיליטערישער בונד, גערופן „קאָנפעדע־ראַציע"). די טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע האָט אין יאָר 1792 מיט דער מיטהילף פון רוסישע סאָלדאַטן אָפּגעשאַפט אַלע רעפאָרמען פון דער קאָנ־סטיטוציע פון 3 טן מײַ. די אַרײַנמישונג פון רוסלאַנד אין די אינעווייניקסטע ענינים האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט בשותּפות מיט פּרײַסן אַדורכצופירן די צווייטע צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1793.

די ערשטע צעטיילונג פון פּוילן האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום רעאַקציע מצד דער פּוילישער געזעלשאַפט, מחמת דאָס לאַנד האָט זיך גע־פונען אין צושטאַנד פון ירידה. די צווייטע צעטיילונג פון לאַנד וואָס איז פאָרגעקומען נאָך אַ תּקופה פון רעפאָרמען און נאָך אַ טיפן איבערבראָך אויפן גײַסטיקן געביט, האָט אַרויסגערופן אין דער געזעלשאַפט אַ שטורעם. אין אויסלאַנד, וווּהין עס זײַנען בשעת דער טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע אַנטלאָפן די פּוילישע פּאַטריאָטן, ווערט אויסגעשמידט דער פּלאַן פון אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד און די פאַררעטערישע „טאַרגאָוויצער" פּריצים. עס ווערט אויך צוגעגרייט אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער פּראָגראַם פון דעם קומענדיקן אויפשטאַנד. דאָס לאַנד גרייט זיך גלײַכצײַטיק צום אויפשטאַנד. אין דער פאַרשווערונג ווערט אַרײַנגעצויגן אויך דאָס פּוילישע מיליטער, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן אין לאַנד נאָך דער צווייטער צעטיילונג. דער פּרוּוו פון רוסלאַנד פונאַנדערצולאָזן די רעשטלעך פון פּוילישן חיל האָט געבראַכט צום אויסבראָך פון אויפשטאַנד, וואָס פאַר זײַן אָנפירער איז פּראָקלאַ־מירט געוואָרן מיטן טיטל „נאַטשעלניק" דער גענעראַל טאַדעוש קאָשטשושקאָ. דעם 24 טן מערץ 1794 האָט דאָס פאַרזאַמלטע פּוילישע מיליטער אויפן קראָקעווער רינגפּלאַץ אָפּגעגעבן אַ שבועה פון געטרײַשאַפט צו קאָשטשושקאָן און צום אויפ־שטאַנד. די דאָזיקע ראַטע ווערט באַטראַכט פאַרן אָנהייב פון אויפשטאַנד. דעמאָלט

איז אויך פֿײַערלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן דער אויפֿשטאַנד קעגן רוסלאַנד און דאָס פֿאָלק איז גערופֿן געוואָרן צוצושטיין צו דער מרידה. די ערשטע שלאַכט מיטן רוסישן חיל איז פֿאָרגעקומען נישט ווײַט פֿון קראָקע, אין דעם דאָרף ראַצלאַוויצע. די ערשטע שלאַכט, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אויך פּוילישע פּויערים, באַוואָפֿנטע מיט קאָסעס, האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן נצחון פֿון קאָשטשושקאָ. אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון נצחון בײַ ראַצלאַוויצע האָט זיך דאָס פֿײַער פֿון אויפֿשטאַנד אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד. דעם אָנהייב האָט געמאַכט וואַרשע, וועלכע האָט אין די טעג פֿון 17טן און 18טן אַפּריל פֿאַרטריבן דעם זייער שטאַרקן רוסישן גאַרניזאָן. די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער וואַרשעווער רעוואָלוציע זײַנען געווען דער גלח יוזעף מײַער און דער שוסטער יאַן קילינסקי. דעם 19טן אַפּריל ווערט אין וואַרשע געשאַפֿן די כּראָוויזאָרישע אויפֿשטענדישע רעגירונג, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „צײַטווײַליקער ראַט״ („Rada Zastępcza Tymczasowa”). דער דאָזיקער צײַטווײַליקער ראַט איז דעם 10טן מײַ פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַ שטענדיקער רעגירונג, גערופֿן „העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט״ (Najwyższa Rada Narodowa). אין ליטע איז געשאַפֿן געוואָרן אַ באַזונדע רערעגירונג אונטערן נאָמען: צענטראַלע דעפּוטאַציע פֿון ליטווישן גרויספֿירשטנטום (Deputacja Centralna Wielkiego Księstwa Litewskiego). דעם בײַשפּיל פֿון וואַרשע טוט נאָך ווילנע, בראש פֿון אויפֿשטאַנד שטעלט זיך דאָרט דער פּולקאָווניק יאַקוב יאַשינסקי. כּדי צו געווינען די פּויערים פֿאַר אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויפֿשטאַנד, גיט קאָשטשושקאָ אַרויס אַן אוניווערסאַל, באַקאַנט אונטערן נאָמען דער פּלאָנטשער אוניווערסאַל, אין וועלכן עס ווערט אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרלײַכטערט דער מצב פֿון די פּויערים, בפֿרט פֿון די וואָס וועלן אָנטייל נעמען אין אויפֿשטאַנד. דער ווײַטערדיקער פֿאַרלויף פֿון די קאַמפֿן איז אָבער נישט געווען גינציק פֿאַרן אויפֿשטאַנד, בפֿרט ווען די פּרײַסישע אַרמיי פֿאַרבינדט זיך מיט דער רוסישער, בײַ שטשעקאָטשין. צווישן דעם 13טן יולי און דעם 6טן סעפּטעמבער פֿירט זיך די הויפּטשלאַכט אַרום וואַרשע, וואָס ווערט באַלעגערט דורך די פֿאַראייניקטע פֿײַנדלעכע אַרמייען. די דיווערסיע פֿון די פּוילישע אָפּטיילונגען אין גרויספּוילן האָט געצוווּנגען די פּרײַסן אָפּצוטרעטן פֿון וואַרשע, אויך די רוסישע אַרמיי האָט דאָס זעלבע געטאָן. שפּעטער איז די וויכטיקסטע שלאַכט פֿאָרגעקומען דעם 10טן אָקטאָבער בײַ מאַציעיאָוויצע, ווי קאָשטשושקאָ איז פֿאַרווונדט געוואָרן און איז גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די מפּלה בײַ מאַציעיאָוויצע איז דער אָנהייב פֿון סוף פֿון אויפֿשטאַנד. פֿאַר קאָשטשושקאָס פֿאַרטרעטער ווערט נאָמינירט טאָמאַש וואַורזשעצקי. די פֿײַנטלעכע חיילות דערנענטערן זיך צו וואַרשע, וואָס ׳איר גורל האָט געדאַרפֿט באַשטימען וועגן דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון אויפֿשטאַנד. די פֿאַראייניקטע אַרמייען פֿון די רוסישע גענעראַלן

סוואָראָוו און פּערסען טרעטן צו צו דער באַלעגערונג פון דער הויפּט-שטאָט. דעם 4 טן נאָוועמבער קומט פאָר די דעצידירנדיקע שלאַכט אין דער פאָרשטאָט פון וואַרשע — פּראַגע. די שלאַכט פאַרענדיקט זיך מיט אַ מורא-דיקער שחיטה פון פּוילישן מיליטער און פון דער ציווילער באַפעלקערונג. די קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע איז געווען דער סוף פון אויפשטאַנד. דעם 3 טן יאַנואַר 1795 ווערט פּוילן צום דריטן מאָל צעטיילט.

אַזוי זעט אויס בקיצור די כאַראַקטעריסטיק פון די פאַרהעלטענישן פּוילן פאַרן און בשעתן אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ.

קאַפּיטל 1

די ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן פֿון יידן אין דער צײַט פֿון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי.

איידער איך וועל צוטרעטן צו באַהאַנדלען מײַן אייגנטלעכע טעמע: די באַציִונג פֿון יידן צום אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ, איז נייטיק — אין הסכּם מיט דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער הקדמה, צו באַקענען זיך מיט דעם ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן און קולטורעלן מצבֿ [1] פֿון די פּוילישע יידן אין דער צײַט ערבֿ דעם אויפֿשטאַנד, ד"ה אין די צײַטן פֿון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי. [2]

די יידישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן האָט — לויט די נײַערע פֿאָרשונגען פֿון ד"ר ר. מאַהלער — צו 2/3 געוווינט אין שטעט און שטעטלעך, אַרום 1/3 אין די דערפֿער. אַ באַטײַטיקער טייל פֿון די שטאָטישע יידן האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט האַנדל, מלאכה, שענקערײַ, פּרײַע באַרופֿן אאַז"וו. די דאָרפֿישע יידן האָבן זיך אין זייער גרעסטן רובֿ באַשעפֿטיקט מיט שענקערײַ, פּאַכטערײַ, קרעטשמערײַ, אַרענדע פֿון ברויזן, אאַז"וו. אַ געוויסער פּראָצענט דאָרפֿישע יידן האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט מלאכה.

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פֿון די פּוילישע יידן איז אין די צײַטן פֿון קיניג פּאָניאַטאָווסקי געווען זייער אַ טרויעריקע. די אַלגעמיינע פֿאַרבעסערונג פֿון די ווירטשאַפטלעכע פֿאַרהעלטענישן פֿון לאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם כּסדרדיקן, נאַטירלעכן צוּוואַקס, אין דעם פֿאַרגרעסערטן עקספּאָרט קיין אויסלאַנד, אין דעם באַדײַטנדיקן וווּקס פֿון מלוכה-בודזשעט פֿון 13 מיליאָן גילדן פֿאַר דער ערשטער צעטיילונג ביז 40 מיליאָן גילדן נאָך דער צעטיילונג א"אַ, האָט געווירקט טיילווײַז אויף דער לאַגע פֿון יידישן סוחר און מסתּמא אויך פֿון בעל-מלאָכה. אין אַלגעמיין אָבער, איז נישט פֿאָרגעקומען קיין מהותדיקער שינוי אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די ברייטע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַז דער עקאָנאָמישער מצבֿ פֿון די יידישע מאַסן אין פּוילן זאָל אין די צײַטן פֿון קיניג פּאָניאַטאָווסקי זײַן

אַזאַ טרויעריקן זײַן ערשט קומען דאָ אין באַטראַכט אויסנווייניקסטע סיבות, אין זער ערשטער ריי די אָרגאַנען פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע, וואָס האָבן אויף אַ מוראדיקן אופֿן עקספּלואַטירט די אָרעמע באַפֿעלקערונג. אַ דאַנק אַ קאָמפּליצירטער ספּעציעלער געשאַפֿענער וואַל-אָרדינאַציע האָט די טרויעריק באַרימטע קהלישע קליקע געהאַט אַ שטענדיקע אַבסאָלוטע מערהייט אין די קהילות און ממילא געוועלטיקט אומבאַגרענעצט איבער דער ייִדישער מאַסע. די דאָזיקע מאַכט פֿלעגן די קהלשע תּקיפֿים אויסנוצן אויף צו באַשווערן מיט די קהילה - און מלוכה-שטײַערן די אָרעמע פֿאָלקסמאַסן. די קהילה-חובֿות, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעטראָפֿן מיליאָנען גילדן, האָבן אויך געדינט פֿאַר אַ מיטל צו באַשווערן די סײַ ווי אונטערדריקטע פֿאָלקסמאַסן.

אויסער די אויסגערעכנטע סיבות האָט די וואַקסנדיקע קאָנקורענץ, ווי דער פּועל-יוצא פֿון דער פֿאַרערגערטער עקאָנאָמישער לאַגע, נאָך מער פֿאַרשווערט דעם מצבֿ פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

עס זענען פֿאַראַן אַ סך מקורים פֿון יענער צײַט, וואָס שילדערן אונדז די נויט און דעם עלנט, וואָס האָבן געהערשט בײַ די ייִדישע מאַסן, אין דער ערשטער ריי די דעמאָלטיקע פּרעסע, וואָס ברענגט בילדער פֿון דעם דאָזיקן מצבֿ, ווײַטער די צאָלרײַכע מעמאָראַנדומס פֿון די באַזונדערע קהילות צו דער פֿינאַנץ-מאַכט, וועלכע זײַנען פֿול מיט שילדערונגען וועגן די חרבונות איבער די מלחמות וכדומה.

די נויט פֿון פּוילישע ייִדן האָט אַפֿילו דערגרייכט צום פּריצישן פּוילישן סיים. אויף דער סיים-סעסיע פֿון יאָר 1775 איז דער פּויזנער דעפּוטאַט זאַקרזשעווסקי אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פּראָיעקט צו העכערן דאָס קאָפּגעלט, וואָס ייִדן האָבן געצאָלט, „וואָרעם די קהילות זײַנען אַזוי פֿאַרחובֿעט, אַז עס איז אוממעגלעך זיי צו באַשווערן מיט גרעסערע שטײַערן". אויך אויף דער סיים-זיצונג פֿון יאָר 1789 איז דער דעפּוטאַט מאָשינסקי אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פּראָיעקט צו העכערן דאָס קאָפּגעלט, „מחמת דער באַטײַטיקער פֿאַראָרעמונג פֿון די ייִדן". אויף דער זעלביקער סעסיע פֿון פֿיריאָריקן סיים האָט אַ יאָר שפּעטער דער באַקאַנטער פּינסקער דעפּוטאַט בוטרימאָוויטש געזאָגט: „דער סיים וועט באַפֿעלקן זײַנע באַראַטונגען מיט אומגערעכטיקייט, אויב ער וועט נעמען גרעסערע שטײַערן פֿון מענטשן, וואָס זײַנען סײַ ווי אונטערדריקט און האָבן נישט קיין פֿאָרשטייער אין דער דעפּוטאַטן-קאַמער".

אין אַ בראָשור פֿון יענע צײַטן („דער בירגער פֿון דער ליטווישער פּראָווינץ [ווענדט זיך] וועגן פֿאַרשיידענע ענינים צום פֿאָלק"), וואָס איז אַדרעסירט צום מאַרשאַלעק פֿון פֿיריאָריקן סיים מאַלאַכאָווסקין, לייענען מיר צווישן אַנדערן: „זאָלן די סיימשטאַנדן נישט מיינען, אַז מען קען אַרויפֿלייגן אויף דעם איצטיקן ייִדישן שטאַנד גרעסערע שטײַערן. דער וואָס זעט, אַז שוין הײַנט זײַנען די ייִדן נישט אין שטאַנד צו דעקן דאָס קאָפּגעלט און אַז עס וואַקסט כּסדר די צאָל ייִדישע אָרעמעלײַט — פֿאַר-

שטייט, אַז די געזעצגעבער מוזן טראַכטן און אונטערנעמען עפּעס, כּדי זיי צו מאַכן נוצלעך פֿאַרן לאַנד, וואָרעם פֿאַרטרײַבן ייִדן, ווי דאָס טוען אונדזערע שכנים (געמיינט פּרײַסן און עסטרײַך) נישט האָבנדיק וווהין (זיי צו טרײַבן), קענען מיר נישט".

פֿון אַלע שיכטן איז צום ערגסטן געווען די לאַגע פֿון די אַרענדאַרן און קרעטשמערס. די וואַקסנדיקע אָרעמקייט פֿון דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג האָט געווירקט דערויף, אַז די ייִדישע אַרענדאַרן זײַנען נישט תּמיד געווען אין שטאַנד צו באַצאָלן זייערע פּריצים דעם אַרענדע-אָפּצאָל. דאָס וואָס די פּריצים האָבן נישט געקראָגן פּינקטלעך אײַנגעצאָלט דאָס אַרענדע-געלט, און מחמת דעם האָבן זיך פֿאַרקלענערט זייערע הכנסות, צוזאַמען מיט אַנדערע סיבות, אויף וועלכע מיר ווילן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן, האָבן געבראַכט דערצו, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרײַבן די אַרענדאַרן און קרעטשמערס פֿון די דערפֿער. אויך די דעמאָלטיקע פּאָליטישע ליטעראַטור האָט געפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע דערפֿאַר, מען זאָל ייִדן פֿון די דערפֿער אַרויסטרײַבן, און באַגרינדט עס דערמיט, אַז דאָס וועט פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ פֿון דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג.

אין דער זעלביקער צײַט האָט אויך דער פּוילישער סיים באַטראַכט אַ פֿאָרשלאָג צו דערווײַטערן די ייִדן פֿון די דערפֿער. דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, ווײַל ער האָט געקאָנט שעדיקן אין דער ערשטער ריי די אינטערעסן פֿון די פּריצים גופֿא. דערמיט איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ שווערע קאַטאַסטראָפֿע פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן איינציקע וואָיעוואָדשאַפֿטן, בפֿרט פֿון גרויספּוילן, צו פֿאַרטרײַבן די ייִדן פֿון די דערפֿער. אַזעלכע באַשלוסן האָבן אָנגענומען די געהעריקע סיימיקעס *, וואָס האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם סיים אין יאָר 1775, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג וועגן ייִדן-גירוש פֿון די דערפֿער. די גירושים פֿון די דערפֿער האָבן פֿאַרערגערט די לאַגע פֿון די ייִדן, ווײַל עס איז מחמת דעם ענגער געוואָרן אין די סײַ ווי שוין איבערגעפּילטע שטעטלעך.

אויך די גירושים פֿון טויזנטער אַ"ג „בעטל ייִדן" פֿון עסטרײַך און פּרײַסן, וואָס זײַנען געקומען ווי דער פּועל-יוצא פֿון די ראַדיקאַלע רעפֿאָרמען פֿון די קיסרים יאָזעף דעם 2טן און פֿרידעריך דעם 2טן, האָבן געווירקט אויף דער לאַגע פֿון די פּוילישע ייִדן. די צאָל פֿון די דאָזיקע צוואַנגס-עמיגראַנטן קיין פּוילן איז נישט באַוווּסט. די ציפֿער פֿון „40.000" ערבֿ-רבֿ פֿון יענער זײַט גרענעץ" (Zakordonowa hołota), וועלכע עס גיט אָן אַן אַנאָנימער שרײַבער, איז – ווײַזט אויס — נישט געווען ווײַט פֿון דעם אמת.

* סיימיקעס — דאָס זײַנען געווען פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער שליאַכטע פֿון אַ געוויסן קרייז, אויף וועלכע עס פֿלעגן אויסגעקליבן ווערן דעפּוטאַטן צום סיים, באַטראַכט ווערן פֿאָרשלאָגן צו דער נאָענטסטער סיים-סעסיע וכדומה.

לויט די אויסרעכענונגען פֿון דער קרוין־פֿינאַנץ־קאָמיסיע זײַנען דעמאָלט געווען אין פּוילן 72.000 יידישע „לײדיקגייערס" (próżniacy) און 9.000 בעטלערס, צוזאַמען 81.000 דעקלאַסירטע, ד"ה אַן ערך 9% פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. די דאָזיקע ציפֿערן דאַרפֿן באַטראַכט ווערן פֿאַר לפּי־ערכדיקע.

דער שטאַרקער וווּקס פֿון פּויפּעריזירטע און דעקלאַסירטע עלעמענטן האָט גורם געווען דעם וווּקס פֿון פֿאַרברעכערישקייט צווישן די פּוילישע יידן.

די ווירטשאַפֿטלעכע ירידה פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און די פֿאַרשאַרפֿטע סאָציאַלע סתּירות צווישן די יידן גופֿא האָבן קאָמפּליצירט די יידן־פֿראַגע אין פּוילן. די מלוכה און די געזעלשאַפֿט האָבן זיך געמוזט פֿאַראינטערעסירן מיט די אופֿנים, ווי אַזוי צו פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע פּראָבלעם. די באַציִונג פֿון די באַזונדערע שיכטן פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט צו דער דאָזיקער פֿראַגע איז געווען אָפּהענגיק פֿון די אינטערעסן פֿון די באַזונדערע גרופּעס. די פּויערים קומען דאָ נישט אין באַטראַכט מחמת זייער עפֿנטלעך־רעכטלעכער לאַגע, וואָס האָט זיך נישט שטאַרק אונטערגעשיידט פֿון דעם מצבֿ פֿון שקלאַפֿן. שטאָטישע אײַנוווינער, „מיעשטשאַנעס", וואָס האָבן צוזאַמען מיטן יידישן בירגערטום געליטן פֿון דער פּריצישער הערשאַפֿט אין לאַנד, האָבן געוואָלט פֿאַרענטפֿערן די יידישע פֿראַגע דורך פֿאַרשטאַרקן די באַגרענעצונגען פֿאַר יידן. די איינציקע שולדיקע אין זייער טרויעריקן מצבֿ, האָבן די פּוילישע שטאָט לײַט געזען אין יידישע־קאָנקורענטן. בײַ די שרײַבער פֿון דעם דאָזיקן לאַגער באַווײַזן זיך פּראָיעקטן צו באַזעצן יידן אויף ערד, כּדי אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פֿון די יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות אין די שטעט.

די פּוילישע פּריצים האָבן — אַחוץ קליינע אויסנאַמען — באַטראַכט די יידן בלויז ווי אַ מקור פֿון הכנסות. די דאָזיקע כּוונות פֿון דער פּוילישער שליאַכטע זײַנען זייער בולט געקומען צום אויסדרוק אויף דער סיים־סעסיע פֿון יאָר 1775, אויף וועלכער עס האָט זיך געפֿירט אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן דער לאַגע פֿון יידן אין פּוילן.

אויב מצד פּריצים ווערן אַרויסגערוקט פּראָיעקטן צו אינדוסטריאַליזירן אָדער אַגראַריזירן יידן, זײַנען זיי דערמיט אויסן נישט אַזוי די טובֿה פֿון די יידן, נאָר גיכער זייערע אייגענע פֿיסקאַלע אינטערעסן. יידן האָבן געצאָלט באַטײַטיקע שטײַער־סכומען צו די מלוכה־אָרגאַנען, וואָס זײַנען דאָך באַשטאַנען פֿון לויטער פּריצים. יידן האָבן געוווינט נישט בלויז אין א"ג מלוכהשע, קיניגלעכע שטעט, נאָר אויך אין פּריוואַטע שטעט און אַרײַנגעטראָגן פֿאַרשיידענע געלט־סכומים אַלס אָפּצאָלן פֿאַר די דאָזיקע פּריצים. יידישע קהילות זײַנען ווײַטער שולדיק געווען מיליאָנען גילדן די פּריצים אָדער גלחים. די פֿאַראָרעמונג פֿון די יידן האָט זיך ממילא אָפּגערופֿן אויף

די פינאַנצן פון די פּריצים, פאַרקערט אַ פאַרבעסערונג פון דעם עקאָנאָ־מישן מעמד פון די ייִדן וואָלט אויפגעריכט אויך די פינאַנצן פון די פריצים. דאָ דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו פאַרשטיין די פאַראינטערעסירונג פון דער פוילישער שליאַכטע מיט דער ייִדן־פּראַגע. בלויז איינצלנע שרייַבער פון פּריצישן לאַגער האָבן די ייִדן־פּראַגע באַטראַכט נישט בלויז פון פיסקאַלן שטאַנדפונקט. נאָר האָבן אויך אָפּגעשאַצט זייער ראָלע אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד.

די פּראָיעקטן וועגן דער ייִדן־פּראַגע, וואָס באַווייַזן זיך דעמאָלט אין אַ גרויסער צאָל אין פוילן הן אַלס באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען, הן אַלס טיילן פון אַלגעמיינע פּראָיעקטן צו פאַרבעסערן דעם מצב פון לאַנד, זענען די איינציקע פאַרענטפערונג פון דעם ייִדן־פּראָבלעם אין דער אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון די פוילישע ייִדן. אַפילו די אַנטיסעמיטישע פּאַמ־פלעט־שרייַבער זייַנען איינשטימיק מיט די פּראָיעקטן צו פאַרענטפערן די ייִדן־פּראַגע דורך אַריבערפירן די ייִדן צו לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע.

די פּראָיעקטן צו אינדוסטראַליזירן די ייִדן האָבן אונטערגעהאַלטן ווייַטערדיקע מאָמענטן: 1) דער דוחק אין אַרבעט־כּוחות אין דער דע־מאָלט אויפקומענדיקער פוילישער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, 2) די געזעצגע־בונג אַקעגן בעטלערס און שלעפּערס, וועלכע מען פלעגט איבער געוואַלד צווינגען צו דער אַרבעט אין פאַבריקן, און 3) די פּראָפּאַגאַנדע פון פּראָ־דוקטיוויזאַציע, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן די פוילישע ייִדן.

די אויפקומענדיקע פוילישע גרויס־אינדוסטריע, וואָס איז געלעגן דאָס רובֿ אין די הענט פון גרויסע פריצים, האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין אַרבעט־כּוחות, בפרט אָנפירער־שע, וועלכע מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד. די שווערקייטן בייַם אויסלערנען די פאַנטשטשיזנע־פּויערים די אַרבעט אין די פאַבריקן האָבן געצוווּנגען די אייגנטימער פון די פאַבריקן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט ייִדן ווי אַן עווענטועלער אַרבעטקראַפט אין די פאַבריקן. די ייִדישע אַרבעטער ווי אַן עלעמענט אָן טראַדיציעס פון קלאַסנקאַמף האָבן בייַם סוף פון 18 טן און אין דער ערשטער העלפט 19 טן י״ה „געמעסיקט די איבערגעטריבענע פאָדערונגען פון די פאַרעקשנטע, אויסגע־לאַסענע אויסלענדישע געזעלן״ (אַזוי שרייַבט וועגן די ייִדישע אַרבעטער אַ פוילישער פּריץ, דער גרינדער פון דער פאַבריקשטאָט טאָמאַשאָוו־מאַ־זאָוויעצק, אַנטאָני אָסטראָווסקי אין דעם בוך „געדאַנקען וועגן דער געזעל־שאַפטלעכער רעפאָרם״ (Pomysły o reformie towarzyskiej) ד״ה אַראָפּגע־דריקט די שכר פון די אויסלענדישע אַרבעטער, וועלכע זייַנען געווען באַשעפטיקט אין פוילן.

ווי עס איז פריִער געזאָגט געוואָרן, האָט זיך צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פוילן געפונען אַ גרויסע צאָל בעטלערס און שלעפּערס. די געזעצגעבונג אַקעגן די דאָזיקע עלעמענטן איז געווען באַזונדערס אינטענ־

סיוו אין יענע צײַטן און איז — פֿאַרשטייט זיך — חל געווען אויך אויף ייִדישע בעטלערס און שלעפּערס, וועלכע מען פֿלעגט פּונקט ווי די קריסטלעכע צווינגען צו דער אַרבעט אין די גרויס־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אַ געוויסע באַטײַט האָט אויך מסתמא געהאַט די פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס ווערט דעמאָלט געפֿירט אויך דורך ייִדישע מחברים פֿון משׂכּילישן חדר. הגם זייערע אָפּהאַנדלונגען זײַנען דעמאָלט אַרויס אין פֿרעמדע שפּראַכן: פּויליש, פֿראַנצויזיש און דײַטש, איז אָבער דער אָפּקלאַנג פֿון די דאָזיקע פּראָיעקטן זיכער דערגאַנגען צו די מאַסן.

די רעזולטאַטן פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אינדוסטריאַליזאַציע זײַנען נישט געווען קיין איבעריקס גרויסע. סך־הכּל לאָזט זיך פֿעסטשטעלן די צאָל פֿון עטלעכע הונדערט ייִדישע אַרבעטער אין די גרויס־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען דער עיקר פֿון פּריצים, פֿון ייִדישע אונטערנעמער אָדער פֿון דער מלוכה (קאָרעץ, נעמיראָוו, לאָסאָסנע בײַ גראָדנע א״אַ).

די סיבה איז נישט שווער צו דערגיין — ווען מען גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגן די אַרבעט־באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די ערשטע פּוילישע פֿאַבריקן, ווו דער אַרבעטער איז באַטראַכט און באַהאַנדלט געיאָרן אין פּרט פֿון באַציִונג, פֿון שׂכירות אַזוי פּונקט ווי דער פּאַנשטשיזנע־פּויער. דער נידעריקער קולטור־מצבֿ פֿון די פּוילישע ייִדן, זייער שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקייט, צו אומאָפּהענגיקייט, דאָס אויספֿעלן פֿון געהעריקער אויפֿקלערונג אַזוי האָבן גורם געווען, אַז די רעזולטאַטן פֿון די אינדוסטריאַליזאַציע־פּרוּוון צווישן ייִדן זײַנען געווען נישטיקע אין דעמאָלטיקן פּוילן.

דער צווייטער אופֿן פֿון פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָט געזאָלט זײַן א ג ר אַ ר י ז א צ י ע. דער ערשטער פּראָיעקט פֿון באַזעצן ייִדן אויף ערד שטאַמט פֿון 17טן י״ה, פֿון דעם באַקאַנטן אַנטיסעמיטישן שרײַבער, מעדיצין־דאָקטער שלעשקאָווסקי. די ווײַטערדיקע פּראָיעקטן זײַנען אויפֿגעקומען אין 18טן י״ה. אויפֿן יסוד פֿון פֿאַרשיידענע מקורים־מאַטעריאַלן קענען מיר פֿעסטשטעלן אַזעלכע מאָטיוון פֿאַר באַזעצן ייִדן אויף ערד: 1) די ירידה פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אין פּוילן, דער דוחק אין אַרבעט־כּוחות און די אומזיסטע באַמיִונגען אַראָפּצוברענגען קאָלאָניסטן פֿון אויסלאַנד; 2) די שטרעבונג צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די ייִדן, כּדי — ווי דאָס האָט אויפֿריכטיק מודה געווען אַ געוויסער דעפּוטאַט בעת דער סיים־דיסקוסיע פֿון יאָר 1775 — צו פֿאַרזיכערן „דעם פֿאַרמעגן פֿון די פּריצים“ (substancja szlachecka) — ד״ה, די חובֿות פֿון פּריצים און גײַסטלעכע בײַ ייִדן; 3) די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די פֿיזיאָקראַטישע אידעעס, אַז דער רײַכטום פֿון לאַנד איז אָפּהענגיק פֿון דעם מצבֿ פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. עס האָט דעריבער געהערשט די שטרעבונג צו פֿאַרגרעסערן דעם שטח פֿון דער באַאַרבעטער ערד. די ייִדישע קאָלאָ־

ניסטן האָבן דאָס געזאָלט זײַן דער עלעמענט, װאָס האָט געדאַרפֿט פֿאַר־
גרעסערן דעם שטח פֿון דער באַאַרבעטער ערד אין פּוילן; 4) די שטרע־
בונג פֿון די פּוילישע שטאָטלײַט פּטור צו װערן פֿון זײערע ייִדישע קאָנ־
קורענטן דורך אַריבערפֿירן זײ פֿון די שטעט אין די דערפֿער.

די מערהײט פֿון די פּראָיעקט־מאַכערס האָבן פֿאָרגעלײגט צו קאָלאָ־
ניזירן די ייִד, אין די דרום־מזרחדיקע פּראָװינצן פֿון פּוילן װי פּאָדאָליע
און אוקראַינע.

די ליבעראַלע קרײַזן פֿון די פּוילישע פּריצים, װאָס האָבן זיך קאָנ־
צענטרירט אַרום דעם זשורנאַל „פּאַמיענטניק היסטאָריטשנאָ־פּאָליטיטשני"
(„דאָס היסטאָריש־פּאָליטישע זכרונות־בלאַט"), האָבן אויך געהאַלטן פֿון אַ
קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע פֿון ייִדן און געזען אין דער קאָלאָניזאַציע
דעם איינציקן װעג, װאָס האָט געפֿירט צו דער עמאַנציפּאַציע פֿון דער
ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אין יענע צײַטן האָט זיך אַ קלײנע צאָל ייִדן באַשעפֿטיקט מיט
לאַנדװירטשאַפֿט. בײַ אַ גענוג גרויסן טײל פֿון די אַרענדאַרן און קרעטש־
מערס איז לאַנדװירטשאַפֿט געװען בײַ־פּרנסה. אַ געהעריקע קאָלאָניזאַציע־פּאָ־
ליטיק װאָלט אָן אַ ספֿק געקענט אויסנוצן דעם דאָזיקן פֿאַקט און פֿאַר־
שפּרײטן די לאַנדװירטשאַפֿט צװישן די פּוילישע ייִדן. אויך דאָס סײם־געזעץ
פֿון יאָר 1775, װאָס האָט באַפֿרײַט פֿון קאָפּגעלט די ייִדן, װאָס זײער הויפּט־
באַשעפֿטיקונג איז געװען לאַנדװירטשאַפֿט, האָט געקענט שטאַרק מיטװירקן
צו דער פֿאַרשפּרײטונג פֿון דער לאַנדװירטשאַפֿט צװישן די פּוילישע ייִדן.

די פּרוּװן פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע־פּרוּװן זענען אָבער אויך גע־
װען נישטיקע. טשאַצקי גיט אָן לויט אָפֿיציעלע מקורים, אַז די צאָל ייִדישע
משפּחות, באַשעפֿטיקטע אין דער לאַנדװירטשאַפֿט אין רײַסן און פּאָדאָליע
און דערפֿאַר באַפֿרײַטע פֿון קאָפּגעלט, האָט בסך־הכּל אויסגעמאַכט 14. חוץ
דעם איז לעבן דעם שטעטל זװיאַהעל (Zwiahel) לויטן באַפֿעל פֿון דעם
גוטבאַזיצער געגרינדעט געװאָרן אַ ייִדישע לאַנדװירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע.
די אַלגעמײנע צאָל ייִדן־קאָלאָניסטן איז אָבער צום סוף פֿון 18טן י"ה גע־
װען אַ נישטיקע.

עס שטעלט זיך די פֿראַגע, פֿאַר װאָס האָבן די ייִדן נישט אויסגענוצט
די מעגלעכקײט צו פֿאַרפֿעסטיקן זײער װירטשאַפֿטלעכן קיום דורך באַזעצן
זיך אויף דער ערד אין פּוילן? צום גליק בלאָנדזשען מיר נישט בנוגע
דער פֿראַגע אין דער פֿינצטער. אַן ענטפֿער דערויף גיט אונדז דער כעלעמער
רבֿ הערשל יוזעפֿאָװיטש אין דער בראָשור „דער אופֿן, װי אַזוי צו מאַכן
ייִדן נוצלעכע בירגער פֿון לאַנד" (Sposób uformowania Żydów pol-
skich w pożytecznych krajowi obywateli): „לאָמיר װענדן אונדזערע
אויגן — רופֿט אויס, דער קלוגער רבֿ פֿון כעלעם — אויף אונדזער פֿויער;
דער װאָס דערנערט אונדז און באַקלײדט אונדז — איז ער דען נישט אַ בילד

פֿון עלנט און אָרעמקייט ? די (לאַנדווירטשאַפֿטלעכע) אַרבעט, וועלכע מיר באַצייכענען ווי אַן אידעלע, איז דאָך באַדעקט מיט דער שאַנד פֿון אייביקער קנעכטשאַפֿט. דער ייִד, וואָס וואָלט זיך באַזעצט אויפֿן לאַנד, וואָלט אַזוי פֿיל געוווּנען, אַז ער וואָלט געביטן דעם מין פֿון עלנט. ער איז ביז איצט געווען אַ ליידיק־גייער און אַן אָרעמאַן — ער איז אָבער נישט געווען קיין לייַבקנעכט (פֿון פּריץ)".

דאָס סיים־געזעץ פֿון יאָר 1775 און אַלע רעפֿאָרם־פּראָיעקטן רעדן אַפֿילו וועגן באַזעצן ייִדן אויף צינש און שטרייַכן בפֿירוש אונטער, אַז די ייִדישע קאָלאָניסטן וועלן זייַן פֿרייַ פֿון די פֿעאָדאַלע דינסטן — די פּוילישע ייִדן האָבן זיך צו גוט אָריענטירט אין דעם פֿאַקטישן צושטאַנד פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות פֿון פּוילן, אַז זיי זאָלן נישט פֿאַרשטיין, אַז בייַ די עקסיסטירנדיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן וועלן די פּוילישע פּריצים פֿריִער אָדער שפּעטער פֿאַרוואַנדלען די פֿרייַע ייִדישע קאָלאָניסטן אין פֿאַרשקלאַפֿטע פּאַנשטשיזנע־פּויערים.

מיר קענען דעריבער באַהויפּטן, אַז נישט איבערן אויספֿעל פֿון אויפֿקלערונג אָדער איבער אייַנגעוויינטקייט צום שטאָטישן לעבן אָדער אַנדערע אַזעלכע אינעווייניקסטע סיבות האָבן זיך ייִדן נישט באַזעצט אויף ערד. באַשטימט די זאַך האָט עפּעס אַנדערש; די פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען פֿון דעם פֿעאָדאַלן פּוילן האָבן אוממעגלעך געמאַכט די קאָלאָניזאַציע פֿון ייִדן אויף ערד.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער ווירטשאַפֿטלעכער לאַגע פֿון די פּוילישע ייִדן און מיט די פּרוּוון צו פֿאַרענטפֿערן די ייִדישע פֿראַגע, וועלן מיר איבערגיין צו דעם געזעלשאַפֿטלעכן מעמד פֿון די ייִדן אין פּוילן. די סאַקסישע תּקופֿה, וואָס גייט פֿאָרויס פֿאַר דער צייַט פֿון קיניג פּאָניאַטאָווסקי איז מיט שוואַרצע אותיות פֿאַרשריבן אין דער געשיכטע פֿון די פּוילישע ייִדן. פּראָצעסן וועגן עלילת־דם, וואָס האָבן פֿאַרשלונגען הונדערטער ייִדישע קרבנות, די ווילדסטע באַשולדיקונגען אַקעגן ייִדן, די אומבאַשיצטקייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף דעם בייזווילן פֿון די פּריצים — מחמת דעם אַלעם און ענלעכע גורמים באַטראַכטן מיר די סאַקסישע תּקופֿה פֿאַר די טרויעריקסטע צייַטן אין דער ייִדישער געשיכטע פֿון פּוילן. איבעריקנס אויך אין דער פּוילישער געשיכטע ווערט די דאָזיקע תּקופֿה פֿאַררעכנט צו דער סאַמע פֿינצטערסטער אין פּאָליטישן, גייַסטיקן און ווירטשאַפֿטלעכן זינען.

נאָך דער סאַקסישער תּקופֿה פֿון פֿינצטערניש קומט די צייַט פֿון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט וויכטיקע רעפֿאָרמען אויף אַלע געביטן פֿון פּוילן.

זי האָט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענדערונגען עפּעס געביטן אין דער געזעלשאַפֿטלעכער לאַגע פֿון די פּוילישע ייִדן אין דער צייַט פֿון

קיניג פּאַניאַטאָווסקי? עס איז שווער צו געבן דערויף אַ קאַטעגאָרישע תּשובֿה. די מאַטעריאַלן, וועלכע עס האָט זיך מיר איַינגעגעבן צונויפצוזאַמלען פון פאַרשיידענע דעמאָלטיקע מקורים, באַשטעטיקן, אַז די בילדונג, וואָס איז אַריַינגעדרונגען צו די פּריצישע און שטאָטישע שיכטן, האָט נישט קיין סך געביטן די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג. בלויז בנוגע איין פראַגע לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ געוויסע פאַרבעסערונג, דהיַינו בנוגע בלוט-בלבולים. הגם די פּראָצעסן וועגן בלוט-בלבולים [4] קומען אויך איצט פאָר, אָבער זיי ענדיקן זיך געוויינטלעך מיט אַ באַפרײַונגס-אורטייל, בעת וואָען אין דער פריערדיקער סאַקסישער תּקופֿה פלעגט זייער סוף זיַין געוויינלעך אַ טראַגישער.

קיין ענדערונג קומט אָבער נ״שט פאָר בנוגע דעם פּריצישן ווילדקײלן. אַקטן פון ווילדווילן מצד פּריצים לגבי זיייערע אַרענדאַרן און קרעטשמערס הערן אויך וויַיטער נישט אויף [5]

די פערזענלעכע זיכערקייט פון יידן האָט זיך אויך נישט פאַרבעסערט בימי פּאָניאַטאָווסקי. אַ כאַראַקטעריסטיש בילדל פון יענע צײַטן ברענגט דער אָרגאַן פון דער פאַטריאָטישער געזעלשאַפט: דאָס היסטאָרישפּאָליטישע און עקאָנאָמישע זכרונות-בלאַט [6] „וואָז פאַר אַ מאָראַדיק בילד אַנטפּלעקט זיך — שרײַבט דאָס „בלאַט" — בעת די חגאות פאַר די אויגן פון אַ מענטש מיט אַ הארץ. שולייגלעך און אַפילו דערוואַקסענע נעמען זיך צונויף אין מחנות, יאָגן זיך נאָך די יידן מיט אַ גרויס געפילדער און שלאָגן זיי מיט שטעקנעס. פאַר אונדזערע אויגן האָבן איבער אַ צענדלינג באַפאַלן איינעם, אַ דורכפאָרנדיקן יידן, פאַרהאַלטן זײַנע פערד און אים אַזוי צעשלאָגן מיט שטעקנעס, אַז ער איז אַ־אָפּגעפאַלן פון וואָגן". אויב אַזעלכע זאַכן האָבן געקאָנט פאַסירן אין דער הויפּט שטאָט פאַר די אויגן פון דער צענטראַלער מאַכט — הײַנט ווי האָט שוין געמוזט אויסזען די זיכערקייט פון יידן אויף דער פּראָווינץ!

אַ ליכטיקער שטראַל אין דער דעמאָלטיקער פינצטערניש איז די פּראָגרעסיווע פּובליציסטיק, וואָס גיט אָפּ אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער יידישער פראַגע. עס דערשײַנען דעמאָלט פאַרשיידענע פּראָיעקטן פון דער „פּאַטריאָטישער פּאַרטיי", וואָס פּראָפּאַגאַנדירן פאַר דער אַסימילאַציע פון יידן אויפן קולטורעלן געביט, פאַר אָרגאַניזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, ווײַטער פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער יידישער אַליינפאַרוואַלטונג [7] וכדומה.

מען קען נישט זאָגן, אַז די פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע פּוילישע פּריצים זײַנען תּמיד געווען קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן אין זייער פּראָגראַם בנוגע יידן. דאָס זעלבע „זכרונות-בלאַט", וואָס איז אַזוי אויפגעבראַכט געווען אויף די אָנפאַלן אויף יידן אין דער הויפּטשטאָט, פאַרלאַנגט אין אַן אַנדער נומער [8] מען זאָל יידן פאַרטרײַבן פון דער הויפּטשטאָט, ווײַל

„די וואַקסנדיקע צאָל יידן פאַרמיאוסט די גאַנץ שענערע וואַרשע. די שענסטע גאַסן באַדעקן כמאַרעס פון די אומגליקלעכע ליידיקגייערס‟, „עס וועט גאָרנישט העלפן – קלאָגט זיך ווייטער די צייטונג – וואָס מען האָט אָנ־געהויבן צו דערוויטערן די בית־עלמנס פון די שטעט, די דאָזיקע ליידיק־גייערס, וואָס פוילן לעבעדיקערהייט אין שמוץ, פאַרפּעסטן די לופט‟. דער ליבעראַלער רעדאַקטאָר איז אויפגעבראַכט, וואָס „דאָס דאָזיקע שלימזל מערט זיך כסדר און פאַרשפּרייט זיך אין אונדזערע שטעט. די הויפּטשטאָט גופא איז נישט פריי פון די דאָזיקע היישעריקן‟.

די אויפגעבראַכטקייט פון דעם „זכרונות־בלאַט‟, וואָס האָט רעפּרע־זענטירט דעם פּראָגרעסיוון טייל פון די פּוילישע פּריצים, וועט פאַר אונדז ווערן פאַרשטענדלעך, ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז די „פּאַטריאָטישע פּאַרטיי‟ האָט אויפגעשריבן אויף איר פאַן דעם לאָזונג פון פאַרבעסערן דעם מצב פון די קריסטלעכע שטאָטלייט און דאָס האָט באַטייט דאָס זעלביקע ווי איינפירן נייע באַגרענעצונגען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. די שפּראַך פון דעם ליבעראַל־פּריצישן „זכרונות־בלאַט‟ איז אונדז גוט באַקאַנט פון די פאַרשיידענע שריפטן און מעמאָראַנדומס פון די קריסטלעכע שטאָט־לייט. ליבעראַלע פּריצים האָבן פשוט איבערגענומען פון די שטאָט לייט זייער לשון...

דער סאַמע בולטסטער באַווייז, ווי נישט אויסגעהאַלטן עס איז געווען די שטעלונג פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי קען מען זען פון די מיינונ־גען וועגן דער יידן־פראַגע, וועלכע עס זאָגט אַרויס איינער פון די פירער פון דער דערמאָנטער פּאַרטיי, סטאַניסלאַוו סטאַשיץ. די באַצייכענונג פון יידן מיט „היישעריקן‟ און „אייביקע שעדיקער‟ איז גענוג אויף צו כאַראַקטערי־זירן סטאַשיצעס קוק אויף דער יידן־פראַגע.

אַ צווייטער בולטער באַווייז איז די האַנדלונג פון דעם פּוילישן „אַריסטידעס‟, דעם מאַרשאַל פון פירייאָריקן סיים, און איינעם פון די פירער פון דער „פּאַטריאָטישער פּאַרטיי‟ סטאַניסלאַוו מאַלאַכאָוסקי, וועל־כער האָט פאַרווערט יידן זיך וווינען אין זיין דאָרף באַלאַטשעוו, וואָס איז געוואָרן אַ שטאָט. פאַר אַ מאָטיוו גיט ער אָן, ווייל „די יידן ברענ־גען אונטער די שטאָטלייט‟. [9]

די רעגירונגס־ספערן, וואָס זיינען באַשטאַנען דאָס רוב פון אָנהענגער פון דער „פּאַטריאָטישער פּאַרטיי‟, האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו די קריסטלעכע שטאָטלייט. „די שטאָטלייט – שרייבט דער שוין פריער דערמאָנטער פאַרשער פון 18 טן י״ה סמאָלענסקי [10] – האָבן געהאַט די וואַרעמסטע אונטערשטיצונג מצד דזיר מאַכט. די פּאָליציי־קאָ־מיסיע (אינערן־מיניסטעריום) האָט זיך געפליסט מער ווי מען באַדאַרף אָנטקעגנצוקומען די שטעט‟.

בדרך־כלל, שרייבט סמאָלענסקי, „האָט די קאָנסטיטוציאָנעלע (פּאַט־ריאָטישע) פּאַרטיי באַטראַכט די שטאָטלייט פאַר אירע פאַרבינדעטע ביים

דערהאלטן די נייע קאנסטיטוציע (דאס איז געווען די בארימטע „קאנסטיטוציע פון 3 טן מיי“, וואס איז באשלאסן געווארן בעת דעם פיריאריקן סיים) און אפהיטן די אומאפהענגיקייט פון דער מלוכה“.

אין דער „פאטריאטישער פארטיי“ זיינען געווען טעטיק צוויי פליגלען: דער מערהייטס-פליגל, וואס האט געהאלטן מיט די שטאטלייט, און ממילא געטראגן אן אנטי-יידישן כאראקטער, און דער נים-באדייטנדיקער פליגל פון אזעלכע פערזענלעכקייטן ווי טשאצקי, בוטרימאוויטש, יעזיערסקי א"אנד וועלכע מען פלעגט באצייכענען אלס „פראטעקטארן פון יידן“.

געזיגט האט דער אנטי-יידישער פליגל. דער פיריאריקער סיים האט אונטער דעם כסדרדיקן דרוק פון די יידישע „באשיצער“ אויסגעוויילט א קאמיסיע צו באטראכטן די יידישע פראגע. די קאמיסיע האט אבער איר ארבעט נית פארענדיקט און דער פיריאריקער סיים האט נית אנגענומען קיין שום געזעץ, וואס זאל פארלייכטערן די לאגע פון די יידן.

די אלגעמיינע געזעצן אבער, וואס דער פיריאריקער סיים האט אנגענומען, האבן נית בלויז נית פארבעסערט דעם מצב פון די יידן, נאר האבן נאך אריינגעבראכט געוויסע פארערגערונגען. דאס געזעץ וועגן די שטעט, באשלאסן דורך דעם פיריאריקן סיים, האט אומגעקערט די א"ג „קיניגלעכע שטעט.* די זע בסטפארוואלטונג, וואס איז זיי צוגענומען געווארן אין די פריערדיקע יארהונדערטער. די דאזיקע שטעט זיינען באפרייט געווארן פון דער ביזאיצטיקער יוריסדיקציע. די גאנצע באפעלקערונג פון די קיניגלעכע שטעט איז פון איצט אן ארונטערגעפאלן אונטער דער שטאטישער מאכט בעת פריער זיינען די פריצים און אויך אנדערע גרופעס ווי למשל יידן, נישט געווען אונטערגעווארפן דער שטאטישער מאכט און יוריסדיקציע.

דאס געזעץ וועגן די שטעט האט אויך איינגעפירט די גלייכקייט פון אלע שטאט-איינוווינער. אלע האבן פון איצט אן גענאלט גענים פון דעם א"ג שטאטרעכט. דאס דאזיקע רעכט איז געווען חל אויף אלע פרייע פערזאנען, וואס האבן געוווינט אין שטאט און באשעפטיקט זיך מיט האנדל אדער מלאכה, אבער בתנאי אז זיי זיינען פון דער קריסטלעכער אמונה.

פון דעם טעקסט פון דעם געזעץ 11 וועגן די שטעט, וואס איז איינגעשלאסן געווארן אין דער קאנסטיטוציע פון 3 טן מיי, זעען מיר בכן, אז 1) יידן האבן נישט געקענט געניסן פון שטאטישע רעכט, ווייל דערצו זיינען געווען בארעכטיקט בלויז קריסטן, 2) דער פונקט 8 פון דעם געזעץ

* די קיניגלעכע שטעט, דאס זיינען געווען שטעט, וואס האבן נישט געהערט צו פריוואטע אייגנטימער. פריוואטע האבן געהערט צו פריצים, וועלכע האבן לויט זייער ווילן איינגעשטעלט די אָרדענונג אין דער שטאט, די רעכט פון די יידן, פון די קריסטלעכע שטאטלייט וכדומה. די פריוואטע שטעט זיינען צום מיינסט פארשפרייט געווען אין מזרח-פוילן.

האָט אָפּהענגיק געמאַכט דאָס רעכט צו האַנדלען לאחדים פֿון דעם האָבן דאָס שטאָט רעכט. אַזוי ווי אָבער יידן האָבן נישט געקענט געניסן פֿון שטאָט-רעכט, איז אויסגעקומען, אַז מיט איין פֿעדערשטריך ווערט בײַ אַ גרויסן טייל ייִדן צוגענומען זייער ביזאיצטיקער פּרנסה-מקור. 3) ייִדן האָבן פֿון איצט אָן געזאָלט זײַן אונטערגעוואָרפֿן דער מאַכט פֿון זייערע דם-שׂונאים — די שטאָטלײַט, בעת ווען פֿריִער האָבן זיי געשיצט די קיניגלעכע באַאַמטע.

חוץ דעם האָט דאָס געזעץ אָפּגעשאַפֿן די יורידיקעס* און אונטערגעוואָרפֿן די באַפֿעלקערונג, וואָס האָט אין זיי געוווינט, דער מאַכט פֿון דער שטאָט. אַזוי אַרום זײַנען די ייִדן, וואָס האָבן זיך ביז איצט געשיצט אין די יורידיקעס, אונטער די פֿליגלען פֿון די פּריצים, אויך אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער ממשלה פֿון דער שטאָט.

די דאָזיקע געזעצן האָבן — ווי מיר האָבן אויבן געזען — שטאַרק געטראָפֿן די ידײַעע באַפֿעלקערונג אין פּוילן. ביז הײַנט האָבן מיר נאָר געהערט וועגן פֿײַערונגען פֿון די דעמאָלטיקע ייִדישע קהילות לכּבוד דער קאָנסטיטוציע פֿון 3 מײַ.[12] עס האָט זיך אַפֿילו געפֿונען איינער, אַ שתּדלן פֿון דער ליסער קהלה (גרויספּוילן) וואָס האָט באַוויזן, אַז די מקורים פֿון דער קאָנסטיטוציע פֿון 3 טן מײַ דאַרף מען זוכן בײַ אַריסטאָטעלעסן.

איצט ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז עס זענען פֿאַראַן אַנדערע מקורים, וואָס אַנטפּלעקן אונדז די צווייטע זײַט פֿון דעם מעדאַל. עס איז נעמלעך אויפֿגעהיט אַ בריוו פֿון דעם כעלמשינער מאַגיסטראַט, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם קאַמף פֿון די ייִדן קעגן דער קאָנסטיטוציע פֿון 3 טן מײַ, בעסער געזאָגט, אַקעגן געוויסע פּונקטן און פּאַראַגראַפֿן, וואָס האָבן געטראָפֿן די ייִדן. לויט דעם בריוו קומט אויס, אַז די אַקציע פֿון די ייִדן איז געגאַנגען אין אַט וואָסער ריכטונג: 1) מען זאָל די ייִדן באַפֿרײַען פֿון דער אָפּהענגיקייט פֿון די מאַגיסטראַטן און באַשטימען פֿאַר זיי אַ באַזונדערע מאַכט, 2) געבן די ייִדן די זעלבע בירגעררעכט ווי די קריסטלעכע שטאָטלײַט, 3) דערלויבן די ייִדן ווײַטער צו פֿירן דעם קליינהאַנדל ווי פֿריִער.

לויט אַנדערע מקורים [13] האָבן ייִדן אויסער די פֿאָדערונגען נאָך אַרויסגערוקט אָט וואָסערע: 1) איבערגעבן די יוריסדיקציע איבער די ייִדן צו די מיליטעריש-ציווילע אָרדענונגס-קאָמיסיעס אָדער צו פּריצישע געריכטן (Sądy ziemiańskie) ד״ה אַז די ייִדן זאָלן נישט געמשפּט ווערן דורך די שטאָטישע געריכטן, 2) נישט העכערן דעם צאָל אויף די שטאָטישע פּלעצער, 3) דערלויבן די ייִדן צו האַלטן ברויזן, 4) דערלויבן די ייִדן צו האַלטן,

---

* די יורידיקעס, דאָס זײַנען געווען טײלן פֿון שטעט, וועלכע האָבן געהערט צו פּריצים אָדער גלחים. די אײַנוווינער פֿון די יורידיקעס זײַנען נישט געשטאַנען אונטער דער מאַכט פֿון דער שטאָט, נאָר האָבן געהאַט אייגענע געריכטן, באַזונדערע געזעצן וכדומה. יורידיקעס זײַנען, בכן געווען כּמעט באַזונדערע שטעטלעך.

קריסטלעכע דינסטן און 5) – אחרון חבֿיבֿ – פֿאַרזיכערן די ייִדן דעם שוץ פֿון דער מלוכה.

די מאַכט איז אָבער נישט אַנטקעגנגעקומען די דאָזיקע פֿאַרלאַנגען פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די פּאָליצײַ-קאָמיסיע פֿון ביידע נעלקער [14] (ד"ה דאָס אינערן-מיניסטעריום פֿון דער קרוין און ליטע) האָט אָפּגעוואָרפֿן די פֿאָדערונגען פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און אונטערגעוואָרפֿן די ייִדן – אין דסכּם מיט דעם געזעץ וועגן די שטעט – אונטער דער שטאָטישער יוריסדיקציע, גלײַכצײַטיק זײַנען ווײַטער געבליבן אַזעלכע פֿאַרבאָטן ווי למשל פֿון האַלטן ברויזן א"אַ. די רעזולטאַטן פֿון דער קאָנסטיטוציע פֿון 3טן מײַ זײַנען בכן פֿאַר די ייִדן געווען זייער טרויעריקע. „די שטאָטלײַט – שרײַבט סמאָלענסקי – האָבן אין הסכּם מיטן געזעץ וועגן די שטעט געשטרעבט צו דערווײַטערן די ייִדן פֿון די שטעט און באַגרענעצן זייערע מעגלעכקייטן פֿון פּרנסה". [15]

פֿון דעם בריוו פֿון כּענטשינער מאַגיסטראַט קען מען זיך אויך משער זײַן, אַז דער קאַמף מצד דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ גענוג ענערגישער און אַז עס האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו באַוועגן אַ געוויסן טייל פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג [16] אין פּוילן.

דער דאָזיקער טראַגישער געראַנגל צווישן די אויפֿגעקומענע שטאָטלײַט און די איבער די שרעקלעכע באַגרענעצונגען פֿאַריאושטע ייִדן איז פֿאַרגעקומען הארט פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ, דאָס האָט זיך ממילא געמוזט אָפּרופֿן אויף דער אײַנשטעלונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צום אויפֿשטאַנד.

אויף דער דאָזיקער אײַנשטעלונג האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג דער קולטור-מצבֿ פֿון די פּוילישע ייִדן און דער גראַד פֿון זייער פּאָליטישן באַוווסטזײַן. אויב מיר רעדן וועגן קולטור, מיינען מיר נישט די ייִדישע, רעליגיעזע קולטור, וועלכע איז דעמאָלט געווען שטאַרק פֿערשפּרייט בײַ די פּוילישע ייִדן, נאָר די מערבֿ-אייראָפּעיִשע, וועלטלעכע קולטור. להיפּוך צו די מערבֿ-אייראָפּעיִשע, בפֿרט דײַטשע ייִדן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט דערגרייכט אַ גענוג הויכן קולטור-שטאַפּל, האָבן די פּוילישע ייִדן פֿאַרמאָגט זייער אַ דינע שיכט אויפֿגעקלערטע מענטשן, וואָס האָבן געשעפּט זייער וועלטלעכע בילדונג אין מערבֿ.

ווי שטאַרק עס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די היפּוכים אין דער קולטור-מדרגה פֿון די פּוילישע און די דײַטשע ייִדן קען מען צ"ב אַרויסלייענען פֿון דער דעמאָלטיקער פּרעסע. דעם קאָרעספּאָנדענט פֿון „דער נאַציאָנאַלער און פֿרעמדער צײַטונג" [17] („Gazeta narodowa i obca") וואָס איז געווינט געווען (אין פּוילן) „צו די איציקס און מאָשעקס, וואָס זיצן אין די קרעטשמעס און שיכּורן אָן דעם המון" וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער גרויסער אונטערשייד צווישן דער קולטור פֿון די פּוילישע ייִדן

און די דײַטשן, וואָס צווישן זיי זעט דער קאָרעספּאָנדענט „אַזוי פיל ניצלעכע און געבילדעטע מענטשן”. דעם דאָזיקן קאָרעספּאָנדענט אימפּאָנירן דעריבער די וויסנשאַפטלעכע זיצונגען, וועלכע עס האַלטן אָפּ אין בערלין מענדעלסאָנס אָנהענגער און די פײַערונגען לכּבֿוד זײַן יאָרצײַט.

די דינע שיכט „אויפגעקלערטע” ייִדן אין פּוילן האָט געשטאַמט דאָס רובֿ פון אויסלאַנד. ווי קליין עס איז געווען די דאָזיקע צאָל „אויפגעקלערטע” קען מען זען פון דעם מעמאָראַנדום פון אַ ייִדישן מוכר־ספרים, ניק פון קראָקע, מיטן נאָמען ישראל איציק [18], וואָס בײַ אים האָט מען קאָנפיסקירט אויפן גרענעץ אַ טראַנספּאָרט סחורה, דערפאַר, וואָס ער האָט מיט זיך געפירט אַ געוויסע צאָל נישט־געשטעמפּלטע * ספרים. דאָס איז געווען די באַרימטע ביבל־איבערזעצונג פון משה מענדעלסאָן מיטן „ביאור”. איצקאָוויטש בעט אין זײַן בקשה, מען זאָל אים אַרויסגעבן די דאָזיקע ספרים נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זײַנען נישט געשטעמפּלט, מחמת דער „ביאור – שרײַבט ער – איז אין פּוילן ווייניק פאַרשפּרייט” [19]. פון דעם דאָזיקן פאַל קענען מיר אויך דרינגען, ווי קליין עס איז געווען די צאָל אויפגעקלערטע פּוילישע ייִדן.

פּראָגרעס און בילדונג פלעגן דעמאָלט אַרײַנדרינגען אין לאַנד אַ דאַנק דעם הײַפל ייִדישע סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין די דײַטשע הויכשולן. דאָרט פלעגן זיי זיך באַקענען מיט די אידעען פון השכּלה, וועלכע עס האָט פאַרזייט מענדעלסאָן. אַזאַ משׂכּיל, וואָס האָט געענדיקט אַן אוניווערסיטעט אין דײַטשלאַנד און געווירקט שפּעטער אין פּוילן, איז געווען דער מעדיצין־דאָקטער עליאַש אַקאָרד, [20] מענדעלזאָנס אַ תּלמיד, ער האָט געשטאַמט פון מאָהילעוו. אין די 80 ער ייאָרן פּראַקטיצירט ער אַלס דאָקטאָר אין וואַרשע. דאָרט זעצט ער איבער אויף דײַטש די אַנאָנימע בראָשור „די ייִדן אָדער די נויטווענדיקייט צו רעפאָרמירן די ייִדן אין דער פּוילישער רעפּובליק – דורך אַן אומבאַקאַנטן בירגער”. אין דער דײַטשער איבערזעצונג איז דער טיטל פון דעם בוך געווען: Die Juden oder die nothwendige Reformation (1786).

דער מחבר האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן איבערזעצן די בראָשור אין דײַטש נאָר ער האָט אויך מוסיף געווען אַ גאַנצע ריי פּאָלעמישע באַמערקונגען וועגן די ייִדישע קרעטשמעס, וועגן דער וועלטלעכער בילדונג בײַ ייִדן וכדומה.

אַ צווייטער באַקאַנטער און אַקטיווער משׂכּיל איז געווען דער מעדי־

* כויטן געזעץ פון יאר 1775 האט מען געדארפט די יידישע ספרים אפשטעמפּלען און באצאלן דערפאר א געוויסן געלט-סכום. ספרים, וועלכע מען האט געבראכט פון אויסלאנד, האט מען געדארפט אפשטעמפּלען ביים גרענעץ.

צין-דאָקטער יעקב (זשאַק) קאַלמאַנזאָן,[21] וואָס האָט געקראָגן זײַן בילדונג אין פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד. נאָכן פאַרענדיקן זײַנע שטודיעס האָט ער געוווינט אין פּוילן און אָנגעשריבן דאָרט אויף פראַנצייזיש אַ בראָשור וועגן דער ייִדישער רעפאָרם.

אױסער דאָקטוירים, זײַנען געווען טרעגער פון די השׂכּלה-אידעעס אין פּוילן אויסלענדישע ייִדן דער עיקר פון דײַטשלאַנד, אויך פון האָלאַנד און אַנדערע לענדער, וואָס פלעגן זיך באַזעצן דער עיקר אין דער הויפּטשטאָט.[22] די דאָזיקע ייִדן פון אויסלאַנד, דאָס רובֿ סוחרים, באַנקירן, יוּועלירן א״אַ האָבן פאַרשפּרייט אין פּוילן נײַע מנהגים, נײַע קליידונג אאַז״וו, מיט איין וואָרט אַרײַנגעבראַכט אין די ייִדישע געטאָס אַן אייראָפּעישן לעבנסשטייגער. זיי פלעגן מיט זיך מיטברענגען פון אויסלאַנד לערערס און דערציִערס, וואָס וועגן זייער וועלטלעכקייט זאָגן עדות כּאַטשבי זייערע געגאָלטע בערד. די דאָזיקע אויסלענדישע לערערס פיגורירן אַפילו אין די רשימות פון „טאָגצעטלען“ * נישט ווי סתּם מלמדים, וועלכע ווערן אין די צעטלען גערופן „ספּעקטאָרן“ אָדער אינספּעקטאָרן, נאָר מעשׂה אויסלענדער „מעטערס (maître) פון דער העברעיִשער שפּראַך“.

אין פּוילן גופא איז אויך געווען אַ צענטער, פון וואַנען די וועלטלעכע בילדונג האָט געשטראַלט אויף אַנדערע פּראָווינצן — דאָס איז געווען די פּראָווינץ גרויספּוילן, וועלכע האָט זיך געפונען בשכנות מיט דײַטשלאַנד. די גרויספּוילישע ייִדן זײַנען שוין דעמאָלט מחמת די ענגע ווירטשאַפטלעכע און גײַסטיקע באַציִונגען מיט שלעזיע און אַנדערע דײַטשע פּראָווינצן, געווען אַדורכגעדרונגען מיט דער דײַטשער קולטור. וועגן דעם קען מען זיך לײַכט איבערצײַגן שוין פון זייערע אונטערשריפטן אין דײַטש אויף אַמטלעכע אַקטן. דער אָפטער קאָנטאַקט פון גרויספּוילישע ייִדן מיט דער הויפּטשטאָט און דאָס וואָס גרעסערע גרופּעס גרויס-פּוילישע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע האָבן בלי שום ספק צוגעהאָלפן צום פאַרשפּרייטן אין לאַנד די אידעעס פון „השׂכּלה“.

די אויפגעקלערטע ייִדן האָבן געשעפּט זייער וועלטלעכע קולטור פון דײַטשלאַנד. דעריבער איז אויך נישט קיין וווּנדער, וואָס זיי האָבן אין זייערע שריפטן באַנוצט די דײַטשע שפּראַך. אויך בריוו, וועקסלען, אַפילו די מעמאָראַנדומס צו די מאַכטאָרגאַנען שרײַבן זיי אין דײַטש.

די צווייטע שפּראַך, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די משׂכּילים, איז געווען פראַנצייזיש. דער באַקאַנטער משׂכּיל מענדל לעפין האָט זײַן בראָשור וועגן דער ייִדן-רעפאָרם אין פּוילן אָנגעשריבן פאַרן פיריאָריקן סיים אין פראַנצייזיש.[23] אַ טייל אויסלענדישע ייִדישע סוחרים שרײַבן זיך

* די ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין וואַרשע, זײַנען געווען מחויבֿ אויסצוקויפן פאַר רעכט צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט אַ מין „טאָגצעטל“, (biletowe).

ונטער אויף וועקסלען אין פראַנצייזיש. אַגבֿ דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז פראַנצייזיש איז דעמאָלט שטאַרק פאַרשפּרייט געווען אין פוילן ווי די שפּראַך פון די געבילדעטע ספערן.

פאַר אַ מאָסשטאַב פון דער פאַרשפּרייטונג פון וועלטלעכער בילדונג צווישן די פוילישע יידן קען אונדז דינען די קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זייער ווייניק פּוילישע יידן האָבן געקענט שרייבן פּויליש. צווישן הונדערטער אונטערשריפטן אויף אַמטלעכע אַקטן טרעפן מיר זייער זעלטן אַן אונטערשריפט אין פּויליש. דאָס רובֿ אונטערשריפטן זיינען יידישע. מיר באַגעגענען אַפילו אַ ווענדונג פון אַן עדה יידן און דווקא פון אַ גרעסערער שטאָט (לוצק) צום פוילישן קיניג אין דער יידישער שפּראַך [24]. אויף וועקסלען שרייבן זיך יידן אונטער אויף יידיש און דאָס פירט אָפּט צו פאַרשיידענע סיכסוכים מיט דער געריכטסמאַכט [25]. די איינציקע, וואָס זיינען מחויבֿ געווען צו קענען פּויליש שרייבן צוליב זייער פּראָפעסיע, זיינען געווען די סינדיקעס — עתדלנים, די פאַרמיטלער צווישן דער מאַכט און די יידן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין אַ צייגעניש, וועלכעס ווערט אויסגעשטעלט איינעם אַ שתדלן, שרייבט זיך: „ער איבערזעצט גוט פון העברעיש אויף פויליש — וואָס דאָס איז אַ זעלטענהייט צווישן די יידן" [26].

אַז מיר רעדן וועגן דעם קולטורעלן מצבֿ פון די פוילישע יידן, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז זייער זעלטן טרעפן מיר צווישן די דעמאָלטיקע יידן — צונאָלפאַבעטן, וואָס קענען זיך נישט אונטערשרייבן מיט העברעישע אותיות. עס טרעפט אַ מאָל, אַז פרויען אָדער אין גאָר זעלטענע פאַלן בעלי-מלאכות שרייבן זיך אונטער מיט אַ קײַלעכל אָדער מיט אַן אַנדערן צייכן.

ביי אַזאַ נידעריקן מצבֿ פון דער וועלטלעכער בילדונג ביי יידן האָט ממילא נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ געוויסן גראַד פון פּאָליטישן באַוווסטזיין פון די פוילישע יידן. די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן, וואָס זיינען דעמאָלט אין אַ גרויסער מאָס אַרונטערגעפאַלן אונטער דער חסידישער השפעה, נעמען כמעט קיין שום אָנטייל נישט אין די פּאָליטישע געשעענישן פון לאַנד. פונקט ווי די פויערים בלייבן זיי פּאַסיוו אין דער צייט פון רוישיקע געשיכטלעכע פּאַסירונגען. אַ געוויסע ענדערונג אין דער איינשטעלונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן קומט פאָר אין די צייטן פון קאָשטשושקאָ-אופשטאַנד.

בלויז די שפּיצן פון דעם פוילישן יידנטום: דאָס רייכע בירגערטום און דאָס קליינע הייפל אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך געבילדעט אין אויסלאַנד, ווייזן אַרויס אַ געוויסן גראַד פון פּאָליטישן באַוווסטזיין. באַגרענעצט אין זייערע פּאָליטישע רעכט, אונטערגעוואָרפן אַ גאַנצער ריי פון באַגרענעצונגען, האָבן זיי מיט קינאה געקוקט אויף דער וואַקסנדיקער באַדייטונג פון בירגערטום. זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף פראַנקרייך, ווו דער דריטער

שטאַנד האָט געקעמפֿט פֿאַר די רעכט פֿון ייִדישן בירגערטום און ווי די לעצטע האָבן טאַקע אַ דאַנק דעם אין די צייטן פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע דערגרייכט די פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג. די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע אין פּוילן האָט אויך געשטרעבט איבערצופֿלאַנצן דאָס זעלביקע אויפֿן פּוילישן באָדן. די האַנט, וואָס די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע האָט אויסגעשטרעקט צו דעם פּוילישן בירגערטום, איז אָבער געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. פּונקט ווי אין אַנדערע פֿראַגן איז דאָס ווירטשאַפֿטלעך אָפּגעשטאַנענע פּוילן, נישט געווען דערוואַקסן צו פֿראַנקרייך נישט אין פּרט פֿון ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג פֿון לאַנד און נישט בנוגע דער ראָל און באַדייטונג פֿון שטאָטישן שטאַנד.

דאָס פּוילישע בירגערטום האָט געטריי צו אירע אַלטע טראַדיציעס, נישט וועלנדיק הערן וועגן די נייע לאָזונגען, וואָס זיינען געקומען פֿון מערבֿ — ווייטער געזען דעם איינציקן אויסוועג פֿון זיין לאַגע אין באַגרענעצן די רעכט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

מיר מיינען דעריבער, אַז דער מחבר פֿון מעמאָראַנדום פֿון די וואַרשעווער ייִדן צו די דעפּוטאַטן פֿון די פּוילישע שטעט אין יאָר 1790 איז נישט געווען באַקאַנט מיט די פֿאַרהעלטענישן פֿון לאַנד, אויב ער האָט געוואָלט אויפֿן באָדן פֿון פּוילן איבערפֿלאַנצן די פֿראַנצייזישע אידעע וועגן דער שותּפֿותדיקייט פֿון די אינטערעסן פֿון פּוילישן און ייִדישן בירגערטום, וועלכע דאַרפֿן בילדן איין שטאַנד, דעם דריטן שטאַנד. דער מחבר פֿון דעם מעמאָראַנדום, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַ פֿראַנצייזישער צייטונג, וועלכע האָט דערשיינט אין וואַרשע — (Journal hebdomadaire de la Diète)[27] — איז מסתמא געווען אַ משׂכּיל פֿון מענדל סאַטאַנאָווערס שניט — אפֿשר ד״ר אַקאָרד אָדער אַן אַנדערער. אַרויסגייענדיק פֿון אַזאַ פֿאַר יענע צייטן דרייסטער הנחה, מיינט דער מחבר, אַז די ייִדישע בורזשואַזיע „קען נישט געפֿינען קיין בעסערן פֿאַרטיידיקער“ ווי זיי (ד״ה דעפּוטאַטן פֿון די פּוילישע שטעט). נאָך מער דער מחבר גלייבט, אַז „זיי (די ייִדן) האָבן רעכט אויסצוקלייבן די שטאָטישע דעפּוטאַטן פֿאַר פֿאַרטיידיקער“.

זיין געדאַנק, אַז דאָס ייִדישע בירגערטום איז אַ טייל פֿון דריטן שטאַנד, באַגרינדעט דער מחבר אויף אַזאַ כאַראַקטעריסטישן אופֿן: „איר פֿאַרנעמט זיך מיט מלאָכה, מיר אויך. איר פֿאַרנעמט זיך מיט מסחר — מיר אויך. איר האָט ליב רווחים — מיר אויך“. ווייטער באַגרינדעט דער מחבר, פֿאַר וואָס מען דאַרף די ייִדן לאָזן וווינען אין וואַרשע. וועט מען די ייִדן דערווייטערן, איז פֿאַראַן די סכּנה — שרייבט דער מחבר — אַז קריסטלעכע געזעלן וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט און פֿאַרלאַנגען אַ הוספֿה פֿון שׂכירות. פֿון אַזאַ מין אַרגומענט איז שוין נישט שווער צו פֿאַרשטיין, וועמעס אינטערעסן עס האָט פֿאַרטיידיקט דער מחבר פֿון מעמאָראַנדום.....

מיר וועלן—דוכט זיך—נישט האָבן קיין טעות, אויב מיר וועלן דאָ אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון – pars pro toto: ווען די אויפגעקלערטע עלעמענטן האָבן גערעדט וועגן פּאָליטישע רעכט פאַר ייִדן האָבן זיי אין זינען געהאַט בלויז די „אייבערשטע צען טויזנט״ – די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע. פאַר אַ באַווייַז קען אונדז דינען די האַנדלונג פון דעם וואַרשעווער גביר און פּאַרשטייער פון דער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע דוד קעניגסבערגער, וועלכער האָט זיך געווענדט וועגן בירגעררעכט נאָר פאַר 250 אויסדערוויילטע ייִדישע משפּחות אין וואַרשע, בעת ווען די ייִדישע באַפעלקערונג האָט דאָרט געציילט איבער 6.000 ייִדישע נפשות, בכן נישט ווייניקער ווי 1300–1200 ייִדישע נפשות.

דאָס איז איבעריקנס נישט דער איינציקער פאַל, וואָס די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע פון דער הויפּטשטאָט האָט געהאַנדלט אין סתירה צו דעם פּלומרשטן פּרינציפּ פון ייִדישער אחדות. אין משך פון 18 טן י״ה זײַנען מיר עדות, ווי די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע העלפט מיט דער מאַכט צו דערווײַטערן פון וואַרשע די טויזנטער אַרבעט־זוכנדיקע אָרעמע ייִדישע בעלי־מלאכות און קליינהענדלער. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דאָס ריַיכע ייִדישע בירגערטום האָט אַפילו געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט אונטער דעם נאָמען פון אַ צדקה־חברה אויסבאַהאַלטן אַן עקלהאַפטע פונקציע פון כאַפּן אָרעמע ייִדן, וואָס האָבן זיך אומלעגאַל אויפגעהאַלטן אין וואַרשע מיט איין וואָרט „כאַפּערס״ פון 18 טן י״ה.

אַזאַ מין האַנדלונג מצד דעם ריַיכן ייִדישן בירגערטום, וואָס האָט פאַרן פּרייַז פון אייגענע פּריווילעגיעס פאַרקויפט די אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט, האָט באַטייַטיק פאַרשאַרפט די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. די וואַקסנדיקע גויט און פאַראָרעמונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און די פּאָליטיק פון דער קהלשער קליקע אַריבערצוואַרפן די שטייַערן־לאַסטן אויף די אָרעמע שיכטן האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען צווישן די פּוילישע ייִדן.

ווי שאַרף עס זײַנען געווען די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן אין דער מיט פון 18 טן י״ה זאָגט עדות דער פאַקט, אַז דאָס אָפּשאַפן די צענטראַלע ייִדישע אויטאָנאָמיע פון די פּוילישע ייִדן (פון „ועד ד׳ ארצות״) אין יאָר 1764 איז פאָרגעקומען מחמת דער מרידה פון די אָרעמע מאַסן אַקעגן דעם ייִדישן סיים, וואָס איז געוואָרן אַ געצייַג פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע.

עס זײַנען נישט פאַרבליבן קיין דאָקומענטן וועגן די דאָזיקע סאָציאַלע קאַמפּן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, ווייַל די קהילה־פּנקסים, וואָס זײַנען איבעריקנס אין אַ זייער קליינער מאָס צוטריטלעך פאַרן פאָרשער,

פֿלעגן געוויינטלעך פֿאַרשווײַגן אַזעלכע סימפּטאָמען פֿון מרידה מצד דער ייִדישער אָרעמשאַפֿט.

וואָס פֿאַר אַ שאַרפֿן און אָפֿט מאָל טראַגישן פֿאַרלויף עס פֿלעגן האָבן די דאָזיקע קאַמפֿן, זאָגט עדות דער קאַמף פֿון דעם ווילנער ייִדישן פֿאָלקס־טריבון שימעל וווּלפֿאָוויטש, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פֿון די ייִדישע בעלי־מלאכות אין קאַמף אַקעגן דער קהלשער קליקע. נישט געקוקט אויף דעם אײַזערנעם בריוו פֿון קיניג פּאָניאַטאָווסקי, וואָס האָט אים גאַראַנטירט פּערזענלעכע זיכערקייט,[28] האָט דער ווילנער וואָיעוואָדע קאַראָל ראַדזיוויל אים אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה. אין דער נעשוועזשער תּפֿיסה האָט דער מוטיקער קעמפֿער אָנגעשריבן זײַן אָנקלאָג שריפֿט קעגן דער הויט שינדערײַ און אונטערדריקונג פֿון קהל אין דער פֿאָרם פֿון אַ בראָשור, ווי אַזוי צו רעפֿאָרמירן דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן. די בראָשור פֿון וווּלפֿאָוויטשן מיט איר אין מאַטעריאַלן רײַכן אינהאַלט גיט אונדז אַ גענויע אָפּשפּיגלונג פֿון דער הימלשרײַענדיקער אויסנוצונג פֿון דער קהלשער מאַכט אין גאַנץ פּוילן.

די סאָציאַלע קאַמפֿן צווישן די פּוילישע ייִדן, וואָס זײַנען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די פּוילישע פֿאַרהעלטענישן פֿון 18 טן י״ה, הערן אויך נישט אויף בעת דער קאָשטשושקישער מרידה.

הערות

1 E. Ringelblum Projekty i próby przewarstwowienia Żydów w epoce stanisławowskiej, Warszawa 1934.

2 W. Smoleński: Stan i sprawa Żydów polskich w wieku XVIII, Warszawa 1876.

3 פּאַריז, 1834

4 E Ringelblum: Żydzi w świetle prasy warszawskiej wieku XVIII. Miesięcznik Żydowski, zesz. 6;

5 Frojekty i próby, p. 5

6 Pamiętnik historyczno-polityczny i ekonomiczny 1783, p. 5

7 וועגן די רעפֿאָרם-פּראָיעקטן פֿאַרגלײַך M. Bałaban; Historja i literatura Żydów, III, p. 412.

8 Pamiętnik histor.-polit., 1785, p. 416.

9 דאָרט, יאַר 1785, ז. 416.

10 Dziennik handłowy 1792, p. 141. W. Smoleński: Ostatni rok sejmu wielkiego 1896, p. 387

11 Teki Małachowskiego Nr. 4567

בריוו פֿון 9 מערץ 1792 (ביבליאָטעק פֿון די גראַפֿן קראַשינסקי אין וואַרשע)

12. E. Ringe blum, Żydzi w świetle prasy, Mies. Żyd. 1932, N 7—8,

13 סמאָלענסקי דמ"א, ז' 405.

14 אַז עס איז טאַקע אַזוי געווען, קען מען זיך איבערצײַגן פֿון דער החלטה פֿון דער „פּאָליציי-קאָמיסיע פֿון ביידע פֿעלקער", אַז דער גראָדנער מאַגיסטראַט זאָל באַשטימען דעם ייִד טאָנכעל פֿאַר אַ ייִדישן ריכטער „כּדי ער זאָל משפּטן ייִדישע ענינים". מען מאָטיווירט עס דערמיט, אַז „ענינים וואָס האָבן געהערט צום געריכט פֿון סטאַראָסטע שטייען איצט אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דער שטאָט; רעליגיעזע ענינים געהערן צו ייִדישע גײַסטלעכע". IV/21 1792, זז' 455—6, Archiwum Królestwa Polskiego Nr. 151 (Archiwum Główne Akt Dawnych w Warszawie) Nr. 751, 21/IV 1792, p. 455 — 6.

15 סמאָלענסקי דמ"א

16 „די קאָנסטיטוציע פֿון 3 טן מײַ — לייענען מיר אין דעם בריוו פֿון כּעמשינער מאַגיסטראַט — האָט אַרויסגערופֿן גרויס פֿרייד און ענטוזיאַזם, אבער אויפֿן אָפּקלאַנג פֿון ייִדישן שטורעם צו די הערצער פֿון די סיים-דעפּוטאַטן האָבן די, וועלכע האָבן געקלערט זיך צו דעקלאַרירן (פֿאַר דער קאָנסטיטוציע), אָפּגעהאַלטן זייערע שריט און די וואָס האָבן זיך שוין דעקלאַרירט (פֿאַר דער קאָנסטיטוציע), לאָזן אָפּ די הענט. אַלע צוזאַמען האָבן געווענדט זייערע אויגן אויף דעם פּראָיעקט (וואָס איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן דורך די ייִדן). מען וואַרט מיט נײַגעריקייט אויף די באַשלוסן פֿון סיים אין דער פֿראַגע".

דער בריוו פֿון כּעמשינער מאַגיסטראַט איז געווענדט צום סיים-מאַרשאַל מאַלאַ-

באָווסקי, וועלכן זיי בעטן: „ער זאָל זײַן אַזוי העפֿלעך און שטערן די ייִדן אויסצופֿירן זייערע פלענער צו באַפֿרײַען זיך פֿון דער ממשלה פֿון די מאַגיסטראַטן אאז"וו". פֿון אַנדערע ערטער פֿון דעם בריוו דערוויסן מיר זיך, אַז די ידיעה וועגן די ייִדישע פלענער איז דערגאַנגען צום קריסטלעכן בירגערטום דורך דער אויסלענדישער פרעסע. „עס האָבן שוין געמאָלדן — לייענען מיר ווײַטער אין דעם בריוו — די אויסלענדישע צײַטונגען וועגן דעם געזעץ פֿון 18 טן אַפּריל (דאָס געזעץ וועגן די שטעט) ווי אויך וועגן דער דעפּוטאַציע פֿאַר צונויפֿשטעלן דעם ייִדישן פּראָיעקט (געמיינט דאָ די קאָמיסיע פֿאַר ייִדישע ענינים, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן פֿיריאַריקן סיים. די קאָמיסיע האָט אָבער נישט פֿאַרענ־דיקט איר אַרבעט און דער פֿיריאַריקער סיים האָט נישט אָנגענומען קיין שום געזעץ וועגן ייִדן), די צײַטונגען פֿון אויסלאַנד האָבן אויך דערמאָנט וועגן די ייִדישע פלענער און וועגן זייערע באַמיִונגען בײַ זייערע פּראָטעקטאָרן". ווי שטאַרק עס איז געווען די באַאומרויִקונג פֿון קריסטלעכן בירגערטום איבער דער אַקציע פֿון די ייִדן מבטל צו מאַכן די אַנטי-ייִדישע געזעצגעבונג פֿון פֿיריאַריקן סיים, קאָן מען זען דעם ווײַטערדיקן פּאַסוס אין דעם בריוו פֿון כעלמשינער מאַגיסטראַט: „אַלעמען באַהערשט אַ שטאַרקע נײַגעריקייט צי די „שטאַנדן" (דער פּוילישער סיים איז באַשטאַנען פֿון 3 „שטאַנדן": דעם קיניג, די דעפּוטאַטן און סע־נאַטאָרן) וועלן עפּעס ענדערן אין דעם וואָס זיי האָבן שוין באַשלאָסן, פֿאַרעפֿנטלעכט און באַשווירן". (Teki Małachowskiego Nr. 4567, בריוו פֿון 9 טן מערץ 1792).

17 Gazeta narodowa i obca 1791, Nr. 37

18 Materiały do Komisji Skarbu Koronnego (Archiwum Skarbu w Warszawie) Nr. 44, p. 180.

19 פֿון איצקאָוויטשס מעמאָראַנדום: „איך בין אומיסטן געפֿאָרן קיין פּרײַסן צוליב אַזעלכע ייִדישע ספֿרים, וועגן וועלכע מען הערט זייער זעלטן אָדער אינגאַנצן נישט אין פּוילן. איך האָב אײַנגעקויפֿט אין קיניגסבערג עטלעכע שטיק פֿון דעם באַרימטן מחבר מענדעל מאָיזעשאָוויטש, וואָס איז איבערגעזעצט פֿון העברעיִש אויף דײַטש מיט העברעיִ־שע אותיות. אַזעלכע ספֿרים זײַנען נישט בלויז נוצלעך און נייטיק פֿאַר ייִדן, נאָר אויך פֿאַר די בירגער פֿון לאַנד, פֿאַר די פּאָליאַקן, וואָס האָבן דערצו אַ גרויסן אינטערעס".
„Ja jeżdżąc umyślnie do Prus dla ksiąg żydowskich a dla takowych, których tu w Polsce rzadko gdzie słychać albo wcale jeszcze nie, sku-piłem w Królewcu sztuk kilka, autora Mendla Mojżeszowicza, sławnego z hebrajskiego języka z niemiecka po żydowsku przetłumaczone... tako we księgi nie tylko, że Żydom potrzebne i użyteczne być mogą, ale też i krajowym obywatelom Polakom z wielkiej ciekawości owych zbudować się będzie można".

20 וועגן ד"ר אליהו אַקאַרד האָב איך געשריבן אין דער צײַטשריפֿט פֿון „טאָז" „סאָציאַלע מעדיצין", 1933, נומ׳ 9—10. דער פֿולער טיטל פֿון דער איבערזעצונג איז Die Juden oder die nothwendige Reformation der Juden in der Republik Polen (Aus dem Polnischen eines unnbekanten Verfassers übersetzt und

mit einigen Anmerkungen vermerkt von Elias Accord der Arzneigelehrtheit Doctor und Accouscheur, Warschau 1786.

21 וועגן קאַלמאַנזאָנען האָב איך געשריבן אין דער „סאָציאַלער מעדיצין" נו׳ 9 — 10. זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידן-רעפאָרם איז אַרויס אין יאָר 1796: J. Calmansohn: Essai sur l'état actuel des Juifs de Pologne et leur perfictibilité, Varsovie le 6 Jul. 1796. די פוילישע איבערזעצונג איז אַרויס אין אַ יאָר שפּעטער (1797) א"ט: Uwagi nad niniejszem stanem Żydów polskich i ich wydoskonaleniem z francuskiego przez J. E. w Warszawie 1797.

22 וועגן דער קולטור פֿון די פּוילישע ייִדן אין 18 טן י"ה האָב איך געשריבן אין מײַן אַרבעט וועגן די ייִדן אין וואַרשע (כתב-יד).

23 M. Leffin: Essai d'un plan de reforme ayant pour objet d'eclairer la nation juive en Pologne et de la redresser par ses moeurs (1789).

24 Noty Departamentu Skarbowego Rady Nieustającej Nr. 28 (פֿינאַנץ-אַרכיוו אין וואַרשע).

25 Akta skarbowe, oddz. 57, 1789 22/II

26 J. M. (Jurysdykcja Marszałkowska) nr. 11. 1784 p. 73 (הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע)

27 אין אַפּקלאַנג פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע (ייִדן אין שײַן פֿון דער וואַרשעווער פּרעסע פֿון 18 טן י"ה) Mies. żyd. 1932, zesz. 7–8

29 M. Bałaban: Historja i literatura Żydów, III, p. 421 - sq.

II קאַפּיטל

די וואַרשעווער ייִדן ערבֿ דעם קאָשטשושקאָ אויפֿשטאַנד

די ייִדן פֿון דער הויפּטשטאָט האָבן בעתן אויפֿשטאַנד פֿון קאָש־טשושקאָ געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע. דעריבער געפֿינען מיר פֿאַר נייטיק אָפּצושטעלן זיך אויף זייער לאַגע פֿאַר דעם, וואָרעם — ווי מיר וועלן זען ווײַטער — האָט דער מצבֿ פֿאַרן אויפֿשטאַנד געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די באַציִונגען צווישן די ייִדן און דער דרויסנדיקער וועלט, דער עיקר דעם קריסטלעכן בירגערטום אין די צײַטן פֿון אויפֿשטאַנד.

ווי באַוווּסט איז דאָס יאָר 1527 אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין וואַרשע. אין דעם יאָר ווערט אַרויסגעגעבן דאָס געזעץ, וואָס פֿאַרווערט די ייִדן צו וווינען אין וואַרשע. [1] (privilegium de non tollerandis Judaeis) מיט דער צײַט ווען וואַרשע האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערע אָרט אין לאַנד, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ נײַ געזעץ (פּריווילעג), וואָס פֿירט אַרײַן געוויסע פֿאַרלײַכטערונגען. דאָס איז געווען דער פּריווילעג פֿון יאָר 1570, וואָס האָט דערלויבט ייִדן אויפֿ־צוהאַלטן זיך אין וואַרשע אין דער צײַט פֿון סיימען אָדער אַנדערע עפֿנט־לעכע צוזאַמענפֿאָרן. דאָס דאָזיקע געזעץ פֿאַרווערט אָבער ווײַטער די ייִדן צו וווינען אין וואַרשע שטענדיק, צו פֿאַרנעמען זיך דאָרט מיט האַנדל אָדער מסחר אויף אַ שטח פֿון צוויי מײַל אַרום דער הויפּטשטאָט. די דאָזיקע צוויי פּריווילעגן פֿון יאָר 1527 און 1570 זײַנען אין משך פֿון אַ לאַנגער צײַט געווען דער יסוד פֿאַר דער רעכטלעכער לאַגע פֿון די ייִדן אין וואַרשע

די באַגרענעצונגען זײַנען אָבער נישט געווען אין שטאַנד צו פֿאַר־האַלטן דעם כּסדרדיקן צושטראָם פֿון ייִדן אין דער הויפּטשטאָט. ווי אַ וואַקסנדיקער צענטער פֿון האַנדל און אינדוסטריע האָט וואַרשע כּסדר גע־צויגן צו זיך מחנות ייִדישע סוחרים, בעל־מלאכות א״אַנד. אין משך פֿון 17 טן און 18 טן י״ה דערשײַנען כּסדר נײַע קיניגלעכע פֿאַראָרדענונגען, סיים־געזעצן, אורטיילן פֿון געריכטן (פֿאַר וועלכע די שטאָטלײַט קלאָגן אָן די נישט לע־גאַל וווינענדיקע ייִדן) וכדומה, וואָס פֿאַרבאָטן די ייִדן צו וווינען אין דער

הויפטשטאָט. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז די ייִדישע סוחרים און בעל-מלאכות האָבן באַין אופן נישט געקענט איינשטימען מיט דעם, אַז די טויערן פון ווארשע זאָלן פאַר זיי זיין פאַרמאַכט, און אַז זיי האָבן כּסדר עובר געווען אויף די אַלע נייע פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט.

ווארשע ווי דער זיצאָרט פון קיניג האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון קרוינמאַרשאַל, וועלכער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר דער זיכער-קייט פון דעם קיניגס פּערזאָן. צו זיין קאָמפּעטענץ האָט אויך געהערט די יוריסדיקציע איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פאַלן פון שטערן די עפנטלעכע רו. די ייִדן זיינען געווען אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון מאַר-שאַל, וועלכער האָט דורך זיינע אוניווערסאַלן רעגולירט די וווינרעכט פון די ייִדן אין ווארשע. דער מאַרשאַל ביעלינסקי האָט אין די 40 ער און 50 ער יאָרן פון 18 טן י"ה געפירט אַ שאַרפע אַקציע קעגן דעם אויפהאַלט פון די ייִדן אין ווארשע און אויף אַ געוויסער ציַיט אָפּגעשטעלט דאָס ווייַ-טערדיקע קומען פון ייִדן אין דער הויפטשטאָט.

אין די צייַטן פון קיניג פּאָניאַטאָווסקי, ד"ה אָנגעהויבן פון די 60 ער יאָרן פון 18 טן י"ה זיינען אָבער פאָרגעקומען אַזעלכע שינוים אין לעבן פון לאַנד, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אויף ווייטער צו האַלטן פאַרמאַכט די טויערן פון דער הויפטשטאָט פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין דער ערשטער ריי האָט געווירקט אין דער ריכטונג דער אומאויפהערלעכער וווקס פון דער הויפטשטאָט, די כּסדרדיקע צוזאַמענפאָרן און סיימען, בעת וועלכע עס איז ייִדן דערלויבט געווען צו וווינען אין ווארשע. עס זיינען דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אין ווארשע אַ גאַנצע ריי נייע אַמטן און געריכטן, ווי למשל די פינאַנץ-קאָמיסיע, צו וועלכער די ייִדן פון פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד האָבן כּסדר געמוזט אָנקומען. חוץ דעם האָבן דאָ געווירקט אויך וויכטיקע פּאָליטישע פּאַסירונגען אין לאַנד. די טרויעריק באַרימטע שחיטות פון גאָנטע און זשעלעזניאַק האָבן טויזנטער ייִדן פאַרטריבן ווייַט קיין מערב-פוילן. אין דער הויפטשטאָט זיינען אַנטלאָפן מחנות אוקראַינישע ייִדן, וועל-כע מען האָט אַזוי לייַכט נישט געקענט פאַרטרייַבן פון ווארשע. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט, אַז אין ווארשע זאָלן גאַנצע יאָרצענדלינגער וווינען ייִדן און שאַפן דאָ אַ פעסטן ישוב מיט אַ בית-עולם (אויף פּראַגע), שול, אַפילו מיט מחלוקות (צווישן די חסידים און מתנגדים) וכדומה, הגם די פּריווילעגן פון דער שטאָט האָבן נישט דערלאָזן קיין ייִדן.

אויך די קרוינמאַרשאַלן, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אָפּצוהיטן די אַנטי-ייִדישע פּריווילעגן פון דער שטאָט ווארשע, האָבן געמוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די ייִדן וווינען אין דער הויפטשטאָט און וועלן דאָרט אויף ווייטער פאַרבלייַבן. די מאַרשאַלן האָבן זיך דעריבער בלויז געפלייַסט אַרייַנצופירן אַ געוויסן סדר אין דעם רעכטלעכן מצב פון די ווארשעווער ייִדן. זיי גיבן דעריבער אַרויס פאַראָרדענונגען, גערופן אַני-

וערסאלן, וואס באשטימען, וועלכע קאטעגאריעס יידן האבן רעכט צו ווױ־
נען אין ווארשע, וואס זיינען די רעכט פון דעם יידישן סענדיק וכדומה.

די יידישע ענינים פון ווארשע האט אנגעפירט א מין יידישער קאָ־
מיסאר, גערופן ווארשעווער סענדיק, וועלכער פלעגט נאמינירט ווערן
דורכן מארשאל און איז פאר אים געווען פאראנטווארטלעך אין אלע זיינע
מעשים. דעם סענדיק האט מיטגעהאלפן אין זיין ארבעט א שטאב שמשים.
די וויכטיקסטע אויפגאבע פון סענדיק איז געווען מיטצוהעלפן דעם מאר־
שאל ביים אויסשפיאנירן די ארעמע קליינהענדלער, בעלי־מלאכות א. א.,
וועלכע האבן זיך אומלעגאל אויפגעהאלטן אין ווארשע.

איבער די אן א שיעור צרות, וואס די יידן האבן געהאט אויסצו־
שטיין פון די דרייערליי מינים פאליציי (די מארשאלעק־וואך, די שטאטי־
שע וואך און די יידישע „פאליציי" פון סענדיק), באמיען זיי זיך צו שאפן
פאר זיך ישובים מחוץ דער שטאט אויף פלעצער, וואס האבן געהערט צו
גרויסע פריצים. דער צום מיינסט באקאנטער פרווו איז געמאכט געווארן אין
דעם שטעטל ניי־ירושלים (Nowa Jerozolima), דעם מאיאנטעק פון פירשט
סולקאווסקי. וואס איז אין יאר 1775 פאגראמירט געווארן אויפן באפעל פון מאר־
שאל לובאמירסקי. (היינט געפינט זיך אויפן ארט פון ניי־ירושלים איינער
פון די שענסטע שטאטטיילן: די ירושלימער אלעען (Aleje Jerozolimskie).

די אלע פארארדענונגען אדער ארדינאציעס פון די מארשאלקעס האבן
אבער נישט געקענט אפשטעלן דעם ווייטערדיקן צושטראם פון יידן קיין
ווארשע. עס האט אויך קנאפ וואס געהאלפן דער קאנטראל דורך די א"ג
טאגצעטלען, וועלכע יעדער ייד האט געמוזט אויסקויפן, ווען ער איז גע־
קומען קיין ווארשע צוליב א געריכטס־פראצעס אדער בכדי אויסצופירן
עפעס א פערזענלעכן אדער געזעלשאפטלעכן ענין אין די אמטן, אדער ווען
א הורט־סוחר איז געקומען מיט זיינע סחורות, כדי זיי אויפן ארט צו פאר־
קויפן. עס האבן אויך נישט געהאט קיין שום פעולה די פארשיידענע
שטראפן, וואס פלעגן באשטימט ווערן אויף פערזאנען אן טאגצעטלען. דער־
ביי דארף מען געדענקען, אז געוויסע קאטעגאריעס פערזאנען, ווי למשל
הויזירער, מעקלערס וכדומה האבן אפילו זיך נישט געקענט באנוצן וועגן
די טאגצעטלען, ממילא איז זייער אויפהאלט אין ווארשע געווען אן אומלע־
גאלער. דאס „ארויסלייכטן" (פארטרייבן) פון דער שטאט מיט שטארקאצן
(wyświecanie), די קאנפיסקאציע פון פארמעגן פון די הויזירער, וועלכע
מען האט געכאפט ביים „פארברעכן" פון פירן א מסחר איבער די הייזער,
די שמיץ פאר נישט האבן קיין טאגצעטלען און אפילו דאס ארייננשטעלן
אין א שטייג „פאר אויפקויפערינס און יידן" („na przekupki i Żydy")
אויפן שלאספלאץ — די אלע הארבע שטראפן פלעגן נישט אפהאלטן די
דאזיקע ארעמע מענטשן. ארויסגעטריבן דורך איין שטאט־ראגאטקע פלעגן
זיי באלד זיך צוריקקערן אין שטאט ארײַן דורך דער צווייטע ראגאטקע.

אַרויסטרײַבן פּלעגט זיי די מאַרשאַלעק-מאַכט, צוריק געטריבן האָט זיי אָבער אין שטאָט אַ גרעסערער הערשער — דער „קיניג״ הונגער!

די ייִדן-פּראַגע אין וואַרשע האָט באַקומען אַ גרויסן פּירסום איבערן גאַנצן לאַנד אין די צײַטן פון דעם פּיריאָריקן סיים. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָבן ייִדן בעת די סיים-זיצונגען געמעגט קומען אין דער הויפּטשטאָט און דאָ פראַנק און פרײַ האַנדלען. „די דאָזיקע אומה — האָט געחוזקט די דעמאָלטיקע פּרעסע — וואַרט גיכער אויפן סיים איידער אויף דעם פאַלשן משיח״. [3] אַזוי ווי די סיים-סעסיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1788, האָט זיך פאַרצויגן אויף גאַנצע 4 יאָר, איז פאַרשטענדלעך, אַז דערמיט איז לעגאַליזירט געוואָרן דער אויפהאַלט פון אַ גרויסער צאָל אָרעמע ייִדישע בעלי-מלאכות און קליינהענדלער אין וואַרשע. דאָס האָט — פאַרשטייט זיך — נישט געשמעקט די קריסטלעכע בעלי-מלאכות און קליינהענדלער, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר דער קאָנקורענץ פון די ייִדן. אַזוי ווי עס האָט זיך זיי נישט אײַנגעגעבן צו דערוויַיטערן די ייִדן פון וואַרשע בשעת דעם סיים אויף אַ לעגאַלן וועג, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וועג פון action directe (דירעקטער אַקציע). אין יאָר 1790 איז פאַר די אויגן פון דער צענטראַלער מאַכט פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ פּאָגראָם פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די דעמאָלטיקע פּרעסע אַפילו די מאַמע פון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ״, [4] האָט דעם פּאָגראָם אָנגערופן „רויבערײַען פון דעם המון״. דער פּאָגראָם האָט געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק: דער סיים האָט באַפוילן דעם קרוינמאַרשאַל, ער זאָל אַדורכפירן אַ שטרענגע אויספאָרשונג און געהעריק באַשטראָפן די שולדיקע. די פּוילישע פּריצים האָבן זיך אויף אַן אמתן דערשראָקן פאַרן בירגערטום. זיי האָבן דערזען אין דעם פּאָגראָם אַ מרידה קעגן די פּריווילעגירטע שטאַנדן. עס האָט פאַר זייערע אויגן אַ שוועב געטון דער פאַנטאָם פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע... דער פּאָגראָם האָט געזאָלט זײַן דער ערשטער אָנזאָג פון שטורעם...

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט דער פּיריאָריקער סיים שטאַרק פאַרגערערט די לאַגע פון די ייִדן, דורך דעם וואָס זיי זײַנען פון איצט אָן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג. אויך פאַר די וואַרשעווער ייִדן זײַנען די יאָרן נאָך דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ ד״ה ערבֿ דעם אויפשטאַנד, געווען זייער שווערע. דעם 8טן פעברואַר 1792 דערשײַנט אַ פאַראָרדענונג פון דעם וואַרשעווער פּרעזידענט, אַז די ייִדן זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע. דעם 4טן יוני דאָס זעלבע יאָר גיט דער מאַגיסטראַט אַרויס אַ נײַע פאַראָרדענונג. דאָס מאָל פאַלן אַ קרבן פון דער פאַראָרדענונג אויך „די אייבערשטע פון שטייסל״ — די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע. [5] אַ דאַנק דער אַרײַנמישונג פונם קיניג קומט אָבער נישט צו שטאַנד דער דאָזיקער גירוש.

עס הייבן זיך אָן אין לאַנד טרויעריקע צייַטן. עס ברעכט אויס אַ בונט פֿון די קאָנסערוואַטיווע פּריצים קעגן דער קאָנסטיטוציע פֿון 3טן מייַ, באַקאַנט אונטערן נאָמען די טאַרגאָוויצער קאָנפֿעדעראַציע. אין די דאָזיקע צייַטן פֿירט זיך אַ פֿאַרביטערטער קאַמף וועגן ווינרעכט פֿון די ייִדן אין וואַרשע. ביידע צדדים, די שטאָט און די ייִדן, זוכן הילף בייַ דעם אַלמעכטיקן רוסישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס אונטער זייַן דיקטאַט האַלט אָפּ זייַנע זיצונגען דער לעצטער פּוילישער סיים אין גראָדנע, וועלכער האָט צווישן אַנדערע פֿראַגן געדאַרפֿט אַנטשיידן וועגן דעם ווייַטערדיקן גורל פֿון די ייִדן אין וואַרשע.

ביידע צדדים, די שטאָט און די ייִדן קערן וועלטן אין גראָדנע קויפֿן אונטער דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר און זייַנע מיטהעלפֿער. יעדער צד שטרעבט אַרויסצובאַקומען פֿאַר זיך אַ גינסטיקע אַנטשיידונג פֿון סיים. דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט קען אָבער נישט אָפּוואַרטן, ביז וואַנען דער סיים וועט אַרויסזאָגן זייַן וואָרט. ער נוצט אויס די טראַגישע פּאָליטישע סיטואַציע אין לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיטן נצחון פֿון דער פֿאַררעטערישער טאַרגאָוויצע און וויל דעם סיים אַוועקשטעלן פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט. כּדי אַזוי אַרום אויפֿצוצווינגען דעם ייִדן-גירוש פֿון וואַרשע.

דעם 21טן מאַי 1793 דערשייַנט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון מאַגיסטראַט, אַז ייִדן מוזן תּיכּף אָפּטרעטן פֿון וואַרשע. די ייִדישע הורט-סוחרים זייַנען מחויב צוזאַמענצוטראָגן זייערע סחורות אין די שטאָטישע מאַגאַזינען און דאָרט זיי פֿאַרקויפֿן אין משך פֿון 14 טעג. די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג האָט נישט איר גלייַכן אין דער ביזאיצטיקער געשיכטע פֿון די וואַרשעווער ייִדן. דאָס איז דער ערשטער פֿאַל אין די צייַטן פֿון קיניג פּאָניאַטאָווסקי, אַז עס ווערט אויך הורטאָווניקעס פֿאַרבאָטן צו פֿאַרבלייַבן אין וואַרשע. די ביזאיצטיקע פֿאַראָרדענונגען וועגן גירושים זייַנען חל געווען בלויז אויף דער ייִדישער אָרעמשאַפֿט, אויף די ייִדישע בעלי-מלאכות, הויזירער, מעקלערס א"אַ. דאָס מאָל האָט מען נישט געשוינט אויך דאָס רייַכע בירגערטום. גלייַכצייַטיק ווערט דורכן מאַגיסטראַט אָנגעווענדט אַ מוראדיקער טעראָר. „די וואַכן לאָזן קיינעם נישט אַרויס — קלאָגן זיך די הורט-סוחרים — הייַנט ווי אַזוי זאָלן מיר פֿאַרקויפֿן אונדזערע סחורות?.[6] „איבער די רדיפֿות פֿון מאַגיסטראַט — איז געשריבן אין אַ מעמאָראַנדום פֿון די ייִדן — האָט יעדער מורא אַרויסצוגיין. די וועכטער מיט זעלנער שטייען בייַ די עקן פֿון די גאַסן, לאָזן קיינעם נישט אַדורך און מאַכן דערמיט אוממעגלעך דאָס אויסקויפֿן נייַע טאָגצעטלען (די טאָגצעטלען זייַנען געווען גילטיק בלויז 14 טעג)". „די ייִדן האָבן נישט קיין שום שוץ קעגן דער אַבסאָלוטער טיראַניע פֿון דער שטאָט וואַרשע" — קלאָגן זיך די ייִדן פֿאַרן פּוילישן קיניג — די שטאָט הערט אונדז נישט אויף צו רודפֿן, באַלד פֿאַרזיגלען זיי אונדזע-

רע סחורות, באַלד רודפֿן זיי אונדז אויף אַן אַנדער אופֿן" [7] „מיר לעבן אין גרויס שרעק, כּמעט האַלב טויטע". [8]

צום גירוש פֿון הי ייִדן איז אויך דאָס מאָל נישט דערגאַנגען, עס ווײַזט בכן אויס, אַז די ייִדישע „מתּנות" פֿאַרן רוסישן אַמבאַסאַדאָר איגעל־שטרעם זײַנען געווען גרעסערע ווי פֿון דער שטאָט וואַרשע. אין די פֿאָדער־צימערן פֿון דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער קאַמף צווישן די ייִדן און דער שטאָט, האָבן געזיגט די ערשטע. מיט דער הילף פֿון איגעלשטרעם [9] זײַנען טאַקע די ייִדן פֿאַרבליבן אין דער הויפּטשטאָט.

הערות:

1 E. Ringelblum: Żydzi w Warszawie od czasów najdawniejszych do r. 1527, Warszawa 1932.

ע. רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין ווארשע סוף מיטלעלטער (היסטארישע שריפטן פון ייווא, ב' I).

2 די ידיעות וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין ווארשע האב איך געשעפט פון דעם צווייטן טייל פון מיין ארבעט (כתב-יד).

3 געשריבענע צייטונג, (Gazeta pisana) וואס געפינט זיך אין דער ביבליאטעק פון די קראשינסקים אין ווארשע, כתב-יד נומ' 3935 פון 7 טן אויגוסט 1786.

4 Gazeta warszawska Nr. 40, 19. V. 1790.

5 Ekonomiczne St. Warszawy Nr. 1125, די מודעה פון ווארשעווער מאגיסטראט וועגן די יידן פון 4/VI 1792.

6 Archiwum Król. Polskiego Nr. 234

7 Archiwum etc. Nr. 234

8 Archiwum etc. Nr. 356, p. 1109

9 Ekonomiczne S. W. 858, p. 75

קאַפּיטל III

די פּאָליטישע ריכטונגען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט און די באַציונג פון דער אויפשטאַנדישער מאַכט צו ייִדן.

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר אין אַלגעמיינע שטריכן אָנגעצייכנט די ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע פאַרהעלטענישן פון די פּוילישע ייִדן אין די צייַטן פון קיניג פּאָניאַטאָווסקי. איצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט די פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן געווירקט דעמאָלט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, ווי אויך מיט זייער באַציונג צו דער ייִדן־פּראַגע אין דער צייַט פון אויפשטאַנד. צום באַדויערן זייַנען נישט פאַראַן קיין ספּעציעלע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן באַלויכטן די דאָזיקע פראַגע. עס בלייַבט אונדז דעריבער בלויז צו שטעלן געוויסע השערות אויפן יסוד פון דער פאַרגאַנגענהייט פון די געהעריקע גרופּעס אָדער אויפן גרונד פון זייערע אַנטוויקלונגסטענדענצן.

לויט פּראָפ׳ טאָקאַרזש און ד״ר פּרוכניק האָבן אין דער צייַט פון אינסורעקציע געווירקט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט דרייַ ריכטונגען. דאָס זייַנען די ראַדיקאַלן, אויך גערופן די פּוילישע יאַקאָבינער, די מעסיקע און דריטנס די רעאַקציאָנערן, די אָנהענגער פון רוסלאַנד. טאָקאַרזש [1] געפינט אייַן, אַז „דעם אָנהייב פון די דאָזיקע שטרעמונגען, קען מען געפינען אין די צייַטן פון פיריאַריקן סיים... וואָס דעמאָלט זייַנען אויפגעקומען די שטרעמונגען, וואָס האָבן אויסגעפאָרמירט דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון פוילן אין דער שפּעטערדיקער צייַט (ד״ה אין דער צייַט פון אויפשטאַנד״).

„שוין דעמאָלט האָט נישט געקענט זייַן קיין רייד וועגן אַן איינהייטלעכקייט פון שטרעמונגען, פאַרקערט אין דעם פּאַטריאָטישן לאַגער האָט זיך בפירוש געלאָזט אַרויספילן די עקסיסטענץ פון אַ ראַדיקאַלן פליגל לעבן דעם מעסיקן״.

די ראַדיקאַלן אָדער — ווי מען האָט זיי גערופן — די פּוילישע יאַקאָבינער האָבן — לויט ד״ר פּרוכניק [2] פּערלאַנגט פולע גלײַכבארעכטיקונג, אָפּשאַפן די אונטערשיידן צווישן די באַזונדערע שטאַנדן; זיי זײַנען געווען קעגן דער מאָנאַרכיע און פאַר אַ רעפּובליקאַנישער אָרדענונג אין פּוילן. די ראַדיקאַלן האָבן — לויט פּרוכניקן — געגעבן דעם טאָן די פאַרשווערונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט פאַר דעם אויפשטאַנד, זיי האָבן אָנגעצייכנט זײַן אידעישע ליניע. די ראַדיקאַלן האָבן געוואָלט דעם אויפשטאַנד אָנשפּאַרן אויף אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער באַזע, זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַ פאָלקסאַרמיי פון אַ 300 ביז 400 טויזנט זעלנער.

צו דעם לאַגער פון די ראַדיקאַלן האָבן געהערט: איינער פון די טוער פון דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ און מיטגליד פון דער סיים-קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים, דער גלח קאָללאָנטײַ, דער פירער פון אויפשטאַנד אין וואַרשע, דער שוסטער קילינסקי, די גענעראַלן זאַיאָנטשעק, יאַשינסקי א״אַ.

די צווייטע גרופּע, די מעסיקע, זײַנען געווען נישט קאָנסאָלידירט. זיי האָבן נישט געבילדעט קיין איינהייטלעכע, פעסטע גרופּע ווי די ראַדיקאַלן. זיי זײַנען געווען אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ, בעת די ראַדיקאַלן האָבן זי אָפּגעוואָרפן אַלס צו מעסיק. דער אויפשטאַנד האָט לויט זייער שיטה — געדאַרפט טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, בעת די ראַדיקאַלן האָבן געוואָלט מיטרײַסן די נידעריקע קלאַסן דורך געבן דעם אויפשטאַנד אַ סאָציאַלן כאַראַקטער.

דעם טאָן האָבן אָבער דעם אויפשטאַנד געגעבן די ראַדיקאַלן. זיי זײַנען געווען די איניציאַטאָרן פון דעם באַוואָפנטן קאַמף מיט מאָסקווע.

עס וועט דעריבער זײַן אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך וועגן דער באַציִונג פון די ראַדיקאַלן, דעם דעצידירנדיקן פאַקטאָר פון אויפשטאַנד, צו דער יידן-פראַגע. צום באַדויערן זײַנען נישט פאַראַן קיין דאָקומענטן וועגן דעם. מיר ווייסן אָבער, אַז די ראַדיקאַלן זײַנען געווען אָנהענגער פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל אין דער נײַער געשיכטע פּראָקלאַמירט די גלײַכבארעכטיקונג פון די יידן. מען דאַרף זיך משער זײַן, אַז זייער באַציִונג צו דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע איז נישט געבליבן אָן השפעה אויף זייער באַציִונג צו די פּוילישע יידן.

דעם דאָזיקן מאָמענט האָט אָבער אָפּגעשוואַכט זייער התקרבות צו דעם וואַרשעווער בירגערטום, בפרט צו זײַנע אָרעמערע שיכטן, מיט וועלכע עס איז זיי נישט איין מאָל אויסגעקומען האַנט בײַ האַנט צו אַרבעטן אַנטקעגן דער פּאָליטיק פון דער אויפשטאַנדישער מאַכט, וואָס איז נישט תמיד געווען אַ פעסטע און דעצידירטע. די קריסטלעכע האַנטווערקער און קליינהענדלער אין וואַרשע האָבן צום מיינסט געליטן פון דער יידישער קאָנקורענץ. זיי זײַנען עס געווען דער עלעמענט, וואָס פלעגט אַרויסטרעטן אַקעגן

די ייִדן, זיי פלעגן עס צום ענערגישסטן פאָדערן, מען זאָל פאַרטרײַבן די ייִדן פון וואַרשע. זיי זײַנען עס אויך די אַלגעמיינע שטאָטישע פאַרזאַמלונגען (פובליקעס) אַרויסגעטרעטן קעגן דעם שטאָטישן פאַטריציאַט, וואָס האָט טאָלערירט די ייִדן אין וואַרשע, זיי פאַרדינגען וווינונגען וכדומה. דער פאָגראָם אין יאָר 1790 אין וואַרשע איז געווען דער אויפּטו פון די־דאָזיקע אָרעמע עלעמענטן.

דער ענגער צוזאַמענבונד, וואָס איז געווען צווישן די ראַדיקאַלן און דעם קליינבירגערטום, האָט ממילא געמוזט ווירקן אויף דער באַציִונג פון די ראַדיקאַלן צו די ייִדן בעת דעם אויפשטאַנד. דערפון נעמט זיך מסתמא די מפּלה פון די ייִדן אין קאַמף פאַר אָפּשאַפן דעם טאָגצעטל, וואָס וועגן דעם וועט שפּעטער זײַן די רייד און וואָס האָט פאַר די ייִדן נישט בלויז פון וואַרשע, נאָר אויך פון גאַנצן לאַנד געהאַט אַ פרינציפּיעלע באַדײַטונג.

די מעסיקע זײַנען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע גרופּעס. עס איז דעריבער שווער בײַ זיי צו זוכן אַן איינהייטלעכע שטעלונג צו דער ייִדן־פראַגע. וועגן דער באַציִונג פון איינצלנע פּערזאָנען פון דעם געמעסיקטן לאַגער — האָבן מיר נישט קיין שום ידיעות אויסער איגנאַצי זאַקשעווסקין, איינער פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן בעת דעם אויפשטאַנד. וועגן זײַן באַציִונג וועט נאָך שפּעטער זײַן אַ רייד. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן שוין אָבער געהאַט צו די ייִדן בשעתן אויפשטאַנד אַ גאַנץ קלאָרע באַציִונג. וועגן דעם וועט זײַן אַ רייד שפּעטער.

די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן פון אויפשטאַנד, אומאָפּהענגיק דערפון צי זיי האָבן געהערט צום ראַדיקאַלן צי צו דעם געמעסיקטן לאַגער, האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, ווי וויכטיק עס איז פאַר זיי צו געווינען די פּוילישע ייִדן פאַרן אויפשטאַנד. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט מחמת איר אָנגעזעענער ראָלע אינם אינעווייניקסטן און אויסלענדישן האַנדל און אין מלאָכה געקענט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע א) דורך באַזאָרגן דאָס מיליטער מיט כּלי־זיין, אַמוניציע, לעבנסמיטלען, באַקליידונג וכדומה, ב) דורך פינאַנציעלע הילף [3] און ג) דורך אויסשפּיר־דינסט און דורך פאַרשיידענע אַנדערע הילפסדינסטן.

מסתמא האָט זיך די אויפשטאַנדישע מאַכט נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דער מיליטערישער באַדײַטונג פון די ייִדן, אַן עלעמענט אָן טראַדיציעס פון מלחמות און אָן דער געהעריקער צוגרייטונג. מען האָט אָבער נישט געקענט גרינגשאַצן זייער הילף בײַם גראָבן שוצגריבער, בײַם האַלטן וואַכן, אין אויסשפּירדינסט, אויפן געביט פון טראַנספּאָרט אאַז״וו.

דאָס געווינען די ייִדישע באַפעלקערונג פאַר דעם אויפשטאַנד האָט אויך געקענט שטאַרקן פינאַנציעל די קאַסע פון אויפשטאַנד דורך שטײַערן, נדבות, קרעדיטן אאַז״וו.

דאָס געווינען די ייִדן פאַרן אויפשטאַנד וואָלט אויך געהאַט אַ געוויסע מאָראַלישע באַדײַטונג. עס וואָלט געשטאַרקט די סימפּאַטיעס פון אויסלאַנד

לגבי דעם אויפשטאַנד. דערמיט דערקלערט זיך טאַקע די טענדענץ פון דער אַנפירערשאַפט פונעם אויפשטאַנד צוצוציִען אַלע פעלקער און אומות פון פוילן צום אַנטייל אין קאַמף. די באַציִונג צו יידן מצד די אַנפירער פון אויפשטאַנד איז געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק בנוגע די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מיעוטים.

ווי ווייַט די אַנפירוגג פון אויפשטאַנד האָט זיך גערעכנט מיט די סימפּאַטיעס פון אויסלאַנד, באַווייַזן די ווערטער פון קאָשטשושקאָ:[4] „קיין שום זאַך קען נישט אַזוי שטאַרק איבערצייַגן די ווייַטסטע פעלקער אין דער הייליקייט פון אונדזער זאַך און אין דער יושרדיקייט פון דער איצטיקער רעוואָלוציע, ווי דאָס וואָס מענטשן, וועלכע שיידן זיך אונטער פון אונדז מיט זייער רעליגיע און מנהגים, זייַנען פון אייגענעם ווילן גרייט מקריב צו זייַן זייער לעבן פאַר דעם וווּיל פון אויפשטאַנד״.

אין הסכם מיט אַזאַ מין איינשטעלונג פאַרנעמט די אויפשטאַנדישע מאַכט אַ דעצידירטע שטעלונג קעגן אַלע פּרוּוון, מצד די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אַרויסצורופן נאַציאָנאַלע סיכסוכים דורך העצן קעגן די נאַציאָנאַלע מיעוטים, וואָס ווערן באַשולדיקט אין בגידה, שפּיאָנאַזש, אויסבאַהאַלטן שונאים, געוועד וכדומה. פונקט אַזוי האַנדלט די אויפשטאַנדישע מאַכט, ווען עס ווערן געמאַכט פּרוּוון צו אַראַנזשירן אַנטי יידישע אַרויסטרעטונגען. ווען די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן אָנהייב מייַ 1794 אַנטוויקלט אַ וויסטע העצע קעגן די יידן, האָבן די פירער פון דער אינסורעקציע תיכּף דערשטיקט דעם דאָזיקן פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם אויף די וואַרשעווער יידן.

אַ באַווייַז פון דער טאָלעראַנטער באַציִונג מצד דער מאַכט צו די יידן איז אויך דער באַפעל פון וואַרשעווער קאָמענדאַנט גענעראַל מאָקראָנאָווסקי פון 18טן מייַ, וואָס רעקאָמענדירט די זעלנער „אייַנצוהאַלטן די רו און באַגיין זיך יושרדיק מיט אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון שטאַנד און אמונה״. דער דאָזיקער באַפעל איז געווען אָן ענטפער אויף דער ווענדונג פון די יידישע בעלי־מלאָכות אין וואַרשע מכּוח די עוולות, וואָס זיי קומט אויס אויסצושטיין מצד די זעלנער.[5]

אַז מיר רעדן וועגן דער באַציִונג פון דער צענטראַלער מאַכט צו די יידן בעתן אויפשטאַנד, דאַרף אין דער ערשטער ריי באַטאָנט ווערן די באַציִונג פון דעם אָנפירער פון אויפשטאַנד, טאַדעוש קאָשטשושקאָ צו די יידן.

עס זייַנען אונדז באַקאַנט די אָנשויוּנגען פון קאָשטשושקאָ וועגן דער גלייַכקייט פון אַלע ראַסעס, פעלקער און אמונות.

זייַנע דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע איבערצייַגונגען, זייַן אָנטייל אין דעם אַמעריקאַנער פרייַהייטסקריג האָבן אים געבראַכט דעם בכּבֿודיק

טיטול פון אַן ערן-בירגער פון רעוואָלוציאָנערן קאָנווענט אין פראַנקרײַך. דאָס אַלץ האָט ממילא געמוזט האָבן אַ השפעה אויף זײַן באַציִונג צו די ייִדן פון פוילן. מסתמא האָט אויף זײַנע האַנדלונגען לגבי די ייִדן געמוזט אויך ווירקן דער בײַשפּיל פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענעצונגען לגבי די ייִדן און אַדורכגעפירט זייער גלײַכבאַרעכטיקונג.

אַז קאָשטשושקאָס באַציִונג צו ייִדן איז טאַקע געשטאַנען אין הסכם מיט זײַנע דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע איבערצײַגונגען, באַשטעטיקן אונדז זײַנע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען וועגן די ייִדן אין פוילן.[6] שוין אין ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, דעם 24טן מערץ, בעת זײַן באַרימטער פּראָגראַם-רעדע אויפן קראָקעווער מאַרק, האָט קאָשטשושקאָ געזאָגט צווישן אַנדערע זאַכן: „חשובֿע הערן! בײַ דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד זענען אַלע בײַ מיר גלײַך, און דעריבער שאַץ איך גלײַך אַ ייִד, אַ פּויער, אַ שליאַכציץ, אַ גלח און אַ שטאָטמאַן".[7]

בעת זײַן אויפהאַלט אין קראָקע האָט קאָשטשושקאָ, כּדי צו געווינען די ייִדן פאַרן אויפשטאַנד, געהאַלטן אין דער שול אַ רעדע וועגן דער ייִדן-פראַגע אין פוילן. דער טעקסט פון דער דאָזיקער היסטאָרישער רעדע איז נישט באַקאַנט. לויט דער דערקלערונג פון דעם קראָקעווער רב ה. ד. לעווי זאָל קאָשטשושקאָ זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז „שטרעבנדיק צו באַגליקן די אײַנוווינער פון זײַן פאָטערלאַנד פאַררעכנט ער צו זיי אויך די ייִדן".[8]

עס איז אויך באַקאַנט אַ בריוו פון קאָשטשושקאָ צו דעם נאַציאָנאַלן הויפּטראַט, דאַטירט דעם 18טן סעפּטעמבער,[9] וועגן דעם טאָגצעטל, וואָס די וואַרשעווער ייִדן האָבן געדאַרפט צאָלן פאַר זייער וואוינרעכט. אין דעם דאָזיקן בריוו שרײַבט קאָשטשושקאָ: „איך לייג דאָ בײַ מײַנע פריִער שוין דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט געמאַכטע באַמערקונגען און רעקאָמענדאַציעס וועגן די ייִדן. שוין צוויי מאָל האָבן זיי זיך צו מיר געווענדט מיט בקשות און אָנקלאַגעס אויף פאַרשיידענע באַשווערונגען, בפרט אין דער פראַגע פון „טאָגצעטל". בײַ דער אַלטער רעגירונג (ד"ה פאַרן אויפשטאַנד) האָבן די ייִדן — לייענען מיר ווײַטער אין קאָשטשושקאָס בריוו — צוזאַמען מיט אַנדערע עוולות געמוזט פאַרטראָגן אויך די דאָזיקע (ה"ה דאָס צאָלן דעם טאָגצעטל), אָבער הײַנט, ווען דאָס פאָטערלאַנד איז צו אַלעמען ווי אַ מאַמע, ווען דאָס פאָטערלאַנד דאַרף אַלעמען אַרויסווײַזן יושר, פּאַסט זיך נישט און עס איז אויך נישט קיין יושר, אַז דער קלאַס מענטשן (ד"ה די ייִדן), וואָס איז גלײַך מיט אַנדערע ניצלעך און וויל גלײַך מיט אַנדערע צו טראָגן צו דער פאַרטיידיקונג פון דעם כּלל — זאָל נישט געניסן פון גנאָד פון דער רעגירונג".

קאָשטשושקאָס באַציִונג צו די ייִדן קומט אויך צום אויסדרוק

אין [17] זײַן אַרטיקל אד״ס „די ידיעה וועגן דער פֿאַרמירונג פֿון דעם יידישן פֿולק״ וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דעמאָלטיקן רעגירונגס-בלאַט: „קיין שום זאַך — זאָגט קאָשטשושקאָ — קען נישט אַזוי איבערצײַגן די ווײַטסטע פֿעלקער וועגן דער הייליקייט פֿון אונדזער זאַך און דעם יושר פֿון דער איצטיקער רעוואָלוציע, ווי דאָס וואָס מענטשן, וועלכע האָבן אַן אַנדערע רעליגיע און אַנדערע מנהגים, זײַנען פֿון אייגענעם ווילן מקריב זייער לעבן בכדי אונטערצושטיצן אונדזער אויפֿשטאַנד״. „דער אַנ-טייל פֿון די ייִדן אין אויפֿשטאַנד — שרײַבט ווײַטער קאָשטשושקאָ — פֿאַרחידושט נאָך מער מחמת דעם, וואָס די ייִדן, וועלכע האָבן אין אַלטער-טום פֿאַרוווּנדערט די וועלט מיט זייער מוט און העלדישע קאַמפֿן פֿאַר פֿרײַהייט, האָבן זינט זיי האָבן פֿאַרלאָזן זייער פֿאָטערלאַנד, נישט געוואָלט אָנטייל נעמען אין די בלוטיקע קאַמפֿן, וועלכע די אכזריותדיקע דעספּאָטן פֿלעגן פֿירן אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד״. „אַן אויסנאַם פֿון דעם אַלגעמיינעם כּלל, נישט צו מישן זיך אין מלחמות פֿון פֿעלקער, זײַנען די אַפּריל-קאַמפֿן אין וואַרשע אין יאָר 1794, בעת וועלכע די ייִדן האָבן מו-טיק געקעמפֿט מיטן שונא״. ווײַטער שרײַבט קאָשטשושקאָ: „עס איז נישטאָ אויף דער פּוילישער ערד קיין אײַנוווינער, וואָס זאָל נישט פֿאַרבינדן מיט דעם אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק זײַן פֿרײַהייט און גליק און וואָס זאָל זיך נישט פֿלײַסן מיט אַלע כּוחות צו שטאַרקן אים (ד״ה דעם אויפֿשטאַנד)״. דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט דער ידיעה, אַז „די ייִדן בערעק יאָסעלעוויטש און יוסף אַראָנאָוויטש האָבנדיק אין זינען, אַז זיי זײַנען געבוירן געוואָרן אויף דער דאָזיקער ערד, אַז נאָכן באַפֿרײַען דאָס לאַנד וועלן זיי צוזאַמען מיט אַנדערע דערפֿון געניסן, האָבן זיי מיר פֿירגעבראַכט זייער חשק צו פֿאַרמירן אַ ייִדישן פֿולק פֿון לײַכטער קאַוואַלעריע. איך באַגריס זייער פֿלײַס ענדיקט קאָשטשושקאָ — און גיב זיי די דערלויבעניש צו ווערבירן דעם דערמאָנטן פֿולק, צו פֿאַרזאָרגן אים מיט אַלע נייטיקע כּלי-זיין, כּדי זיי זאָלן וואָס גיכער קענען אַרײַנגערעכנט ווערן אין עטאַט פֿון דער רע-פּובליק און זיי זאָלן וואָס בעסער קעמפֿן מיטן פֿײַנט״.

אין הכּכם מיט דער אויביקער שטעלונג פֿון קאָשטשושקאָ און פֿון די אָנפֿירנדיקע ספֿערן פֿון אויפֿשטאַנד באַציִען זיך טאַקע אַלע אוניווערסאַלן הן פֿון דער צענטראַלער הן פֿון דער לאָקאַלער מאַכט אין פּרינציפּ גלײַך צו ייִדן ווי צו אַנדערע בירגער פֿון לאַנד. אין די אַקטן פֿון דער צענט-ראַלער מאַכט, הן די געדרוקטע, הן די וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין כּתבֿ-יד, געפֿינט מען נישט קיין ספּעציעלע פֿאַרוווּרפֿן קעגן ייִדן וועגן פּאַסיווי-טעט, פֿאַראַט און נישט דערפֿילן זייערע התחייבֿותן וכדומה. פֿאַרקערט עס זײַנען מצד דער אויפֿשטאַנדער-מאַכט פֿאַראַן אויסדרוקן פֿון אָנערקענונג (צ״ב אין דער פּרעסע) און אַפֿילו סימנים פֿון צוטרוי. ווי אַ בײַשפּיל וועלן מיר דערמאָנען דאָס אַרויפֿלייגן אויף די קהילות דעם חובֿ נאָכצושפּירן די באַ-

װעגונגען פֿון דער פּײַנטלעכער אַרמײ און אינפֿאָרמירן װעגן דעם די אױפֿשטענדישע אָפּטײלונגען.

אָבער נישט תּמיד זײַנען די האַנדלונגען פֿון דער צענטראַלער מאַכט געװען אין הסכּם מיט דער אַלגעמײנער פּאָליטיק לגבי די ייִדן. דאָס נעמט זיך דערפֿון, װאָס דאָס בירגערטום האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אױף דעם אױפֿשטאַנד און אױף זײַנע פֿירער. פֿאַר אַ בײַשפּיל, װי די צענטראַל-מאַכט פֿלעגט טײל מאָל אָפּװײַכן פֿון דער אַלגעמײנער ליניע, װעלן מיר דאָ בלױז דערמאָנען די פֿראַגע פֿון טאָגצעטל אין װאַרשע, װעלכע האָט געהאַט פֿאַר די ייִדן אַ פּרינציפּיעלע באַדײַטונג, װײַטער די האַנדלונג פֿון „דעם פֿרײַנד פֿון מענטשהײט“ — װי מען פֿלעגט רופֿן דעם פּרעזידענט פֿון װאַרשע זאַקשעװסקי לגבי די ייִדן. אױך די פּראַקטיק בנוגע דעם פֿלומרשטן ייִדישן שפּיאָנאַזש האָט אַרױסגערופֿן בײז בלוט בײַ די ייִדן. װעגן די אַלע פֿראַגן װעט אונדז נאָך אױסקומען צו רעדן אין די װײַטער-דיקע קאַפּיטלען.

הערות:

1 W. Tokarz: Insurekcja warszawska, Warszawa 1935, p. 5.

2 Próchnik Adam: Demokracja kościuszkowska, Lwów 1920, p. 137

3 ענלעך שאַצט אויך אַפּ די באַדײַטונג פֿון די ייִדן פֿאַר דעם נאָוועמבער-אויפֿשטאַנד איינער פֿון די פֿירער פֿון דעם נאָוועמבערג-אויפֿשטאַנד פֿון יאָר 1830 מאָריצי מאַכנאַצקי Maurycy Mochnacki: Powstanie narodu polskiego w r. 1830, I. p. 3—60 „דער אויפֿשטאַנד האָט זיך געניײטיקט אין כּלי-זיין. וואָלט דאָס דען נישט געליווערט דער געשמדטער און נישט-געשמדטער ייִד, ווען ער וואָלט געזען, אַז מיר פֿאַראייניקן זײַן ווויל מיט אונדזער זאַך. מיר האָבן זיך גענייטיקט אין געלט, ישראל הערשט מיט דעם צעפּטער פֿון ממון. וואָס וואָלט ער אַלץ נישט געגעבן פּוילן פֿאַרן צוזאָג, אַז ער וועט דאָ געפֿינען אַ היים? מיר האָבן זיך גענייטיקט אין אינפֿאָרמאַציעס, שפּיאָנאַזש, אין דער פּאָליציי און אין צאַרס אַרמיי, אָבער עס איז אונדז לכל הפּחות שטאַרק געגאַנגען דערין, אַז דער שׂונא זאָל נישט וויסן וועגן אונדזערע אונטערנעמונגען און באַוועגונגען — ווער דען אויב נישט אַ ייִד איז געווען צוגעפּאַסט צו אַזאַ טאָפּלטן דינסט פֿאַרן פּוילישן אויפֿשטאַנד?. צום סוף האָט דאָס פּוילישע פֿאָלק זיך גענייטיקט אין אַנערקענונג מצד די פֿרעמדע מלוכות... פּונקט ווי אין פּוילן האָט יעדער דאַרף זײַנעם אַ ייִדישן קרעטשמער, יעדער אויסברענגער זײַנעם אַ ייִדישן מעקלער, אַזוי האָבן אויך אין אייראָפּע אַלע קאַבינעטן, אַלע מיניסטאָרן, אַלע געזעצגעבערישע קאַמערן, אַלע בירזשעס זייערע ייִדישע מעקלערס". מאָכנאַצקי האָט דאָ אַ ביסעלע איבערגעכאַפּט די מאָס בײַם שילדערן די ריזיקע השפּעות פֿון דער ייִדישער „גרויסמאַכט". עס איז אָבער ריכטיק, אַז די ייִדן האָבן געקענט אַ סך אויפֿטון אויך פֿאַר דעם נאָוועמבער-אויפֿשטאַנד, ווען מען וואָלט זיך בלויז באַמיט זיי צו געווינען און נישט — ווי דאָס איז לכתּחילה געטון געוואָרן — צו דערווייטערן זיי פֿון דעם אָנטייל אין פּוילישן פֿרײַהײַט קאַמף.

4 Gazeta rządowa, 1794, Nr. 78, p. 313–4

דיראָזיקע ווערטער נעמען מיר אַרויס פֿון קאָשטשושקאָס אַרטיקל אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפֿקום פֿון דעם בערעק-פּולק.

5 A. Skałkowski: Z dziejów insurekcji 1794, r, Warszawa 1926 d. 29.

6 F. Bąkowski: Kraków w czasie powstania Kościuszki, Kraków 1893, p. 12.

7 עס ווערן פֿאַרציילט פֿאַרשיידענע אַנעקדאָטן וועגן באַגעגענישן פֿון קאָשטשושקאָן מיט פּוילישע ייִדן אין אַמעריקע. קאָשטשושקאָ האָט אין אַמעריקע געטראָפֿן אַ פּוילישן ייִד און זיך זייער מיט אים דערפֿרייט. ווען קאָשטשושקאָ האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז זײַן קאַפּאָטע איז אַ פֿאַרשמירטע זאָל דער ייִד האָבן געענטפֿערט: „האָר לעבן! ווען מיר זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּינטשעוו, אין געווען אַ גרויסע בלאָטע"...

(A. Skałkowski: Kościuszko w świetle nowszych badań, 1924, p. 21).

אין דעם נישט לאַנג אַרויסגעגאַנגענעם יאָרבוך פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון די פּוילישע ייִדן אין אַמעריקע („פּוילישע ייִדן" 1935) האָט ש. טשאַרנאָבראָדאַ (אין דעם אַרטיקל

פּוילישע יידן אין רימשמאָנד") געבראַכט די ווייטערדיקע דערציילונג פֿון אַ יידישן סוחר
פֿון ווילנע, מיטן נאָמען יעקב פּאָזנאַנסקי, וועגן זײַן באַגעגעניש מיט קאָשטשושקאָ אין יאָר
1795 אויף אַ שיף, וואָס איז געפֿאָרן קיין אַמעריקע: קאָשטשושקאָ האָט זיך שטאַרק פֿאַר-
אינטערעסירט מיטן גורל פֿון אַרעמען עמיגראַנט און אַפֿילו אים אַרויסגעהאָלפֿן מיט געלט
לטבע טאַלער. פּאָזנאַנסקי, וועלכער איז שפּעטער רײַך געוואָרן און געענדערט דעם נאָמען
א זיף לייטאָן, האָט אויס דאַנקבאַרקייט צו קאָשטשושקאָ אַ נאָמען נעגעבן זײַן זון טאַדעוש.

8 J. Szacki: Kościuszko a Żydzi, Warszawa 1917.

Adam Skałkowski: Z dziejów insurekcji w r. 1794, Warszawa 1926 האָט
אין זײַן בוך אַדורכגעפֿירט אַ רעוויזיע פֿון אַ גאַנצער ריי אָנשוויונגען וועגן דעם קאָשטשוש-
קאָאויפֿשטאַנד, צווישן אַנדערע האָט ער אויך אַרומגערעדט די פֿראַגע פֿון פֿולק פֿון בערעק
יאָסעלעוויטש און דעם אָנטייל פֿון די יידן בעתן אויפֿשטאַנד אין יאָר 1794. צו סקאַל-
קאָווסקיס מיינונגען וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. דאָ איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז ער גלייבט
נישט אין די רייד פֿון קראָקעווער רבֿ ה. ד. לעווי וועגן דעם, אַז קאָשטשושקאָ האָט גע-
האַלטן אַ רעדע אין דער קראָקעווער שול. סקאַלקאָווסקיס אַרגומענט, אַז „אַזאַ אַרויסטרע-
טונג וואָלט נישט געקאָנט פֿאַרבײַגיין פֿאַר דער עפֿנטלעכער אויפֿמערקזאַמקייט און אַז עס
פֿעלן וועגן דעם נאָטיצן אין אַנדערע מקורים", איז כּלל קיין ראַיה נישט. איבעריקנס האָבן
מיר דאָך געזען, אַז אין אַנדערע דאָקומענטן, ווי צ"ב אין דעם בריוו פֿון קאָשטשושקאָ פֿון
17 טן סעפּטעמבער וועגן דעם שאַפֿן דעם פּולק פֿון בערעקן – דריקט קאָשטשושקאָ
אויס ענלעכע געדאַנקען ווי די, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין דער קראָקעווער שול.

9 Akty powstania Kościuszki, I, Warszawa 1918, XLVIII;

דאָס זעלביקע אין כּתבֿ-יד: Arch. Kr. Fol. 270, p. 109

10 Gazeta Rządowa 17/XI 1794, № 78, p. 312—3.

קאַפּיטל IV

די ייִדן אין די אויפֿשטאַנדישע רייען.

א) אינטעליגענץ, פּלוטאָקראַטיע און די פֿאָלקסמאַסן לגבי דעם אויפֿשטאַנד.

אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר אַרומגערעדט די אויסנווייניקסטע מאָמענטן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער באַציִונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צום אויפֿשטאַנד, איצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט די אינעווייניקסטע פֿאַקטאָרן. די היסטאָריקער, וואָס רעדן וועגן אַ נעגאַטיווער אָדער פּאָזיטיווער באַציִונג פֿון ייִדן אַלס גאַנצקייט, באַגייען אַ גרויסן פֿעלער. די פּוילישע ייִדן זײַנען — ווי דאָס איז שוין אויפֿגעקלערט געוואָרן פֿריִער — נישט געווען אין סאָציאַלן זינען אַן איינהייטלעכע מאַסע. אמת, עס זײַנען נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין אויסגעקריסטאַליזירטע פּאָליטישע אונטערשיידן, עס האָבן זיך אָבער שוין דאַן געלאָזט מערקן געוויסע אונטערשיידן בנוגע צום אויפֿשטאַנד.

וואָס שײַך דעם קליינעם הײַפֿל ייִדישע **אינטעליגענץ** איז — חוץ געוויסע אויסנאַמען — איר שטעלונג געווען אַ פּאַסיווע. עס לאָזט זיך נישט באַמערקן קיין שום איניציאַטיווע פֿון איר זײַט בײַם שאַפֿן דעם ייִדישן פֿולק. דאָס וועט אונדז כּלל נישט חידושן, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז די ייִדישע אינטעליגענץ פֿלעגט דעמאָלט שעפֿן איר בילדונג אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטן און אַז זי איז צו ווייניק געווען צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אָרטיקן לעבן, אַז דער ענין אויפֿשטאַנד זאָל זי טיפֿער אָנרירן. אַנדערש איז געווען מיט אַ פּאָר יאָרצענדלינג שפּעטער, בעתן נאָוועמבער-אויפֿשטאַנד אין יאָר 1830. די ייִדישע אינטעליגענץ, דערצויגן אין פּוילישע שולן, האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט און מאָביליזירט די ייִדישע געזעלשאַפֿט צום קאַמף מיטן שונא.

די ייִדישע אינטעליגענץ פֿון דעם נאָוועמבער-אויפֿשטאַנד האָט איר אָנטייל אין דעם באַזונדערן קאַמף פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿאַרבונדן מיט פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע ווי אויך מיט דער גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון דעם

קלאַס, צו וועלכן זי האָט אין איר מערהייט געהערט ד״ה פֿון דעם ביר־גערטום. זי האָט געהאָפֿט, אַז אַלס פּרײַז פֿאַר איר אָנטייל אין קאַמף וועט זי באַקומען די זעלביקע רעכט וואָס די אָרטיקע באַפֿעלקערונג.

אַנדערש איז געווען אין יאָר 1794. די מער אויפֿגעקלערטע עלע־מענטן צווישן די פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן מיט דער הילף פֿון זייערע אויסלענדישע ברידער (דאָס רוב דײַטשע און ענגלישע) געמאַכט פֿאַרן קאָש־טשושקאָ־אויפֿשטאַנד באַמיִונגען אַרײַנצופֿירן אין ייִדישן לעבן רעפֿאָרמען אין גײַסט פֿון גלײַכבאַרעכטיקונג און פּראָגרעס, האָבן זיך געקענט איבער־צײַגן, אַז בײַ די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונ־גען זײַנען די דאָזיקע פּרוּוון כּרוכטלאָז. אויב עס איז אַפֿילו געווען אַ שטיקל אינטערעס צו דער ייִדישער פֿראַגע מצד דעם ליבעראַלן טייל פֿון די פּוי־לישע פּריצים, איז דאָס אַלץ געווען אַ ריין טעאָרעטישע דיסקוסיע. דער פּיריאָריקער סיים, וואָס האָט אַזוי פֿיל רעפֿאָרמען אַדורכגעפֿירט, האָט נישט געפֿונען קיין צײַט אויף צו באַטראַכטן דעם מצבֿ פֿון די פּוילישע ייִדן. די קאָמיסיע פֿאַר ייִדישע פֿראַגן, וואָס איז דורך דעם סיים אויסגעקליבן געוואָרן, האָט געהאַלטן אין כּסדרדיקן רעאָרגאַניזירן זיך. אין דער אונטער־שטער שורה האָט זיך פֿון דעם גאַנצן מבול רעפֿאָרם־פּראָיעקטן און זיצונ־גען אויסגעלאָזט אַ טײַך. די לאַגע פֿון די פּוילישע ייִדן איז נישט געוואָרן בעסער, זי איז נאָך איבער די באַקאַנטע נײַע געזעצן (וועגן די שטעט) געוואָרן ערגער, דאָס האָט ממילא געמוזט משפּיע זײַן אויף דער שטעלונג פֿון דעם הײַפֿל ייִדישע אינטעליגענץ אין וואַרשע צו דעם אויפֿשטאַנד.

אַן אויסנאַם פֿון דעם אַלגעמיינעם כּלל איז ד״ר פּאַלאָנוס, וואָס איז נישט לאַנג אויסגעפֿינען געוואָרן דורך ד״ר נ. מ. געלבער און מאַג׳ פּ. קאָן. אַן אויסנאַם איז אויך יענער אַנאָנימער וואַרשעווער דאָקטאָר, וועל־כער האָט זיך צוזאַמען מיט 3 גבֿירים אונטערגענומען צו באַזאָרגן מיט מונדירן אַ געוויסער צאָל זעלנער.

רעזומירן מיר דאָס אַלץ, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די ייִדישע אינטע־ליגענץ האָט נישט געשפּילט אין אויפֿשטאַנד די ראָלע וואָס אין יאָר 1830.

אַן ענלעכע באַציִונג צום אויפֿשטאַנד האָט פֿאַרנומען די ייִדישע **פּלוטאָקראַטיע**, וועלכע איז אויך דאָס רוב געווען פֿון אויסלענדי־שער אָפּשטאַמונג און ווייניק צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער אָרטיקער באַפֿעל־קערונג. צו דער גלײַכגילטיקייט פֿון דער דאָזיקער שיכט האָט מסתּמא מיטגעווירקט פּונקט ווי בײַ דער אינטעליגענץ דער דורכפֿאַל פֿון דער־אַקציע צו רעפֿאָרמירן דאָס ייִדישע לעבן. די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע פֿון וואַרשע איז נאָך אַחוץ דעם געווען געטראָפֿן דורך דעם געזעץ וועגן די שטעט אין דער קאָנסטיטוציע פֿון 3טן מײַ, בפֿרט דורך דער אַקציע פֿון די וואַרשעווער שטאָטלײַט צו פֿאַרטרײַבן פֿון דער הויפּטשטאָט אַלע ייִדן, אַפֿילו די רײַכע. די יאָרן פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד זײַנען געווען די טרויע־

ריקסטע תקופה אין דער געשיכטע פון די װאַרשעװער ייִדן אין פּאַניאַ-
טאָװסקיס צײַט. די אַלע מאָמענטן האָבן געװירקט אָפּצושװאַכן די פאַר-
אינטערעסירונג פון דער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע אין װאַרשע אין דעם
אױפשטאַנד, הגם מיר קענען פאַרנאָטירן געװיסע פאַקטן פון אונטערשטי-
צונג, װאָס זײ האָבן אַרױסגעװיזן דעם אױפשטאַנד. אַזױ למשל איז באַװוּסט,
אַז די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע אין װאַרשע האָט „אױס ליבע צום אַלגעמײנעם
װױל" דעקלאַרירט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, צוזאַמענגענומען אַ „נדבה" פון
72.450 גילדן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין װאַרשע [1] „אױף צו
שטאַרקן די באַװאָפנטע כּוחות פון פאָלק". [2]

עס איז אונדז אױך באַװוּסט, אַז פיר באַקאַנטע װאַרשעװער ייִדישע
גבירים: דער שױן דערמאָנטער דוד קעניגסבערגער, לעװי, חײם פון לאַסק
און „דער ייִדישער דאָקטאָר" (זײַן נאָמען װערט נישט אָנגעגעבן) האָבן
זיך חוץ דער אַלגעמײנער באַשטײַערונג און דעם קאָפּגעלט מתחיב גע-
װען אױפן אײגענעם חשבון צו באַזאָרגן מיט מונדירן 40 זעלנער אָדער
איבערגעבן אַ געװיסע סומע (צו 241 גילדן פאַר יעדן זעלנער). [3] עס זײַנען
אָבער פאַראַן אַנדערע דאָקומענטן װעגן די זעלביקע מנדבים: עס זײַנען
נעמלעך פאַרהאַלטן געװאָרן די פורװען פון די זעלביקע גבירים דוד קעניגס-
בערגער, חײם פון לאַסק, חוץ דעם יוסף לעװקאָװיטש פון פױזן בײַם שטאַ-
טישן שלאַבאַן מיט קופּערטן, פול מיט חפצים בעת זײ האָבן זיך קעגן דער
פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, געװאָלט אַרױסשמוגלען קײן פּרײַסן. [4]

קעניגסבערגער און חײם פון לאַסק זײַנען נישט געװען די אײנציקע
צװישן דעם רײַכן ייִדישן בירגערטום, װאָס האָבן בדעה געהאַט צו פאַר-
לאָזן די הױפּטשטאָט אױס מורא פאַר באַלאַגערונג און אַנדערע מלחמה-
געשעענישן. עס איז אױפגעהיט געװאָרן אַ דאָקומענט, װאָס באַװײַזט, אַז
די ייִדישע פּלוטאָקראַטיע האָט געפּלאַנט אַ מאַסנהאַפטן אַרױספאָר פון דער
הױפּטשטאָט. װעגן דעם דערװיסן מיר זיך פון דעם מעמאָראַנדום פון „דער
ייִדישער אָרעמשאַפט אין װאַרשע". [5] „די רײַכערע ייִדן — לײענען מיר
דאָרט — האָבן בדעה צונױפצונעמען זײערע פאַרמעגנס און אַרױספירן זײ
קײן אױסלאַנד". פונקט אַזױ האָט געטאָן דאָס רײַכע קריסטלעכע בירגערטום
און אױך די פּריצים. װעגן דעם פאַרציילט אַזאַ מומחה פון דער געשיכטע
פון קאָשטשושקאָ-אױפשטאַנד װי פּראָפ' טאָקאַרזש [6] „באמת-שטרײַכט אונ-
טער דער מחבר — האָבן די שפּיצן פון דער באַפעלקערונג פון דער
הױפּטשטאָט און דאָס סײַ די פּריצישע און סײַ די פּאַטריציש-בירגערלעכע
פאַרנומען לגבי דעם אױסברוך (פון אױפשטאַנד אין װאַרשע) אָדער
אַ בפירוש קעגנערישע שטעלונג אָדער לכל הפחות אַ פּאַסיװע..." „...װער
עס האָט נאָר געקאָנט איז אַרױסגעפאָרן פון װאַרשע, דאָס רוב אין דעם נאָענטסטן
פּרײַסישן געביט, הגם די דאָזיקע אַרױספאָרן האָט מען בדרך-כּלל פאַראורטײלט"

דאָס זעלביקע שרײַבט פּרוכניק: [7] „דער אומװילן צום אױפשטאַנד,

Ex bibl. univ. Tart.

פּאַסיווקייט אָדער די סימפּאַטיע צו רוסלאַנד, וואָס פּלעגט על פּי רוב אַרויסדרינגען פון אידעישע מאָטיוון — דאָס זיינען געווען די בשותּפותדיקע אייגנשאַפטן פון די העברעע שיכטן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, פון דעם פּריצים-שטאַנד, פון דעם מיליטערישן און גייסטלעכן שטאַנד". „פּונקט ווי די רייכע פּריצישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אויך פאַרהאַלטן דאָס רייכע בירגערטום, די שטאָטישע פּלוטאָקראַטיע".

גאָר אַן אַנדערע באַציִונג צום אויפשטאַנד ווי די פּלוטאָקראַטיע און אינטעליגענץ האָבן געהאַט די יידישע פאָלקסמאַסן. צום באַדויערן זיינען נישט פאַרבליבן קיין יידישע מקורים, וואָס זאָלן באַלייכטן ווי געהעריק די אמתדיקע שטעלונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ גאַנצע ריי אָבסערוואַציעס פון עדות, וואָס דערלויבן אונדז צו משפטן וועגן די שטימונגען פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. אויפן יסוד פון פאַרשיידענע מאַטעריאַלן קען די שטעלונג פון דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער אינסורעקציע באַצייכנט ווערן ווי אַ פּאָזיטיווע.

לאָמיר זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן, וואָס האָט די יידישע פאָלקסמאַסן באַוויגן צו פאַרנעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג לגבי דעם אויפשטאַנד. אויסער די אַלגעמיינע, אַזוי צו זאָגן אויסנווייניקסטע סיבות, וועגן וועלכע עס איז שוין געווען די רייד פריער, האָבן דאָ געווירקט נאָך אַנדערע סיבות. אַן אומגעהייערע, אפשר טאַקע אַ דעצידירנדיקע ראָלע האָט דאָ געשפּילט די שׂנאה פון דער יידישער באַפעלקערונג צו רוסלאַנד. די דאָזיקע שׂנאה האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי היסטאָרישע סיבות, דהיינו די יאָרהונדערטער אַלטע פאַרבאָטן פאַר יידן צו וווינען אין די רוסישע פּראָווינצן. עס זיינען אויך מסתּמא נאָך שטאַרק פריש געווען אין זכּרון פון פאָלק די שחיטות פון גאָנטע און זשעלעזניאַק פון יאָר 1768. ווער ווייס, צי האָט מען אויך די שחיטות פון כמיעלניצקי נישט פאַרבונדן מיט רוסלאַנד, בפרט אַז איר האַנט האָט טאַקע שטאַרק געשטעקט אין דידאָזיקע פּאָגראָמען. די שׂנאה צו רוסלאַנד איז נאָך מער געוואָרן געשטאַרקט איבער דער אַכזריותדיקייט פון דער רוסישער אַרמיי לגבי דער אומבאַשיצטער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג אין אָנהייב פון אויפשטאַנד. די יידישע באַפעלקערונג האָט פון די דאָזיקע גרויל-מעשׂים פון דעם רוסישן חייל בפרט פון די קאָזאַקן, געליטן אַ סך מער ווי די קריסטלעכע באַפעלקערונג.

חי וויכטיק עס איז געווען דער אויבן דערמאָנטער פאַקט, קען מען זען פון דער אָרדענונג-קאָמיסיע פון גראָדנער פּאָוויאַט. [9] עס ווייזט בכן אויס, אַז דער אַנטי-רוסישער מאָמענט האָט געשפּילט אַ שטאַרקע ראָלע אין דער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אויפשטאַנד צווישן די יידישע מאַסן. דער קאַמף מיט דעם רוסישן חייל איז געווען אַ קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ פּאַרטיידיקונגס-קאַמף קעגן דעם אכזריות-

דיקן שונא, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן טויט און פֿאַרלענדונג פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן.

דער מאָמענט פֿון שׂנאה צו רוסלאַנד האָט געשפּילט אַ באַדייַטיקע ראָלע אויך אין די שפּעטערדיקע אויפֿשטאַנדן, און ער האָט אויך אויסער אַנדערע גורמים געווירקט אויף די סימפּאַטיעס פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן צו די שפּעטערדיקע אויפֿשטאַנדן.[10]

די אויפֿרודערונג צווישן דער ייִדישער פֿאָלקסמאַסע אין וואַרשע האָט זיך, פּונקט ווי צווישן דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אָנגעהויבן אין די ערשטע טעג פֿון אַפּריל 1794 נאָך פֿאַרן אויסבראָך פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשע (ד״ה פֿאַרן 18טן אַפּריל). דער שפּיאָן יאַן לאַנערי שרייַבט אין אַ בריוו, אַז „מען וואָלט געדאַרפֿט (אין וואַרשע) שפּיאָנירן אַפֿילו די ייִדן״.[11] דאָס איז אַ באַווייַז, אַז די אַלגעמיינע שטימונג פֿון דער. פּוילישער באַפֿעלקערונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף די ייִדן. דאָס זעלביקע וואָס לאַנערי באַשטעטיקט אויך אַ צווייטער שפּיאָן אַנטאָני בוים.[12]

וועגן דעם טיפֿן אויפֿברויז פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג שרייַבט דער אָנטיילנעמער פֿון אויפֿשטאַנד קאַראָל וואַידאַ[13] „די ייִדן – שרייַבט ער – האָבן געשטיצט די פּאָליאַקן נישט בלויז ביים אָנהייב, נאָר אויך אין זייערע ווייַטערדיקע באַמיִונגען. דאָס האָט אין גאַנצן אָפּגעשאַפֿן די איינגעבוירענע שׂנאה צו זיי״.

אויך די פּרעסע[14] און פֿאַרשיידענע דאָקומענטן[15] זאָגן עדות וועגן די טיפֿע אויפֿטרייסלונגען, וואָס האָבן דורכגעדרונגען די ייִדישע מאַסן אונטער דער השפּעה פֿון אויפֿשטאַנד.

פֿון די שטימען פֿון דער פּרעסע איז כּדאַי צו ברענגען די מיינונג פֿון דער „גאַזעטאַ אָביוואַטעלסקאַ״ („בירגער-צייַטונג), [15a] וועלכע שרייַבט: „עס איז אַ וווּנדער. אַז דאָס, וואָס מען האָט נישט געקענט ערגעץ אַנדערש (געמיינט מסתמא עסטרייַך, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער נייַצייַט איינגעפֿירט דעם מיליטער-דינסט פֿון ייִדן) דער-גרייכן מיט צוואַנג, טוען הייַנט די ייִדן ביי אונדז אין וואַרשע מיטן גוטן ווילן. זיי האַלטן גערן וואַך, זיי גייען אין פּאַטרולן, און אַ טייל פֿון זיי הייבן דרייסט אויף דאָס געווער קעגן דעם אַלגעמיינעם שׂונא פֿון גאַנצן פֿאָלק און פֿון דער מענטשהייט. מען קען נישט פֿאַרשווייַגן אָן אַ געהעריקן שבֿח דעם דאָזיקן ערשטן שריט. עס איז צו האָפֿן, אַז נאָך דעם ערשטן בייַשפּיל וועלן קומען ווייַטערע״.

די מעמאָראַנדומס און בקשות פֿון די ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע קהילות דריקן אויך אויס די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די ייִדן. די אונטן געחתמעטע—לייענען מיר אין דער בקשה פֿון מעזריטשער קהל[16]— אויס צוגעבונדנקייט צום פֿאָטערלאַנד, אַדורכעדרונגען מיט דעם אויפֿריכ-

סיקן ווילן מקריב צו זײַן אונדזערע פֿאַרמעגנס פֿאַר די אַלגעמיינע באַדערפֿענישן פֿונם פֿאָטערלאַנד און פֿאַר זײַן רעטונג״...

„מיר דערשלאָגענע און אָרעמע ייִדן – ווערט געשריבן אין אַן אַנדערן דאָקומענט – די גאַנצע אָרעמשאַפֿט פֿון וואַרשע פֿון אַלטן טעסטאַמענט [17] טוען פֿאַרשיידענע, דינסטן וויפֿיל עס קלעקן נאָר אונדזערע כּוחות, מיר זײַנען ממלא אונדזער חובֿ פֿאַרן פֿאָטערלאַנד און מיר פֿירן אויס גערן אַלע באַפֿעלן און טוען פֿאַרשיידענע אַרבעטן, צו וועלכע מיר ווערן צוגעצויגן״.

וועגן דער זייער וואַרעמער באַציִונג פֿון די פּויליש ייִדן צום אויפֿשטאַנד שרײַבט אַ געוויסער דײַטש גראַנוי, וועלכער איז אַגבֿ נישט גוט געשטימט לגבי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. „זיי האָבן געשאַפֿן אַן אייגענעם פֿולק – שרײַבט ער – און מיט פֿלײַס געאַרבעט אויף די שטאָטישע וואַלן, זיי האָבן זיך געפֿלײַסט אַרויסצוווײַזן זייער ליבע צום פֿאָטערלאַנד אין אַ וואָס אַ בעסערער שײַן. דורך דעם האָבן זיי געוווּנען די סימפּאַטיעס פֿון בירגערטום און מען האָט זיי גערן טאָלערירט״. גראַנוי מיינט אַפֿילו, אז דאָס איז געווען נישט מער ווי „אַ פּאַטריאָטישע מאַסקע״. נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז דאָ אויבן געזאָגט געוואָרן איז נישט נויטיק צו קאָריגירן די דאָזיקע איינזײַטיקע, פּאַרטייִשע מיינונג.

דער גלענצנדער קענער פֿון דער קאָשטשושקאָ-תּקופֿה, פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש, באַצייכנט די דאָזיקע תּקופֿה ווי „אַ צײַט פֿון דער ערשטער ייִדיש-פּויליש ער פֿאַרברידערונג״. יעדער וואָס וועט זיך באַקענען מיט דעם גאַנצן סכום מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען שײַך דעם אָנטייל פֿון די ייִדן אין אויפֿשטאַנד, מוז מודה זיין, אַז די כאַראַקטעריסטיק פֿון פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש איז טאַקע אַ גערעכטע.

הערות:

1 Ekonomiczne St. Warszawy Nr. 1258.

2 Arch. Król. Pol. 153, p. 750.
די איניציאַטאָרן פֿון „דער צושטײַערונג" („ofiara") זײַנען געווען 2 ייִדן, לייזער מאַרקאָוויטש און מאיר לעווקאָוויטש, וועלכע האָבן געפֿאָדערט דערפֿאַר א באַלוינונג.

3 Ekonomiczne St. W. nr. 1258 p. 280

4 פֿאַרגלײַך אויך די הוספה צו Gazeta wolna warszawska N. 7, 17. IV. 1794. Arch. Król Pol. 241 p. 286.

5 Arch. Król. Pol. 260 p. 235

6 Tokarz Jnsurekcja p. 75.

7 Pròchnik: Demokracja kość. p. 149
דאָס זעלבע לייענען מיר ווען קראָקע „עס זײַנען אַנטלאָפֿן דערהויפּט די רײַכערע פּריצים און שטאָטלײַט" T. Kupczyński, Kraków w powstaniu Kościuszkowskiem Kraków 1912, p. 153.

8 פֿון ד"ר פּאַלאַנוסעס רעדע: „טײַערע ברידער! האַלט דאָס גוט אין זכּרון, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערע סכּנה און פּלאָג, ווי האָבן אין לאַנד אַ שׂונא, וועלכער האָט נישט קיין אײַנזען און רחמנות אויף קיין שום זאַך. איר אַרבעט אויף אַ שטיקל ברויט מיט אַ בלוטיקן שווייס, קומט דער אכזריותדיקער שׂונא און פּרעסט אויף אײַער פּרוכט פֿאַר אײַך אין די אויגן. ווילדע אכזריות, באַרבאַרישקייט, אומברחמונתדיקע שטראָפֿן באַקומט איר פֿון אים שטאָט באַלוינונג און דאַנק. נישט נאָר וואָס דער שׂונא וווינט אין אײַערע הײַזער, ער מאַכט נאָך חרובֿ און פֿאַרברענט זיי, טרגער פֿון אַ ווילדער חיה, וואָס נאָך דעם וואָס זי האָט באַפֿרידיקט איר תאווה, לאָזט זי לכל הפּחות דעם רעשט איבער פֿאַר אַנדערע. ער פֿאַרשוועכט אײַערע געזעצן און פֿאַרגוואַלדיקט אײַערע רעכט, די רעכט פֿון פֿעלקער און פֿון דער מענטשהייט, ער פֿאַרברענט שטעט און דערפֿער און צעניששטיקט ביז צום גרונט די וווינערטער, וואָס איר האָט אויפֿגעשטעלט פֿאַר זיך און די קומענדיקע דורות. ער הרגעט אויס אײַערע ווײַבער און קינדער און אײַך אַליין שמידט ער אין קייטן. צי קאָן זײַן אַן ערגערע פּײַן, צי קען מען דאָס אַפֿילו פֿאַרגלײַכן מיטן גיהנם, אין דער צײַט ווען אין גיהנם ווערן באַשטראָפֿט בלויז זינדיקע או' דאָ ווערן געפּײַניקט צוגלײַך שולדיקע און אומשולדיקע" (מג"ר פּנחס קאָן: אַ ייִדישע שטים צום אויפֿשטאַנד 1794 אין ווילנע, ווילנע 1933 ז' 10).

9 אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש דאָס עדות-זאָגן פֿון אַן אַרעסטירטן ייִד יאָאַכים באַרוכאָוויטש, וועלכער האָט דערקלערט פֿאַר דער אויספֿאָרשונגס-מאַכט: „בעת דער באַלאַגערונג פֿון וואַרשע האָבן די שׂונאים אונדז אַלעמען באַראַבעוועט, און דעריבער קענען מיר זיי בלויז שעלטן. יעדער פֿון די אײַנוווינער סימפּאַטיזירט מיטן אויפֿשטאַנד און בעט גאָט פֿאַרן ווויל פֿון פּוילישן חיל. (Dział staropolski, V, Nr. 13, Archiwum Skarbowe w Warszawie.

10 ד"ר י. שאצקי: יידן אין אויפשטאַנד פון יאר 1863 (היסטאָרישע שריפטן פון ייוו"א ב. I).

11 Metryka litewska VII, Nr. 188 (הויפט-אַרכיוו אין וואַרשע).

12 Szacki: Kościuszko a Żydzi, 1917

13 Karol Wojda: O rewolucji polskiej z roku 1794. Poznań 1861 (Pamiętniki z wieku XVIII, t. VIII).

14 Korespondent narodowy i zagraniczny Nr. 38, 13/V 1794.

15 Szacki: Kościuszko a Żydzi.

15a Gazeta obywatelska, 4/VI, 1794.

16 Komisja Wojskowa III/51, p. 30 (Arch. Gł. w Warszawie).

17 Archiwum Król. Pol. 240, 21. VI. 1794.

18 „Auffallender ist es, dass nicht in dieser stürmischen Periode die Anzahl der Juden (in Warschau) sich so sehr wermehrt hat. Der Grund hievon liegt in der damaligen Lage der Dinge. Während der Revolution schränkten sich die Beschäftigungen der damaligen Machthaber fast nur auf die Vertheidigung der Stadt ein, und man hatte nicht Zeit an die Aufrechthaltung der Privilegien derselben zu denken. Man brauchte nöthig Geld und hoffte dieses, wie sonst immer, von den Juden zu erhalten; daher man das Einwandern derselben geschehen liess. Der Jude hatte dagegen Politik genug, in dieser gefährlichen Krise eine sehr patriotische Maske vorzulegen; sie formierten eigene Corps, arbeiteten mit grossem Eifer an den Wällen der Stadt und liessen es überhaupt annichts fehlen, ihre Vaterlandsliebe in das stärkste Licht zu stellen; dadurch schmeichelten sie sich bei der Bürgerschaft sehr ein, und man tolerierte sie gern". (Gronau. Uber den Verfall der Hautpstadt Warschau. Warschau 1804).

ב) אַלגעמיינער אויפֿהייב.

דאָס אויפֿשטענדישע מיליטער האָט זיך — לויט פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש[1] געבילדעט פֿון צווייערליי מינים זעלנער, ווי דאָס איז אין אַלגעמיין דעמאָלט אָנגענומען געווען אין אייראָפּע: ערשטנס פֿון פֿרײַוויליקע זעלנער, וועלכע זײַנען מיטן גוטן ווילן געגאַנגען דינען אין מיליטער און צווייטנס פֿון רעגולערע רעקרוטן, וועלכע מען פֿלעגט יוערבירן צווישן די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג און אײַנגלידערן אין דער רעגולערער אַרמיי. חוץ דעם האָט נאָך עקזיסטירט דער אַלגעמיינער אויפֿהייב (pospolite ruszenie), וואָס אין אים האָבן געדאַרפֿט דינען אַלע מאַנצבילן פֿון 18—40 יאָר. אין דער פּראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער חייל פֿון אַלגעמיינעם אויפֿהייב איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו אָפֿענע שלאַכטן. אָבער די אָפּטיילונגען פֿון אָט דעם מין חייל האָבן אַ סך אויפֿגעטון אין די גערילִיאַ-קאַמפֿן, אין שטערן דעם שונא בײַם טראַנספּאָרט פֿון באַשפּײַזונג, אַמוניציע, אין איבעררײַסן זײַנע פֿאַרבינדונגען וכדומה.

חוץ דעם האָבן נאָך עקזיסטירט מיליצן, וועלכע מען פֿלעגט שאַפֿן אין די שטעט, כּדי זיי זאָלן האַלטן וואַך, היטן די קריגס-געפֿאַנגענע אָדער מיליטערישע אָביעקטן וכדומה.

דערצו דאַרף מען נאָך צורעכענען דעם נישט-רעגולערן רעקרוט, גערופֿן אויך דער „רויך״-אָדער „קוימען״-רעקרוט (rekrut dymowy)-דער אויסטערלישער נאָמען האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס מען האָט גענומען די רעקרוטן פֿון אַ געוויסער צאָל קוימענעס. די האָזיקע רעקרוטן זײַנען געווען צווייערליי: פּוסגייער און קאַוואַלעריסטן. זייער באַוואָפֿענונג איז זייער אָפֿט געווען אַ פּרימיטיווע, ווײַל עס האָט אויסגעפֿעלט שיסגעווער, געוויינטלעך פֿלעגן זיי טראָגן פּיקעס, קאָסעס אַרויפֿגעזעצט אויף שטעקנס חי שפּיזן (na sztorc) וכדומה. די מיליץ איז אויך נישט געווען איבעריק גוט באַוואָפֿנט. זייער געווער איז באַשטאַנען פֿון פּיקעס, ביקסן, פּיסטוילן, העק וכדומה.

דער הויפּט-אונטערשייד צווישן די רויך-רעקרוטן און דער מיליץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רויך-רעקרוטן פֿלעגט מען באַנוצן צו מלחמה-

אָפּעראַציעס אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון לאַנד. די מיליץ אָקעגן בלויז, ווען עס איז אַ געפֿאַר דער געגעבענער שטאָט אָדער דעם נאָענטסטן געגנט. דערביי איז איר ראָלע געווען בלויז אַ מיטהעלפֿנדיקע. די מיליציאָנערן זײַנען געווען מחויב יעדן זונטאָג און אין די חגאות אָנטייל צו נעמען אין די ספּעציעלע מיליטערישע געניטונגען.

„דער רויך-רעקרוט — שרײַבט פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש—האָט זיך נישט געהאַלטן פֿאַר קיין זעלנער, און נאָך עטלעכע טעג (פֿון אָנטייל אין די קאַמפֿן) פֿלעגט ער זיך אומקערן אין זײַן שטוב אַרײַן, ווי דאָס האָבן למשל געטאָן די קאָסיניערן (די פּויערים מיט קאָסעס), וועלכע האָבן אונטער ראַצלאַוויצע אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון איבער די רוסן. [2]

די ערשטע פֿאַראָרדענונג וועגן אַלגעמיינעם אויפֿהייב האָט אַרויסגעגעבן די קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט.[3] לויט דער החלטה פֿון 24 טן מערץ זײַנען אַלע אײַנוווינער פֿון דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפֿט געווען מחויב צו שטעלן זיך אונטער געווער. אַחוץ דעם האָט מען פֿון יעדע 5 קוימענעס געדאַרפֿט צושטעלן איין באַוואָפֿנטן פֿוסגייער, פֿון 50 קוימענעס איין באַוואָפֿנטן רײַטער. די אויסדערווײלטע לויט די קוימענעס זײַנען אײַנגעגלידערט געוואָרן אין דעם רעגולערן חייל. לויטן מוסטער פֿון קראָקע זײַנען אויך אַנדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן צוגעטרעטן צו ווערבירן מיליטער. [4]

ערשט אין סעפּטעמבער (דעם 18 טן) איז אַרויס אַ געזעץ פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט, וואָס שטעלט פֿעסט פֿאַרן גאַנצן לאַנד אַלגעמיינע פֿאָרשריפֿטן פֿון רעקרוטירונג, דהײַנו פֿון 10 קוימענעס האָט מען געדאַרפֿט צושטעלן 1 פֿוסגייער מיט הייסן געווער און פֿון 50 קוימענס — 1 רײַטער. [5]

„די צווייטע מיליטערישע אײַנזאַמלונג פֿון חודש סעפּטעמבער — שרײַבט טאָקאַרזש — איז שוין אָנגעקומען אַ סך שווערער. די פּריצים, די שטעט און די קהילות האָבן זיך געקלאָגט, אַז זיי זײַנען נישט אין שטאַנד אויסצופֿירן די דאָזיקע התחייבות, ווײַל דאָס לאַנד איז רויִנירט. עס האָבן דעמאָלט אַפֿילו געטראָפֿן פֿאַלן, וואָס די באַפֿעלקערונג האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מיליטער-פֿליכט און מען האָט געמוזט אָנקומען צו מיליטערישע עקזעקוציעס, צו געלטשטראָפֿן און צו אַנדערע”. [6]

ווי האָבן אויסגעזען די התחייבותן פֿון די ייִדן לגבי דער אַלגעמיינער מיליטער-פֿליכט? מיטן אויסנאַם פֿון אוניווערסאַל פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט פֿון 18 טן סעפּטעמבער האָבן אַלע אַנדערע אוניווערסאַלן פֿון דער העכסטער אויפֿשטענדישער מאַכט און פֿון די לאָקאַלע אָרדענונגס-קאָמיסיעס נישט אַנטהאַלטן קיין שום באַשטימונגען וועגן די ייִדן. **דעריבער** האָבן זיך אין דער פּראַקטיק אַרויסגעשטעלט שאלות:

1. צי זײַנען די ייִדן מחויב צוצושטעלן רעקרוטן צוגלײַך מיט אַנדערע?

2. צי דאַרפֿן זיי צושטעלן רעקרוטן א) אין נאַטור אָדער ב) צי קען מען זיך אויסקויפֿן פֿאַר געלט?

3. צי מוזן די רעקרוטן, וואָס ווערן צוגעשטעלט אין נאַטור, זײַן ייִדן אָדער קענען זיי זײַן אויך קריסטן?

4. וואָס פֿאַר אַ פּרײַז דאַרפֿן ייִדן צאָלן פֿאַר אַ פֿוסגייער און וואָס פֿאַר אַ פּרײַז דאַרפֿן ייִדן צאָלן פֿאַר אַ רײַטער?

וואָס שייך דער ערשטער פֿראַגע באַשטימט דער אוניווערסאַל פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט פֿון 18 טן סעפּטעמבער אָט וואָס: קהילות און ייִדן, וואָס וווינען אין דערפֿער און שטעט זײַנען מחויב צוצושטעלן צו 1 רעקרוט און איין פֿערד פֿון די קוימענעס לויט די זעלביקע פּרינציפּן וואָס די גאַנצע באַפֿעלקערונג. [7]

דער דאָזיקער היסטאָרישער באַשלוס, וואָס שפּרייט אויס אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג די התחייבֿות צוצושטעלן רעקרוטן, באַשטייט מסתּמא אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראַקטיק, וואָס האָט זיך אײַנגעבירגערט אין פּוילן אין לויף פֿון יאָרהונדערטער. עס האָט זיך נעמלעך אײַנגעשטעלט אַ מנהג, אַז די ייִדן האָבן צוזאַמען מיט דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג געדאַרפֿט זאָרגן וועגן דעם צושטאַנד פֿון די שטאָטישע מויערן, וועגן די פֿאָרטיפֿיקאַציעס פֿון דער שטאָט וכדומה. די ייִדישע צעכן האָבן צוגלײַך מיט די קריסטלעכע געמוזט נעמען אויף זיך צו פֿאַרטיידיקן אַ טייל שטאָטישע מויערן אין פֿאַל פֿון אַ פֿײַנטלעכן אָנפֿאַל. אין אַ טייל שטעט פֿלעגט מען אויך די ייִדן אײַנגלידערן אין דער שטאָטישער מיליץ. [8] די מקורים דערמאָנען אויך דעם אַקטיוון אָנטייל פֿון ייִדישע אָפּטיילונגען אין קאַמף מיט פֿאַרשיידענע שונאים. [9]

מסתּמא האָט אויך אויף דער היסטאָרישער החלטה פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט וועגן נעמען ייִדן צום אויפֿשטענדישן מיליטער געהאַט אַ ווירקונג די דיסקוסיע וועגן דעם מיליטער-דינסט פֿון ייִדן אין די צײַטן פֿון פֿיר־יאָריקן סיים. די דאָזיקע דיסקוסיע איז געפֿירט געוואָרן טיילווײַז אונטער דער השפּעה פֿון עסטרײַך, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון אייראָפּע אין די צײַטן פֿון קיסר יאָזעף דעם 2 טן גענומען ייִדן צום מיליטער. וואָס פֿאַר אַן אינטערעס מען האָט געהאַט אין פּוילן צו דער דאָזיקער פֿראַגע, זאָגן עדות די קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער רעאַקציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אויף דער ערשטער רעקרוטירונג [10], וועגן דעם פֿאַרהאַלטן זיך פֿון די ייִדישע זעלנער אויף די שלאַכטפֿעלדער וכדומה.

וועגן דעם מיליטער-דינסט פֿון די ייִדן אין פּוילן האָט מען אין די צײַטן פֿון פֿיר־יאָריקן סיים אַ סך דיסקוטירט אין בראָשורן [11] און אין דער פּרעסע. [12] עס האָט זיך אַפֿילו פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַ פּאָלעמיק צווישן דער קאָנסערוואַטיוו-אַנטיסעמיטישער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" און דעם פּראָ-

גרעסיוון „פּאַמיענטניק היסטאָריטשנאָ-פּאָליטיטשני״ וועגן דער „יידישער דייטאַריע״ (קאוואַלעריע). וועלכע האָט נישט געלאָזט רוען דעם רעדאַקטאָר פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ״, דעם געוועזענעם יעזויט לוסקיניאַ.[13] די פּראָגרעסיווע „פּאַטריאָטישע פּאַרטיי״ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן אויסבריי- טערן די מיליטער-פליכט אויך אויף יידן לויטן מוסטער פון עסטרייך.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ווען די זעלביקע עלעמענטן פון דעם כּאַטריאָטישן לאַגער זיינען געקומען אין די צייטן פון אויפשטאַנד צו דער מאַכט, האָבן זיי בדעה געהאַט צו פאַרווירקלעכן אין דער פּראַקטיק זייערע פּלענער וועגן דעם מילטער-דינסט פון יידן, קענענדיק גוט דעם מיליטערישן ווערט פון דעם רוב בנין ומנין יידן און באַרייכערט מיט דער עסטרייכישער דערפאַרונג, האָבן זיי געהאַנדלט פּאַרזיכטיק און נישט תּמיד קאָנסעקווענט. דערמיט דערקלערט זיך מסתּמא די קווענקלעניש פון דער צענטראַלער מאַכט אין דער פראַגע פון יידישע רעקרוטן, דאָס נעמען יידן צום מיליטער-דינסט אין איין קרייז און דאָס באַנוגענען זיך מיט אויסקויף- געלט אין אַ צווייטן, דאָס באַנוצן זיי אין אַ טייל וואָיעוואָדשאַפטן נישט אין פראָנט דינסט, נאָר ביים הילפסדינסט וכדומה. דער שוין דערמאָנטער סעפּטעמבער-אוניווערסאַל פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט האָט אַריינגע- בראַכט אַ געוויסע ענדערונג אין דער האַנדלונג פון דער לאָקאַלער מאַכט.[14]

וואָס שייך דער צווייטער פראַגע, צי די יידישע רעקרוטן דאַרפן פּערזענלעך טון זייער חוב, אָדער מען קען זיך אויסקויפן פאַר געלט איז די פראַקטיק ביזן חודש אָקטאָבער נישט געווען קיין איינהייטלעכע. פון דעם חודש אָן איז אויפגעהיט געוואָרן דער ענטפער פון דער אָפּטיילונג פאַר מיליטערישע באַדערפענישן ביים העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט אויף דעם אָנפרעג פון טיקטינער קהל: צי קען דער מיליטער-דינסט פון יידן פאַרביטן ווערן דורך אַן אָפּצאָל. דער ענטפער איז געווען: „אַזוי ווי די רעגירונגס- פאַראָרדענונגען האָבן אין אַלגעמיין באַשטימט, אַז צושטעלן קאַנטאָניסטן (רעקרוטן) און פורמאַנעס מוז מען אין נאַטור, דעריבער קען דער טיקטי- נער קהל נישט באַפרייט ווערן דערפון״[15] (דורך אַריינטראָגן אַ געוויסן אָפּצאָל).

די פעסטע שטעלונג פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט וועגן פּער- זענלעכן דינסט פון די יידישע רעקרוטן נאָך אָקטאָבער 1794, בעת פריער פלעגט זיך פראַקטיצירן, אַז אַנשטאָט רעקרוטן פלעגט מען געבן געלט, דערקלערט זיך מסתּמא דערמיט וואָס דאָס פּאַפּיר-געלט, וואָס די רעוואָ- לוציאָנערע רעגירונג פון קאָשטשושקאָ, האָט אַרויסגעלאָזט, האָט נישט גע- האַט קיין גרויסן ווערט.

ביז חודש אָקטאָבער לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן אַ געוויסע נישט-באַ- שטימטקייט אין דער פראַגע פון רעקרוטן-געלט. אַזוי למשל ווייסן מיר, אַז אין פּאָדלאַשיע האָבן יידן געצאָלט 50 גילדן אויסקויפגעלט פאַר אַ

רעקרוט, אַזוי פיל אויך אין לוקאָווער קרייז.[16] די לובלינער קאָמיסיע האָט גענומען פון די טשעמערינקער[17] יידן צו 200 גל׳ פאַר אַ רעקרוט (טשעמערניק האָט געדאַרפט צושטעלן 9 רעקרוטן). מסתמא האָט זיך אין טשעמערניק געהאַנדלט וועגן אַ רעקרוט אַ רייטער.

אַ זייער אינטערעסאַנטע עוואָלוציע איז אַדורכגעגאַנגען די פראַגע פון רעקרוטן-שטייער אין דער מעלניקער קאָמיסיע, צו וועלכער עס האָט צווישן אַנדערע געהערט דער מעזריטשער קהל. אין אוניווערסאַל פון 31טן מיי האָט די מעלניקער קאָמיסיע אַרויפגעלייגט אויף די יידן דעם חובֿ צוצושטעלן רעקרוטן פערזענלעך, אָדער ווי דאָס הייסט אין די אַקטן „אין נאַטור“.[18] אין יולי האָט אָבער די מעזריטשער קהילה אויסגעפועלט, אַז אַנשטאָט רעקרוטן זאָלן זיי צאָלן רעקרוטן-געלט (צו 50 גילדן פון אַ רעקרוט).[19]

אַן ענלעכע רעזאָלוציע פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט האָט באַקומען אויך די קהילה פון דעם שטעטל סאַרנאַק.[20] אַנשטאָט איין פוסגייער פון יעדע 5 קוימענעס האָט דער קהל באַדאַרפט באַצאָלן גלייכצייטיק צו 50 גל׳ פאַר אַ רעקרוט. גלייכצייטיק האָט דער העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט אַרויפגעלייגט אויף די קהילות פון מעזריטש און סאַרנאַק צוצושטעלן אַ געהעריקע צאָל פערד און ווערבירן רייטער-רעקרוטן, אויף באַוואָפענען און באַקליידן זיי האָבן זיי געדאַרפט צאָלן צו 350 גל׳ פון אַ רייטער. אין מעלניקער קרייז האָט מען דאָס אויסקויף-געלט פונאַנדערגעטיילט צווישן אַלע יידישע הייזער. פון יעדן קוימען האָט מען געדאַרפט צאָלן צו 12 גל׳. אויך די קהילה פון בריסק-דליטא[21] האָט געצאָלט דעם רעקרוטן-שטייער.

די צווייטע פראַגע איז געווען: צי דער רעקרוט „אין נאַטור“ מוז זיין אַ ייד, אָדער דאָס קאָן זיין אַ געדונגענער קריסט. אַן ענטפער דערויף גיט אונדז די אָפּטיילונג פאַר מיליטערישע באַדערפענישן ביים העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט (דעם 12טן יולי) אויף אַן אָנפרעג פון קאָמיסאַר פון כעלעמער קרייז, קראַסנאָסטאַווער פּאָוויאַט, דעם בירגער ווערעשטשינסקי. דער ענטפער איז געווען: „אַזוי ווי די יידן אַליין קענען נישט גענומען ווערן פאַר רעקרוטן, דאַרפן זיי צושטעלן אַנדערע אין דער פראָפּאָרץ, וואָס פאַלט אויף זיי אויס“.[22]

דער ענטפער פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט איז געווען שייך בלויז צום כעלעמער קרייז. קיין אַלגעמיינע באַשטימונג פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט אין דער פראַגע איז נישט פאַראַן. וועגן דעם צייגט אונדז איבער דער ענטפער פון דער אָרדענונגס-קאָמיסיע פון לאָמזשער קרייז,[23] וועלכער איז געווען פונקט פאַרקערט ווי דער כעלעמער. אויף דעם אָנפרעג צו דער קאָמיסיע „צי די יידן, וואָס גיבן רעקרוטן פון די דערפער און שטעט, דאַרפן צושטעלן רעקרוטן פון יידישער רעליגיע אָדער פון קריסטלעכער“, האָט זי געענטפערט, אַז די יידן זיינען מחויבֿ צוצושטעלן

רעקרוטן פון זייערע גלויבנס-ברידער.[24]
אויך די אָרדענונגס-קאָמיסיע פון גראָדנער פּאָוויאַט האָט באַפוילן דעם מאַגיסטראַט, ער זאָל צושטעלן רעקרוטן – פוסגייער און רייטער פון דער יידישער באַפעלקערונג.

יידישע רעקרוטן האָט מען גענומען אויך אין ראַדאָמער פּאָוויאַט.[25] די דאָרטיקע אָרדענונגס-קאָמיסיע האָט באַפוילן, אַז קהילות, וואָס האָבן צום ווייניקסטן 12 יידן, זיינען מחויב צוצושטעלן אויפן אָרט ווו עס קומט זיך צונויף דער אַלגעמיינער אויפהייב „6 עלטערע, פאַרמעגלעכע און געבילדעטע מענטשן, בכדי צו באַנוצן זיי צו די צילן, וואָס שטימען מיט זייער שטאַנד און רעליגיע". עס קען זיין, אַז אונטער די דאָזיקע „צילן" איז געמיינט דער אויסשפּירדינסט, פּונקט ווי מען האָט עס געטאָן אין גראָדנע, ווו די יידישע רעקרוטן זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן דינסט.
אין אַ טייל ערטער פּלעגט דאָס נעמען יידישע רעקרוטן נישט אַדורכגיין בשלום, אַזוי למשל איז געווען אין דעם שטעטל שניאַדאָווע.[26] עס איז נאָך כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס אויסקויפגעלט פאַר רעקרוטן האָבן געדעקט נישט די לאָקאַטאָרן נאָר די בעלי-בתים פון די הייזער.[27] פּראָפ' טאָקאַרזש זיינען מסתמא נישט געווען באַקאַנט די אויבן דערמאָנטע פאַקטן, אַז אייניקע אָרדענונגס-קאָמיסיעס האָבן גענומען יידן פאַר רעקרוטן, וואָרעם ער שרייבט: „יידן פלעגן שיקן אַלס זייערע פאַרטרעטער קריסטן אָדער זיי פלעגן פונקט ווי די מענאָניטן (אַ קריסטלעכע סעקטע) צאָלן אויסקויפגעלט".[28]

די אויביקע באַהויפּטונג פון פּראָפ' טאָקאַרזש איז איבעריקנס נישט אין הסכם מיט דער מיינונג פון דעמזעלביקן געלערנטן, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין אַן אַנדער אָרט. אַרומרעדנדיק די צוואַנגס-רעקרוטירונג פון די אַ"ג לויזע עלעמענטן (luźni) אין וואַרשע, שרייבט דער מחבר: „מען האָט אויך אַזאַ אופן (ד"ה אויף אַ צוואַנגס-אופן) גערופן צום מיליטער די ציגיינער, וועלכע זיינען איבעריקנס דערמיט מסכים געווען, אפילו יידן זינט דעם מאָמענט אָן, ווען בערעק יאָסעלעוויטש האָט אָנגעהויבן פאַרמירן זיין פּולק".[29]

די זעלבע נישט אייגהייטלעכקייט ווי ביי דער רעקרוטירונג פון יידן לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן בנוגע דעם אָנטייל פון יידן אין דעם אַלגעמיינעם אויפהייב. אויך אין דער פראַגע האַנדלט די אָנפירונג פון אויפשטאַנד פאַרשיידן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין אַ טייל וואָיעוואָדשאַפטן האָט מען יידן גערופן צום אַלגעמיינעם אויפהייב, אין אַנדערע זענען זיי דערפון געווען באַפרייט. „אין גראָדנע[30] – לייענען מיר אין אַ באַריכט – האָט די אָרדענונגס-קאָמיסיע „געזען מיט צופרידנקייט שטאָטס-

ילײַט, פּריצים, ייִדן אין די רייען" אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד.

אויך אין װ י ל נ ע זענען ייִדן מיטגלידער פון דער שטאָטישער מיליץ.[31] אויך אין קלענערע שטעטלעך װערן די ייִדן אַרײַנגעצויגן אין די רייען פון אַלגעמיינעם אויפהייב. אַזוי למשל אין גאָניאָדז[32] האָבן זיך אין אַ מיליטערישן פּאַראַד אונטער 1000 מאַן פון דער שליאַכטע אויך באַטייליקט 60 ייִדן באַוואָפנטע מיט ביקסן און שפּיזן.

בעתן רופן די ייִדן צום אַלגעמיינעם אויפהייב פּלגן זיך אין אַ טייל ערטער אָפּשפּילן טראַגישע פּאַסירונגען. אין שניאַדאָווע[33] למשל האָבן די פּריצים „מיט געוואַלט געכאַפּט, געשלאָגן און ווי אַ שונא פּאַרוווּנדעט אַלע ייִדישע בעלי־בתּים און די יוגנט און איבערגעלאָזט בלויז פרויען און קינדער". די האַנדלונג פון די פּריצים באַטראַכטן די שניאַדאָווער ייִדישע פרויען פאַר אַן עולה דערפאַר, וואָס זייערע מענער „זײַנען בפירוש צוגעבונדן צום פאָטערלאַנד", זיי האַלטן וואַכן, זיי האָבן אומזיסט געמאַכט מונדירן און היטלעך פאַר 300 זעלנער וכדומה.

אויך די קהילה אין ד י ו י ן[34] (קאָברינער פּאָוויאַט) האַלט „דאָס טרײַבן ייִדן אויף געניטונגען פאַר אַ באַשווערונג, וואָס ווערט געטון ניט אַזוי צוליב באַדערפעניש ווי גיכער כּדי ייִדן זאָלן זיך דערפון אויסקויפן".

די רעזאָלוציע פון דעם העכסטן נאַציאָנאַל־ראַט באַפעלט דער קאָברינער אָרדענונגס־קאָמיסיע, זי זאָל אויספאָרשן פון וועמען די ייִדן „ווערן באַעוולט". וואָס הייסט דאָס ? זאָל דאָס באַדײַטן, אַז די העכסטע אויפשטאַנד־מאַכט פאַרווערט צו צווינגען די ייִדן צו מיליטערישער מושטירונג ? קיין ענטפער דערויף גיבן אונדז נישט די אַקטן.

אויף אַן ענלעכן שטאַנדפּונקט האָט זיך געשטעלט ד י ל ו ב ל י נ ע ר אָרדענונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט פאַראָרדנט, מען זאָל נישט צווינגען די ב אַ ר אַ נ אָ ו ו ע ר ייִדן צו מיליטערישע מושטירונגען.[35]

די ד ר אָ ה י ט ש י נ ע ר אָרדענונגס־קאָמיסיע האָט באַקומען פון דער צענטראַלער מאַכט אַ פאַראָרדענונג, אַז זי זאָל זיך באַקענען מיט דער אָנקלאַגע פון סאָקאָלאָווער קהל, וועלכער טרעט אַרויס אינעם נאָמען פון די ייִדן פון דראָהיטשינער קרײַז קעגן „די געניטונגען און מושטרעס", צו וועלכע עס צווינגט זיי דער פּריץ סאָקאָלאָווסקי.[36]

אין די געגנטן, אין וועלכע מען האָט נישט גענומען ייִדן צום מיליטער־דינסט, פּלעגן אויף דעם באָדן אויסברעכן אומרוען מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. וועגן אַזאַ אַ ביסל קאָמישן בונט לייענען מיר אין ראַפּאָרט פון קאָמיסאַר אַלשעווסקי. ומעשׂה שהיה כך היה. — ווען מען האָט די שליאַכטע פון שטעטל ט ש י ז ש ע ו ו (Czyżew)[37] גערופן צום מיליטער־דינסט האָבן זיי דערקלערט, אַז אַזוי לאַנג וועלן זיי זיך נישט לאָזן אין וועג אַרײַן, ביז וואַנען די ייִדן וועלן מיט זיי נישט מיטגיין. צו וואָס

דאַרפֿן זיי, די ריטער און גענײטע קרעמער, האָבן ייִדן? אפֿשר צוליב אַ סגולה, די שלאַכט זאָל זיך זיי גוט אײַננעבן? ווײַזט זיך אַרויס עפּעס גאַנץ אַנדערש. זיי האָבן פּשוט מורא „די ייִדן, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין דער היים, זאָלן נישט... אויסשעכטן זייערע ווײַבער און קינדער"... מיט איין וואָרט, זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ פּאָגראָם פֿון ייִדן...

די אויפֿגעברויזטע שליאַכטע און פּויערים פֿון טשיזשעוו האָבן זיך נישט באַנוגט מיט סטראַשונקעס. „זיי האָבן אומעטום אויסגעזוכט די ייִדן (פֿון שטעטל), געבראַכט זיי צו שלעפּן אויפֿן מושטירונגס-פּלאַץ און אַרײַנגעשטעקט זיי געווער אין דער האַנט". נאָך מער, די צעבונטעוועטע שליאַכטע און פּריצים האָבן דערקלערט, אַז אויב די ייִדן וועלן זיך אומקערן אַהיים וועלן זיי טון דאָס זעלביקע. עס האָט געהאַלטן אַזוי שמאָל, אַז דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון דער צענטראַלער רעגירונג, וואָס מען האָט אים באַקענט מיט דער לאַגע, האָט געראָטן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל נאָכגעבן „דעם ווילן פֿון פֿאָלק".

די ק אָ ר ט ש ע װ ע ר קהילה[38] האָט זיך געווענדט וועגן באַפֿרײַען די ייִדן פֿון אַלגעמיינעם אויפֿהייב. זי האָט עס באַגרינדעט מיט דער שווערער לאַגע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איבער חרבונות, וועלכע עס האָבן אָנגעטאָן די רוסן. פֿון דעם מעמאָראַנדום פֿון די קאָרטשעווער ייִדן דערוויסן מיר זיך, אַז אַ העלפֿט ייִדן פֿון שטאָט האָט מען געזאָלט שיקן עטלעכע מײַל ווײַטער „צוליב פֿאַרטיידיקונג", די אַנדערע העלפֿט האָט געדאַרפֿט דינען בלויז 10 טעג. [39] צום באַדויערן איז אונדז נישט באַוווּסט, וואָס פֿאַר אַ באַשלוס עס האָט אָנגענומען די אָפּטיילונג פֿאַר די מיליטערישע באַדערפֿעניש בײַם העכסטן נאַציאָנאַל-ראַט, צו וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו באַשטימען וועגן דעם ענין.

אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט[40] האָט די אָרדענונגס-קאָמיס׳ע אין אַ חודש אַרום נאָך קאָשטשושקאָס שבֿועה (דעם 24 סטן אַפּריל) אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג וועגן דעם אָנטייל פֿון די ייִדן בײַם פֿאַרטיידיקן די שטאָט. די פֿאַראָרדענונג האָט געהאַט אַזאַ אינהאַלט: „אויב די ייִדן ווילן זיך באַפֿרײַען פֿון אַ פּערזענלעכן באַוואָפֿנטן אָנטייל אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער שטאָט, דאַרפֿן זיי אויספֿירן אַזעלכע באַדינגונגען: 1) זיי דאַרפֿן תּיכּף איבערגעבן אין די מאַגאַזינען דאָס גאַנצע כּלי-זיין סײַ דאָס אייגענע, סײַ דאָס בײַ זיי פֿאַרמשכּנטע; 2) זיי דאַרפֿן אויפֿן אייגענעם חשבון צושטעלן אין מאַגאַזין אַזוי פֿיל קאָסעס און פּיקעס, וויפֿל עס איז דאָ אין געגעבענעם אָרט שטענדיקע אײַנוווינער; 3) זיי זײַנען מחויבֿ יעדן טאָג מיטן אויסנאַם פֿון שבת צוצושטעלן 80 מענטשן מיט לאָפּעטעס און העק צו דער אַרבעט אין די שוצגראָבנס; 4) זיי דאַרפֿן העלפֿן באַשיצן די שטאָט פֿאַר שׂרפֿות דורך שאַפֿן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מאַגיסטראַט אַ געהעריקע קאָמיסיע.

הערות:

1 Tokarz: Żołnierze kościuszkowscy p. 10.

2 T. Korzon: Wewnętrzne dzieje Polski za Stanisława Augusta. Warszawa 1897–8, t. VI, p. 94.

3 Korzon, VI, p. 85.

4 Metr. lit. VII, p. 110; Korzon VI, p. 139:

5 Arch. Król. Pol. 115 (d. s.).

6 Tokarz dto p. 42.

7 Arch. Król Pol. 245, p. 115.

8 אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער פֿראַגע האָט אָנגעשריבן אין „נאַש פּשעגלאָנד“ נאָוועמבער 1934) ד״ר מ. מיזעס, ווו ער ברענגט אַ סך מאַטעריאַלן וועגן דעם מיליטערדינסט פֿון די ייִדן אינם אַמאָליקן פּוילן.

9 אַזוי צ״ב לייענען מיר, אַז בשעת דער באַלעגערונג פֿון צווישער דורך די שוועדן האָבן די ייִדן אָרגאַניזירט אַן אייגענע אָפּטיילונג און פֿאַרשטעלט דעם וועג דעם שונא. (M. Bałaban: Berek Joselewicz „Nasz Przegląd“, 15/I, 1928).

אין דער העברעישער כראָניק, פֿון כמיעלניצקים צייַטן פֿון נתן האַנאָווער אין „מצולה“ זיינען פֿאַראַן נאָטיצן וועגן די קאַמפֿן פֿון ייִדן בײַ דער פֿאַרטיידיקונג פֿון טולטשין, פּאָלאָננע און אַנדערע שטעט.

10 די געשריבענע צייַטונג (כתב-יד נומ׳ 3925 אין דער וואַרשעווער ביבליאָטעק פֿון די קראַשינסקים) פֿון 22טן אַפּריל. דער יולי-נומער פֿון דער געשריבענער צייַטונג (נומ׳ 316) גיט איבער וועגן באַדייַטיקע אָנווערן פֿון די עסטרייַכישע ייִדן בשעת דער מלחמה מיט די טערקן. עס זייַנען 2.000 ייִדישע יונגעלייַט געפֿאַלן ווי פֿורמאַנעס בײַ די אַמוניציע-וועגענער, פֿאַרשיידענע אַנדערע אַרבעטן און אַלס זעלנער אויפֿן פֿראָנט. „די ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער — ענדיקט זיך די קאָרעספּאָנדענץ-טרויערן שטאַרק און אָרדענען אייַן שטרענגע תעניתים.

11 די אַנאָנימע אַנטיסעמיטישע בראָשור: Zwierciadło polskie dla publiczności, Warszawa 1790 איז זייער נישט צופֿרידן, וואָס ייִדן באַטייליקן זיך נישט אין מלחמות, און דעריבער פֿאַרמערן זיי זיך אַזוי שטאַרק. דער מחבר פֿאַרלאַנגט, ייִדן זאָלן גענומען ווערן צום מיליטער. מיר ציטירן וויַיטער די באַגרינדונג דערפֿון, וואָס איז געשריבן אין גראַמען:

Lecz gdy śmieli do zabójstw, do dworów rabunku,
Czemu bydż mają wolnemi od wojska werbunku
Są giganci zuchwali, jeden ośmiu bije
Czemu z nich nie ma bydż żołnierz i na grzbiet brać kije.

אַז זיי זייַנען אַזוי דרייסט צו הריגות, צו באַראַבעווען הייף,
פֿאַר וואָס זאָלן זיי זייַן פֿרײַ פֿון מיליטערישער ווערבירונג,
זיי זייַנען חוצפּהדיקע ריזן, איינער שלאָגט אַכט,

פאַרוואָס זאָלן זיי נישט זײַן קיין זעלנער און קריגן קלעפּ איבער די פּלייצעס.
„דער שפּיגל" פאַרלאַנגט, אַז די רבנים זאָלן צוזאַמענשטעלן אַ רשימה פון די יידישע לײדיק-גייערס, וועלכע דאַרפן באַנוצט ווערן צום הילפסדינסט. די רעליגיעזע געבאָטן ווי דאָס פײַערן שבת און יום-טוב, שטעלן נישט פאָר — לויטן „שפּיגל" — קיין שווע-ריקייטן, ווײַל מען קען באַקומען אַ היתר אויף שבת, כשר און נאַרישקייטן (Szabes ko-szer i głupstwa można dyspensować).

דער אַנאָנימער מחבר פון דער בראָשור „Żle i dobrze" זאָגט זיך אַרויס קעגן דעם פּראָיעקט צו נעמען יידן צום מיליטער, ווײַל דאָס איז נאָך פּריצײַטיק. דער אַנאָנימער מחבר לויבט דערבײַ זייער שטאַרק די יידן, וואָס האָבן דערקלערט זייער גרייטקייט מיט-צוהעלפן בײַם פאַרגרעסערן די אַרמיי. געמיינט איז דאָ דער באַשלוס פון סיים צו שאַפן אַ 100 טויזנט קעפּיקע אַרמיי, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהײַערן ענטוזיאַזם אין גאַנצן לאַנד.

„לאָמיר זיך שעמען — רופט אויס דער מחבר מיט אויפרעגונג — לאָמיר נעמען אַ בײַשפּיל פון דעם געמיינעם פאָלק". (ד"ה, די יידן). „אָרעמע יידעלעך! איך בין אײַך דאַנקבאַר, וואָס איר ווילט זען דאָס לאַנד, אין וועלכן מען האָט אײַך דערלויבט צו וווינען, אַ גליקלעכס, וואָס איר ווײַזט אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע Żle i dobrze. Pismo (stosujące się do pisma p. t. Zgoda i niezgoda r, 1788, p. 23),

12 די צײַטשריפט Pamiętnik historyczno-polityczny i ekonomiczny איז פול מיט באַוווּנדערונג פאַר דעם קיסר יאָזעף דעם 2-טן, וואָס זײַן גורל איז צו זײַן דער פאַרגייער און דער ערשטער מוסטער פאַר די מושלים און אַ סך אויסער-געוויינטלעכע ענינים. דער „פּאַמיעטניק" מיינט דאָ דאָס געזעץ וועגן נעמען יידן צום מיליטער, „וואָס מען דאַרף נאָכמאַכן אין אַנדערע לענדער, בפרט דאַרף דאָס אײַנגעפירט ווערן דאָרט, ווו די גרויסע צאָל יידן איז אַ גרויסע, אומנוציקע משׂא פאַרן לאַנד."

13 די אַנטיסעמיטישע „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" האָט אָפּגעחוזקט פון דעם „פּאַ-מיעטניק" פאַר זײַן פּראָיעקט צו נעמען יידן צום מיליטער. פאַר גרויס כעס האָט די „גאַזעטאַ" אפילו דעם אַרויסגעבער פון דעם „פּאַמיעטניק" דיפירן (Dufour) אָנגערופן „נעטעראַליסימוס פון דער יידישער רײַטאַריע". די אַנטיסעמיטישע צײַטונג האָפט אפילו „אונטער זײַן (דיפורס) אָנפירונג וועלן די יידן נישט בלויז זיך שלאָגן אום שבת, נאָר אַפילו עסן „טרפות".

14 Kom. Wojsk, 151, p. 30.

15 Kom. Wojsk. II/25 17/5 1794.

16 Arch. Król. Pol. 304, p. 428; Kom. Wojsk. III.5, p. 30.

17 זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַ צוזאַמענפאָר פון שלאַכטע אין לובלי-נער געגנט האָט דעם 3 טן מײַ 1794 אָנגענומען אַ באַשלוס: „וואָס שייך רעקרוטן פון די וויכטיקסטע שטעט פון אונדזער וואָיעוואָדשאַפט ווי אויך, וואָס שייך יידן, וואָס זײַנען אויך מחויב צו טון זייער חוב (קראַשינסקיס-ביבליאָטעק אין וואַרשע, כתב-יד נו' 4084).

18 Kom. Wojsk. III/51, p. 30, 175.

19 Arch. Król. Pol. 304 p. 264.

20 Arch. Kr. Pol. 321, p. 550 23.VIII.
21 Akty powst. Kościuszki II, p. 93.
22 Kom Wojsk. II.25. Arch. Kr. Pol. 245 p. 153.
23 Arch. Król. Pol. 388, p. 110.
24 Diariusz każdodziennych czynności Kom. Porządk Pow. Grodzieńskiego כתבֿ-יד נו' 1216 די ביבליאָטעק פֿון זאַמאָיסקים).
25 Arch. Kr. Pol. 388, p. 12.
26 Kom. Wojsk. III.51, 24.VI; Arch. Król. Pol.
27 Diariusz pow. g odz. Nr. 1216 7.VII,
28 okarz, Żołnierze kośc. p. 40.
29 Tokarz, dtto. p. 25.
30 Korzon. dtto VI, p. 16. Gazeta Wolna;
31 Gazeta narodowa wileńska Nr. XI, 1794.
32 Arch. Kr. Pol. 253, p. 140.
33 Arch. Kr, Pol. 304, nr. 124, 24.VI; Kom. Wojsk. III.51, 24.IV
34 Arch Król. Pol. 304, p. 103, 20.VI; Kom. Wojsk. III.51, p. 46 22.VI.
35 Arch. Kr. Pol. 247, p. 397 30.VII.
36 . Metr. lit. VI, 111, p. 233, 15.VI; Arch. Kr. Pol. 304, nr. 61,
37 Arch. Kr. Pol 388, p. 185, 24.VI,
38 Arch. Kr. Pol. 304, Nr. 108, 20.VI, Nr 108 נו'
39 Oddział 52, Nr. 2, 23.VI. (Arch. Skarbowe w Warszawie)
40 Kupczyński Kraków w powstaniu Kościuszki, Kraków 1912 p. 221

ג) ייִדן אין דער בירגער-מיליץ פֿון וואַרשע.

ווי באַוווּסט, האָט דער פֿאָלקסאויפֿשטאַנד אין וואַרשע אין די טעג פֿון 17טן און 18טן אַפּריל באַפֿרייט די הויפּטשטאָט פֿון דעם רוסישן גאַרניזאָן. שוין אין עטלעכע טעג נאָך דעם פֿאַרטרייבן די רוסן פֿון וואַרשע איז דער גענעראַל מאָקראַנאָווסקי, אַלס קאָמענדאַנט פֿון די באַוואָפֿנטע מיליטערישע כּוחות פֿון דעם מאָזאָווישן פֿירשטנטום צוגעטרעטן צו באַפֿעס-טיקן די שטאָט און באַוואָפֿענען די באַפֿעלקערונג. דעם 22סטן אַפּריל איז מען צוגעטרעטן צו גראָבן שוצגראָבנס. גלייכצייטיק האָט די אָנפֿירונג פֿון אויפֿשטאַנד באַשלאָסן אַדורכצופֿירן אין וואַרשע אַ רעקרוטירונג לויט די פּרינציפּן פֿון קראָקעווער אוניווערסאַל. דעם פֿערטן מיי איז דערקלערט גע-וואָרן אַן אַלגעמיינער אויפֿהייב אין וואַרשעווער פֿירשטנטום (ד"ה וואַרשע מיט דער ארומיקער פּראָווינץ, געראָפֿן מאַזאָווש). דעם 9טן מיי איז אָר-גאַניזירט געוואָרן די מיליץ אָדער „די אַלגעמיינע פֿאַרטיידיקונג פֿון וואַרשע". [1]

אין די אַלע דערמאָנטע אוניווערסאַלן איז נישט פֿאַראַן קיין וואָרט וועגן ייִדן. פֿון די מעמוארן פֿון יענע צייטן, און אויך פֿון אַנדערע מקורים איז אָבער באַוווּסט, אַז די וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך צוגלייך מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג באַטייליקט אין דער שטאָטישער מיליץ.

כּדי צו אָרגאַניזירן „די אַלגעמיינע פֿאַרטיידיקונג פֿון דער שטאָט וואַרשע", האָט מען אַדורכגעפֿירט אַ ציילונג פֿון דער מאַנסבילישער באַ-פֿעלקערונג פֿון 15 ביז 50 יאָר. די דאָזיקע ציילונג האָט געדינט ווי אַ יסוד ביים שאַפֿן די שטאָטישע מיליץ, וועלכע איז געווען איינגעטיילט אין ראָטעס צו 1.000 מאַן מיט אַ טויזנט-פֿירער בראש. אַ ראָטע איז באַשטאַ-נען פֿון הונדערטער און צענדלינגער, וועלכע עס האָבן געפֿירט הונדערט פֿירער און צענער פֿירער. בראש פֿון 30 ראָטעס איז געשטאַנען אַ הויפּט-קאָמענדאַנט. אין פֿאַל פֿון אַן אַלאַרם איז דער הונדערט-פֿירער געווען מחויב איבערצולאָזן אַ העלפֿט פֿון זיין מאַנשאַפֿט אין שטאָט אַלס רעזערוו מיט דער צווייטער העלפֿט האָט ער געדאַרפֿט אַרויסמאַרשירן צו די שוץ-

גראָבנס. די אויפֿגאַבע פֿון דער מיליץ איז געווען צו שיקן פּאַטרולן, בײַ טאָג יעדע שעה, בײַ נאַכט יעדע האַלבע שעה, אַחוץ דעם האַלטן וואַך בײַ די שלאַבאַנען, בײַ די וואַלן, האַרמאַטן אד"גל. די מיליץ פֿלעגט אויך היטן די קריגסגעפֿאַנגענע.

אין אָנהייב איז דער צושטראָם פֿון די וואַרשעווער אײַנוווינער אין די רייען פֿון דער מיליץ געווען זייער אַ גרויסער. שפּעטער, ווען דער דינסט איז געוואָרן אַ שווערער, האָט מען זיך דערפֿון אָנגעהויבן אַרויסצודרייען, בפֿרט פֿון דעם האַלטן וואַכן אין די שוצגראָבנס. בדרך-כּלל אָבער לויבן די פֿאָרשער די וואַרשעווער מיליץ פֿאַר אירע גרויסע אויפֿטוען אין דער צײַט, ווען די שטאָט איז געווען באַלאַגערט דורכן שונא.

עס זײַנען פֿאַראַן איינִיקע באַשרײַבונגען פֿון דער וואַרשעווער מיליץ, פֿון וועלכע עס איז געדרונגען, אַז ייִדן זײַנען געווען מיטגלידער פֿון דער מיליץ. [2] דער לײַבאָפּיציר פֿון גענעראַל איגעלשטערעם סיימע (Seume) [3] פֿאַרציילט, אַז ווען ער האָט דערזען אַן אָפּטיילונג פֿון דער וואַרשעווער מיליץ, וואָס האָט געהיט די קריגס-געפֿאַנגענע, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס איז די באַנדע פֿון יהודה איש קריות. „דער קאָמענדאַנט פֿון דער אָפּטיילונג — שרײַבט ער — איז געווען אַ ,קאָמעדיאַנט', 20 מיליציאָנערן האָבן געהאַט ביקסן מיט באַגנעטן, דער רעשט ב קסן אָן באַגנעטן אָדער באַגנעטן אָן ביקסן, פּיקעס, זעבלען וכדומה". [4]

זייער הומאָריסטיש באַשרײַבט די מיליץ דער מחבר פֿון זכרונות וועגן דעם אויפֿשטאַנד אַנטאָני טרעמביצקי. [5] „עס פֿאַרהאַלט אונדז — שרײַבט ער אַן אַרלעקינישע אָפּטיילונג פֿון דער שטאָטישער מיליץ, אָנגעפֿירט האָט איינער מיט וואָנסעס, דאָס איז געווען אַ קצבֿ. די טרעגערס האָב איך דערקענט לויט די לעדערנע פֿאַרטעכער. ייִדן און קוימען-קערערס האָט מען לײַכט געקענט דערקענען".

מיר האָבן אפֿילו געוויסע, הגם נישט קיין פֿולע ציפֿערן וועגן דער צאָל ייִדן אין דער מיליץ לויט די צערקלען. אין דעם ערשטן צערקל, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַסן פֿון אַלטשטאָט ווי פּיוונע, פּיעקארסקע, שווענטאָיאַנסקע, דונאַי, פּאָדוואַל א"אַ, זײַנען דאַן בסך-הכּל געווען 4 ייִדן אין דער מיליץ. וועגן דעם 2 טן און 3 טן צערקל האָבן מיר נישט קיין ידיעות. אין דעם 4 טן צערקל, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַסן נאָוואָליפּיע, לעש, אָרלע, דזשעלנע, נאָוואָליפּקי, סמאָטשע, פּאָוואָנזקי, ניסקע, פּאָקאָרנע, דזשיקע, פּאַוויע, אָגראָדאָווע, ווראָניע — זײַנען בסך-הכּל געווען 150 ייִדן אין דער מיליץ. דער גרעסטער רובֿ פֿון די ייִדישע מיטגלידער פֿון דער מיליץ האָבן געוווינט אויף נאָוואָליפּיע, לעש, דזשעלנע, נאָוואָליפּקי, סמאָטשע, אָגראָדאָווע, ווראָניע און דער גאַס „נאָך די וואָלער ראָגאַטקעס" אַקעגן באַגעגענען מיר נישט קיין ייִדישע מיליציאָנערן אין די גאַסן: פּאַוויע, ניסקע, פּאָוואָנזקי, פּאָקאָרנע, סאַלנע. די 150 מיליציאָנערן ייִדן זע-

נען נישט געווען אויסגעטיילט אין באַזונדערע הונדערטער. די גרעסטע צאָל ייִדן – מיליציאָנערן האָט זיך געפֿונען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם הונדערט-פֿירער נאָישעווסקי. זי האָט געציילט 37 ייִדן, אַנדערע הונדערטער האָבן געציילט צו 10, 14, 16, 18. 20 ייִדן, אַ טייל הונדערטער האָבן געציילט צו 1, 2, 4 ייִדן.

דער 5-טער צערקל האָט אַרומגענומען די גאַסן: כמיעלנע, זלאָטע, קראָכמאַלנע, כלאָדנע, זשעלנע, וויעלקע, עלעקטאָראַלנע, טוואַרדע, מאַרשאַלקאָווסקע, גזשיבאָוו, גראַניטשנע, וואָלסקע, זשעלאַזנע, שליסקע, שעננע, גנאָינע און האָט געהאַט אין גאַנצן 2 ייִדן אין דער מיליץ.

אין 6 טן צערקל (וויעיסקע, קזשאָנזשענצע. נײַ-וועלט) זײַנען אויך געווען ייִדן, מיטגלידער פֿון דער מיליץ. מיר ווייסן אָבער נישט ווי גרויס עס איז געווען זייער צאָל.[6] עס איז אונדז נישט באַוווסט, ווי עס האָט אויסגעזען אין 7 טן צערקל, וואָס האָט אַרומגענומען פּראַגע, מען דאַרף זיך משער זײַן, אַז אויב פּראַגער אײַנוווינער האָבן געדינט אין דער שטאָטישער מיליץ, זײַנען דאָרט ייִדן זיכער געווען באַטייליקט, מחמת דער ייִדישער ישוב איז דאָרט געווען אַ גענוג צאָלרײַכער. ייִדישע מיליציאָנערן זײַנען לויט די ידיעות פֿון די מקורים געגאַנגען באַוואָפֿנט מיט פּיסטוילן, אַ מאָל מיט מושקעטן און ביקסן.

וועגן די ייִדישע מיליציאָנערן ווערט גערעדט אין די מקורים מיט גרויס אָנערקענונג. אַזוי למשל שרײַבט קיערזשקאָווסקי אין זײַן זכרונות-בוך: „וואַכן פֿלעגן געבן ייִדן, ווי נאָר מען האָט געדאַרפֿט, צום גרעסטן טייל אָבער בײַ די קריגסגעפֿאַנגענע. בעת דער באַלאַגערונג (פֿון וואַרשע) פֿלעגן זיי אפֿילו נישט אָפּהיטן שבת“.

פֿון די בקשות צום וואַרשעווער פּרעזידענט איגנאַצי זאַקרזשעווסקי[7] וואָס האָט אויך אָנגעפֿירט די מיליץ דערוויסן מיר זיך אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם דינסט פֿון די ייִדן אין דער מיליץ. אַזוי למשל פֿאַרציילט איינער אַ ייִד מיטן נאָמען ישׂראל קאָלמע פֿון שערעשעוו, אַז היות ווי ער האָט נישט קיין מיטלען צום לעבן, פֿאַרדינגט ער זיך צו דער וואַך הן בײַ קריסטן און הן בײַ ייִדן.[8] פֿאַר אַ טייל אַרבעטלאָזע מענטשן איז דאָס פֿאַרטרעטן אַנדערע אויף וואַכן געוואָרן אַ מין פּרנסה. „די פּראָפֿעסיע פֿון אַ פֿאַרטרעטער – שרײַבט טאָקאַרזש[9] – איז אפֿילו געוואָרן אַ פּרנסה-קוואַל פֿאַר די אָרעמערע קלאַסן, בפֿרט זינט דעם מאָמענט ווען דער ראַט האָט אָנגעהויבן צו צאָלן די טאָג-אַרבעטער צו 1 גילדן פֿאַר אַ טאָג אַרבעט.

פֿון די אַקטן קען מען אַרויסנעמען אייניקע אינטערעסאַנטע בילדלעך פֿון דעם לעבן פֿון די ייִדישע מיליציאָנערן, וואָס פֿלעגן טייל מאָל קומען אין אַ סתּירה מיטן מיליטערישן דין, אַט למשל האָט מענדל איזראַעלעוויטש

אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז מען האַלט וואַך, טאָר מען נישט שלאָפֿן, ער איז אַנטדרימלט געוואָרן, און דערפֿאַר געמוזט אויסשטיין בושות פֿאַרן געריכט, וואָס האָט אים געהעריק באַשטראָפֿט.[10] דאָס זעלביקע אומגליק האָט געטראָפֿן הערשעק לעווקאָוויטשן,[11] מאָשעק הייזיקאָוויטש האָט זיך עס געמאַכט נאָך לײַכטער, ער איז נישט געגאַנגען צום דינסט און איז אָפּגעקומען מיט אַרעשט.[12]

אַן אַנדער מיליציאָנער מיטן נאָמען איזראַעלאָוויטש איז באַשטראָפֿט געוואָרן פֿאַר ניט פֿאָלגן דעם צענער־פֿירער.[13] אַזעלכע „חטאים", ווי די פֿון די ייִדישע מיליציאָנערן זײַנען געווען אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג. עס פֿלעגט זיך טאָג־טעגלעך טרעפֿן, אַז די וואַכלײַט פֿלעגן בשעתן דינסט כאַפּן אַ שמועס אָדער גאָר קריגן זיך צווישן זיך, פּונקט ווי קיין מלחמה וואָלט נישט געווען. אַנדערע ווידער פֿלעגן זיך גאָר מאַכן באַקוועם און אַראָפּגיין פֿון דינסט פֿאַר דער צײַט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרגעסן, אַז אין מיליטער הערשט אַ דיסציפּלין און פֿלעגן פּשוט נישט האָרכן זייערע צענער־פֿירער.[14]

עס איז נאָך דאָ כדאי צוצוגעבן, אַז דער געוועזענער פּראַגער סינדיק אײַזיק שמערלאָוויטש[15] איז געגאַנגען אויף וואַך צוזאַמען מיט זײַנע ביידע זין, און דערפֿאַר איז ער באַפֿרײַט געוואָרן פֿון טאָגצעטל. צי איז דאָס געווען אַ כּלל אָדער אַ יוצא מן הכּלל — איז נישט באַוווּסט.

רעזומירנדיק דאָס אַלץ וואָס איז ביז־איצט געזאָגט געוואָרן, קען מען פֿעסטשטעלן: 1) אַז דער אָנטייל פֿון די ייִדן אין דער רעגולערער אַרמיי איז נישט געווען קיין אַלגעמיינע דערשײַנונג,[16] 2) אַקעגן אין דעם אַלגעמיינעם אויפֿהייב און אין די שטאָטישע מיליצן האָבן זיי זיך בדרך־כּלל באַטייליקט. מען קען אויף דעם גרונט באַהויפּטן, אַז אין די קאַמפֿן, וועלכע דער אַלגעמיינער אויפֿהייב האָט געפֿירט אין פֿאַרשיידענע פּונקטן פֿון לאַנד האָבן אָנטייל גענומען אויך ייִדן. אין וואָס פֿאַר אַ מאָס, איז דערווײַלע נישט מעגלעך פֿעסטצושטעלן.

פֿון די ראָזיקע קאַמפֿן, וואָס האָבן געטראָגן אַ נישט־רעגולערן כאַראַקטער, דאַרף מען אויסטיילן די וואַרשעווער קאַמפֿן, בפֿרט אַז זיי שטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקסיסטענץ און טעטיקייט פֿון בערעק־יאָסעלעוויטש־פּולק. מיר וועלן דעריבער באַקענען זיך מיטן אָנטייל פֿון די ייִדן אין די וואַרשעווער קאַמפֿן, וואָס זײַנען באַקאַנט אין דער געשיכטע ווי די אַפּריל־רעוואָלוציע, דערנאָך וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען מיטן פּולק פֿון בערעק יאָסעלעוויטש.

הערות:

1 Korzon. Wewn. dzieje VI, p. 20, 137.

2 דער באַקאַנטער פּוילישער דיכטער קאַרפּינסקי שרײַבט אין זײַנע „מעמואַרן" (פּויזן 1844). אַז בײַ דער אַלגעמיינער פֿאַרטיידיקונג פֿון וואַרשע האָבן ייִדן נישט אָנטייל גענומען. „מען האָט אײַנגעטיילט די שטאָט אין צערקלען און אין יעדן צערקל פֿאַרגראָבן אַ סלופּ אַרום וועלכן די באַפֿעלקערונג פֿון צערקל, נישט אויסגעשלאָסן קיין שום שטאַנד, אויסער גלחים, ייִדן און זקנים, האָבן זיך אין פֿאַל פֿון סכּנה געדאַרפֿט פֿאַרזאַמלען". דאָס וואָס קאַרפּינסקי שרײַבט איז אָבער אַ טעות, ווי דאָס וועט אויפֿגעקלערט ווערן ווײַטער.

3 J. G. Seume, Einige Nachrichten über die Vorfaelle in Polen im Jahre 1794.

4 „Unsere Wache war eine Komposition aller Menschenklassen, Alle Zünfte vom Silberschmiedt bis zum Kaerner inclusive die Kinder Israels waren vor dem Zuge

„אונדזער שמירה איז געווען אַ צוזאַמענשטעל פֿון אַלע קלאַסן. עס זײַנען דאָרט גע-ווען אַלע צעכן, פֿון אַ זילבערשמיד ביז צו אַ טאַטשקע-פֿירער. אַרײַנגענומען אויך די קינדער ישׂראל".

5 Antoni Trębicki i jego pamiętnik o insurekcji z r. 1794, Lwów 1931, p. 34.

6 Arch. Kr. Pol. 280 Komput siły zbrojnej (די ציילונג פֿון די באַוואָפֿנטע כּוחות).

7 וועגן דעם, אַז ייִדן זײַנען געווען אין דער מיליץ פֿון דעם 6 טן צערקל קענען מיר אַרויסדרינגען פֿון דער ווײַטערדיקער נאָטיץ: „עס ווײַזט זיך אַרויס אין אַ טייל הוי-דערטער איז געווען די איבערוואָג פֿון שליאַכטע, עס זײַנען אָבער אויך דאָ דאָרט פֿינאַנץ-באַאַמטע און האַנטווערקער-ייִדן, וועלכע זײַנען באַשעפֿטיקט".

8 Pamiętniki Kierzkowskiego, p. 32 צוליב אַ פֿאַרגלײַך איז דאָ כּדאַי צו ברענגען די כאַראַקטעריסטיק פֿון דער ייִדישער שטאָטישער גוואַרדיע פֿון די צײַטן פֿון דעם אָוועמבער-אויפֿשטאַנד, וועלכע עס האָט אָנגעצייכנט איר באַשאַפֿער אַנטאָני אָסטראָווסקי: „איך מוז געבן גערעכט — שרײַבט אָסטראָווסקי אין זײַן בוך „Pomysły o potrzebie reformy towarzyskiej" (פּאַריז 1834, ז' 74) — די ייִדן, וועלכע האָבן גע-בילדעט די שטאָטישע גוואַרדיע, האָבן זיך מיט קליינע, גאָר נישט באַדײַטיקע אויסנאַמען אין משך פֿון דער גאַנצער צײַט פֿון דינסט זייער גוט אויפֿגעפֿירט, זיי האָבן גע-אַרבעט פֿלײַסיק און קלוג".

9 Tokarz: Zołnierze kość. p. 22.

10 Metr. lit. VI, 180, 5 VII.

11 Arc. Kr. Pol. 277 p. 22, 20 VII

ד״ר מ.

13 Arch. Kr. Pol. 277, 20.VIII א קאָמישע געשיכטע וועגן איינעם א ייִדישן וואַכמאַן פֿאַרצייכנט טאָקאַרזש. דער העלד איז געווען דער הענדלער לעוועק אַבראַמאָוויטש, וואָס איז געווען באַשטראָפֿט מיט אויפֿקויפֿן אין פּאַציעיאַווער פּאַלאַץ קוילן פֿון ביקסן. אויף דער פֿראַגע בעת דער אויספֿאָרשונג: צי האָט ער געהאַלטן וואַך? האָט לעוועק געענטפֿערט: „בײַ טאָג נישט, אָבער בײַ נאַכט האָב איך איבער א צענדלינג מאָל געהאַלטן וואַך פֿאַר דעם הויף, און וועלכן איך ווײַן". וואָס פֿאַרא געווער האָסטו געהאַט און פֿון וואַנען האָסטו עס גענומען? „דער בעל-הבית האָט מיר געגעבן אזא ביקס, ווי די זעלנער האָבן". איז די ביקס געווען געלאָדן? „איך ווייס נישט!" Tokarz Żołnierze kościuszkowscy p. 20.

4 Tokarz dtt., p. 21.

5 הגם דער וואַכמאַן מאַשקאָוויטש האָט געהאַט בײַ דער זײַט געווער, האָט דאָס אים אָבער נישט פֿאַרהיט פֿאַר א סיכסוך מיט א מאַרקזיצערין וועגן ווערמדיקע עפּל — וועלכע די ייִדן „פֿאַסט נישט צו עסן". פֿאַר די ווערטער האָט אונדזער העלד געקריגן געשלאָגן פֿון דער מאַרקזיצערין, וועלכער האָט זיך — ווײַזט-אויס גאָרנישט געמאַכט פֿון מאַשקאָוויטשס באַוואָפֿנונג. נאָך מער, מאַשקאָוויטש איז דערפֿאַר אײַנגעזעצט געוואָרן אין אַרעסט דער שטאָט-פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי האָט אים באַפֿרײַט פֿון דעם אַרעסט מיט א וויציקער באַמערקונג: אַזוי ווי ער איז צעשלאָגן געוואָרן דורך א פֿרוי, איז ער נישט ווערט צו זיצן אין אַרעסט אויפֿן הויפּטוואַך, דעריבער זאָל מען אים באַפֿרײַען.

Arch. Kr. Pol. 159, p. 31.

די כראָניק פֿון סקאַנדאַלן גיט איבער, אַז א טייל מיליציאַנטן האָט זיך באַנוצט מיט דער וואַך צוליב זייער נישט קיין שיינע צוועקן, אַזוי למשל לייענען מיר, אַז מענדל שמוקלער, דער סובלאָקאַטאָר פֿון הערשעק שימאַנאָוויטש פֿלעגט אַנרעדן דעם צענערפֿירער פֿון שימאַנאָוויטשן, ער זאָל עפּעטער שיקן הערשקען אויף דער וואַך, כדי אין דער צײַט צו פֿאַרברענגען מיט הערשקעס פֿרוי". (Arch. Kr. Pol. 159, nr. 926, 22.VIII)

6 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 741 nr. 1233 (3.IX).

7 לויט סקאַלקאָווסקין האָט זעלטן געטראָפֿן, מען זאָל צונעמען ייִדן צום מיליטער. עס האָט אָבער געטראָפֿן פֿאַלן, אַז ייִדן האָבן אין דער רעגולערער אַרמיי אַרויסגעוויזן א סך איבערגעבנקייט פֿאַר דער זאַך פֿון אויפֿשטאַנד (A. Skałkowski: Z dziejów insurekcji 1794, Warszawa 1926) סקאַלקאָווסקי דערמאָנט א ייִדישן סאָלדאַט שאַיע איזראַעלאָוויטש, וועלכער איז לויט דער באַשטעטיקונג פֿון דעם אונטערפּולקאָווניק בערלינסקי רעקאָמענדירט געוואָרן צו דער אויסצייכענונג פֿון דעם העכסטן מיליטער-פֿירער קאָשטשושקאָ.

קאַפּיטל V

די וואַרשעווער ייִדן אין קאַמף פֿאַר פֿרייַהייט

א) דער אָנטייל פֿון די ייִדן אין דער אַפּריל־רעוואָלוציע.

נאָך דעם זיג פֿון קאָשטשושקאָ בייַ ראַצלאַוויצע איז אין וואַרשע אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד אַקעגן דעם רוסישן מיליטער, וואָס איז געווען סטאַציאָנירט אין וואַרשע און האָט אונטערגעהאַלטן די ממשלה פֿון די טאַרגאָוויצער קאָנפֿעדעראַטן. דער דאָזיקער אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 17 טן און 18 טן אַפּריל 1794, איז באַקאַנט אין דער פּוילישער געשיכטע ווי די אַפּריל־רעוואָלוציע. „צום ערשטן מאָל — שרייַבט טאָקאַרזש — האָבן ברייטע מאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון דער הויפּטשטאָט, ביז איצט פּאַסיווע צו דעם גורל פֿון לאַנד, אָן טראַדיציעס פֿון וויכטיקערע געזעלשאַפֿטלעכע אָדער פּאָליטישע איבערקערענישן, געכאַפּט דאָס כּלי־זיין און אין אַ שאַרפֿן בלוטיקן קאַמף, וואָס איז לכתּחילה געפֿירט געוואָרן אָן אַ פֿירער, זיך אויסגעקעמפֿט אַ זיג און פֿאַרוואַנדלט די קראָקעווער אינסורעקציע אין דעם אויפֿשטאַנד פֿון גאַנצן פֿאָלק״.[1]

וואָס האָט געבראַכט צום אויסבראָך פֿון דער אינסורעקציע אין וואַרשע? אין דער ערשטער ריי האָט דערצו גורם געווען די שווערע ווירטשאַפֿטלעכע לאַגע פֿון דער הויפּטשטאָט. אין יאָר 1793 איז פֿאָרגעקומען די צווייטע צעטיילונג פֿון פּוילן, עס זייַנען אָפּגעריסן געוואָרן גרויסע ערד־שטחים פֿון פּוילן און וואַרשע איז פֿון אַ הויפּטשטאָט פֿון אַ גרויסער מדינה געוואָרן אַ פּראָווינץ־שטאָט. מחמת דער צאָל־פּאָליטיק פֿון פּרייַסן, וואָס האָט פֿאַרנומען די לעפֿצונג פֿון דער ווייַסל, איז געוואַקסן דאָס יקרות אין לאַנד. איבער דער נאַ ברעכערישער פּאָליטיק פֿון דער טאַרגאָוויצער קאָנפֿעדעראַציע איז די לאַגע געוואָרן נאָך אַן ערגערע. וואַרשע איז גע־

וואָרן די טײַערסטע שטאָט אין אייראָפּע. עס האָט געהערשט אַ גרויסע אומצופרידנקייט מיט דער הערשאַפט פון טאַרגאָוויצע, וועלכע האָט אונטער־געדריקט דאָס לאַנד דורך צענזור, פאַרבאָט פון קאָאַליציע, שפּיאָנאַזש, פּאָליציי־סיסטעם וכדומה.

אין דער הויפּטשטאָט האָט זיך געלאָזט מערקן אַ שטאַרקער אויפברויז, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט די צום מיינסטן געליטענע, די אָרעמע שיכטן, אויך די יידן זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער שטימונג. בפרט אַז דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געלאָזט פילן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט שטאַרק געליטן איבער דער ירידה פון האַנדל און אינדוסטריע [3] אין די צײַטן פון טאַרגאָוויצע. פון די באַריכטן פון די רוסישע שפּיאָנען איז טאַקע קענטיק, אַז אויך די יידן זײַנען אַרונטערגעכאַפּט די שטימונגען פון די קריסטלעכע אײַנוווינער.

אין יענע טעג לאָזט זיך אויך מערקן אין דער הויפּטשטאָט אַ צווייטע אינטערעסאַנטע דערשײַנונג, וועלכע פּראָפ׳ טאָקאַרזש האָט זייער ריכטיק אונטערגעשטראָכן אין זײַן אַרבעט, דהיינו די אָפּשוואַכונג פון די יידיש־פּוילישע ווידעראַנאַנדן, וואָס זײַנען באַזונדערס שאַרף געווען אין וואַרשע. דעם דאָזיקן וואָפן־שטילשטאַנד איז נאָך צוליב דעם כדאי אונטערצושטרײַכן, וואָס ערבֿ די אַפּרילקאַמפּן אין וואַרשע זײַנען די פּויליש־יידישע באַציִונגען אין וואַרשע און אין גאַנצן לאַנד געווען שטאַרק אָנגעצויגן איבער דעם געזעץ וועגן די שטעט און די נײַע באַגרענעצונגען לגבי די פּוילישע יידן, וועלכע עס האָט אײַנגעפירט די קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ.

די דאָזיקע ענדערונג דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ערבֿ דעם אויפ־שטאַנד איז די פּאָליטישע לאַגע געוואָרן באַזונדערס פאַרשאַרפט. „אין דעם דמיון פון דעם וואַרשעווער בעל־מלאכה — שרײַבט טאָקאַרזש [4] — גאַסנ־הענדלער, דינער, פּויער (און מיר קענען צוגעבן אויך פון דעם אָרעמען יידן ע. ר.) זײַנען אויפגעקומען ווויזיעס פון אַזאַ מורא, אַז זיי האָבן אים ראַדיקאַל באַפרײַט פון דער אַמאָליקער גלײַכגילטיקייט לגבי געזעלשאַפט־לעכע ענינים און געמאַכט אים גרייט צו אַלעמען".

אָט מיט דער שווערער לאַגע קענען מיר דערקלערן דאָס, וואָס די וואַרשעווער יידן, וועלכע זײַנען אַ יאָר פאַרן אויפשטאַנד, אין יאָר 1793, געשטאַנען אונטער דער סכנה פון אַ נײַעם גירוש, האָבן צוליב די גע־מיינזאַמע אינטערעסן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פאַרגעסן וועגן די עוולות, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן און צוזאַמען מיט אַלע זיך געגרייט צום קאַמף מיטן שונא.

פאַר וואָס טרעפן מיר נישט קיין שפּורן וועגן אָנטייל פון די יידן אין דער צוגרייטונגס־אַרבעט פאַרן אויפשטאַנד? דאָס איז גאַנץ פאַרשטענד־לעך, ווען מיר דערמאָנען זיך וועגן דעם גראַד פון פּאָליטישן באַוווסטזײַן

פֿון די פּויליש ייִדן און וועגן דער פּאַסיווער באַציִונג פֿון דעם קליינעם הײַפֿל אינטעליגענץ און פּלוטאָקראַטיע צו די געשעענישן אין לאַנד.

די סימפּאַטיעס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג לטובֿת דעם אויפֿשטאַנד, וואָס האָט זיך געגרייט, האָבן געמוזט זײַן גענוג בולטע, אויב עס האָבן זיך וועגן זיי דערוויסט די רוסישע שפּיאָנען, וועלכע האָבן מסתמא קיין צו לײַכטן צוטריט צו די ייִדישע מאַסן נישט געהאַט. אָט די דאָזיקע שטימונגען פֿאַרדאַנקען מיר דעם אַקטיוון אָנטייל פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס-מאַסע אין די קאַמפֿן אַרום דער באַפֿרײַונג פֿון דער הויפּטשטאָט.

די אַפּריל-רעוואָלוציע איז געווען אַ צווייטאָגיקער זייער פֿאַרביטערטער קאַמף אין שטאָט צווישן דעם רוסישן גאַרניזאָן אין וואַרשע און די פּויליש מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע עס האָבן אויסגעהאָלפֿן די אײַנוווינער פֿון וואַרשע. דער דאָזיקער קאַמף דעם 17 טן און 18 טן אַפּריל איז געווען זייער אַ פֿאַרביסענער און איז געפֿירט געוואָרן מיט גרויס אכזריות אויף די גאַסן פֿון וואַרשע. אַ געוויסער טייל פֿון דידאָזיקע קאַמפֿן איז געפֿירט געוואָרן אויף די געביטן, אין וועלכע ייִדן האָבן געוווינט אין גרויסע מאַסן. דערמיט דערקלערט זיך אויך, פֿאַר וואָס גרויסע גרופּעס ייִדישע פֿאָלקסמענטשן האָבן זיך געלאָזט מיטרײַסן אין קאַמף מיטן פֿאַרהאַסטן שונא.

דער וויכטיקסטער מקור, וואָס באַלויכט דעם אַקטיוון אָנטייל פֿון די וואַרשעווער ייִדן אין דער אַפּריל-רעוואָלוציע, איז דער מעמאָראַנדום פֿון „דער אָרעמשאַפֿט פֿון אַלטן טעסטאַמענט“ (ubóstwo Zakonu Starego), וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם שטאָט-פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי 2 חדשים נאָך די אַפּריל-געשעענישן (דעם 21 טן יוני). אין דעם מעמאָראַנדום פֿאַררופֿט זיך „די ייִדישע אָרעמשאַפֿט“ אויף אירע פֿאַרדינסטן בײַם באַפֿרײַען וואַרשע פֿון די הענט פֿונעם שונא און בעט, מען זאָל זי באַפֿרײַען פֿון קאָפּגעלט. „בעת דער רעוואָלוציע פֿון גרויסן דאָנערשטאָג זענען מיר מיט חשק געגאַנגען פֿאַרטיידיקן (די שטאָט) און אַ סך זײַנען געבליבן ליגן אויפֿן קאַמפּפּלאַץ“.[5] עס איז קלאָר, אַז די ייִדן וואָלטן נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צוויי חדשים נאָך דער אַפּריל-רעוואָלוציע פֿאַררופֿן זיך אויף זייער אָנטייל אין די באַפֿרײַונגס-קאַמפֿן פֿון וואַרשע, ווען דאָס וואָלט נישט געשטימט מיט דערווירקלעכקייט. עס זײַנען איבעריקנס פֿאַראַן אַנדערע מקורים, וואָס באַשטעטיקן דאָס.

עס איז באַוווסט אין וועלכע פּונקטן די ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף. אויף דער סענאַטאָרן-גאַס [6] האָבן ייִדן פֿון דעם באַרימטן פּאַציעווו *) געקעמפֿט מיט די רוסן און אַפֿילו אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ געוויסן סאָקאָלאָווסקי אָפּגענומען בײַ די רוסן אַ האַרמאַט.

*) פּאַציעווו, דאָס איז געווען אַ גרויסער הויף פֿול מיט ייִדן אין דער געגנט פֿון דעם הײַנטיקן טעאַטער-פּלאַץ. דער נאָמען פּאַציעווו שטאַמט פֿון דעם פֿריערדיקן אייגנטי—

אויף דער ל ע ש האָט אַ יונגער אַרטילעריע-פֿענריך אונינסקי מיט צוויי האַרמאַטן, וואָס זענען באַדינט געוואָרן דורך ייִדן און קוימען-קערערס — לויט דעם באַריכט פֿון אַן עד-ראיה טרעמביצקי [7] — געצוווּנגען אַ גאַנצע רוסישע אָפּטיילונג צום אונטערגעבן זיך. אויף דער ש ווי ע נ ט אָ י ע ר ס ק ע-ג אַ ס האָט אַ געוויסער יאַן לוזארקעוויטש — לויט דעם באַריכט פֿון „דעם נאַציאָנאַלן און אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט" [8] געשאָסן פֿון 4 האַר-מאַטן פֿון די נאַלעווקעס „און געהאַט צו הילף איין קאַנאָניר, דאָס פֿאָלק און אַ ביסל ייִדן". אויך אויף אַנדערע גאַסן ווי קראָקעווער פֿאָר-שטאָט, [9] נאָוואָליפּיע, [10] האָבן ייִדן זיך באַטייליקט אין די קאַמפֿן.

טרעמביצקין זײַנען אַפֿילו באַקאַנט כאַראַקטעריסטישע פּרטים וועגן דעם אָנטייל פֿון די ייִדן אין די אַפּרילקאַמפֿן: „די ייִדן — שרײַבט טרעמביצקי — פֿלעגן זיך זאַמלען אין מחנות, זיך פֿאַרשטעלן די אויגן און זײַנען געלאָפֿן בלינדערהייט אויף די האַרמאַטן און באַגנעטן" (Żydzi kupili się tłumami a oczy swoje zasłoniwszy biegli naoślep na działa i bagnety). אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט דער זעלבער טרעמ-ביצקי, אַז דער המון, אַפֿילו ייִדן האָבן צענומען צווישן זיך די האַרמאַטן און אונטער דער אָנפֿירונג פֿון געניטע אָפֿיצירן האָבן זיי זיך אַ לאָז גע-טון צו אַלע פּונקטן, ווו די רוסן האָבן זיך שטאַרק פֿאַרטיידיקט.

אויך די „רעגירונגס-צײַטונג" [11] (Gazeta rządowa) באַלויכט אין דעם זעלבן גײַסט די ראָלע פֿון די וואַרשעווער ייִדן אין די טעג פֿון 17טן און 18טן אַפּריל אין אַן אַרטיקל, וואָס האָט דערשײַנט לכּבֿוד דעם ייִדישן פּאָלק. דער אַרטיקל איז — ווי שוין דערמאָנט — אונטערגעשריבן דורך קאָש-טשושקאָן און דאַטירט דעם 17טן סעפּטעמבער: „ערשט אין יאָר 1794 — לייענען מיר אין דעם אַרטיקל — אין די טעג פֿון 17טן און 18טן אַפּריל, ווען וואַרשע האָט געפֿירט אַ בלוטיקע שלאַכט מיטן שונא, האָבן די ייִדן, וואָס וווינען אין דער הויפּטשטאָט, זיך געוואָרפֿן צום געווער, מוטיק גע-קעמפֿט מיטן שונא און באַוויזן דער וועלט, אַז דאָרט ווו די מענטשהייט קען געווינען, שטעלן זיי אײַן זייער לעבן".

וועגן די פֿאַרדינסטן פֿון די ייִדן אין דעם קאַמף פֿון דער הויפּט-שטאָט דריקט זיך אויס מיט גרויס אָנערקענונג די גאַנצע דעמאָקראַטיקע פּרעסע. „אויסער די טויזנטער אונדזערע ברידער — שרײַבט „דער נאַציאָנאַ-לער און אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט" [12] — וואָס האָבן אומעטום גע-האָלפֿן די קנאַפּע כּוחות פֿון מיליטער, האָבן אַפֿילו די ייִדן, דאָס פֿאָלק,

מער פֿון דעם הויפּגראַף פּאַציעי. דערפֿאַר וואָס אין פּאַציעיוו האָט זיך קאָנצענטרירט דער האַנדל מיט אַלטוואַרג, איז דער נאָמען פּאַציעיוו געוואָרן היינט אַ סימבאָל פֿון האַנדל מיט אַלטוואַרג.

וואָס איז אַזוי צוגעבונדן צו די יידישע מנהגים געקעמפּט בשעת זייערע ימים־טובֿים מיט געווער, געהאָלפֿן בײַ האַרמאַטן און געטאָן פֿאַרשיידענע דינסטן, וועלכע מען האָט זיי איבערגעגעבן".

אַנדערע מקורים, ווי למשל די פֿראַנצייזישע צײַטונג אין וואַרשע "Bulletin hébdomadaire nationale" [13] דריקן זיך אויס מיט אָנערקענונג וועגן דער העלדישקייט פֿון די יידן אין די אַפּרילטעג.

אין אַן אַנדערער דעמאָקראַטיקער שריפֿט לייענען מיר וועגן "דער באַוווּנדערונג פֿאַר דער גבֿורה, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן נישט בלויז דער מוטיקער זעלנער און דער איבערגעגעבענער בירגער, נאָר אויך אויסלענדער פֿון כּל־המינים ווי אויך יידן". [13a]

עס באַוווּנדערט אויך די יידישע יוגנט, וואָס איז נישט געווינט צום מיליטער־דינסט, דער וואַרשעווער בירגער, דער אַנאָנימער מחבר פֿון אַ זאַמלבוך אד"ט Geordnete Sammlung der Regierungsschriften [14], וועלכער שרײַבט: "עס איז אויך צו באַוווּנדערן, וואָס יידישע יינגלעך, וואָס האָבן נישט געזען קיין געווער פֿאַר די אויגן, פּונקט ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן מיט ברען געשאָסן אויף די רוסן".

אַ דײַטש, מיטן נאָמען יאַקאָב ראַגגע, וואָס האָט געווינט אין וואַרשע און איז בײַגעווען די אַפּרילקאַמפֿן, פֿאַרציילט [15] אין זײַנע מעמואַרן, אַז אין די אַפּרילקאַמפֿן האָבן אויסער די אַרבעטער און הויזדינער אַנטייל גענומען אויך liede liches Gesinde און ungläubige Juden. דער עסטרײַכישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע דע קאַשע (de Caché) וואָס האָט זיך אויך צוגעקוקט צו די אַפּרילקאַמפֿן, דערמאָנט וועגן דעם אַנטייל פֿון די יידן אין דער וואַרשעווער רעוואָלוציע. [15a]

דער אַקטיווער אַנטייל פֿון די וואַרשעווער יידן אין די פֿרײַהייטס קאַמפֿן פֿון דער הויפּטשטאָט האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין גאַנצן לאַנד. אַ באַווײַז דערפֿאַר ליווערט אונדז דער צוזאַמענפֿאָר פֿון אַדל אין לובלינער קרייז, אויף וועלכן מען האָט זיך באַראַטן וועגן דער רעקרוטירונג צום אויפֿשטאַנד. צווישן אַנדערע האָט אויף דעם צוזאַמענפֿאָר גענומען אַ וואָרט דער גלח יעזיערסקי, וועלכער האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל אָננעמען אין מיליטער בלויז קאַטאָליקן. דערויף האָט אים געענטפֿערט קאַזימיערזש סאַפּיעהאַ, אַז "ער איז דערויף מסכּים, בתּנאי מען זאָל צום ערשטן וואַרפֿן אַ חרם אויף וואַרשע דערפֿאַר, ווײַל זי האָט באַליידיקט די רעליגיע און דערלויבט, אַז יידן זאָלן אָננעמען בײַ די רוסן עטלעכע האַרמאַטן, בעת קיין שום גלח האָט אַפֿילו קיין ביקסל (krociczka) נישט אָפּגענומען". דער סוף איז געווען אַז מען האָט אויסגעפּײַטשט דעם גלח און פֿאַרענדיקט די באַראַטונגען. [16]

עס זײַנען אונדז אויך באַקאַנט די נעמען פֿון עטלעכע יידישע אָנטייל־נעמער פֿון די אַפּרילקאַמפֿן. איינער פֿון זיי איז פֿ י ש ל אַ בֿ ר ה ם, [17]

וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פֿון שפּיאָנאַזש. בעת דער אויספֿאָרשונג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז פֿישל האָט בשעת דער אַפּריל-רעוואָלוציע געקעמפֿט אויף דער קראָקעווער פֿאָרשטאָט און אויף דער סענאַטאָרן-גאַס קעגן דעם רוסישן חייל.

אַ צווייטער אָנטייל-נעמער, וואָס זײַן נאָמען איז אונדז באַקאַנט, איז געווען צאַלעק אבראַמאָוויטש,[18] אַ סמאָלע-ברענער פֿון דער זלאָטעגאַס. „בשעת דער רעוואָלוציע האָט ער שטאַרק מיטגעהאָלפֿן צו אונטערדריקן די טיראַנען" פֿאַרצײלט וועגן אים די אויספֿאָרשונג (w czasie rewolucji znacznie do pognębienia tyranów przykładał się) מיט צאַלעקן האָט שפּעטער פּאַסירט אַ מאָדנע געשיכטע. בשעת די וואַרשעווער קאַמפֿן האָט ער דערהרגעט אַ קאָזאַק און צוגענומען בײַ אים זײַן פֿערד. דאָס פֿערד האָט ער איבערגעגעבן אין אַרסענאַל.

אונדזער צאַלעק איז נישט געווען קיין עניו, איז ער געלאָפֿן צו זײַנע באַקאַנטע אויפֿן שילעץ זיך באַרימען מיט זײַנע העלדישע מעשׂים. קיין פֿאַנטאַזיע האָט אים נישט געפֿעלט. ער האָט זיך דעריבער איבערגעטון אין דעם מונדיר פֿון דעם דערהרגעטן קאָזאַק, אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן פֿערד און געריטן צום שילעץ. מען האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט אויף זײַן „חכמה" און אים אָנגענומען פֿאַר אַן אמתדיקן קאָזאַק. דער סוף איז געווען, אַז צאַלעק האָט אַנשטאָט קיין שילעץ אָנגעשפּאַרט אין תּפֿיסה אונטער דער באַשולדיקונג פֿון שפּיאָנאַזש. אין מײַ איז זײַן ענין געקומען פֿאַרן געריכט, וואָס האָט אים באַפֿרײַט פֿון יעטוועדער באַשולדיקונג.

אַ דריטער וואַרשעווער ייִד, יאָסיעק איצקאָוויטש, איז בשעת די קאַמפֿן אַ באַוואָפֿנטער אַרויס אין גאַס צוזאַמען מיט זײַן ברודער און דינער. ער איז בשעת די קאַמפֿן פֿאַרוווּנדעט געוואָרן.[19] אין גאַס איז אויך אַרויס מיט זײַנע כּלי-זיין אַ געוויסער מאָשעק שמולאָוויטש פֿון קוטנע.[20]

פֿון אַנדערע אָנטייל-נעמער אין די אַפּריל-קאַמפֿן דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער קעניגלעכער קאַנסיליאַריוש און דאָקטער יאַן ראָזענפֿעלד, אַ זון פֿון דעם וואַרשעווער ייִד מאָרדקאָ ראָזענפֿעלד,[21] וואָס האָט שפּעטער געדינט אין די לעגיאָנען פֿון דאָמבראָווסקי און אין דעם מיליטער פֿון וואַרשעווער פֿירשטנטום. וועגן יאַן ראָזענפֿעלדן איז ביז איצט — לויט אַשכּנזיס פֿאָרשונגען — געווען באַוווּסט, אַז ער האָט צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער געדינט אין דאָמבראָווסקיס לעגיאָנען. פֿון טאָקאַרזשס נײַעסטער אַרבעט דערוויסן מיר זיך, אַז „דעם 17טן אַפּריל האָט ער נישט בלויז פֿאַרבאַנדאַזשירט אַ גאַנצע ריי פֿאַרוווּנדעטע, נאָר ער איז אויך געווען בײַ אַ האַרמאַט אויף נאָוואָליפּיע און האָט געהאָלפֿן טראָגן אַמוניציע פֿון דעם אַרסענאַל". שפּעטער איז ער אויך, מסתּמא פֿאַר די דערמאָנטע דינסטן, באַמינירט געוואָרן פֿאַרן דאָקטער פֿון דעם 18טן אינפֿאַנטעריע-פּולק.

נאָך דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט וועגן דעם גאַנץ ־אַקטיוון אָנטייל פֿון די ייִדן אין די אַפּרילקאַמפֿן, וועט פֿאַר אונדז קלינגען אומגלויבלעך די באַהויפּטונג פֿון דעם היסטאָריקער אַדאַם סקאַלקאָווסקי, וועלכער לייקנט קאַטעגאָריש דעם אָנטייל פֿון די ייִדן אין די וואַרשע־ווער באַפֿרייַונגס־קאַמפֿן. צו דער דאָזיקער מיינונג איז סקאַלקאָווסקי געקומען דורך זייער אַן אייגנאַרטיקער קריטיק פֿון מקורים. אַזוי למשל וואַרפֿט ער אָפּ אין גאַנצן די אָנערקענונגס־ווערטער פֿון קאָשטשושקאָ אין דער Gazeta rządowa פֿון 17 טן סעפּטעמבער. נישט קאָש־טשושקאָ און נישט ניעמצעוויטש * — שרייַבט ער — זייַנען פּערזענלעך נישט בייַגעווען דאָ די קאַמפֿן פֿון די ייִדן אין די טעג פֿון 17 טן און 18 טן אַפּריל". סקאַלקאָווסקי מיינט, אַז דאָס האָט ניעמצעוויטש, קאָשטשושקאָס סעקרעטאַר, „אָפּגעבאַקן דעם ליגן צוליב פּאָליטישע טעמים". ווייַטער באַהויפּטעט סקאַלקאָווסקי, אַז „די באַריכטן פֿון מיטצייַטלער רעדן בכלל נישט וועגן זייער אָנטייל אין די קאַמפֿן מיט געווער אין דער האַנט".[23] איך מיין, אַז נאָך דעם ווי מיר האָבן געבראַכט אַזוי פֿיל מקורים פֿון יענע צייַטן, וואָס רעדן בפֿירוש וועגן אַקטיוון אָנטייל פֿון ייִדן אין דעם וואַרשעווער באַפֿרייַונגס־קאַמף איז איבעריק אָפּצוענטפֿערן אַזאַ איינזייַ־טיקן פֿאָרשער ווי סקאַלקאָווסקי.

עס איז נאָר כאַראַקטעריסטיש, אַז סקאַלקאָווסקי אַליין פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין סתירות, פֿון וועלכע ער קען נישט אַרויסקריכן. אָט לייענען מיר, אַז „ער האָט נישט געפֿונען קיין איין ייִדישן אָנטייל־נעמער פֿון די אַפּריל־קאַמפֿן", און אָט ווידער: „מען האָט זיי נישט געקענט גרינגשעצן אין די טעג פֿון 17 טן און 18 טן אַפּריל". אַבאַלד שרייַבט ער, אַז „די באַריכטן פֿון מיטצייַטלער ווייסן נישט וועגן זייער אָנטייל מיט געווער אין האַנט", אַבאַלד ווידער לאָזט ער זיי אין די מעמוארן פֿון טרעמביצקי, אַרויסגעגעבן דורך סקאַלקאָווסקין, פֿאַרכאַפּן אַ רוסישן האַרמאַט. ווען די היסטאָרישע דאָקומענטן, „וואָס אויף זייער יסוד וויל דער מחבר פֿאַרבלייַבן",[24] רעדן שוין צו שטאַרק קעגן זייַן הנחה, אַז אין די קאַמפֿן פֿון דער הויפּטשטאָט זייַנען די ייִדן נישט געווען קיין וויכטיקער פֿאַקטאָר, באַהויפּטעט ער, אַז „זיי (ד"ה די ייִדן) זייַנען אומגערן אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין דעם קאַראַהאַד

---

* ניעמצעוויטש, אַ באַקאַנטער פּוילישער שרייַבער, האָט געלעבט סוף 18 טן און אָנהייב 19 טן יאָרה'. ער האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין דעם קאָשטשושקאָ-אויפֿ־שטאַנד ווי קאָשטשושקאָס סעקרעטאַר. בקאַלקאָווסקי מיינט, אַז דעם פֿריִער דערמאָנטן אַרטיקל וועגן בערעקס פּולק האָט געשריבן ניעמצעוויטש הגם עס פֿיגורירט דאָרט קאָש־טשושקאָס אונטערשריפֿט

פֿון די געשעענישן״. דערבײַ פֿאַרגעסט דער מחבר אין גאַנצן, אַז שוין די שפּיאָנאַזש-באַריכטן פֿון פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד רעדן וועגן אַן אויפֿרודערונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, זייער אָנטייל איז שוין פֿון פֿריִער געווען צוגעגרייט דורך די אַנטירוסישע שטימונגען פֿון די ברייטסטע ייִדישע מאַסן.

אַנדערש שאַצט אָפּ די געשעענישן פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש, [25] וועלכער רופֿט אָן יענע צײַטן, „אַ תקופֿה פֿון ייִדיש-פּוילישער פֿאַרברידערונג״. דער דאָזיקער אָנטייל אין קאַמף איז געווען אַן אָנזאָג פֿון אַ גרויסער ענדערונג פֿון דער באַציִונג מצד דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע לגבי ייִ״.

הערות:

1) Tokarz Insur. warsz. p. 5.

2 די דאזיקע מקורים, ווי צ"ב די דעמאלטיקע פרעסע, די סיים-דיאריושן, די־
שטימען פון דער פוילישער און יידישער פובליציסטיק האב איך אנגעגעבן אין מיין
ארבעט: Projekty i próby przewarstwowienia Żydów w epoce stanisła-
wowskiej

3 וועגן דעם וואלט מען געקענט דרינגען לויט דער צאל באנקראטן, וועלכע
ראגן אין די יארן 1790–93 א מאסנהאפטן כאראקטער, ווי עס זאגן וועגן דעם עדות די
אנאנסן אין דער פרעסע. (Gazeta warszawska נומ' 17, 39 און 69 פון יאר 1790, די
ומערן 31 און 82 פון יאר 1791; די Gazeta narodowa i obca
פון 14|VII 1792 נומ' 28 פון יאר 1794.

4 Tokarz Insur. warszaw. p. 87.

5 Arch. Kr. Pol. 249.

6 וועגן דעם זאגן עדות 14 ווארשעווער בירגער: „ער (סאקאלאווסקי) האט באוויזן
די יידן אויף דער סענאטארן-גאס צו נעמען געווער, צו ווארפן זיך אויפן שונא און אפצו-
נעמען ביי די רוסן א הארמאט" Arch. Kr. Pol. 260, p. 218.

7 Antoni Trębicki i jego pamiętnik o insurekcji z r. 1794. Lwów
1931, p. 25.

8 Korespondent kraj i zagr. 13.V 1794.

9 Arch. Kr. Pol, 250, p. 204.

10 Tokarz, Insur. warsz. p. 256.

11 Gazeta rządowa Nr. 78, p. 312, 313.

12 נומ, 38 פון 3טן מיי 1794.

13 Dans les journées du 17 et du 18 avril les Juifs de Varsovie
ont prouvé, en combattant avec courage contre les Russes, que sourds
aux ordres des Despots, ils savent hasarder le r vies pour le bien être
de l' humanité (אין די טעג פון 17טן און 18טן אפריל האבן די יידן פון ווארשע
דורך זייער מוטיקן קאמף קעגן די רוסן, באוויזן, אז טויב צו די באפעלן פון די דעספאטן
זיינען זיי אבער גרייט איינצושטעלן זייער לעבן פאר דעם וויל פון דער מענטשהייט
(Bulletin hebdomadaire nationale, Nr. 16, 20.IX 1794)

דאס זעלביקע לייענען מיר אין דעם Journal historique des événements,
אין דער "qui ont eu lieu à Varsovie depuis le 17 avril 1794, Nr. 174 39 II
ראפערסווילער ביבליאטעק אין ווארשע): „vieillards et enfans militairs et civils,
ecclesiastiques et séculiers, hommes et femmes du tout âge et de toutes,
conditions, jusqu'aux juifs, tout voulait partager le danger, c'est ains
equ'en méprisant la mort, ils sont pervenus a vaincre" (זקנים און יונגע מענטשן,
עלטערע און צווייטע, גייסטלעכע און וועלטלעכע, מענער און פרויען פון פארשיידענעם על־

טער און שטאַנד אַריינגערעכנט די יידן, אַלס האָבן געוואָלט אײַנשטעלן זייער לעבן. — "אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיי דורך פֿאַראַכטן דעם טויט דערגרייכט דעם זיג".

13a די בראָשור: Kollator do swego plebana. — Insurekcja p. 240 warsz. ציטירט ביי טאָקאַרזשן

14 דער פֿולער טיטל איז: Geordnete Sammlung der Regierungschriften und Proklamationen, die seit dem 23. März 1794 in Pohlen erschienen mit einer näheren Beschreibung der Warschauer Revolution von ihrem Anfange bis auf den heutigen Tag, fortgesetzt von einem Warschauer Burger (Erstes Packchen, Warschau 1794; (Raperswylskie Nr. 9.287).

15 Tokarz Insur. warsz. p. 82.

15a Aprés une forte cannonade de toute la nuit — les decharges des mousquetons recommencent à la proximite de mon quartier et presque devant la maison du général Igelström. Ce qui pire est, les volontaires armés du peuple et de la populace jusq' à les juifs rôdent par bandes dans toutes les rues" — „נאָך אַ שטאַרקער קאַנאָנאַדע אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן; זאַלפּן פֿון ביקסן אין דער נאָענטסטער שכנות פֿון מײַן וווינונג און כמעט פֿאַר דעם הויז פֿון גענעראַל איגעלשטרעם. נאָך ערגער איז, וואָס באַוואָפֿנטע וואָלאַנטערן פֿון פֿאָלק און פֿון המון, דערין אויך יידן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט מחנותווײַז איבער אַלע גאַסן" (Quellen zur Geschichte der deutschen Kaiserpolitik Oesterreichs, Wien 1885, IV, p. 196).

16 Arch. Kr. Pol. 381, k. 115 4/V 1794.

17 Arch. Kr. Pol. 250, p, 204.

18 W. Tokarz Warszawa przed wybuchem powstania 17 kwietnia 1794, Kraków 1912 p. 125. Metr. lit. VII, 196.

19 דאָרט

20 Metr. lit. VII, 187, p. 294

21 Tokarz: Insurekcja warsz. p. 356.
ד"ר שיפּער האָט אין זײַן אַרטיקל אין „אָפּיניאָ" נמ' 5 (103), „Pierwszy bój Żydów o wolność Warszawy" אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז יאַן ראָזענפֿעלד איז געווען אַ ייִד. וועגן מאָרדקאַ ראָזענפֿעלד שרײַבט שיפּער אין זײַן בוך: Żydzi Królestwa Polskiego w dobie powstania listopadowego וועגן דעם, אַז יאַן ראָזענפֿעלד איז געווען אַ זון פֿון מאָרדקאַ ראָזענפֿעלד געפֿינען מיר אַ נאָטיץ באַשאַשבנזין אין בוך, Napoleon a Polska III. p. 1933

22 A. Skałkowski, Słowo o pułku Berka. Wiadomości Literackie 12/XII, 1926.

23 A. Skałkowski, Z dziejów insurekcji 1794, W-wa 1926.

24 דאָרט.

25 Tokarz, Warszawa przed wybuchem etc. str. 197.

ב) דער פֿולק פֿון בערעק יאָסעלעוויטש און די פּראַגער שחיטה.

די פּויליש-ייִדישע פֿאַרברידערונג פֿאַר און בעת דעם אַפּריל-אויפֿשטאַנד און בכלל די סימפּאַטיעס פֿון די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר דעם ווײַטערדיקן אָנטייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט. אַז די דאָזיקע שטימונגען זאָלן אָנהאַלטן, האָבן אויך שטאַרק געווירקט די געשעענישן פֿון חודש מײַ. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס זײַנען געווען פֿײַנדלעך געשטימט לגבי דעם אויפֿשטאַנד, האָבן געפּרוּווט צו ווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין אַ נישט געהעריקער ריכטונג. זיי האָבן אויסגענוצט דעם פֿאַקט, וואָס מען האָט געהאָנגען אַ ייִדישן שפּיאָן און געוואָרפֿן די לאָזונג פֿון אויסשעכטן די ייִדן.[1] די דאָזיקע אויפֿרודערונג האָט געזאָלט שטערן די ווײַטערדיקע פּלענער פֿון די אינסורגענטן אויפֿן שטח פֿון דער הויפּטשטאָט. די אָנפֿירנדיקע מאַכט פֿון דעם אויפֿשטאַנד האָט אָבער פֿאַרשטאַנען די געפֿאַר, וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן, און האָט דערשטיקט באַלד בײַם אָנהייב דעם פּרוּוו צו פֿאַרשאַרפֿן די באַציִונגען צווישן דער פּוילישער און ייִדישער באַפֿעלקערונג. די ענערגישע און פֿעסטע האַלטונג פֿון דער מאַכט האָט ממילא געמוזט ווירקן אויף צו שטאַרקן די סימפּאַטיע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צו די אינסורגענטן. די זעלביקע ווירקונג האָט אויך געהאַט דאָס דערשטיקן די אַקציע פֿון די רעאַקציאָנערן, וואָס איז געווענדט געווען קעגן די משומדים.

דער פֿאָדעם פֿון קעגנזײַטיקער סימפּאַטיע, וואָס איז אָנגעקניפּט געוואָרן אין אַפּריל, איז פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן אין מײַ און האָט אָנגעהאַלטן אין וואַרשע אויך אין ווײַטערדיקע חדשים. דער אָנטייל פֿון עטלעכע הונדערט ייִדן אין די רייען פֿון דער שטאָטישער מיליץ, וועלכע האָט געזאָרגט פֿאַר דער זיכערקייט פֿון מיליטערישע אָביעקטן, געהיט די קריגס-געפֿאַנגענע וכדומה, דער אָנטייל פֿון טויזנטער ייִדן אין אַרבעטן אַרום באַפֿעסטיקן וואַרשע האָבן געקענט ווירקן, אַז מען זאָל אַ טראַכט טון וועגן צוציִען ייִדן אויך צום דירעקטן מיליטערדינסט.

צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן נאָך מיטגע־האָלפֿן פּאָליטישע מאָמענטן. די אויפֿשטענדלער איז געגאַנגען אין געווינען פֿאַרן קאַמף פֿאַר פֿרייַהייט אַלע פֿעלקער, וואָס וווינען אין פּוילן. דאָס זייַנען געווען די זעלביקע מאָטיוון, וואָס האָבן באַוויגן די אויפֿשטענדישע מאַכט צו שאַפֿן אַ דייַטשן לעגיאָן אָדער אַ פֿאָרמאַציע פֿון טשעכן און אונגאַרן.[2] דעריבער טאַקע האָט מען זיך באַמיט צו מאַכן וואָס אַ גרעסערן פּרסום פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ יידישן פּולק.

אַ געוויסע השפּעה אויף דער גרינדונג פֿון פּולק האָט געהאַט דער בייַשפּיל פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פֿראַנקרייַך, מיט וועל־כער סייַ דער פּירער פֿון אויפֿשטאַנד און סייַ די ראַדיקאַלן זייַנען גע־שטאַנען אין פֿאַרבינדונגען. אין פּוילן האָט מען זיכער געוווּסט, אַז אין די רייען פֿון דער פּאַריזער שטאָטישער גוואַרדיע זייַנען געווען אויך יידישע פֿרייַוויליקע. מען האָט זיכער געוווּסט פֿון דער פּרעסע וועגן די באַמיִונגען פֿון די פּאַריזער סעקציעס בייַ דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג וועגן גלייַכ־באַרעכטיקונג פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַריז, „וועלכע האָט — לויט די ווערטער פֿון דער קאַרמעליטער סעקציע — אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל ענטוזיאַזם פֿאַר דער זאַך פֿון פֿרייַהייט".[3] עס קען גרייַלעך געמאָלט זייַן, אַז אין פּוילן איז מען אויך געווען אינפֿאָרמירט וועגן דער דעלעגאַציע פֿון דער דערמאָנטער קאַרמעליטער־סעקציע אין פּאַריז, וואָס האָט דעם 30 סטן יאַנואַר 1790 געמאַכט אַן עפֿנטלעכע ווענדונג אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג וועגן דער עמאַנציפּאַציע פֿון די יידן אין פֿראַנקרייַך.[4]

חוץ פּאָליטישע סיבות האָט אויף דער גרינדונג פֿון יידישן פּולק אויך געווירקט די אַקציע קעגן די א"ג ליידיק־גייערס און דעקלאַסירטע. דאָס רייַכע פּוילישע און יידישע בירגערטום האָט געשטרעבט אייַנצוקלאַ־מערן אין מיליטערישע רייען די אומרויִקע עלעמענטן, וואָס האָבן פֿאַר־לוירן זייער ברויט איבערן קריזיס און איבער די מלחמה־געשעענישן. דאָס נישט־אָפּהיטן דאָס פּריוואַטע אייגנטום אין די קאַמפּס טעג פֿון חודש אַפּריל האָט באַוויגן די אויפֿשטאַנדסמאַכט אַרויסצוגעבן דעם צווייטן טאָג נאָך דער אַפּריל־רעוואָלוציע אַ פֿאַראָרדענונג וועגן שאַפֿן קאָרפּוסן פֿון וואָלאָנ־טערן,[5] וואָס זאָלן באַשטיין פֿון דעקלאַסירטע עלעמענטן, אָן אַ שטענדי־קער באַשעפֿטיקונג. דער ציל פֿון די דאָזיקע קאָרפּוסן ווערט אויך קלאָר באַצייכנט: „כּדי צו פֿאַרזיכערן די פֿאַרמעגנס פֿון די בירגער און צוליב דער זיכערקייט פֿון דער שטאָט".

מיט דער זעלביקער טענדענץ איז אויך אַדורכגעדרונגען דער אוני־ווערסאַל פֿון 14 טן יוני[6] „וועגן די בעטלערס, שלעפּער און ליידיק גייער". לויט דעם דערמאָנטן אוניווערסאַל האָט מען די דאָזיקע עלעמענטן גע־דאַרפֿט אָדער נעמען צום מיליטער אָדער צווינגען זיי צו אַן אַרבעט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי דער דאָזיקער אוניווערסאַל איז אויסגעפֿירט

געוואָרן אויף פולע 100 פראָצענט. דעם 8טן יוני איז אויסגעבראָכן אַ מרידה פון דער וואַרשעווער אָרעמשאַפט קעגן די מעסיקע עלעמענטן פון אויפשטאַנד, קעגן זייער טאָלעראַנץ לגבי די פאַררעטער פון פאָטערלאַנד.

דער אויפגערעגטער המון האָט פון די תפיסות אַרויסגעשלעפט באַקאַנטע פאַררעטער, פירער פון דער טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע און זיי עפנטלעך אויפגעהאַנגען. נאָך דער דאָזיקער פאָלקס-רעוואָלוציע איז געבוירן געוואָרן דער פראָיעקט צו כאַפן די „ליידיק-גייערס" און איינגלידערן זיי אין מיליטערישע רייען. אויפן כמך פון קאָשטשושקאָס פולמאַכט האָט דער באַקאַנטער פירער פון אויפשטאַנד אין די אַפּריל-טעג — דער שוסטער קילינסקי אין משך פון איין נאַכט געכאַפט אין וואַרשע 6.000 ליידיק-גייערס און זיי איבערגעשיקט אין קאָשטשושקאָס לאַגער.[7]

בכלל פלעגט מען בעתן אויפשטאַנד זייער שטרענג האַנדלען לגבי די אַ"ג דעקלאַסירטע פערזאָנען. יעדן, וואָס האָט נישט געקענט ווייזן אַ בילעט, וואָס באַפרייט אים פון ווערבירונג צום מיליטער, פלעגט מען תיכף איבערגעבן צום מיליטער-דינסט.[8]

די אַלע אויסגערעכנטע אוניווערסאַלן רעדן גאָרנישט וועגן ייִדן. דאָס באַטייט אָבער נישט, אַז די דאָזיקע פאַראָרדענונגען זיינען נישט חל געווען אויך אויף די ייִדישע בעטלערס און שלעפערס. לויט דער פראַקטיק פון די צייטן פאַרן אויפשטאַנד [9] קען מען זיך משער זיין, אַז די דאָזיקע אוניווערסאַלן האָבן אַרומגענומען אויך ייִדן.

אַז ס'איז טאַקע אַזוי געווען, איבערצייַגט אונז דער אוניווערסאַל פון דעם העכסטן נאַציאָנאַל-ראַט [10] פון 19טן יולי. עס ווערט דאָרט אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר דער גראָדנער אָרדענונגס-קאָמיסיע דערפאַר, וואָס זי האָט זיך שטרענג צוגעפאַסט צו די באַשטימונגען פון אוניווערסאַל פון 19טן יולי. אין דעם גראָדנער אוניווערסאַל איז אויך פאַראַן אַ פּאַסוס וועגן די ייִדן. ווּעלכער זאָגט: „צו די דאָזיקע שלעפערס און לויזע געהערן אויך די דאָזיקע ייִדן פון ביידע מינים, וואָס באַשעפטיקן זיך נישט נישט מיט קיין באַשטימטן האַנדל נישט מיט קיין באַשטימטער מלאכה און נישט מיט לאַנדווירטשאַפט". [11]

דער אוניווערסאַל פון 19טן יולי פאַראָרדנט, אַז אויב שלעפערס און „לויזע" פערזאָנען, סיי קריסטן און סיי ייִדן, וועלן זיך פון אייגענעם ווילן נישט נעמען צו אַן אַרבעט, וועט די אָרטיקע מאַכט זיי כאַפן און אָפּגעבן צו אַן אַרבעט בלויז פאַר עסן אַליין אָן קיין שום שׂכירות.

אין הסכם מיט דעם אוניווערסאַל וועדן טאַקע אויפן שטח פון וואַרשע, געכאַפט ייִדן „ליידיק-גייערס אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג" און זיי ווערן אויף אַ צוואַנגס-אופן באַשעפטיקט ביי פאַבריקס-אַרבעט.

אויך דער פּאָלק פון בערעקן האָט זיך רעקרוטירט פון אַזעלכע שלעפּערישע עלעמענטן, וועלכע דאָס רייכע בירגערטום האָט זיך געפּלייסט צו דערווייטערן פון דער שטאָט און איינגלידערן אין די מיליטערישע רייען. אַ געוויסן יסוד פאַר דער דאָזיקער באַהויפּטונג גיט אונדז די אינטערווענץ פון בערעק יאָסעלעוויטש ביים קאָמענדאַנט פון דער הויפּטשטאָט אָרלאָווסקין מכּוח „די מניעות, וואָס ווערן געמאַכט דורכן היגן סינדיק ביים פאָרמירן דעם פּאָלק דורך דעם אַרויסלאָזן פון דער שטאָט יונגע ייִדן, ליידיק גייערס, וואָס טויגן צום מיליטער דינסט"[13] (w sprawie przeszkód od sen-dyka tutejszego czynionych do formacji tegoż pułku przez wypuszczenie z miasta żydów młodych, próżnujących do pracy w służbie wojskowej zdatnych) ווי מיר זעען, האָט דער וועג צו דעם פּאָלקאָווניק-ראַנג געפירט בערעקן פּונקט ווי דעם שוסטער קילינסקי דורך כאַפּן אַ"ג ליידיק גייערס, ד"ה, פּערזאָנען וואָס האָבן איבער דער רעוואָלוציע פאַרלוירן זייערע שטענדיקע פּרנסה-מעגלעכקייטן!

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו דער גרינדונג פון דעם בערעק-פּאָלק, לאָמיר זיך באַקענען מיט דער פּערזאָן פון זיין גרינדער. ווען אַנטפּלעקט זיך צום ערשטן מאָל בערעק אַלס פּאָליטישער טוער? שוין נאָך די אַפּריל קאַמפּן פיגורירט בערעק אויף דעם באַרימטן אויפשטאַנדס אַקט פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג,[14] וועלבער איז מאַסנהאַפט אונטערגעשריבן געוואָרן דורך די איינוווינער פון וואַרשע.

בערעק איז דער איינציקער ייִד, וואָס איז אונטערגעשריבן אונטער דעם פייערלעכן אַקט. מסתּמא האָט ער געהאַט עפּעס אַ שייכות צו די אַפּריל קאַמפן, הגם קיין שום ידיעה וועגן דעם איז נישט פאַראַן.

בערעק יאָסעלעוויטש האָט מסתּמא גוט געקענט די שטימונגען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די סימפּאַטיעס פאַרן אויפשטאַנד אין קאָנקרעטע מעשׂים. דעם 25 טן אַפּריל ווענדט ער זיך צוזאַמען מיט אַ געוויסן יוסף אַראָנאָוויטש צום קאָמענדאַנט פון וואַרשע, דעם גענעראַל מאָקראָנאָווסקי[15] מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַן אָפּטיילונג פון 100 יונגע ייִדן, „געזונטע, זיכערע און פעיִקע, וואָס זאָלן איינקויפן פאַרשיידענע זאַכן פאַרן מיליטער, און אויך נאָכשפּיאָנירן דעם שונא". עס ווייזט אויס, אַז פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז גאָרנישט געוואָרן. אין די מקורים איז נישט פאַראַן קיין שום נאָטיץ וועגן אַזאַ מין ייִדישער אָפּטיילונג.[16]

בערעק זאָגט זיך אָבער נישט אָפּ פון דעם געדאַנק צו שאַפן אַ ייִדישע אַפּטיילונג, וואָס בראש פון איר זאָל ער זיך שטעלן. אין חדש סעפּטעמבער הייבט ער אָן צו אָרגאַניזירן דעם באַרימטן ייִדישן פּאָלק. דעם 17טן סעפּטעמבער לייענען מיר אין דער Gazeta rządowa (נ׳מ. 78) די שוין

אייניקע מאָל דערמאָנטע ידיעה וועגן דעם, אַז עס שאַפט זיך אַ יידישער פּולק, וואָס בראש פון אים שטעלט קאָשטשושקאָ אַוועק בערעקן אַלס פּול-קאָווניק. [17]

דעם ערשטן אָקטאָבער איז אין דער Gazeta rządowa אָפּגעדרוקט בערעקס אויפרוף „צו די ברידער", געשריבן אין אַן אָנגעבלאָזענעם מליצה-דיקן טאָן. דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „טײַערע ברידער! וועקט זיך אויף ווי לייבן און לעמפּערטן — מיט גאָטס הילף וועלן מיר אײַנשלינגען די שטאַרק אָנגעבלאָזענע" (nadęto-wielkich).

דעם 6 טן אָקטאָבער האָט דער העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט אַרויסגע-געבן אַ פאַראָרדענונג צו דער פינאַנץ-אָפּטיילונג, אַז „זי זאָל אויף אַ קבלה פון דעם ייד בערעק יאָסעלעוויטש, וואָס האָט באַקומען פון דעם העכסטן נאַטשעלניק אַ פּאַטענט אויף פּולקאָווניק פון דעם יידישן פּולק פון לײַכטער קאַוואַלעריע, אויסצאָלן 3000 גילדן פון דער נאַציאָנאַלער קאַסע אויף די נייטיקסטע הוצאות פון די שוין רעקרוטירטע סאָלדאַטן, מיט דער באַוואָרע-ניש, אַז בערעק וועט אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון די אויסגעגעבענע געל-דער". [18] דעם 8 טן אָקטאָבער באַשטעטיקט בערעק די קבלה פון דער סומע אין פּאַפּירגעלט. [19]

אַ טייל היסטאָריקער האָבן געהאַלטן, אַז דער יידישער פּולק אין וואַרשע איז בכלל נישט צו שטאַנד געקומען. אַזאַ מיינונג איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט עטלעכע צענדליגג יאָר צוריק, ווען עס איז נאָך קנאַפּ געווען די צאָל מקורים, וואָס רעדן נישט צווייידײַטיק וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישן פּולק.

דער באַקאַנטער פאָרשער פון 18 טן יאָרהונדערט טאַדעוש קאָרזשאָן האָט אַגב אורחא אין זײַן „באַרימטער אינעווייניקסטער געשיכטע פון פּוילן אין די צײַטן פון סטאַניסלאַוו אויגוסט" באַרירט די פראַגע פון יידישן פּולק און זיך אַרויסגעזאָגט קעגן זײַן עקזיסטענץ. קאָרזשאָן [20] האָט צונויפגעשטעלט די דאַטעס: דער 6 טער אָקטאָבער (די פאַראָרדענונג פון דעם העכסטן נאַציאָ-נאַלן ראַט וועגן אויסצאָלן פאַרן פּולק די 3000 גילדן), דעם 10טן אָקטאָבער (די מפּלה אונטער מאַציעיאָוויצע, בעת וועלכער קאָשטשושקאָ איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט) און דעם 4 טן נאָיעמבער (די פּראַגער שחיטה, בעת די רוסן האָבן פאַרנומען וואַרשע) און געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נישט געווען קיין צײַט אויף צו אָרגאַניזירן דעם פּולק.

אַן ענלעכע מיינונג זאָגט אַרויס סקאַלקאָווסקי, [21] „פּרײַוויליקע האָט ער (בערעק) מסתמא געהאַט ווייניק און אויך זיי זײַנען זיך פונאַנדערגע-לאָפן אויפן אָפּקלאַנג פון דער מאַציעיאָוויצער מפּלה".

די נײַע מאַטעריאַלן באַשטעטיקן אָבער נישט די מיינונגען פון קאָר-זשאָן און סקאַלקאָווסקי. פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן קען מען אַרויסדרינגען די ווײַטערדיקע מסקנות:

1) אַז דער פּולק האָט עקזיסטירט.

2) אַז די אָרגאַניזאַציע פון פּולק האָט זיך אָנגעהויבן, נאָך איידער עס איז באַשטימט געוואָרן די סומע פון 3000 גילדן אויף מונדירן און באַוואָפּע־נונג, ד"ה פאַרן 6טן אָקטאָבער.

3) אַז דער פּולק פון בערעקן האָט געקעמפּט ביי דער שלאַכט אַרום וואַרשע, ביים פאַרטיידיקן די פאָרשטאָט פּראַגע.

וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישן פּולק[22] זאָגן עדות פאַרשיידענע מקורים, וועלכע זיינען נישט געווען באַקאַנט די דערמאָנטע היסטאָריקער. ערשטנס זיינען מיר אין שטאַנד פעסטצושטעלן, אַז די ווערבירונג צום יידישן פּולק האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין חודש סעפּטעמבער. עס איז נעמ־לעך אויפגעהיט געוואָרן די ווענדונג, וועלכע בערעק האָט געמאַכט ביים שטאָט־קאָמענדאַנט אָרלאָווסקי, וואָס האָט דעם ענ'ן וויטער איבערגעגעבן צום שטאָט־פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי. דער בריוו פון אָרלאָווסקי צו זאַק־רזשעווסקין איז דאַטירט דעם 23טן סעפּטעמבער. בערעק האָט זיך געקלאָגט אין זיין ווענדונג, אַז דער סענדיק לאָזט אַרויס יונגעלייט, וואָס וואָלטן גע־קענט דינען אין יידישן פּולק. אָרלאָווסקי בעט דעריבער זאַקרזשעווסקין, יענער זאָל וווירקן אויפן סענדיק, אז ערשטנס זאָל ער פאַרביטן דעם אַרויס־פאָר פון וואַרשע פאַר יידישע יונגעלייט, און צווייטנס זאָל ער מיטהעלפן ביים שאַפן דעם יידישן פּולק.[23]

(„o przełożenie, ażeby nietylko do wyjazdu ułatwiać sposoby żydom, mogącym się zaciągać do pomienionego pułku sen-dykowi surowo zakazał, ale owszem do werbunku onych w potrzebie teraźniejszej krajowi użytecznemi być mogących roz-kazał dać pomoc.")

זייער אַן אינטערעסאַנטע טעזע האָט לעצטנס אַנטוויקלט דער מומחה אין דער געשיכטע פון מלחמות גענעראַל קוקעל.[24] לויט זיין מיינונג איז בע־רעקס פּולק אַרויסגעקומען פון אַ יידישער אָפּטיילונג פון דער שטאָטישער מיליץ. דער מחבר פאַררופט זיך אויף די זכרונות־שרייבער קאַרפּינסקי און קיערזשקאָווסקי, וועלכע פאַררעכענען בערעקס זעלנער צו דער מיליץ. „פון אַזאַ יידישער אָפּטיילונג — שרייבט קוקעל — פון דער וואַרשאווער מיליץ האָט געמוזט אויסוואַקסן בערעקס פּולק. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געקענט זיך רופן פּולק מיטן מאָמענט ווען עס איז אַרויס דער דעקרעט פון נאַ־טשעלניק. דער דאָזיקער דעקרעט, דער אויפרוף פון בערעקן און דאָס אויסצאָלן דאָס געלט (פאַרן פּולק) זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם איבער־מאַכן די אָפּטיילונג פון דער יידישער מיליץ אין וואַרשע צו אַ רעגולערן פּולק. ווי ווייט די דאָזיקע ענדערונג האָט געגרייכט, איז נישט באַוווסט. דאָס וואָס בערעקס פּולק איז נישט פאַראַן אין די מיליטערישע ראַפּאָרטן,

ווײַזט — דוכט זיך — אויס, אַז ביזן סוף האָט מען די אָפּטיילונג באַטראַכט ווי אַ טייל פֿון דער שטאָטישער מיליץ".

מיט דער דאָזיקער מיינונג פֿון גענעראַל קוקעל בין איך נישט מסכּים איבער אַזעלכע טעמים:

1) עס איז נישט פֿאַראַן קיין שום ספֿק, אַז עס זאָל האָבן עקזיסטירט אַ יידישע אָפּטיילונג פֿון דער שטאָטישער מיליץ, ווי דאָס איז למשל געווען בעתן נאָוועמבער־אויפֿשטאַנד. עס איז אונדז באַקאַנט דער צוזאַמענשטעל פֿון דער וואַרשעווער שטאָטישער מיליץ בעתן קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד און מיר ווייסן אויך, אַז די יידן האָבן געבילדעט אַ טייל פֿון די באַזונדערע הונ־דערטער פֿון דער מיליץ, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן לויטן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ. אמת, אַז אין אייניקע הונדערטער האָבן יידן געבילדעט אַ באַ־דײַטנדיקן טייל. זיי זײַנען אָבער שטענדיק געווען אַ מיעוט. קיין ריין יידישע הונדערטער זײַנען נישט געווען אין וואַרשע.

2) די אָרגאַניזאַציע פֿון דער אָנפֿירונג פֿון פֿולק זאָגט עדות, אַז אויך אין אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרט האָט זיך דער פֿולק אונטערגעשיידט פֿון דער מיליץ, וואָס בראש פֿון איר זײַנען געשטאַנען די צענער־פֿירער, הונדער־טער־פֿירער און טויזנטער־פֿירער. בעת דעם בערעק־פֿולק האָבן אָנגעפֿירט יידישע אָפֿיצירן, וואָס זייערע נעמען זײַנען אונדז באַקאַנט.

3) דאָס וואָס דער פֿולק ווערט נישט דערמאָנט אין די מיליטערישע ראַפּאָרטן, דערקלערט זיך אפֿשר דערמיט, וואָס אויף זײַן אויסהאַלטונג האָט זיך מסתּמא באַשטײַערט די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע, ווי דאָס ווערט פֿאַרלאַנגט אין אַ געוויסער שריפֿט פֿון יענע צײַטן.

דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער עקזיסטענץ פֿון דער מיליץ און דעם אויפֿקום פֿון פֿולק קען אפֿשר זײַן אַזעלכער, אַז דער אָנטייל פֿון די יידן אין דער שטאָטישער מיליץ, זייערע נוצלעכע דינסטן דאָרט האָבן אונטערגע־רוקט דעם געדאַנק אויסצונוצן די יידן אין די קומענדיקע שלאַכטן און צו דעם צוועק בילדן אַ יידישן פֿולק.

עס שטעלט זיך איצט די פֿראַגע: אויף וואָס פֿאַראַ אופֿן איז פֿאָר־געקומען די ווערבירונג צום פֿולק. צי איז זי געווען אַ פֿרײַוויליקע? אָדער האָט זי געטראָגן אַ צוואַנגס־כאַראַקטער? אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע געפֿינען מיר אין די אַרכיוואַלע מקורים: עס איז פֿון זיי געדרונגען, אַז אין דער ווערבירונגס־אַקציע האָט בערעק זיך נישט באַגרענעצט צו איבער־צײַגן וועגן דער נויטווענדיקייט אַרײַנצוטרעטן אין פֿולק, נאָר אַז ער האָט אויך אין געוויסע פֿאַלן אָנגעווענדעט צוואַנגס־מיטלען.

וועגן דעם קען מען זיך איבערצײַגן פֿון די אָנקלאַגעס פֿאַרן וואַר־שעווער פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי, אין וועלכע די פּעטענטן בעטן, „מען זאָל זיי פֿאַרזיכערן פֿאַר דער ווערבירונג אין דעם נײַ געשאַפֿענעם יידישן

פּוֹלק פֿון ג׳ערעק (o zabezpieczenie od werbunku od nowo erygowanego pułku Starozakonnych Berka).

אַזאַ מין בקשה האָט למשל דערלאַנגט אַ געוויסער שלמה בערקאַוויטש,[25] וואָס דערקלערט זיך פֿאַר „געבונדן מיט הייליקע חתונה־באַנדן". דער פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי האָט זיך אָבער שטאַרק נישט איבערגענומען מיטן יידישן דין, וואָס פֿאַרווערט אַ יונגן מאַן צו פֿאַרלאָזן אויף אַ לענגערער צײַט זײַן ווײַב אין ערשטן יאָר נאָך דער חתונה, און האָט געענטפֿערט ווי זײַן שטייגער — מיט אַ וויץ: „מען קען זיך האָבן אַ ווײַב און גלײַכצײַטיק פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד".

קיין גרויס מזל האָט אויך נישט געהאַט דער לוּווּיטשער סענדיק, לייזער יצחק,[26] וועלכער האָט געבעטן אינעם נאָמען פֿון די וואַרשעווער יידן מען זאָל באַפֿרײַען פֿון מיליטער־דינסט אין יידישן פּולק דעם איינציקן יידישן מלמד אין וואַרשע. עס האָט נישט געהאָלפֿן לייזערס טענה, „אַז אויך אָן אים וועט זיך דאָס מיליטער באַגיין."

זאַקרזשעווסקי האָט זיי דערויף געענטפֿערט מיט הומאָר, וואָס וואונדערט אונדז שטאַרק, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דאָס איז געווען נאָך דער מאַציעיאָוויצער מפּלה און דער אויפֿשטאַנד האָט שוין געהאַלטן בײַ גסיסה: „עס שטייט געשריבן בײַ די יידישע נביאים. אַז דער דאָזיקער גרויסער מלמד וועט דערהרגנען דעם גרויסן פּירער פֿון שונא, זאָל ער דעריבער גיין צום מיליטער".

ווי אַזוי מען פֿלעגט ווערבירן זעלנער צום יידישן פּולק, פֿאַרציילט אונדז „דאָס נידעריקסטע פּיסנבענקעלע דער אומגלויביקער ייד יאַן (!) לייזעראָוויטש".[27] נישט געקוקט דערויף — קלאָגט ער זיך פֿאַרן פּרעזידענט — וואָס אויף אים ליגט די גאַנצע זאָרג פֿאַר דער בעל־הביתישקייט אין דעם בראָנפֿן־סקלאַד פֿון אַ געוויסן זעלמאַנאָוויטש, וועלכער איז שוין זינט אַ חודש נישטאָ אין וואַרשע, קוים מען צו אים כסדר און מען וויל אים צונעמען צו די יידישע זעלנער. „מען מאַטערט מיך אַזוי — וויינט אונדזער לייזעראָוויטש מיט ביטערע טרערן — אַז ער ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט ער איז און צי ער איז נאָך אַ לעבעדיקער". נאָך מער טוט עס אים וויי, וואָס „ער טוט זײַנע „בירגער־פֿליכטן" און געהער צו דער 1טע ראָטע, פֿון פֿערטן צערקל, וואָס „געפֿינט זיך אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם קאַפּיטאַן מאַרצין גרזשיבאָווסקי". זאַקרזשעווסקי, וואָס איז איבעריקנס פֿרײַנדלעך צו יידן נישט געווען, האָט געענטפֿערט דערויף, אַז „יידישע שאַכערס איז דאָ גענוג, אָבער רעקרוטן־זעלנער נאָך ווייניק". עס האָט אויך נישט געהאָלפֿן די הבטחה פֿון לייזעראָוויטשן, אַז „ער וועט ביזן טויט מתפּלל זײַן צום רבונו של עולם פֿאַרן געזונט פֿון פּרעזידענט".

אויסער צוואַנגס־רעקרוטן זײַנען געווען פֿרײַוויליקע, וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן אין יידישן פּולק איבער אידעישע מאָטיוון, אָדער ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון. אַלס בײַשפּיל קען אונדז דינען פּישל אברהם,

אַן אָנטיילנעמער פֿון די אַפּריל־קאַמפֿן אין וואַרשע. אין משך פֿון זײַנע 11 יאָר איז ער שוין אַדורכגעגאַנגען פֿאַרשיידענע גלגולים. ער איז געווען אַ משרת אין אַ שענק אין וואַרשע, דערנאָך אַ משרת בײַ פֿאַרשיידענע טאַנדייט־סוחרים. נאָך די אַפּריל־געשעענישן איז פּישל אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון רוסן. נאָך פֿאַרשיידענע פּאַסירונגען האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן זיך פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט און אַדורכשמוקלען זיך אין פּוילישן מיליטער־לאַגער ווי ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן אונטער דעם חשד פֿון שפּיאָנאַזש. בײַ דער אויספֿאָרשונג האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן זײַן אומשולד און מען האָט אים אַרויסגעלאָזן אויף דער פֿרײַ. אויף דער פֿראַגע בײַ דער אויספֿאָרשונג: „וואָס קלערסטו צו טון נאָך די באַפֿרײַונג? האָט ער געענטפֿערט: „איך וועל ווערן אַ זעלנער אין יידישן פּולק אָדער איך וועל גיין צו עמעצן דינען, ווײַל אַ סך בעל־הבתּים קענען מיך“. פּישל איז טאַקע באַפֿרײַט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן צום יידישן פּולק.[28]

לונינסקי,[29] דער מחבר פֿון דער מאָנאָגראַפֿיע וועגן בערעקן און זײַן זון, האָט נאָך אויסגערעכנט די ווײַטערדיקע נעמען פֿון בערעקס זעלנער: מאַרעק יאַקובאָוויטש פֿון מאָשציסק, מאיר הערשקאָוויטש פֿון שטשעקאָטשין, חיים יודקעוויטש, מאָרדקאָ וואָלפֿאָוויטש פֿון מאַציעיוו, יאָסעק אַבראַמאָוויטש.

עס זײַנען אונדז אויך באַקאַנט די נעמען פֿון עטלעכע אָפֿיצירן פֿון יידישן פּולק, וועגן וועלכע אַ געוועזענער אָנפֿירער פֿון מיליטער־אָפּטיילונג אין די צײַטן פֿון דער באַרער[30] קאָנפֿעדעראַציע אַדאַם סקאָטניצקי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „זיי טויגן נישט“. איינער פֿון זיי האָט געהייסן הערשעק לעווקאָוויטש.[31] וועגן זײַן לעבן און אָפּשטאַמונג איז אונדז גאָרנישט באַוווּסט. דער צווייטער יעקב עפּשטיין האָט זיך אין די צײַטן פֿון קיגיגרײַך פּוילן אין יאָר 1816 בײַם נאַמיעסטניק (שטאַטהאַלטער) זאַיאָנטשעק באַמיט וועגן ביוגעררעכט און זיך פֿאַררופֿן אויף זײַן מיליטער־דינסט אין די צײַטן פֿון קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד אין דעם ראַנג פֿון אַ לײַטנאַנט. נאָך דער ירידה פֿין אויפֿשטאַנד האָט עפּשטיין זיך באַזעצט אין וואַרשע, ווו ער האָט אַנטוויקלט אַ ברייט פֿאַרצווײַגטע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אַלס קהלה־פּרעזעס, אַלס פּרעזעס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון יידישן שפּיטאָל און אַנדערע. עפּשטיין האָט געהערט צו די אָנגעזעענסטע באַנקירן פֿון קיניגרײַך פּוילן.

דער מקור, וועלכער פֿאַרציילט וועגן עפּשטיינס מיליטערישן דינסט, דריקט זיך אויס אין אַלגעמיין, אַז „עפּשטיין איז געווען לײַטנאַנט פֿון דער פּוילישער אַרמיי אין יאָר 1794“. מן הסתּם איז ער געווען לײַטנאַנט פֿון דעם יידישן פּולק. אויפֿן פּאָן פֿון די דעמאָלטיקע פֿאַרהעלטענישן איז זיך שווער פֿאָרצושטעלן אַ ייד אַלס אָפֿיציר אין אַ נישט־יידישן כּו״ק.

עס איז אונדז אויך באַקאַנט דער נאָמען „פֿון אַ העכערן אָפֿיציר פֿון אַ באַטאַליאָן (פֿון יאָר 1794), וואָס איז באַשטאַנען פֿון ליטער יידן אונטער

דער קאָמאַנדע פֿון בערעקן״ 33 אַ געוויסן קאַנץ דעראָן. לויט קאַנדלען האָט דעראָן געוווינט שטענדיק אין פּאָליצע און „איז געווען באַקאַנט פֿון זײַן שכל און צוגעבונדנקייט צום לאַנד״.

איינער אַ וואַרשעווער ייִד מיטן נאָמען אברהם „וואָס האָט זיך טיטולירט לייטנאַנט פֿון ייִדישן פֿולק״ איז אײַנגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה בשעת דעם אויפֿשטאַנד״. 34 צום באַדויערן איז נישט אָנגעגעבן די סיבה פֿון אַרעסט. מיר ווייסן דעריבער נישט, צי האָט זײַן אַרעסט נישט געהאַט צופֿעליק קיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם לייטנאַנט-טיטול.

די ערשטע ייִדישע אָפֿיצירן אין פּוילן האָבן געהאַט אַ גרויס אָנזען אין דער ייִדישער און אַפֿילו נישט-ייִדישער וועלט. אָט למשל האָט מען אַ געוויסן יעקבֿ לעווקאָוויטש, וואָס איז אײַנגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה מחמת זײַן ענלעכקייט צו אַ ייִדישן שפּיאָן באַפֿרײַט אויפֿן סמך פֿון דער ערבֿות „פֿון דעם לייטנאַנט פֿון ייִדישן פֿולק״ הערשעק לעווקאָוויטש. 35

דאָס שאַפֿן דעם ייִדישן פֿולק האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין לאַנד. אַפֿילו אין דער טיפֿער פּראָווינץ איז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן דעם אויפֿקום פֿון פֿולק. נאָך מער, עס האָט זיך אַפֿילו געפֿונען אַ פּוילישער מיליטער-מאַן, וואָס איז גרייט געווען איבערצונעמען די אָנפֿירונג פֿון ייִדישן פֿולק. דער קאַנדידאַט אויף בערעקס אָרט האָט געהייסן אַנטאַני סקאָטניצקי[36] און האָט געשטאַמט פֿון שעראַדזער געגענט. סקאָטניצקי האָט הינטער זיך אַ רײַכע מיליטערישע פֿאַרגאַנגענהייט, ער האָט אָנגעפֿירט אַ הוסאַרן אָפּטיילונג אין פּאָטאָצקיס פֿולק. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן פּוילישן פֿרײַהײַטסקאַמף אין 1768 (באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „די באַרער קאָנפֿעדעראַציע) און אָנגעפֿירט אַן אָפּטיילונג פֿון 1800 „קאָנפֿעדעראַנטן״. סקאָטניצקי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט פֿאַרלייגן זײַן קאַנדידאַטור אַלס פּולקאָווניק פֿון ייִדישן פֿולק, ער האָט אויסגעאַרבעט אַ זייער אינטערעסאַנטן פּראָיעקט פֿון דעם ייִדישן פֿולק. (myśli swoje względem umundurowania i uzbrojenia starozakonnego pułku kawalerji lekkiej jazdy.

סקאָטניצקיס פּראָיעקט באַשטייט פֿון 5 טיילן. איינער רעדט וועגן דער באַקליידונג פֿון די זעלנער, דער צווייטער וועגן מונדיר פֿון טרומייטערער, דער דריטער וועגן דער באַוואָפֿענונג, דער פֿערטער וועגן די פֿערד און דער פֿינפֿטער וועגן דער באַלוינונג. וואָס שײַך די מונדירן לייגט סקאָטניצקי פֿאָר, אַז די ייִדישע קאַוואַלעריסטן זאָלן טראָגן אויפֿן היטל אַן אויפֿשריפֿט געמאַכט פֿון שטאָף „די ייִדישע פֿאַרטיידיקער פֿון דער פֿרײַהייט, גאַנצקייט און אומאָפּהענגיקייט פֿון דער פּוילישער רעפּובליק״. (Obrońcy Starozakonni Wolności, Całości i Niepodległości Rzeczypospolitej Polskiej".)

אין דער צוגרייטונגס-צײַט, ביז וואַנען די ייִדישע זעלנער וועלן זיך נישט אײַנמושטרירן און נישט אַרויסווײַזן זייער צוגעבונדנקייט צום פֿאַ-

טערלאַנד און די פֿאַקטיש עס צו פֿאַרטיידיקן, וועלן זיי נישט באַקומען קיין שכירות פֿון מלוכה־אוצר. די הוצאות אויף שכירות און באַשפּײַזונג דאַרפֿן אין משך פֿון דער איבערגאַנגס־צײַט דעקן די יידישע קהלות. די הוצאות אויף באַוואָפֿענונג, באַקליידונג און עקיפּירונג דאַרפֿן דעקן די שולן.
אין די אַקטן איז נישט פֿאַראַן קיין שום רמז דערויף וואָס פֿאַר אַ ענטפֿער עס האָט באַקומען סקאָטניצקי. מסתּמא איז דער ענטפֿער געווען אַ נעגאַטיווער, וואָרעם, ווי מיר ווייסן, איז ביז אַהער פֿון יידישן פֿולק געשטאַנען בערעק יאָסעלעוויטש.

עס איז פֿאַראַן אַ חילוקי־דעות, צי איז דער פֿולק באַשטאַנען פֿון רײַטער [37] צי פֿון פֿוסגייער. [38]

די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן אויבן באַשיידן די פֿראַגע, צי איז דער יידישער פֿולק פֿאַרבליבן ווײַטער נאָך דער מאַציעיאָוויצער מפּלה אָדער ער איז פֿונאַנדערגעלאָזט געוואָרן ווי עס באַהויפּטן טייל היסטאָריקער. ווי עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, האָט די ווערבירונגס־אַקציע צום יידישן פֿולק נישט אויפֿגעהערט אויך נאָך דער מפּלה בײַ מאַציעיאָוויצע.

וואָס שייך דער צאָל זעלנער אין בערעקס פֿולק, איז די ציפֿער 400 [39] אָדער 500, ווי עס גיט אָן די טראַדיציע מסתּמא אַ ריכטיקע. אַזוי ווי מען האָט אָנגעווענדט צוואַנג, האָט זיך דאָך צווישן די איבער 6.000 [40] זעלבשטענדיקע יידישע אײַנוווינער פֿון וואַרשע און דער גרויסער צאָל אַנטלאָפֿענע זיכער געפֿונען אַ 400–500 פֿרײַוויליקע אָדער צוואַנגס־קאַנדידאַטן פֿאַרן יידישן פֿולק.

איצט בלײַבט נאָך איבער צו באַשיידן, צי איז דער פֿולק פֿאַרבליבן ביז צו די קאַמפֿן אַרום דער פֿאַרשטאָט פּראַגע, וואָס זײַנען אַזוי טראַגיש פֿאַרענדיקט געוואָרן, און צי האָט ער זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער בלוטיקער שלאַכט. עס זײַנען פֿאַראַן מיטצײַטלערישע מקורים און פֿון דער תּקופֿה, וואָס איז זייער נאָענט צו יענע געשעענישן, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם אָנטייל פֿון דעם יידישן פֿולק אין פּראַגע.

אַזוי למשל לייענען מיר אין אַ באַשרײַבונג פֿון דער טרויעריק באַרימטער פּראַגער שחיטה, וואָס שטאַמט פֿון אַ דײַטש, — אַן עד ראיה, [41] אַז די רוסן זײַנען געווען זייער פֿאַרביסן אויף די יידן, ווײַל זיי האָבן פֿאַרמירט אַ באַזונדערן פֿולק פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער שטאָט.

קאַרפּינסקי [42] לויבט דעם יידישן פֿולק, וועלכער האָט אין די צײַטן פֿון דעם קאָמאַנדאַנט וואַוורזשעצקי (וואַוורזשעצקי האָט איבערגענומען די הויפּט־אָנפֿירונג פֿון אויפֿשטאַנד נאָך דעם ווי קאָשטשושקאָ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט בעת דער שלאַכט בײַ מאַציעיאָוויצע). „בעת די אײַנוווינער פֿון וואַרשע זײַנען מיט שוועריקייטן און דאָס אין אַ קליינער צאָל אַרויסגע־

גאַנגען צו די פּראַגער שוצגראַבנס, האָט (דער יידישער פולק) נישט אָפּ-
געטרעטן פון די גראַבנס און פּלייסיק געטאָן זיין חוב״.

וועגן דעם, אַז דער יידישער פולק איז געווען ביי דער פאַרטיידיקונג פון פּראַגע, שרייבט אויך קיערזשקאָווסקי;[43] אויסרעכענענדיק די פולקן, וואָס זיינען געווען טעטיק בעת דער באַלעגערונג פון וואַרשע גיט ער צו: „אויסער דעם איז דאָס יידישע מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון פּולקאָווניק בערקאָ, וועלכער האָט דאָס געשאַפן, אויך צוגעשטאַנען (צו די אַנדערע פולקן)״.

אַ באַאַמטער פון דער פּרייסישער קאַמער, אַ געוויסער קאָלאָמב איז פול מיט אָנערקענונג פאַר די יידן, וועלכע „האָבן געשאַפן אַ פולק פון לויטער יידן און געקעמפט קעגן דעם שונא״. די דאָזיקע ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן נישט קיין גאַנצן חודש נאָך דער מפּלה פון אויפשטאַנד.[44] די דאָזיקע נאָטיץ איז דעריבער אַ פולקאָם באַגלייבטע.

די ידיעה וועגן דעם יידישן פולק איז דערגאַנגען אַפילו צו דעם גובערנאַטאָר פון גאַליציע, דעם גראַף פאָן גייסרוק[45] (Geisruck), ווען בערעק האָט נאָך דער מפּלה פון אויפשטאַנד פאַרגעלייגט צו שאַפן אַ יידישן פולק צום קאַמף מיט פראַנקרייך. פאָן גייסרוק כאַראַקטעריזירט דערביי בערעקן אויף אַזאַ אופן: (Ein sicherer Jude Berl Joselewicz, der bereits als Oberster bei Warschau ein Korps Juden gegen die Russen anführte) „אַ זיכערער ייד בערל יאָסעלעוויטש, וועלכער האָט שוין אַלס פולקאָווניק אָנגעפירט אונטער וואַרשע מיט אַ פולק יידן קעגן די רוסן״.

וועגן בערעקס פולק און זיין קאַמף ביי פּראַגע שרייבט אויך דער שעפער פון די פוילישע לעגיאָנען אין דינסט פון נאַפּאָלעאָן, גענעראַל הענריק דאָמבראָווסקי אין זיין בריוו צו בערעקן (דאַטירט דעם 2טן יולי 1798)[46] וועגן אַריינטרעטן אין די לעגיאָנען.

פון די שפּעטערדיקע צייטן האָבן זיך אויפגעהיט אַ סך אָפּרופן וועגן בערעקן און זיין פולק. די דאָזיקע אָפּרופן זיינען טאַקע נישט קיין היסטאָרישע דאָקומענטן און זיי קענען נישט געבראַכט ווערן פאַר באַווייזן וועגן דער עקסיסטענץ פון יידישן פולק, דאָך זאָגן זיי עדות וועגן די טראַדיציעס, וועלכע עס האָט געשאַפן דער אַקטיווער אָנטייל פון די יידן אין דעם אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ.

מיר וועלן דאָ ציטירן אייניקע מיינונגען וועגן דעם יידישן פולק פון דער ערשטער העלפט 19טן י״ה. דער באַרימטער פוילישער היסטאָריקער יאָאַכים לעלעוועל, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה האָט וועגן די יידן אין אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ געשריבן אַט וואָס: „ווען אין יאָר 1794 האָט יאוש באַוואָפנט די הויפטשטאָט, האָבן די יידן נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. צונויפגעמישט מיטן מיליטער האָבן זיי

באוויזן, אז זיי האבן נישט מורא פאר קיין געפארן און די זאך פון פא-
טערלאנד איז פאר זיי טייער. מיטן „בלוט פון אן אייגענעם פולק אויף
פראגע" האבן זיי געטריי געדינט דעם פאטערלאנד. אינטערעסאנט איז אויך וואס עס
שרייבט אנהייב 19טן י"ה באראן ווישינסקי: „אין יאר 1794 האט
די הויפטשטאט פון קיניגרייך געזען אלס אירע פארטיידיקער יידן אין די
מיליטערישע רייען. מען קען נישט אוועקמאכן מיט ז[illegible] האנט דעם העלדנ-
מוט פון די זעלנער און זייער צוגעבונדנקייט צו דער אלגעמיינער זאך".
מיט גרויס אנערקענונג רעדט וועגן בערעקן אין די 30ער יארן פון 19טן
י"ה דער גרינדער פון טאמאשאוו-מאזאוויעצק, אסטראווסקי דער קאמאנ-
דאנט פון דער ווארשעווער נאציאנאלער גווארדיע. „די צייטן פון קאש-
טשושקא זענען געווען פול מיט האפענונגען, צו אים (צו קאשטשושקאן)
האבן די פוילישע יידן געהאט די גרעסטע סימפאטיעס. א סך האבן זיך אנגעשלאסן
אן די פאטערלענדישע רייען און אפילו ווי דער באקאנטער בערעק פון
קאצק, גערופן שפעטער בערעק פולקאווניק, האבן זיי זיך באדעקט מיט רום.
א סך האבן — ווי איך אליין געדענק דאס — אויסגעטאן די אלטע און
אייגנארטיקע מלבושים." אין דעם זעלביקן בוך לויבט אויך אסטראווסקי:
„דעם פאטריאטיזם פון יענע יידן, וואס האבן געגעבן באווייזן פון זייער
קרבנות-גרייטקייט און העלדנמוט בשעת דעם קאשטשושקא-אויפשטאנד".

וועגן קאמף פון בערעקן און פון זיין פולק אויף פראגע, האט אויך
דערמאנט סטאניסלאוו פאטאצקי [50] אין זיין רעדע, געהאלטן אין יאר 1809
אויף דער עפנטלעכער זיצונג פון דער געזעלשאפט „פריינד פון וויסנשאפט
אין ווארשע" לכבוד די געפאלענע אין די שלאכטן פון ווארשעווער פירשטנ-
טום מיט עסטרייך: * „דאס פאטערלאנד — האט געזאגט פאטאצקי — וועט
געדענקען, זיינע פריידיקע וואונדען און קאמפן פאר איר. עס וועט אייביק
געדענקען, אז דו האסט דער ערשטער געגעבן דיין פאלק א ביישפיל ווי
אזוי צו מאכן אויפלעבן די אמאליקע קעמפערישקייט פון די יידן".

„עס איז א דאנק דיר אויפגעלעבט געווארן דאס בילד פון די העלדן,
וואס זייער טויט האבן א מאל באוויינט די טעכטער פון ציון."

וועגן בערעקס פולק געפינען מיר א ברייטע נאטיץ אין דעם „דזיענ-
ניק ווילענסקי" פון יאר 1817, [51] ווו עס איז אויך צום ערשטן מאל אנגע-
געבן געווארן יאסעלעוויטשס ביאגראפיע. וועגן דעם יידישן פולק שרייבט
דער „דזיעננניק" 23 יאר נאכן אויפשטאנד אט וואס: „ווען מען האט אין
יאר 1794 באשלאסן צו שאפן א יידישן פולק, האט בערעק זיך אונטערגע-
נומען אדורכצופירן דאס. נאך זיין נאמינאציע אלס שעף פון דעם לייכטן
אולאנער-פולק האט ער צוזאמענגענומען 500 מאן. אויף וויפל די צייט האט

---

* בערעק איז געפאלן אין יאר 1809 אין א שלאכט מיט די עסטרייכישע אפטיילונג
ביי קאצק.

עס אים דערלויבט, האָט ער זיי אויסגעמושטירט. בעת דער באַרימטער שלאַכט אין פראַגע האָבן כּמעט אַלע דורך דעם קרבן פֿון זייער לעבן געטאָן דעם לעצטן חובֿ לגבי דעם פֿאָטערלאַנד; בערקאָ אַליין איז מיט איבער אַ צענדלינג רײַטער אַריבערגעקומען קיין וואַרשע און שפעטער קיין אויסלאַנד אין די לעגיאָנען".

דער אומבאַקאַנטער מחבר פֿון דעם דערמאָנטן אַרטיקל האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט בערעקס יוגנט און צוגעגעבן, אַז „עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס געדענקען אים נאָך". דאָס איז אַ סימן, אַז ער האָט צונויפֿגעזאַמלט די ידיעות וועגן בערעקן פֿון דעם קרײַז פֿון זײַנע יוגנט־חבֿרים. צום סוף פֿון אַרטיקל בעט דער מחבר, אַז „זײַנע קריגס־חבֿרים, וואָס האָבן אַ ידיעה וועגן די מיליטערישע אויפֿטוען פֿון דעם אונטער־פולקאָווניק בערעק, זאָלן זיי בּכתב איבערגעבן פֿאַר די שפעטערדיקע דורות".

ווי עס האָט זיך באַצויגן „די גרויסע עמיגראַציע" נאָך דעם נאָוועמבער־אויפֿשטאַנד צו בערעקס אויפֿטו, קאָנען מיר לייענען אין די באַמערקונגען צו דער פוילישער איבערזעצונג פֿון גלח הונקלערס געשיכטע פֿון די ייִדן (דאָס איז געווען אַ טייל פֿון שניידערס אַלגעמיינער געשיכטע). צו דער איבערזעצונג זײַנען צוגעגעבן געוויסע באַמערקונגען. איינע פֿון זיי איז אויך שייך צו בערעקן: „ווי גליקלעך זײַנען מיר — שרײַבן די איבערזעצער — וואָס דעם שלוס פֿון ווערק, וואָס איז פֿול מיט ביטערע הגם פֿאַרדינטע תּרעומות צום ייִדישן פֿאָלק — קאָנען מיר אָפגעבן גערעכטיקייט לויט דער צאָל אַ קליינער גרופע מענטשן, וואָס זײַנען אַראָפגעגאַנגען פֿון דעם געוויינטלעכן וועג פֿון זייערע ברידער, און אָפגעדאַנקט דעם פוילישן פֿאָלק, און גוט זיך פֿאַרדינט דאָס נײַע פֿאָטערלאַנד. וואָס קלענער עס איז זייער צאָל, אַלץ מער פֿאַרדינען זיי אונדזער דאַנקבאַרקייט. אַזעלכער איז געווען דער איידעלער בירגער פולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, וואָס האָט זיך אין יאָר 1794 געשטעלט בראש פֿון דעם פולק, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון בלויז ייִדן... דאָס תּמיד דאַנקבאַרע פֿאָלק האָט נישט פֿאַרגעסן וועגן זייערע פֿאַרדינסטן, וועלכע מיר גיבן דאָ אָפ כּבֿוד". מיר ברענגען דאָ די אויביקע מיינונג, ווײַל ערשטנס איז זי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די שטימונגען פֿון דער עמיגראַציע, און צווייטנס איז די דאָזיקע מיינונג ביז הײַנט געבליבן אומבאַקאַנט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט.

פֿון די אויסלענדישע מקורים, וועלכע האָבן שפעטער געווענדט זייער אויפֿמעקזאַמקייט צו בערעקס פולק, דאַרף מען דאָ דערמאַנען אַ געוויסן א. ק ײ ז ע ר. עטלעכע יאָרצענדלינג נאָכן אויפֿשטאַנד שרײַבט ער וועגן דעם ייִדישן פולק אַט וואָס: „אויך 500 ייִדן, וועלכע האָבן געבילדעט אַ פולק אונטער דעם ייִדישן פולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש און געטראָגן דעם פוילישן נאַציאָנאַלן אוניפֿאָרם, זײַנען דאָ געפֿאַלן ווי מוטיקע פֿאַרטיידיקער פֿון זייער פֿאָטערלאַנד און פֿון דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט זיי געוואָלט

געבן אַלע רעכט. בלויז דער פּאָלקאָווניק בערעק איז כּמעט אַליין געבליבן־לעבן״. [52]

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט די מאַטעריאַלן וועגן דעם בערעק־פּולק, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די שיכטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם יידישן פּולק. די פּריער געבראַכטע פּרטים וועגן דעם צו־זאַמענשטעל פון פּולק, ווי אויך די ווענדונג פון בערעקן וועגן די „ליידיק־גייערס״, דערלויבן אונדז צו באַצייכענען דעם כאַראַקטער פון פּולק ווי אַ פ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ן. נישט דאָס קליינע הייפּל אינטעליגענץ, און נישט די יידישע פּלוטאָקראַטיע ווייזן נישט אַרויס קיין שום פּאַראינטערעסירונג מיט דער אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן פּולק. נישט די פּרעסע און נישט קיין אַנדערע אַקטן דערמאָנען נישט וועגן קיין אַקציע פון דער יידישער „אַריסטאָקראַטיע פון געלט און פון גייסט״ אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שאַ־פונג פון פּולק. דער בעסטער סימן פון זייער פּאַסיווקייט אין דער פראַגע.

איצט איז כּדאַי זיך אויף אַ ווײַלע צו פּאַרטראַכטן וועגן דער געזעל־שאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידישע אָנטיילנעמער פון דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד אין פאַרגלייך מיט דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד. די פאָרשונגען פון ד״ר שיפּער [53] וועגן די יידן אין דעם אויפשטאַנד פון יאָר 1830 גיבן אַן אויסשעפּיקע תשובה אויף דער פראַגע. להיפּך צום יאָר 1794 רײַסן זיך צום אָנטייל אין נאָוועמבער־אויפשטאַנד גראָד די שיכטן, וואָס זײַנען אין יאָר 1794 געווען פּאַסיוו. דאָס וועט אונדז כּלל נישט פאַרחידושן ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין די געזעלשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעכע און קולטור־פאַרהעלטענישן פון פּוילן אין די ערשטע יאָרצענדלינגער פון 19 טן י״ה. דער אַלגעמײַנער אויפשטײַג פון דער בילדונג, דער צוטריט וואָס די יידישע יוגנט האָט גע־קראָגן צו די מלוכה־שולן, די גרינדונג פון פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינ־דער אין דער פּוילישער שפּראַך אד״ל האָבן גרינטלעך געביטן דאָס אויס־זען פון די אַ״ג מ ש כּ י ל י ם, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט דאָס רוב פון רײַכן יידישן בירגערטום. די יידישע פּלוטאָקראַטיע איז אויך דעמאָלט אין אַ גרויסער מאָס געווען פון אויסלענדישער אָפּשטאַמונג. אַזוי ווי דאָס איז איבער געווען שוין דער צווייטער דור, האָט ער שוין באַוויזן זיך צו אַסי־מילירן צו דער אַרומיקער, פּוילישער סביבה.

אָט די אַסימילירטע פּלוטאָקראַטיע וועט עס בעתן אויפשטאַנד פון יאָר 1830 ליווערן אַ סך אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אין וואַרשע, הגם די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון אויפשטאַנד וועלן פאַר זיי אָוועקלייגן שטיינער אויפן וועג.

די צווייטע אידעישע גרופּע פון פּוילישן יידנטום די אַ״ג מ ת נ ג ד י ם, וואָס האָבן נישט איבערגעריסן מיט דער יידישער טראַ־דיציע, וועלן אויך קעמפן פאַר צולאָזן זיי צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע:

אין װאַרשע. זיי װעלן פֿאַרלאַנגען, עס זאָל אָפּגעשאַפֿט װערן די טרויעריק באַרימטע פֿאַראָרדענונג, אַז מיטגלידער פֿון דער גוואַרדיע קענען זײַן בלויז מענטשן אָן בערד. אויב די מתנגדים האָבן געפֿירט אַזאַ עקשנותדיקן קאַמף פֿאַר צולאָזן זיי צום אַקטיוון אָנטייל אין אויפֿשטאַנד, האָבן זיי עס געטאָן דערפֿאַר, װײַל נאָך צענדלינגער יאָרן פֿון פֿאַרשפּילטן קאַמף פֿאַר פּאָליטישע רעכט אין אָנהויב 19טן י"ה, האָבן זיי געהאָפֿט, אַז זיי װעלן דאָס קענען דערגרייכן פֿאַרן פּרײַז פֿון מיטאַרבעט מיטן אויפֿשטאַנד.

דאָס האָט גוט פֿאַרשטאַנען דער פּוילישער אַדלשטאַנד, װעלכער האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט נישט אַרײַנצולאָזן די יידן אין די רייען פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דאָס האָט אויך גוט פֿאַרויסגעפֿילט דאָס קריסטלעכע בירגערטום, װאָס האָט מורא געהאַט, אַז די יידן זאָלן נאָכן אויפֿשטאַנד נישט קריגן קיין בירגער רעכט, און דעריבער האָט עס געפֿירט אַ כּסדרדיקע אַנטי-יידישע אַגיטאַציע מיט דער הילף פֿון דער פּרעסע און פֿאַרשיידענע פּאַמפֿלעטן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פֿאַרגלײַך צווישן דעם יידישן אָנטייל אין אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ מיטן יאָר 1830 נישט לשם בלויזן פֿאַרגלײַך. מיר האָבן עס געטאָן דערפֿאַר, װײַל ערשט װען מען באַקענט זיך מיט די געענדערטע װירטשאַפֿטלעכע, פּאָליטישע און גײַסטיקע באַדינגונגען פֿון 19 טן י"ה װערט פֿאַר אונדז קלאָר די ראָלע און באַדײַטונג פֿון די באַזונדערע שיכטן הן אין דעם יאָר 1794 און הן אין דעם יאָר 1830.

רעזומירנדיק דאָס אַלץ קענען מיר נישט אײַנשטימען מיט סקאַלקאָװסקיס מיינונג, װעלכער שרײַבט װעגן יידישן פֿולק אָט װאָס: „די נישט-צאָלרײַכע ידיעות (װעגן דעם פֿולק) — דאָס זײַנען קנאַפּע צװײַגן, זיי זײַנען אָבער פֿול מיט פֿאַרשיידענע שפּילעכלעך און צאַצקעס, װאָס זײַנען אויפֿגעהאָנגען געװאָרן װי אויף אַ ניטל-ביימל דורך אַ ליבנדיקער האַנט. װאָרעם דאָס דאָזיקע ביימל האָט מען געפֿלאַנצט בשעת דעם ערשטן יום-טוב פֿון דער פֿאַרברידערונג פֿון דעם פּוילישן פֿאָלק מיטן יידישן. בשעת יעדן שפּעטערדיקן יום-טוב האָט מען עס באַפּוצט מיט נײַע צאַצקעס. עס פֿעלט אים אָבער תּמיד װאָרצלען און אַ ליאַדע װינטעלע שלײַדערט אַראָפּ די פֿאַרטריקנטע נאָדלען".

סקאַלקאָװסקי איז גערעכט, אַז מען האָט שטאַרק מגזם געװען די ראָלע פֿון דעם יידישן פֿולק, בפֿרט זײַן באַדײַטונג אין די לעצטע קאַמפֿן. עס איז אויך ריכטיק, אַז איבער פּעדאַגאָגיש-פּאָליטישע טעמים, האָט מען צוגעגעבן אַ סך מעשׂיות און דערציילונגען, װעלכע סקאַלקאָװסקי באַצייכנט געראָטן װי צאַצקעס און שפּילערײַען. דאָס אַלץ אָבער איז נישט גענוג, אַז מיר זאָלן בכלל האַלטן, אַז דער פֿולק האָט נישט עקזיסטירט. די געבראַכטע היסטאָרישע מאַטעריאַלן פֿון די אַרכיװן און פֿון אַנדערע מקורים רעדן װעגן דעם גאַנץ קלאָר און לאָזן נישט איבער קיין שום אָרט אויף ספֿקות.

מען וואָלט זיך נאָך געדאַרפט אַ ווײַלע פאַרטראַכטן וועגן דער פּער־זאָן פון גרינדער פון יידישן פולק. וואָס האָט אים באַוויגן צו אָרגאַניזירן דעם יידישן פולק? צו וועלכן לאַגער דאַרף מען פאַררעכענען דעם שעפער פון פולק? צי איז ער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דעם הײַפל משכּילים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אויפגעקלערטע פריצים געזוכט וועגן, ווי דורך רעפאָרמען צו פאַרבעסערן דאָס יידישע לעבן אין פוילן? אין וועלכע באַ־דינגונגען איז אויפגעקומען די אידעע פון אַ יידישן פולק?

אויף די און אַנדערע פראַגן, וואָס שטעלן זיך פאַר דעם פאָרשער פון דער דאָזיקער תּקופה, איז נישט לײַכט צו געבן אַ תּשובה, ווײַל עס פעלן מקורים. עס זײַנען אויך נישטאָ קיין מאַטעריאַלן צו בערעקס ביאָגראַפיע. מיר דוכט אָבער, אַז עס וועט נישט זײַן קיין טעות, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז בערעק האָט נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט דעם קליי־נעם הײַפל יידישע אינטעליגענץ פון דער הויפטשטאָט. בערעק האָט געוווינט אין וואַרשע עטלעכע יאָר פאַרן אויפשטאַנד. אַלס מעקלער פון זײַן פריץ האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער יידישער פאָלקסמאַסע און געקענט אירע שטימונגען און סימפּאַטיעס. קיין פירנדיקן אָרט אין יידישן לעבן האָט בערעק נישט פאַרנומען. מיר באַגעגענען נישט זײַן נאָמען אין קיין שום חבֿרות, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען טעטיק אין וואַרשע, און וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם יידישן ציבור פון דער הויפּשטאָט. אויך שפּעטער נאָכן אויפשטאַנד לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן קיין שום קאָנטאַקט צווישן דער יידישער געזעלשאַפט און בערעקן. ערשט אין יאָר 1830 לאָזט זיך הערן די ערשטע שטים פון אַ יידן, וואָס לויבט בערעקס אויפטו. דאָס איז געווען יעקבֿ טוגענדהאָלד, דער צענזאָר און דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול, דער מיטגליד פון דער פּאַטריאָטישער געזעלשאַפט בעתן נאָוועמבער־אויפ־שטאַנד און דער מחבר פון דער בראָשור „באַטראַכטונגען פון אַ ייד אויף דער וואַך" (Dumania Izraelity na warcie). טוגענדהאָלד האָט עס אין חודש דעצעמבער 1830 געגעבן די איניציאַטיווע צו שאַפן געלט אויף אַ דענקמאָל פאַר בערעקן. [54]

דער פולק פון בערעקן איז אויסגעוואַקסן פון דעם אַקטיוון אָנטייל פון די וואַרשעווער יידן אין דעם קאַמף פאַר באַפרײַען די הויפטשטאָט. די איבערגעגעבנקייט און התלהבֿות פון דער יידישער פאָלקסמאַסע האָבן אונ־טערגערוקט בערעקן דעם געדאַנק צו שאַפן אַ פולק.

הערות:

1 Metryka lit. VII, p, 188 — דאָס זעלביקע לייענען מיר אין דער אויסגאַבע: Geordnete Sammlung der Regierungsschriften und Proklamationen Warschau 1794 p. 235. Den nehmlichen guten Willen der Antirevolutionisten sah man andere Hüllen umnehmen. Alle Juden sollten ermordet werden, hiess es, da ein Jude als Spion gehangen wurde

2 Skałkowski: Z dziejów insurekcji, p. 33.

3 Dubnow: Die neueste Geschichte des jüdischen Volkes I, p. 112.

4 Skałkowski: Z dziejów insurekcji, p. 33: שטעלט אויף אַ השערה, אַז בערעק אַלס מיליטערישע מעקלער האָט בּסתּמא געהערט וועגן דעם פּרוּוו, וועלכן עס האָט אונטערגענומען דער רוס בּאַטיאָמקין צו שאַפן אַ יידישן פּולק, „אפשר איז ער אַליין געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער נישט געראָטענער אונטערנעמונג".

5 Akty powstania Kościuszki I, 20/IV.

6 Arch. Kr. Pol. 241 (d. s), p. 53.

7 Korzon: Wewnętrzne dzieje VI. p. 116.

8 Tokarz: Żołnierze Kościuszkowscy, p. 28

9 פ"גל. דאָס קאַפּיטל III: Zagadnienie włóczęgostwa i żebractwa אין מײַן אַרבעט: Projekty i próby przewarstwowienia etc.

10 Arch. Kr. Pol. 242, p. 157 (druk). אוניווערסאַל וועגן מסחר מיט לעבנס-מיטלען און פּוטער, ווי אויך וועגן דעם דינגען אַרבעטס-כּוחות אין גאַנצן לאַנד.

11 דער אויבּיקער אוניווערסאַל איז אויך געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דער Gazeta wolna krajowa Nr. 28, 1794. Diariusz każdodziennych czynności Kom. Porz. pow. grodzieńskiego rkp nr. 1216, p. 202 w Bibliotece Zamojskich w Warszawie) דאָרט איז פאַראַן די קאָפּיע פון דער פאַראָרדענונג, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די אָרדענונגס-קאָמיסיע פון גראָדנער פּאָוויאַט.

12 אין דער (Metryka litewska VII, 190, p, 204) איז פאַראַן אַ פאַראָרדענונג פון דער אינדאַגאַציע—דעפּוטאַציע (אויספאָרשונגס-קאָמיסיע) וועגן איבערפירן די ייִדן ישׂראל קאַלמע, יונה דוד, וואָלף זעליק, מאַרקוס לייזער און בערנאַרד אַלס „ליידיק-גייערס" צו צוואַנגסאַרבעט אין דער געוואַנט-פאַבריק פון רעהאַן אין פּראָגע.

13 Arch. Król. Pol 257, p. 242.

14 Tokarz, Insurekcja warszawska p. 267.

15 Skałkowski: Z dziejów insurekcji. די דערלויבעניש, וועלכע מאַקראַ-נאָווסקי האָט געגעבן אויף צו שאַפן די ייִדישע אָפּטיילונג, לייענט זיך אַזוי: „די ייִדן בערעק יאָסעלעוויטש און יוסף אַראָנאָוויטש פילן זיך צוזאַמען מיט אַלעמען מחויב צו פאַרטיידיקן די ערד, וווּ זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און ווי זיי וווינען. זיי האָבן דערקלערט זייער גרייטקייט צונויפצוזאַמלען אַ געוויסע גרופּע מענטשן פון זייער אמונה, וואָס זײַנען גרייט אויסצופירן אַלע באַפעלן און אויספאָרדערונגען פון דער מאַכט און פון די מיליטע-

דיִקע אַנפֿירער. מיר באַגריסן די דאָזיקע דערקלערונג און באַפֿולמעכטיקן די דערמאָנטע
בערעק יאָסעלעוויטש און יוסף אַראָנאָוויטש צונויפֿצונעמען 100 יונגע, געזונטע, זיכערע
און פֿעיִקע מענטשן פֿון זייער גלויבן, וועלכע זאָלן זיך באַשעפֿטיקן מיט איינקויפֿן אַלע
נייטיקע זאַכן פֿאַרן מיליטער און מיט נאָכשפּיאָנירן דעם שונא. אַ גענויע פֿאַראָרדענונג
וועגן דעם וועט שפּעטער דערשיינען."

16 אין חודש אויגוסט 1794 געפֿינט זיך בערעק אין לאַגער פֿון פֿירשט פּאָניאַ-
טאָווסקי אַלס מיליטערישער מעקלער, וואָס ליווערט פֿאַר דער אַרמיי לעבנס-מיטלען פּאַשע
א"אַ אונטער די קוויטן, וואָס בערעק שרייבט אונטער אַלס מעקלער, זיינען פֿאַראַן פֿאַר-
שידענע זיינע אונטערשריפֿטן: איין מאָל בערעק יאָסעלעוויטש מעקלער, אַ צווייט מאָל
„ליוועראַנט", אַן אַנדער מאָל יאָססאָלאָ, יאָסיאָלאָוויטש (Rozkazy Kościuszki do gen.
1794 (31) אויגוסט אין .Orłowskiego w r. 1794 skierowane, Poznań 1925, p. 77
טרעפֿן מיר ווידער בערקאָן (דאָס מאָל הייסט ער יוסף בערקאָ (פֿאַרגלייך דעם אַרטיקל
פֿון פּראָפֿ' מ. באַלאַבאַן Prawdziwe imię Berka Joselewicza i przebieg jego)
(służby wojskowej: אין „נאַש פּשעגלאָנד" פֿון 1933 IV/23) אין וואַרשע, בשעת ער
גיט אָפּ פֿאַרן רבֿ אין דער שול אין בייזיין פֿון אַ געריכטס-באַאַמטן אַ שבֿועה, אַז זיינע
5 פֿערד, 1 זאָטל, 5 טאָמענטעס און אַ בריקע צוזאַמען 63 רויטע גילדן (= 1134 פּוילישע
גילדן) די ווערט זיינען בשעת די אַפּריל-געשעענישן צוגענומען געוואָרן אין אַרסענאַל און
פֿון דאָרט אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער פֿון גענעראַל זאַיאָנטשעק. אויפֿן סמך פֿון דער
דאָזיקער שבֿועה האָט אים „דער דעפּאַרטאַמענט פֿון פֿערד און געשפּאַנען" ביים העכסטן
נאַציאָנאַלן ראַט צוגעפּסקנט דעם געהעריקן באַטרעף. דער דאָזיקער דעפּאַרטאַמענט האָט
בײַ אים אויך געקויפֿט אַ פֿערד פֿאַר 180 גילדן, Komisja wojskowa III/37, p. 184,
.190 z 30/VIII, 31/VIII, 1/IX 1794

עס איז דאָ כדאַי צוצוגעבן, אַז בערעק האָט אויך אין דער צייט פֿון פֿיראַריכ-
סיים געוווינט אין וואַרשע און געהאַנדלט דאָ מיט פֿערד. וועגן דעם פֿאַרציילט אונדז
וולאָדזשימיערזש גאַדאָם, וועלכער איז אין אָנהייב 19טן י"ה געווען מאַרשאַל פֿון טעלזער
פּאָוויאַט, ווי בערעק איז געבוירן געוואָרן (אין שטעטל קרעטינגען). גאַדאָם האָט אויפֿן
אָרט צונויפֿגעזאַמלט אַ ריי ביאָגראַפֿישע פּרטים וועגן בערעקן W. G. (Włodzimierz
Gadom) Zbiór ustaw i obrzędów, wymagających najrychlejszej reformy
izraelitów, osiadłych w prowincjach do Polski należących, Г ż 1833

מיר וועלן דאָ נאָך איבערגעבן אַ ביז היינט אומבאַקאַנטן פּרט פֿון בערעקס מעק-
לערישער טעטיקייט פֿאַרן אויפֿשטאַנד. אין יאָר 1790 טרעפֿן מיר בערעקן ווי אַ מעקלער
פֿון דער פֿירשטין דע ליין (de Ligne) פֿאַרן מאַרשאַלעק-געריכט אין וואַרשע. ער ווערט
באַשולדיקט דורכן וואַרשעווער בירגער קאַדאַ און צונעמען ביי אים אַ קאַרעטע פֿאַר אַ
חובֿ פֿון 3 דוקאַטן, וואָס קומט אים פֿון קאַדאַס דינער פֿאַר אַ מאַנטל. די קאַרעטע האָט
בערעק צוגענומען אויך פֿאַר דעם חובֿ פֿון 7 דוקאַטן פֿון קאַדאַן פֿאַר די הוצאות הדרך קיין ווין
וווּהין בערעק איז געווען געפֿאָרן. דאָס געריכט האָט אָפּגעוואָרפֿן בערעקס תּבֿיעה און האָט
אים געהייסן אומקערן די קאַרעטע. (Jurysdykcja marszałkowska nr. 80, 1790)

17 קאַשטשושקאָס דערלויבעניש איז איבערגעדרוקט אין E. Łuniński: Berek
Joselewicz i jego syn, Warszawa 1909, p. 113) לונינסקיס בוך איז אין יאָר
1928 אַרויס אין ש. סוויסלאָצקיס איבערזעצונג אין יידיש ווי די אויסגאַבע פֿון קאָצקער
בירגער-קאָמיטעט צו בויען אַ דענקמאָל—אַ פּראָפּעסיאָנעלע און פֿאַלקסשול אויפֿן נאָמען פֿון
פֿולק. בערעק יאָסעלעוויטש אין קאָצק.

18 Akty powstania Kościuszki, II, p. 214.

די ידיעה וועגן דער שאַפֿונג פֿון יידישן פֿולק האָט איבערגעגעבן אויך דער
„Bulletin hebdomadaire nationale", 1794 (Nr. 16): Berek Joselewicz et Joseph Aronowicz par attachement pour la terre qui les a vu naître, convaincus que sa delivrance leur procurera, ainsi qu'aux autres citoyens des avantages incalculables, ont demandé au Generalissime de former un pułk des (!) Cavallerię composé de Juifs; le Chef Suprême louant leur zèle eu à accordé la permission, Ils se chargent d'equipper et d'armer ce corps au plutôt pour qu'i soit à la solde et combattre les ennemis de la République.

19 Książka z Kassy General. Narod. dla Rady Najwyższej a die 15 Sept. 1794 Dział staropolski VII, Kr. 74 (Archiw. Skarbowe w Warszawie)
נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דעם אויפֿשטאַנד האָט די ליקווידאַציע-קאָמיסיע אויפֿגע-
פֿאָדערט פֿאַרשיידענע מיליטער-לייט, צווישן זיי אויך בערעקן, אָפּצוגעבן אַ דין-וחשבון
פֿון די פֿון דעם מלוכה-אוצר דערהאַלטענע סומעס. דער טעקסט פֿון דער דאָזיקער אויפֿ-
פֿאָדערונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער הוספה צו דער „Gazeta Warszawska" פֿון 25
יולי 1795.

20 Korzon: Wewn. dzieje I, p. 232.

21 Skałkowski: Z dziejòw insurekcji, p. 33.

22 וועגן בערעקן אַלס פּולקאָווניק דערמאָנט אויך דער גענעראַל קניאַזיעוויטש
אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט איינעם פֿון די שעפֿער פֿון די לעגיאָנען, וויביצקין אין יאָר
1800: „בערעק — האָט ער געשריבן — וואָס איז געווען אין פּוילן אַ פּולקאָווניק, וואָס
האָט אָנגעפֿירט 2 קאָמפּאַניעס אין איטאַליע". פֿון דידאָזיקע ווערטער דרינגט גענעראַל
קוקיעל (אין דעם אַרטיקל „Czy istniał pułk Berka Joselewicza?" וואָס איז פֿאַרעפֿנט-
לעכט אין דער Księga pamiątkowa ku czci Berka) אַז „בערעק איז געווען אַ פּולקאָווניק
און נישט קיין באַזיצער פֿון אַ פּאַטענט אויף פּולקאָווניק אין אַ נישט עקזיסטירנדן פּולק. קניאַזיע-
וויטש וואָלט אַזוי נישט געשריבן — זאָגט קוקיעל — ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט
וועגן אַ נישט פֿאַרווירקלעכטער איניציאַטיוו און וועגן אַ פֿיקטיוון טיטל".

וועגן בערעקן אַלס פּולקאָווניק שרייבט אויך דער עסטרייכישער שפּיאָן בוים. אין
אַ באַריכט פֿון 15 נאָוועמבער 1794 לייענען מיר: „ווי באַוווּסט, האָבן זיך באַמיט וועגן
אָפּיצירן-שטעלעס אין דער אויפֿשטענדישער אַרמיי אַוואַנטוריסטן, מענטשן אָן קיין שום
מיטלען. אַלס ביישפּיל קען אונדז דינען דער באַקאַנטער שוסטער קילינסקי (געמיינט קי-

לינסקי) און בערקאַ אראַנאַוויטש, וועלכע האָבן געדינט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אַלס פּולקאָווניקעס". (דאָ איז אויסגעמישט בערעק יאָסעלעוויטש מיט יוסף אראַנאָוויטש דעם צווייטן אָרגאַניזאַטאָר פון יידישן פּולק).

23 וועגן דעם, אַז דער יידישער פּולק איז שוין דעם 23סטן סעפּטעמבער געווען געשאַפן, דערווייזן מיר זיך פון דעם באַריכט, וועלכן עס האָט איבערגעגעבן אַ שטאָט-איינוווינער פון בריסק-דליטא, סטעפּאַן קופּצעוויטש, וועלכער האָט אָפּגעפירט קיין וואַרשע דאָס קלייסטער-זילבער און האָט דעם 23סטן סעפּטעמבער פאַרלאָזט די הויפּטשטאָט. אויפן וועג האָבן אים געכאַפּט די קאָזאַקן פון דעם רוסישן גענעראַל סוואָראָוו (דער וועלכער האָט איינגענומען וואַרשע) און אויפגענומען בײַ אים ידיעות וועגן דער קראַפט פון דער פּוילישער אַרמיי בײַ וואַרשע. דער בריסקער מיעשטשאַנין האָט פאַרציילט וועגן 50.000 באַוואָפנטע שטאָטלײַט (אין וואַרשע) און האָט אויך צוגעגעבן, אַז „צווישן זיי האָט זיך געשאַפן אַ יידישער רײַטער-פּולק 500 מאַן שטאַרק, וואָס זײַן אָנפירער איז אויך אַ ייד". (אין דעם פריער דערמאָנטן אַרטיקל פון גענעראַל קוקיעל ז' 62).

24 דאָרט ז' 62.

25 Arch. Kr. Pol. 159, Nr. 2052, 14/X 1794.

26 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 2165, 21/X וועגן לייזער יצחקן און זײַן טעטי-קייט או פון געביט פון יידישן דרוק-וועזן האָב איך געוויטער געשריבן אין דעם בוך „צו דער געשיכטע פון יידישן דרוק און בוך אין פּוילן אין 18טן י"ה, ווילנע 1936.

27 Arch. Kr. Pol. 381; p. 396.

28 Arch. Kr. Po. 250, p, 264-5 27/IX.

29 Księga pamiątkowa ku czci Berka Joselewicza. אין „נאַש פּשע-גלאָנד" פון 1935 האָט אַ געוויסער ה. וואַרשאַווסקי פון סאָסנאָוויץ פאַרעפנטלעכט זכרונות וועגן זײַן זיידן, וואָס איז געווען בערעקס אַ זעלנער. די מעמואַרן אַנטהאַלטן זייער אינטע-רעסאַנטע פּרטים וועגן בערעקס פּולק: „מײַן זיידע — לייענען מיר דאָרט — איז געבוירן געוואָרן אין קאָציצע פּראַשאָוויצער געגנט. זײַן אמתן נאָמען ווייס איך נישט. מיט וואָס דער טאַטע פון מײַן זיידן האָט זיך אין דאָרף פאַרנומען דאָס ווייס איך נישט, אפשר איז ער געווען פאַכטער אָדער אַרענדאַר... דער זיידע האָט מיך געלערנט די געשיכטע פון פּוילן אין די צײַטן פון קאָשטשושקאָ נישט פון אַ ביכל, פון אויסנווייניק: פון זײַנע איבער-לעבונגען. אַזוי ווי ער האָט עס אָפּט איבערגעחזרט, דעריבער זײַנען מיר זײַנע דערציילונגען גוט אײַנגעקריצט געוואָרן אין זכרון".

„בעת בערעק יאָסעלעוויטש האָט אַרויסגעגעבן זײַן באַרימטן אויפרוף צו די יידן, וועלכע מען האָט איבערגעליינט מײַן זיידן אין הויף — איבערגעליינט האָט עס דעם פּריצס זון קאַזיק — האָט מײַן זיידע זיך אַרויפגעזעצט אויף זײַן פערד, וואָס ער האָט אַליין אויפגע-האָדעוועט. ער האָט מיטגענומען מיט זיך 2 דוקאַטן, אַ לאַבן ברויט, אַ קעזל און געפאָרן קיין וואַרשע. ווי לאַנג ער איז געפאָרן דאָס ווייס איך נישט, אָבער ער האָט דערגרייכט זײַן ציל. לכתחי-לה האָט מען אים געמאַכט געוויסע שוועריקייטן, ווײַל ער איז געווען פון נידעריקן וווקס. בערעק האָט אָבער געניגט דאָס אויער צו זײַן בקשה און ער איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין

פולק. ווען די יידישע זעלנער האבן זיך אויסגעשטעלט אויף דער צווייטער זייט ווייסל אויף פראגע לעבן אנדערע פולקן — האט מיר דער זיידע דערציילט — האט מען פון זיי אנגעהויבן צו חוזקן און לאכן אן א שיעור. דער פולקאווניק בערקא — און דאס האט געמוזט זיין א קלוגער און טאקטישער מענטש האט כסדר בארויקט זיינע זעלנער זאגנדיק: „איך בעט אייך, קינדער, זייט רויק, נעמט זיך נישט איבער מיט דעם אלעמען און איר וועט זיך איבערצייגן אז זיי (די פויליש זעלנער) וועלן אנדערש זינגען, ווען זיי וועלן אונדז זען ביי דער ארבעט. ווי אזוי זיי האבן געקעמפט, דאס דארף איך נישט שרייבן, ווייל דאס זיינען זאכן גוט באקאנטע פאר יעדן. זיי זיינען ארויסגעטרעטן קעגן די רוסן פון סווואראווס ארמיי און פון גאנצן פולק איז געבליבן בלויז 18 מאן מיט בערקן בראש. זיי זיינען דורך דער ווייסל אריבער אויף דער צווייטער זייט און אנגעקומען קיין ווארשע.“

30 Arch. Kr. Pol. 257. p. 544.

31 Arch. Kr. Pol. 257, p. 103. 27/X.

32 ד"ר שאצקי: ארכיוואליא (היסטארישע שריפטן פון ייווא, ב' I)

33 Dawid Kandel: Komitet Starozakonnych (Kwartalnik poświęcony badaniom przeszłości Żydów w Polsce, R. I, z 2, 1912).

34 Arch. Kr. Pol. 238, p. 796, 21/X.

35 Arch. Kr. Pol. 256, p. 103. 2|X.

36 Arch. Kr. Pol. 257, p. 549.

37 Dziennik wileński 1817, Nr. 32.

38 Encyklopedja Orgelbranda III, p. 197.

39 דארט.

40 ד"ר ר. מאהלער: די פארשפרייטונג פון די יידן אין ווארשע אין XVIII י"ה, (לאנדקענטעניש נומ' 2, 1934).

41 Der polnische Insurektionskrieg im Jahre 1794 nebst einigen freimüthigen Nachrichten und Bemerkungen über die letzte Theilung von Polen. Von einem Augenzeugen. Berlin, bei Wilheim Dietrich 1797... „waren sie gegen die Juden sehr erbittert, weil diese sich zur Vertheidigung der Stadt in ein eigenes Korps formiert hatten“.

42 Pamiętniki Karpińskiego. Poznań 1844, p, 185, 259.

43 Pamiętniki Kierzkowskiego.

44 Universalia Südpreussen I, f. 149 (Arch. Główne w Warszawie)

45 Dr. N. M. Gelber Aus zwei Jahrhunderten, 1924.

46 „איך האב תמיד געהאפט, אז דו וואס האסט דער ערשטער באוויזן דיינע ברידער בעת דער לעצטער רעוואלוציע זיי זאלן פארטיידיקן דאס לאנד, וועסט אריינטרעטן אין די לעגיאנען, כדי אויף דעם וועג צו דינען דעם פאטערלאנד (Księga pamiątkowa ku czci Berka.

47 Lelewel: Polska i jej dzieje p. 58.

48 O reformie ludu Izraela, 1818, p. 7.

49 Ostrowski Antoni: Pomysły o potrzebie reformy towarzyskiej w ogólności a mianowicie co do Izraelitów w Polsce, p. 76, 293.

50 Pochwały, mowy i rozprawy Stanisława hrabi Potockiego, senatora, wojewody, Warszawa 1816

אין א בראשור פון די צייטן פון קאנגרעס-פוילן (1819) אדר"ט O śrzodkach)
(aby reforma Żydòw w Polsce mogła byc skuteczna איז פאראן אזא ארט
וועגן דעם אנטייל פון די יידן אין דעם קאשטשושקא-אויפשטאנד: „די וואס קענען מיך —
שרייבט דער מחבר מאוושא יאנקעלעוויטש – מוזן מיר מודה זיין, אז איך בין טריי צו
די פאליאקן. איך האב אין דער צייט פון ערשטן אויפשטאנד געשריבן אזוי פיל פייער-
דיקע רעדעס וועגן דער ליבע צום פאטערלאנד, איך האב וועגן דעם געהאלטן דרשות אין
די שולן; איך האב צוויי מיינע זין געשיקט צו פארטיידיקן פוילן, נאך דעם ווי איך האב
זיי אנגעשטעקט מיט התלהבות. זיי זענען געגאנגען אונטער דער קאמאנדע פון יוסף בערעק
און זענען ביידע געפאלן אין דער מלחמה. איך האב געבראכט קרבנות לויט מיינע מעג-
לעכקייטן, כדי צו ראטעווען דאס פאטערלאנד. צוזאמען מיט אנדערע בירגער האב איך
באוויינט פוילנס אונטערגאנג". אלס מחבר פון דער בראשור פיגורירט א געוויסער מאוושא
יאנקעלעוויטש. אין דער אמתן איז אונטער דעם יידישן נאמען פארבאהאלטן א באריםטער
פוילישער שרייבער און פאליטיקער, וואס האט געווירקט ביים סוף פון 18 טן און אנהייב
19 טן י"ה. (די דאזיקע אינפארמאציע פארדאנק איך דער פרוי ע. דעמבניצקא פון ווארשע
וועלכער איך דאנק דא הארציק) הגם דער מחבר איז נישט געווען קיין ייד, גיט אבער די
אויביקע ציטאטע איבער ריכטיק די אלגעמיינע שטימונגען ביי די יידן אין די צייטן פון
קאשטשושקא-אויפשטאנד, בפרט אז יענער שרייבער האט זיך אקטיוו באטייליקט אין די
קאמפן בשעת דעם אויפשטאנד פון יאר 1794.

51 Dziennik wilenski 1817 nr. 32 31/VIII.

51a דער כתב-יד געפינט זיך אין די Zbiory raperswylskie w Warszawie
Nr. 2493.

52 A. Kaiser: Geschichte der polnischen Revolution vom Jahre 1794, Leipzig 1833. Taschenbibliotek von Revolutionen der neueren Zeit herausgegeben, von dr. E. Burckhardt.

53 Dr. I. Schiper Żydzi Królestwa Polskiego w dobie powstania listopadowego, Warszawa 1932.

54 Dziennik Powszechny Krajowy פון יאר 1831, 11/I, נו' 10 שרייבט:
„די יידן ווילן מאכן א זאמלונג אויף צו שטעלן א דענקמאל פאר דעם ייד בערעק, דעם
אונטערפולקאווניק, וואס איז געפאלן אונטער קאצק אין יאר 1809". טוגענדהאלד, וואס
האט געגעבן די איניציאטיוו צו דער זאמלונג האט פאר דעם צוועק געשאנקען עטלעכע
צענדלינג עקזעמפלארן פון זיין ווערק וואס האבן געהאט א ווערט פון 150 גילדן
(E. Łuniński: Berek Joselewicz i jego syn, Warszawa, 1909, p. 94)

ג) די פּראַגער שחיטה.

דער סוף פֿון אויפֿשטאַנד איז געווען דער קאַמף אַרום דער הויפּטשטאָט. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער פֿאָרשטאָט פּראַגע און האָט געקאָסט טויזנטער קרבנות פֿון דעם מיליטער און דער ציווילער באַפֿעלקערונג. די רוסישע זעלנער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל סוואָראָוו האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אַכזריות צו דער באַזיגטער הויפּט שטאָט, באַזונדערס צו דער באַפֿעלקערונג פֿון פּראַגע.[1] „די העכסטע פֿאַנטאַזיע — שרייבט אַן עד־ראיה[2] — איז נישט אין שטאַנד אויסצומאָלן די שרעקלעכע און באַרבאַרישע סצענעס, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט“. מיט אַ באַזונדערער אַכזריות האָט מען זיך געוואָרפֿן אויף דער יידישער באַפֿעלקערונג.[3] די קאָזאַקן האָבן זיך געמאַכט אַ בלוטיקע „שפּיל“, וואָס איז באַשטאַנען אין וואַרפֿן זיך מיט די קעפּלעך פֿון יידישע קינדער ווי מיט פּילקעס און אויפֿכאַפּן זיי אויף די פּיקעס.[4]

דער פּרייסישער פּראָוויאַנט־קאָמיסאַר מיטן נאָמען פּ. נופּערס[5] באַשרייבט אַ ריי שוידערלעכע סצענעס פֿון שחיטות אויף פּראַגע, וועלכע ער איז אַליין ביי־געווען. צווישן אַנדערע זאַכן פֿאַרציילט ער וועגן דער אַכזריותדיקער הריגה פֿון 16 וואַרשעווער יידן, וועלכע זיינען געקומען אויף יענער זייט ווייסל. די קאָזאַקן האָבן זיי געכאַפּט פֿאַר די האָר און אַזוי לאַנג געשלאָגן אָן די ביימער, מויערן און פּלויטן, ביז וואַנען זיי האָבן אויסגעהויכט די נשמה.

אויפֿציטערן מאַכט די באַשרייבונג ווי אַזוי נופּערס האָט אָפּגעראַטעוועט 35 יידישע קינדער פֿון קאָזאַקישע הענט. בעת נופּערס האָט באַקוקט דאָס פּראַגער שלאַכטפֿעלד, האָט ער פּלוצעם דערהערט פֿון אַ הויף אַ האַרצרייסנדיק געשריי פֿון קינדער. אין גרויס איילעניש איז ער אַהין צוגעקומען און האָט דערזען אַ באַנדע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך „געשפּילט“ מיט יידישע קינדער אויף דעם פֿריער דערמאָנטן שטייגער. דער הומאַנער קאָמיסאַר האָט דאָס נישט געקענט צוקוקן און האָט פֿאַרגעלייגט די קאָזאַקן אויסקויפֿגעלט איין גילדן פֿאַר אַ קינד. די „טראַנזאַקציע“ איז צושטאַנד געקומען. און אַזוי אַרום האָט זיך דעם פּרייסישן באַאַמטן איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען 35 יידישע קינדער פֿון אַ שוידערלעכן טויט.

אויף דעם זעלביקן שטייגער האָט אויך דער באַרימטער ליוועראַנט פֿון דער פּויליש׳ער און רוסיש׳ער אַרמיי, דער גרויסער אונטערנעמער, סוחר און אייגנטימער פֿון אַ סך נחלאות, שמואל זביטקעווער, אָפּגעראַטעוועט לויט דער פֿאָלקסלעגענדע — הונדערטער קריסטן און יידן פֿון קאָזאַקישע הענט. מען גיט איבער, [6] אַז ער האָט בשעת דער הריגה אַלעמען צו וויסן געטאָן, אַז ווער עס וועט אים ברענגען אַ לעבעדיקן איינוווינער פֿון פּראַגע, אַ ייד אָדער אַ קריסט, וועט באַקומען אַ דוקאַט, פֿאַר אַ טויטן וועט ער צאָלן אַ זילבערנעם רובל. אין גאַר אַ קורצער צייט זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן 2 פֿעסלעך, איינס אָנגעפּילט מיט זילבער, דאָס צווייטע מיט גאָלד, און דורך דעם זיינען הונדערטער נפשות געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ זיכערן טויט.

אַ געוויסן באַגריף וועגן דער טראַגישער לאַגע פֿון די פּראַגער יידן גיט אונדז די בקשה פֿון „דעם הייפֿל איבערגעבליבענע יידן פֿון פּראַגע" צום קיניג, אין וועלכן זיי בעטן צו באַפֿרייען זיי פֿון „טאָגצעטל".

„עס איז גוט באַוווסט — שרייבן די פּראַגער יידן — אייער קיניג-לעכער מאַיעסטעט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפֿן אויף פּראַגע. פֿון אַ סך זיינען מיר געבליבן ווינציק, פֿרויען אָן מענער, מענער אָן פֿרויען, קינדער אָן עלטערן, און די איבערגעבליבענע זיינען הונגעריק און לעכצן נאָך אַ שטיקל ברויט און האָבן נישט פֿאַר וואָס עס צו קויפֿן. מיר האָבן אַלץ פֿאַרלוירן און זיינען געבליבן אָן אַ גראָשן. מיר זיינען געבליבן נאַקעט און באָרוועס. אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר אפֿשר צו זיך קומען". [7]

וועגן דעם פֿאַרנעם פֿון דער פּראַגער קאַטאַסטראָפֿע זאָגט עדות די צאָל פֿון 250 יתומות, מיט וועלכע עס האָט זיך פֿאַראינטערעסירט אַ פֿאָלקס-מענטש, דער קירזשנער ישׂראל פֿון טוראָבין. [8] עס איז אויך פֿאַרבליבן אַ תחנה (אַרויס אין נאָווי-דוואָר 1813), [9] ווו עס ווערן אויסער די קדושים פֿון די שוועדישע מלחמות (פֿון 17 טן י"ה), פֿון דער אומאַנער שחיטה דערמאָנט אויך די קרבנות פֿון דער פּראַגער „הריגה", „אויך איז צו קלאָגן— שטייט אין דער דאָזיקער תחנה — אויף די פֿיל קדושים, וואָס זיינען אומ-געקומען אין פּראַגע בא וואַרשע מיט מיתות אַכזריות".

אין דעם באַריכט פֿון די וואַרשעווער ראַטמענער, וואָס זיינען דעלע-גירט געוואָרן צו פֿירן אין נאָמען פֿון דער שטאָט אונטערהאַנדלונגען מיטן גענעראַל סוואָראָוו, שרייבן זיי, אַז „אַדורכפֿאָרנדיק דורך פּראַגע האָט זיך אָנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד. אומעטום אויף די גאַסן און אויף די הייף איז די ערד געווען באַדעקט מיט אויפֿגעדעקטע מתים, צווישן וועלכע מען האָט געזען נישט בלויז זעלנער און בירגער, נאָר אויך פֿרויען, קינדער און אַפֿילו יידן [10]

לויט ד"ר שיפּער זאָל דער אויביקער באַריכט זאָגן עדות וועגן דעם,

אז „ביים פאַרטיידיקן פראַגע האָבן זיך די יידן פאַראייניקט מיט די פּאָליאַקן נאָך פאַר דער הויפּט אַטאַקע פון דעם 4 טן נאָוועמבער. איך בין נישט מסכים מיט דער דאָזיקער מיינונג, ווייל פון האַנען ווייסן מיר, צי די גע-הרגעטע יידן, וועלכע די וואַרשעווער ראַטמענער האָבן געזען, זיינען געווען זעלנער. דאָס קענען דאָך זיין אויך ציווילע פּערזאָנען, וואָס זיינען געהרגעט געוואָרן בשעת די מלחמה-געשעענישן. דערויף, אַז יידן האָבן געקעמפט אויף פראַגע, האָב איך שוין פריער געבראַכט אַנדערע מקורים.

עס זיינען אונדז באַקאַנט די ווייטערדיקע נעמען פון יידן געפאַלענע בעת דער פראַגער הריגה: י. זאב פון לובלין, יצחק אײַזיק פון פראַגע, ישכר בער, עוזר סעגאַל, צבי, צבי הירש, וואָלף שלום, יעקב פון לובלין, יצחק, יצחק פון קאָנסטאַנטין, נחמיה, יצחק אײַזיק בן שמואל, זאב, פינחס הלוי, ישראל יצחק בן שמואל, צבי בן צבי, זאב וואָלף און אריה אברהם.[11] די דאָזיקע נעמען זיינען פאַראַן אין דעם פנקס פון דער פראַגער חברה קדישא און אויך אין דעם פנקס פון פראַגער בית המדרש.[12] מיר ווייסן אָבער נישט, צי זיינען דאָס ציווילע קרבנות, צי זיינען דאָס נעמען פון זעלנער פון בערעקס פולק.

הערות

1 Korzon, Wewnętrzne dzieje VI, p. 362.

2 Der polnische Insurektionskrieg etc. p. 245.

3 לויט דער באַשרייבונג פֿון רוסישן גענעראַל לעוו ענגעלהאַרדט, „האָט מען (אין פּראַגע) אויף שריט און טריט ביז צו דער סאַמע ווייסל געזען געהרגעטע און שטאַרבנ-דיקע פֿון פּאַרשיידענעם שטאַנד; אויפֿן ברעג פֿון וואַסער זענען געלעגן הויפֿנס געהרגעטע זעלנער, ציווילע יידן, גלחים, מאָנאַכן, פֿרויען און קינדער Pamiętniki Jen. Lwa M. Engelhardta, Poznań 1873, p. 118

4 „Die Kosaken spiessten die Judenkinder auf ihre Piken und warfen sie einander wie Bälle zu.

5 Friedrich Nufers Schicksale während und nach seiner Gefangenschaft in Warschau unter den Polen und Russen (Posen 1795)

„Ein fürchterliches Kindergeschrey zog mich zu einem Hofe aus welchem es erscholl. Eine Menge Judenkinder hatte sich dahin geflüchtet und die Kosaken beschäftigten sich zum Zeitvertreib sie todt zu schlagen. Ich bat sie inne zu halten und mir lieber die Kinder zu verkaufen. Das thaten sie gerne, ich bezahlte einen polnischen Gulden für jedes Kind und rettete auf diese Art 35 unschuldige vom Todte.

6 פֿאַרגלייך Pamiętnik Warszawskiego Instytutu Głuchoniemych i Ociemniałych z r. szk. 1872/3 דאָרט איז אָפּגעדרוקט דער אַרטיקל פֿון פּאָפּלאַווסקי וועגן שמואלן און זיין זון בערעק.

7 Ekonomiczne St, Warszawy, nr. 1258

8 די געשטאַלט פֿון ישראל טורבינסקי האָט זייער שיין געשילדערט דער רעדאַקטאָר פֿון דער ערשטער יידיש-פּוילישער צייטונג אין פּוילן אַנטאָני אייזענבוים אין דעם „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל”: „ווער האָט נישט געקענט דעם דאָזיקן זקן מיט אַ צעשמייכלטן פּנים, וואָס איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטאַרקן שטעקן און געהאַלטן אין דער האַנט אַ זילבערן בושקעלע... זיין לעבן איז געווען אַ קייט פֿון גוטע און באַרמהאַרציקע מעשׂים. ער האָט נישט געהאַט קיין פֿעיקייטן, ער איז נישט געווען קיין למדן, אָבער ער האָט געהאַט אַ האַרץ, וואָס איז געווען אָנגעפֿילט מיט ליבע צו נאָענטסטע. פֿון פֿאַך איז ער געווען אַ קירזשנער... פֿאַרן יאָר 1794 איז ער געווען באַרימט אַלס באַרמהאַרציקער און ערלעכער מענטש. ווען די מלחמה-געשעענישן פֿון יאָר 1794 האָבן געטראָפֿן די פֿאַרשטאָט פּראַגע און עס זענען געבליבן 200 יתומים, האָט זיך טורבינסקי אָנטפּלעקט אין זיין פֿולער פּראַכט. ער האָט די אַלע יתומים גענומען צו זיך, אַראַנק פּריוויליקט אָפּצאָלונגען האָט ער זיי באַזאָרגט מיט ערטער, ער האָט זיי געשפּייזט און געלערנט ביי כּעדרים. די קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין חשק צום לערנען, האָט ער צו 13 יאָר אָפּגעגעבן צו אַ בעל-מלאכה, אַלס פֿאַרזאָרגער פֿון די יתומים האָט ער זיי כּסדר אין זינען געהאַט, און הגם ער האָט מחמת דעם באַטייטלעך געליטן, האָט ער נישט אָפּגעלאָזט

דעם דאַזיקן חובֿ ביזן טויט. נאָך מיט 2 וואָכן צוריק האָט מען אים געזען אויף די וויַיטסטע גאַסן פֿון דער הויפּטשטאָט, ווי ער זאַמלט נדבות פֿאַר זיַינע יתומים. ער האָט אויך געזאָרגט פֿאַר קינדער, וואָס זענען פֿאַריתומט געוואָרן נאָך דער הריגה.

9 נ. פּרילוצקי: „היסטאָרישע תחינה (היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ,- I באַנד, 1929, ז' 816).

10 ציטירט אין ד"ר שיפּערס בוך אד"ט Żydzi Królestwa Polskiego w dobie powstania listopadowego, p. 550) פֿאַרגליַיך אויך דעם כתבֿ-יד נו' 431 אין Biblioteka Krasińskich w Warszawie.

11 „פֿון דעם פּנקס פֿון דער פּראַגער חבֿרה-קדישא אין דעם Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce. R. I. z. 2. (1912).

12 די קאַפּיטע און איבערזעצונג פֿון דעם דאַזיקן פּנקס געפֿינט זיך אין בערסאָן-מוזיי ביַי דער ייִדישער קהילה אין וואַרשע.

קאַפּיטל VI

צו הילף דעם אויפשטאַנד

א) אויסשפּירדינסט, טראַנספּאָרט און אַנדערע דינסטאַרבעטן.

חוץ די ריין מיליטערישע דינסטאַרבעטן זיינען יידן צוגלייך מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג געווען מחוייב צו אַ גאַנצער ריי מיליטערישע אַרבעטן פון הילפס-כאַראַקטער. די דאָזיקע הילפסאַרבעט האָט אַרומגענומען אַזעלכע געביטן: א) אויסשפּירדינסט,
ב) טראַנספּאָרט,
ג) אַנדערע הילפסאַרבעטן.

אויסשפּירדינסט

ביים באַקענען זיך מיט די אַרכיוו-מאַטעריאַלן וואַרפט זיך אין די אויגן דער געגנוג פילצאַליקער אַנטייל פון יידן אין אויסשפּירדינסט פון פּוילישן מיליטער הן אַלס געצאָלטע שפּיאָנען הן אַלס אידעישע אויפן יסוד פון התחייבותן, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די יידישע קהילות. דאָס דערקלערט זיך מסתמא דערמיט, וואָס יידן אַלס רירעווידיקער, סוחרישער עלעמענט, וואָס איז באַהאַוונט אין די פאַרהעלטענישן פון פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד, אַ באַוואָפנטער מיט דער קענטעניש פון שפּראַכן און אַנדערע אַזעלכע אייגנשאַפטן, זיינען געווען שטאַרק צוגעפּאַסט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט מען ביים אָנהייב פון אויפשטאַנד געטראַכט וועגן שאַפן אַ ספּעציעלע יידישע אויסשפּיר-אָפּטיילונג מיט בערעק יאָסעלעוויטש און יוסף אַראָנאָוויטש אין דער שפּיץ. [1]

אויף אַ טייל קהילות האָט מען אַרויפגעלייגט דעם חוב נאָכצושפּיאָנירן דאָס רוסישע מיליטער און מעלדן דער אויפשטאַנדס-מאַכט וועגן אַלע

[illegible]גונגען פון דעם שונא. דער דאָזיקער חוב איז אָבער נישט חל געווען אויפן גאַנצן לאַנד נאָר אויף געוויסע וואָיעוודזטוועס. אַזוי למשל האָט די אָרדענונגס-קאָמיסיע פון ביעלסקער קרייז [2] באַפוילן [illegible] קהלות פון דעם קרייז זיי זאָלן אויפקלייבן ביי די אַנדערע קהילות „די נייטיקע ידיעות וועגן דער גרייס פון שונא און זיינע פלענער" און זאָגן וועגן דעם אונטער אַ חרם גלייך מעלדן אין די פריצישע הייף. אַן ענלעכע פאַראָרדענונג האָט באַקומען די גראָדנער אָרדענונגס-קאָמיסיע [3]. די אָרדענונגס קאָמיסיע פון סטענזשיצער קרייז האָט באַפוילן „די יידן און סוחרים צונויפצוזאַמלען געהעריקע ידיעות און צו וויסן געבן וועגן דעם די מיליטערישע קאָמאַנדעס און דער אָרדענונגס-קאָמיסיע". [4] אין דעם ראַפּאָרט פון דעם קאָמיסאַר לאָגאַ פון מעלניצער קרייז [5] איז אויך פאַראַן אַן ענלעכע ידיעה.

אַ טייל אָרדענונגס-קאָמיסיעס האָבן די יידישע רעקרוטן אויסגענוצט פאַרן אויסשפּירדינסט. אַזוי האָט למשל געטאָן די גראָדנער קאָמיסיע [6] מיט די 7 רייטער-רעקרוטן, וועלכע די קהילה האָט אין הסכם מיטן צירקולאַר צוגעשטעלט. עס ווייזט אויס, אַז אויך די ראַדאָמער אָרדענונגס-קאָמיסיע האָט באַנוצט די יידישע רעקרוטן צו דעם זעלביקן צוועק. [7]

חוץ דעם אַזוי צו זאָגן קאָלעקטיוון אויסשפּירדינסט באַנוצט די מיליטערישע מאַכט אויך געצאָלטע יידישע שפּיאָנען. אַזוי למשל איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער מיליטערישער הויפּט-אָנפירונג אַ יידישער שפּיאָן מיטן נאָמען ווייס. [8] אַ געוויסער ישראל לעווקאָוויטש [9] שרייבט אין זיין בקשה צום פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי וועגן זיינע פאַרדינסטן און „פּאַטריאָטיזם". באַדייטיקע דינסטן האָט אויפגעטאָן פאַר דער אָפּטיילונג פון גענעראַל סקאַרזשעווסקי אַ געוויסער דוד לעווקאָוויטש פון קראָטאָשין „אויס צוגעבונדנקייט צום פּוילישן פאָלק" האָט ער לויטן אויפטראַג פון גענעראַל סקאַרזשעווסקי געזוכט אַ קאָנטאַקט מיטן גענעראַל דאָמבראָווסקי און צוליב דעם געפאָרן קיין קאָשטשיעלסק אין גרויספּוילן. עס האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצופירן די אָנגעטרויטע שליחות און לויט די דורך אים געבראַכטע ידיעות האָט גענעראַל סקאַרזשעווסקי געדאַרפט זיך אַרויסרוקן צו דעם גרויספּוילישן שטעטל קראָטאָשין. [10] דער דאָזיקער סקאַרזשעווסקי האָט אויך באַנוצט יידישע שפּיאָנען אין אַנדערע גרויספּוילישע שטעט ווי ראַוויטש, קויל, פּיזדרי, א"אַ. אַ דאַנק די אינפאָרמאַציעס פון יידישע שפּיאָנען האָט גענעראַל סקאַרזשינסקי אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן גענעראַל מאַדאַלינסקי. אַ מיליטערישער שפּיאָן איז אויך געווען אַ געוויסער הערשעק וויגדאָראָוויטש, וועלכער האָט זיך געווענדעט צום פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי וועגן אַ באַלוינונג פאַר זיין דינסט אין דער פאָרם פון אַ דערלויבניש אויף גאַסן-האַנדל. [11] אויך אַן אַנדערער שפּיאָן מיטן נאָמען הערשעק זעלמאַנאָוויטש האָט באַקומען פון וואַרשעווער פּרעזידענט 2 רויטע גילדן אויף הוצאות-הדרך קיין זשעלעכאָוו וווהין ער איז געפאָרן אויף אַ דינסטרייזע. [12] דער שוין דערמאָנטער זעליק אַבראַמאָוויטש האָט זיך געווענדעט צום פּרע-

װידענט װעגן 25 רויטע גילדן [13] „אַלס הוצאות־הדרך אין דעם באַוווסטן ענין“. װעגן שפּיאָנאַזש־דינסט איז אויך געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיטן פּרעזידענט פֿון װאַרשע אַ געװיסער ייִד מיטן נאָמען װאָלף. [14] אויך די גרויספּוילישע ייִדן יאָסל זעלמאַנאָוויטש און לייזער יאַקובאָוויטש האָבן זיך באַמיט װעגן איבערנעמען דעם שפּיאָנאַזש־דינסט אין דער פּוילישער אַרמיי. [15] טאָקאַרזש גיט איבער, אַז דער פֿאָרזיצער פֿון דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע (אינדאַגאַציע דעפּוטאַציע) יאָאַכים מושינסקי האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון זיכערהייטס־פּאָליציי און האָט װערבירט צו איר אויך ייִדן. [16]

עס זײַנען אויך באַקאַנט פֿאַקטן, װאָס ייִדן נעמען אויף זיך אין די דורכן שונא אָקופּירטן געביט די ביז גאָר אַחריותדיקע, געפֿערלעכע אָבער בכבֿודע ראָל פֿון עמיסאַרן, װאָס פֿאַרשפּרייטן פּראָפּאַגאַנדע־אויפֿרופֿן. איינער אַזאַ עמיסאַר, װאָס האָט פֿאַרטיילט די אויפֿרופֿן פֿון דער לובלינער אָרדענונגס־קאָמיסיע, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון עסטרײַכער. [17]

די אַלע פֿאַקטן באַרעכטיקן אונדז צו מאַכן אַן אויספֿיר, אַז די אויפֿשטאַנדסמאַכט האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס באַצויגן מיט צוטרוי צו דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אויב מען האָט איר אָנגעטרויט אַזעלכע אַחריותדיקע אויפֿגאַבן ווי נאָכשפּיאָנירן דעם שונא. פּראָפֿ׳ מאָשטשיצקין זײַנען די דאָזיקע פֿאַקטן מסתמא נישט געוועזן באַקאַנט, ווײַל ער שרײַבט: „וועגן ייִדישן אויסשפּיר־דינסט לטובֿת דער אינסורעקציע זײַנען פֿאַראַן זייער קנאַפּע ידיעות“. [18]

ב) טראַנספּאָרט.

די גרויסע ראָלע פֿון ייִדן אין האַנדל האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך אין דער דעמאָלטיקער קאָמוניקאַציע פֿאַרנעמען זיי אַן אָנגעזען אָרט. דער טיפּ פֿון אַ ייִדישן בעל־עגלה איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט אין אַלטן פּוילן, ער איז אַפֿילו פֿאַראייביקט געוואָרן אין דער פּוילישער ליטעראַטור אין אָנהויב פֿון 19טן י״ה. וואָס פֿאַר אַ אָנגעזעען אָרט ייִדן האָבן געשפּילט אין דעם טראַנספּאָרט, קען מען דרינגען דערפֿון, אַז טראַנספּאָרטן פֿון דער פֿינאַנצמאַכט ווי למשל פֿון אַמטלעכע פּאַפּירן (געשטעמפּלט פּאַפּיר וכדומה) פֿלעגן אין אַמאָליקן פּוילן איבערגעגעבן ווערן צו ייִדישע פֿורמאַנעס. [19]

עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד און מען האָט זיך גענייטיקט אין צופֿיר פֿון לעבנס־מיטלען, פֿון אַמוניציע, מלחמה־מכשירים וכדומה פֿאַר דער אַרמיי, האָט מען אָפּט באַנוצט די הילף פֿון ייִדישע בעלי־עגלות.

אין דער צײַט פֿון אויפֿשטאַנד זײַנען אַרויס פֿאַרשיידענע פֿאַראָרדענונגען פֿון דער צענטראַלער און פֿון דער אָרטיקער מאַכט, וואָס האָבן רעגולירט דעם חובֿ פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אָדער ווי אין אַ טייל

פֿאַלן בלויז פֿון דער ייִדישער, צו טראַנספּאָרטירן פֿאַרשיידענע זאַכן פֿאַר מלחמה-צוועקן.

די וויכטיקסטע פֿאַראָרדענונג וועגן דעם דינסט פֿון די פֿורמאַנעס איז דער באַשלוס וועגן „ש ט ע נ ד י ק ע פֿ ו ר מ אַ נ ק ע ס אין ד י װ אָ י ע װ אָ ד ש אַ פֿ ט ן" פֿון 11-טן אויגוסט,[20] וואָס באַשטימט, אַז ביי די מיליטערישע קאָלאָנעס, ווי אויך ביי די קאָמיסאַריאַטן פֿון לעבנס-מיטלען דאַרפֿן זיך געפֿינען שטענדיקע פֿורן, וואָס זאָלן גרייט זיין צו יעדער מינוט צום דינסט פֿון מיליטער. דאָס געזעץ האָט באַשטימט, אַז פֿון יעדע 200 לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קוימענעס דאַרף מען צושטעלן 2 פֿערד מיט אַ געשפּאַן און אַ בריטשקע; ווידער פֿון 150 שטאָטישע קוימענעס, וועלכע צאָלן צו 16 גילדן קוימען-שטייער, דאַרף מען אויך צושטעלן 2 פֿערד מיט אַ וואָגן.

דער דריטער פּונקט פֿון געזעץ פֿאַראָרדנט: „כּדי איינצושפּאָרן לאַנדווירטן אַלס פֿורמאַנעס צו בריטשקעס, דאַרף מען נעמען ייִדן אַלס פֿורמאַנעס", מיט איין וואָרט די שטעט האָבן טאַקע געדאַרפֿט צושטעלן פֿערד-און-וועגן. דער דאָזיקער חובֿ איז אָבער אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן אין גאַנצן אָדער דער עיקר אויף די ייִדן. די מאַגיסטראַטן האָבן נעמלעך געדאַרפֿט באַשטימען, וויפֿל יעדע געגעבענע קהילה האָט מיטגלידער און פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל ייִדן איז יעדער קהילה מחויבֿ געווען צוצושטעלן פֿערד-און-וועגן. יעדער פֿורמאַן האָט נאָך געדאַרפֿט באַקומען פֿון דער קהילה צו 60 גילדן אויף הוצאות-הדרך פֿאַר 3 חדשים. פֿאַר די קהילות, וואָס וואָלטן נישט געפֿאָלגט, איז געווען באַשטימט אַ שטראָף אין דער פֿאָרם פֿון אַ מיליטערישער עקזעקוציע.[21] די פֿאַרטיילונג פֿון די פֿורן צווישן די קהילות פֿלעגט פֿאָרקומען אויף אַזאַ אופֿן, אַז אויף אַ באַשטימטן טאָג האָבן זיך די פּרנסים פֿון די קהילות פֿון אַ געוויסן קרייז געדאַרפֿט שטעלן צוזאַמען מיט די לעצטע לוסטראַציעס פֿון קאָפּשטייער און לויט דעם האָט שוין די אָרדענונגס-קאָמיסיע אַרויפֿגעלייגט אויף יעדער קהילה דעם חובֿ צו ליווערן אַ געוויסן סכום פֿערד-און-וועגן.[22] אין אָקטאָבער איז אַרויס אַ נייער אוניווערסאַל פֿון דער מאַכט וועגן די ייִדישע פֿורמאַנעס. אַ טייל קהילות האָט זיך באַמיט צו פֿאַרבייטן דעם חובֿ פֿון צושטעלן פֿערד-און-וועגן אויף אויסקויפֿגעלט.[23] דער העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט האָט אָבער אַזעלכע בקשות אָפּגעוואָרפֿן און געפֿאָדערט צוצושטעלן די פֿורן „אין נאַטור"[24]. וויפֿל ייִדישע פֿורמאַנעס עס זענען ביי־הילפֿיק געווען דעם מיליטער, ווייסן מיר נישט. וועגן איינצלנע שטעט זענען אָבער פֿאַראַן ידיעות, וואַרשע למשל האָט געדאַרפֿט צושטעלן 50 ייִדישע „וואָשטשיקעס", „געניטע און רירעוודיקע".[25]

אַפֿילו דער ייִדישער סינדיק, וואָס איז געווען באַצײַט פֿון „טאָג-

צעטל״, האָט געמוזט ליווערן פּערד־און־וואָגן און אַזוי ווי ער האָט עס צוּווי גיך נישט געטאָן, האָט מען צוגעשיקט א מיליטערישע עקזעקוציע.[26]

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען, אַז מען האָט געדאַרפט אין אַ גיכן טעמפּאָ איבערפירן דאָס מיליטער אין אַן אַנדערן טייל פון לאַנד אָדער די מאָבּליזירטע זעלנער פון אַלגעמיינעם אויפהייב צום באַשטימונגס־אָרט. אין אַזאַ פאַל האָט מען איינגעשפּאַנט די יידישע פורמאַנעס צום טראַנספּאָרטירן דאָס מיליטער אָדער פּראָוויאַנט. אַזוי צ״ב האָט די אָרדענונגס־קאָמיסיע פון בעלסקער קרייז באַפוילן די יידישע קרעטשמערס צוצושטעלן צו 1 פּערד־און־וואָגן פון 1 קוימען אין דאָרף און פון 5 קוימענס אין שטאָט, כדי איבערצופירן דעם פּראָוויאַנט פאַרן מיליטער.[27] דאָס זעלביקע לייענען מיר אויך וועגן וואָלקאָוויסק.[28] אַן ענלעכע פאַראָרדענונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דראָהיטשינער קרייז.[29]

אויך אין גראָדנע טרעפן מיר שוין אין יוני יידישע פורמאַנעס אין דינסט פון מיליטער.[30] עס זיינען אויך פאַראַן פאַקטן ווען יידישע אַרעסטאַנטן ווערן אויסגענוצט אין מיליטער פאַר בעלי־עגלות.[31]

ג) שמירה, אַרבעט אין די שוצגריבער און אַנדערע דינסטן.

א חוץ די דערמאָנטע דינסטאַרבעטן טרעפן מיר יידן אויך ביי אַנדערע פאַרן אויפשטאַנד וויכטיקע אַרבעט ווי צ״ב ביים גראָבן די שוצגריבער, ביים באַפעסטיקן די שטאָט, ביי פייערלעשער־אַרבעט וכדומה. אין וואַרשע האָבן זיך די באַפעסטיקונגס־אַרבעטן אָנגעהויבן זייער פרי, אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן באַפרייען די הויפּטשטאָט פון דעם שונא (דעם 22 סטן אַפּריל). אַ דייטשער אָבסערוואַטאָר שרייבט, אַז ער האָט ביי דער דאָזיקער באַפעסטיקונגס־אַרבעט געזען „טויזנטער מענטשן פון פאַרשיידענעם שטאַנד, עלטער און געשלעכט... דער ייד און קריסט, דער רוס, דער טערק, דער דייטש און פּאָלאַק.״[32]

די דעמאָקראַטיקע פּרעסע האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם איבערבראָך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן פון גוטן ווילן און דאָס שטאַרק דעמאָנסטראַטיוו מיטגעהאָלפן ביים אַדורכפירן וויכטיקע באַפעסטיקונגס־אַרבעטן. די פּרעסע גיט אָפּ דעריבער אַ סך אָרט דער באַשרייבונג, ווי אַזוי מחנות פון טויזנטער יידן גייען מיט חשק און התלהבות צו דער אַרבעט אין די גריבנס. „ווילנדיק פון זייער זייט — שרייבט אַ צייטונג דעם 12טן יוני — עפּעס אויפטון פאַר דער שטאָט, זאָגן זיי זיך צונויפגענומען אין אַ צאָל פון 2000 און באַוואָפנט מיט לאָפּאַטעס זיינען זיי געגאַנגען צו די שוצגריבער״. דער מאַרש פון די יידן איז זייער אַ פייער־

לעכער. בראש איז געריטן אַן אָנפירער אויף אַ פערד מיט אַן אויסגעשטרעקטער שאַבלע. אויפן וועג אַהין און צוריק האָט זיי באַגלייט מוזיק: „די ביוגער — שרייבט די צייטונג — האָבן געקוקט דערויף פון די פענצטער און זיי אַפּלאָדירט". [32]

אַן אַנדערער עד-ראיה [33] שרייבט, אַז „די אַדורכמאַרשירנדיקע יידן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע האָפענונג, אַז פון זיי קענען מיט דער צייט זיין גוטע בירגער און קעמפער". עס מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אַז די צאָל פון 2000 יידן ביי דער אַרבעט פאַר דער שטאָט וואַרשע, ווען בסך-הכל זיינען אין דער הויפּשטאָט געווען אַן ערך 7000 שטענדיקע [34] יידישע איינוווינער (אַ חוץ די פליטים) איז ממש אַן אימפּאַזאַנטע.

אַן ענלעכע באַשרייבונג געפינען מיר אין דער פּרעסע פון דעם נאָוועמבער-אויפשטאַנד אין 1830 (אין דער צייטונג „מערקורי" פון 20 סטן דעצעמבער 1830): „אַן אינטערעסאַנט בילד — לייענען מיר דאָרט — האָבן פאַרגעשטעלט די יידן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין די שוצגריבער אין אַ צאָל פון עטלעכע הונדערט זיינען זיי געגאַנגען אין רייען, יעדער מיט אַ לאָפּאַטע אָדער מיט אַ שופלע, און געזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן „נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן" (Jeszcze Polska nie zginęła). די פאַרזאַמלטע מחנות האָבן אויף די גאַסן דורך וועלכע זיי האָבן אַדורכמאַרשירט, באַגריסט מיט ענטוזיאַסטישע אויסרופן די דאָזיקע פלייסיקע מיטאַרבעטער, וועלכע הגם זיי שיידן זיך אונטער פון אונדז מיט דעם גלויבן און מנהגים, ווייזן אָבער אַרויס די זעלביקע צוגעבונדנקייט צו דער פאַטערלענדישער ערד".

צו דער אַרבעט אין די שוצגריבער האָט מען אויך בשעת דעם קאָשטשושקאָ-אויפשטאַנד באַנוצט די יידן פון ק ר אָ ק ע. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג צו דער קהילה, זי זאָל צושטעלן אַ געוויסע צאָל יידן צו די שוצגריבער אין דער צפון-טייל פון דער שטאָט. [35] אַזוי האָט מען זיך מסתמא נוהג געווען אין אַנדערע שטעט, וועלכע זיינען אַרומגענומען געוואָרן דורכן פייער פון אויפשטאַנד. נישט פון אַלע אָבער זיינען פאַראַן ידיעות.

יידן זיינען אויך צוזאַמען מיט קריסטן געווען מחויב אויסצופירן די פונקציעס פון פ י י ע ר - ל ע ש ע ר. אין וו אַ ר ש ע למשל זיינען באַשטימט געוואָרן גרופּעס פון 10 קריסטן און 20 יידן, וועלכע האָבן געמוזט שטענדיק דיזשורירן אין די הויפּטוואַכן פון די באַזונדערע צירקלען. אין וועלכע די הויפּטשטאָט איז געווען איינגעטיילט, די דיזשורירנדיקע האָבן געמוזט זיין באַזאָרגט מיט אַלע מכשירים צום לעשן ווי שלויכן, קובלעס א"אַ. אין משך פון חודש אויגוסט זיינען אַרויס איינציקע פאַראָרדענונגען פון וואַרשעווער שטאָט-פּרעזידענט, וועלכע דערמאָנען די יידן וועגן זייער חוב שטענדיק צו זיין גרייט אין די הויפּטוואַכן פון די צערקלען מיט די לעש-מכשירים. [37]

דעם 25סטן אויגוסט איז נאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צוגאָב-פאַראָרדענונג, אַז פאַר יעדן הויז דאַרפן זיך געפינען פעסלעך מיט וואַסער. [38] די וואָיטן פון די צערקלען האָט מען נאָך אַ חוץ דעם באַפוילן צוצושטעלן בײַ די האָלער ראַגאַטקעס 40 פערזאָן (קריסטן און יידן) מיט די געהעריקע לעש-מכשירים. [39] אויך אין קראָקע [40] האָט מען מחיב געווען די ייִדישע באַפעלקערונג צוצושטעלן 80 מאַן, וואָס האָבן געדאַרפט העלפן די די קוימען-קערערס אין פאַל פון אַ שרפה, חוץ דעם 200 מענטשן צו באַשיצן די שטאָטישע מויערן.

אין וואַרשע ווערן ייִדישע פאַלקסמענטשן באַנוצט אויך צו אַנדערע אַרבעטן, ווי אַנצולאָדן און אויסצולאָדן אַמוניציע, היטן די שוצגריבער וכדומה. [41]

אויך אין דעם סאַניטאַר-דינסט פון דעם אויפשטאַנד באַגעגענען מיר ייִדישע דאָקטוירים און פעלדשערס. די מעדיצינישע פראָפעסיע, בפרט די פעלדשערישע, איז אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס געווען אַ ייִדישע, ווי דאָס איז צו זען פון פאַרשיידענע מקורים. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס דער אַנטייל פון ייִדישע דאָקטוירים און פעלדשערס האָט געמוזט זײַן אַ באַדײַטנדיקער. מיר לייענען אָפט אין די מקורים וועגן דאָקטוירים און פעלדשערס בײַ פאַרשיידענע מיליטערישע אָפטיילונגען. כמעט קיין מאָל זײַנען אָבער נישט אָנגעגעבן זייערע נעמען. דעריבער זײַנען אונדז באַקאַנט בלויז געצײלטע נעמען פון ייִדישע דאָקטוירים און פעלדשערס. דער היסטאָריקער משה פּינקינד [42] דערמאָנט דעם ייִדישן מעדיצין-דאָקטאָר חיים בערנאַרד, וועלכער זאָל האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט בײַ ראַצלאַוויצע. וועגן ד"ר בערנאַרד זײַנען פאַרשפּרייט פאַרשיידענע מעשיות. מען פאַרציילט, אַז ער איז געווען זייער אַ פרומער און געשמט אַלס צדיק. רעצעפטן פלעגט ער געבן פון... קוגל. פאַר זײַנע פאַרדינסטן בשעתן אויפשטאַנד איז ער נאָמינירט געוואָרן פאַרן לײַב-דאָקטאָר פון גענעראַל זאַיאָנטשעק. חוץ דעם איז ער געווען קרײַז-פיזיקוס פון וואַרשעווער פּאָוויאַט.

הגם אַ גרויסע צאָל ייִדישע פעלדשערס האָבן געדינט אין דער אויפשטאַנדישער אַרמיי, איז אונדז אָבער באַוווּסט דער נאָמען בלויז פון איינעם. דאָס איז געווען אַ געוויסער הערשעק איצקאָוויטש, וואָס איז פאַרקאָנטראַקטירט געוואָרן אין 6סטן פולק פון פּראָזאָרס קאָרפוס. פון זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיטן מיליטערישן קאָמיסאַריאַט איז צו זען, אַז ער „האָט געהיילט אָפיצירן און געמיינע". [43]

ד) האַנטווערק

בשעתן אויפשטאַנד האָט מען ווערבירט טויזנטער רעקרוטן, וועלכע מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן געהעריק מיט מונדירן און כלי-זיין. אויף דעם

ביז האָבן די ייִדישע בעלי־מלאכות לעבן די קריסטלעכע אויפֿגעטאָן פֿאַר דער אַרמיי געוואַלדיקע זאַכן. דערבײַ דאַרף מען געדענקען, אַז אין דעם פּוילישן האַנטווערק איז דער אָנטייל פֿון ייִדן געווען אַ גענוג גרויסער און אין געוויסע צווײַגן האָבן די ייִדישע בעלי־מלאָכות כּמעט געהאַט אַ מאָנאָפּאָל, למשל שנײַדערײַ, קירזשנערײַ א״אַ.

די ייִדישע בעלי־מלאכות פֿלעגן אָננעמען באַשטעלונגען פֿאַר דער אַרמיי און זיי אויספֿירן בײַ זיך אין דער היים. זעלטענער טרעפֿן מיר ייִדישע בעלי־מלאכות אין די קאַזאַרמעס פֿון די באַזונדערע מיליטערישע אָפּטיילונגען, פֿאַר וועלכע זיי פֿירן־אויס פֿאַרשיידענע אַרבעטן.[44]

די באַלוינונג פֿאַר דער אויסגעפֿירטער אַרבעט איז דעמאָלט געווען אַזאַ נידעריקע, אַז טייל מאָל זײַנען די שנאָרערס נישט געווען אין שטאַנד אויסצופֿירן די אונטערגענומענע אַרבעט. אָט למשל האָבן די ייִדישע שנײַדערס פֿון בריסק־דליטא געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן צושטעלן גאַרניטערס, וואָס באַשטייען פֿון אַ קורטקע, רײַט־הויזן און אַ פֿוראַזשערקע פֿאַר 25 גילדן אַ קאָמפּלעט. דער פּרײַז איז אָבער געווען אַזאַ נידעריקער, אַז די אַרטיקע מאַכט איז, אויס מורא פֿאַר נישט האַלטן דעם אָפּמאַך, געווען געצוווּנגען צו העכערן די באַלוינונג ביז 30 גילדן.[45]

אויפֿן יסוד פֿון אַרכיוואַלישע פֿאָרשונגען לאָזט זיך פֿעסטשטעלן אַזעלכע פּרײַזן: פֿאַר אַ פּאָר טשעכטשערס[46] 10 גראָשן, פֿאַר אַ העמד — 3 גילדן, פֿאַר אַ האַנטעך — $2\frac{1}{4}$ גילדן,[47] פֿאַר אַ פּאָר הויזן פֿאַר פֿוסגייער[48] — 1 ג׳ $7\frac{1}{2}$ גראָשן,[49] פֿאַר אַ פּאָר אַרטילעריע־הויזן — 18 גראָשן[50], פֿאַר אַ שטרויזאַק $7\frac{1}{2}$ גראָשן,[51] פֿון אַ פּאַטשעווקע — 3 גראָשן,[52] פֿון אַ טאָרבע פֿאַר פֿערדשפּײַז — 5 גראָשן, פֿון אַ מונדיר 3 ז׳. מיט 13 גראָשן. אין די מקורים ווערט אומעטום אָנגעגעבן, אַז די דערמאָנטע ציפֿערן זײַנען דער מאַכערלוין. עס איז אָבער קלאָר, אַז אין אַ טייל פֿאַלן איז די רייד וועגן מאַכערלוין, און אַנדערע, אַז דאָס איז דער גאַנצער ווערט פֿון דעם אַרטיקל. למשל אַ האַנטעך $2\frac{1}{2}$ גילדן — איז זיכער נישט דער אַרבעטסלוין, נאָר דער גאַנצער ווערט אאַז״וו.

צווישן די ייִדישע בעלי־מלאכות, וואָס העלפֿן דעם אויפֿשטאַנד מיט זייער אַרבעט, פֿאַ־נעמען דאָס ערשטע אָרט די ייִדישע שנײַדערס.

דער גרעסטער ייִדישער שנײַדער אין וואַרשע, וואָס אַרבעט פֿאַרן אויפֿשטאַנדישן מיליטער, איז חיים. ער פֿירט־אויס גרעסערע באַשטעלונגען, ווי למשל 1000 טשעכטשערס, שטרויזעק, פּאַטשעווקעס, פּראָוויאַנט־טאָרבעס, מאַנטלזעק, גאַטקעס, זעק, טאָרבעס וכדומה. די באַשטעלונגען זײַנען טייל מאָל גאַנץ באַדײַטיקע און אַמאָל אויף 838 גילדן, אַ צווייט מאָל אויף 1828 גילדן.[53]

די אַנדערע וואַרשעווער שנײַדערס, ווי מאַשקאָוויטש און פּײַוויש, בפֿרט דער לעצטער, פֿירן־אויס גאַנץ גרויסע באַשטעלונגען אויף 2.000

טשעכטשערס, אויף 1000 הויזן פאַר אַרטילעריסטן און 106 מאַנטלען פאַר קאַוואַלעריסטן.

צווישן די וואַרשעווער היטל-מאַכערס פאַרנעמט דעם אויבן-אָן אַ געוויסער לייבל. ער האָט אויסגעאַרבעט 600 היטלען פאַר מאַדאַלינסקי'ס בריגאַדע, 600 היטלען פאַרן דריטן פולק און 4000 היטלען פאַר אַנדערע אָפּטיילונגען. גרעסערע באַשטעלונגען אויף היטלען האָבן אויסגעפירט יוזע-פאָוויטש: 1030 היטלען פאַרן דריטן פולק, קיבאַ אַראַנאָוויטש און הערשעק— 4000 היטלען; הערשעק אַבראַמאָוויטש און דניאל יאַעלאָוויטש — 656 היטלען פאַר ווישקאָווסקיס בריגאַדע, 1200 היטלען פאַרן פינפטן פולק און 6000 פאַר אַנדערע אָפּטיילונגען.

צווישן די, וואָס אַרבעטן אויס געצעלטן (namiotnik), פאַרנעמט דעם אויבן-אָן שמעון בערקאָוויטש, וועלכער האָט באַקומען גרעסערע באַ-שטעלונגען: איין מאָל אויף 1000 טאָרבעס אויף האָבער, אַ צווייט מאָל האָט ער באַקומען אויסגעצאָלט 1614 גילדן פאַר געצעלטן. די יידן משה פאַביאַן און חיים מאָשקאָוויטש האָבן צוגעשטעלט פּאַטראָנטאַשן, מאַנטלזעק און טאָרבעס פאַר אַ סומע פון 1648 זל.

וועגן די ליווערונגען פון יידישע קירזשנערס זיינען נישט פאַ-ראַן קיין איבעריק אַ סך ידיעות.

וועגן די אַרבעטן פון די בעקערס ווייסן מיר נישט קיין סך. אַז זיי האָבן אויך געאַרבעט פאַר דעם אויפשטענדישן מיליטער, קען מען זיך איבערצייגן למשל דער פאַל אין לובלין, ווען די אָרדענונגס-קאָמיסיע האָט באַפוילן דעם קהל צוצושטעלן יידישע בעקערס, וועלכע זאָלן אויסבאַקן ברויט פאַרן מיליטער.[54]

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, פלעגט אָפט טרעפן, אַז אַ מייס-טער, וואָס איז נישט געווען אַליין אין שטאַנד אויסצופירן די באַשטעלונג, האָט איבערגעגעבן אַנדערע אַ טייל פון דער באַשטעלונג. צווישן אַזעלכע אונטערנעמערס און זייערע שותפים פלעגט טייל מאָל דערגיין צו סיכסוכים, וואָס געפינען זייער אָפּשפּיגלונג אין די אַקטן.[55]

די יידישע בעלי-מלאכות, הגם זיי האָבן אויסגעפירט אַזאַ ניצלעכע פונקציע בעתן אויפשטאַנד, פלעגט אויסקומען אויסצושטיין אַ סך צרות נצד געוויסע מיליטערישע אָפּטיילונגען.[56] מסתמא זיינען די דאָזיקע אָנפאַלן געווען אַ שטאַרקע פּלאָג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אויב דער וואַר-שעווער מיליטערישער קאָמענדאַנט גענעראַל מאָקראַנאָווסקי האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוגעבן אַ באַפעל צום מיליטער וועגן איינהאַלטן די רו און וועגן זיך באַגיין יושרדיק מיט אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון שטאַנד און אמונה.

עס זיינען אויך באַקאַנט פאַלן ווען יידישע-בעלי-מלאכות האָבן זיך

אייגענעם ווילן אויסגעפירט געוויסע אַרבעטן אומזיסט פאַרן מיליטער. אַזוי האָבן למשל געטאָן די שניַידער פון דעם שטעטל שניאַדאָוו. [59]

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די יידישע בעלי-מלאכות, הגם זיי האָבן געהערט צו די צום ווייניקסטן באַוווסטזיניקע שיכטן אין דער יידישער געזעלשאַפט, האָבן אַרויסגעוויזן, ווי עס לאָזט זיך פעסטשטעלן אין א טייל דאָקומענטן, אַ געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער אויסגעפירטער אַרבעט. דאָס ווערט אונטערגעשטראָכן אין אַ ריי אָפיציעלע דאָקומענטן. אָט למשל לייענען מיר אין אַ מעמאָראַנדום פון די וואַרשעווער היטל-מאַכערס. „אונדזער געדאַנק און ווילן איז נישט רייַך צו ווערן פון אונ-דזער אַרבעט. מיר האָבן בלויז בדעה צו אַרבעטן פאַרן פאָטערלאַנד און מיט אַלע מיטלען ווילן מיר דעם ניצלעך זייַן“. [60]

ה) אָפּצאָלונגען אין געלט און אין נאַטור

בשעת דעם אויפשטאַנד האָט מען אויף דער יידישער באַפעלקערונג צוגלייַך מיט דער קריסטלעכער אַרויפגעלייגט פאַרשיידענע פינאַנציעלע התחייבותן ווי למשל שטייַערן, נדבות וכדומה. נישט געקוקט אָבער אויפן פרינציפ פון גלייַכקייט פון אַלע אמונות, וואָס איז פייַערלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן פירער פון אויפשטאַנד קאָשטשושקאָ, האָט מען אייַנ-געהאַלטן די אַלטע, ריין יידישע שטייַערן. די יידן האָבן בכן אין די צייַטן פון קריזיס און רעוואָלוציע געמוזט צאָלן צווייערליי שטייַערן: אַלגעמיינע און יידישע.

אין דער ערשטער ריי האָט מען געהייסן די יידן אייַנצאָלן דעם קאָפּשטייַער (pogłówne), און דאָס מיט אַ מאָל, נישט ווי פריער אין 2 ראַטעס. מען האָט אויך געצוווּנגען צו צאָלן קאָפּגעלט אַזעלכע קהילות, וועלכע האָבן אים שוין איין מאָל געהאַט באַצאָלט. פאַרשטייט זיך – גע-צוווּנגענערהייט – דעם פייַנדלעכן חיל. אַזוי למשל האָט מען געטאָן מיט דער קהילה פון בריסק-דליטא, [61] וואָס די אָרדענונגס-קאָמיסיע האָט געפאָ-דערט פון איר דאָס קאָפּגעלט פאַר אַ גאַנצן יאָר. די קהילה האָט געוויזן קוויטונגען, אַז זי האָט שוין באַצאָלט דעם שטייַער דער רוסישער אַרמיי. [62] אויך אין לובלין האָט דאָס רוסישע חיל אויפגעמאָנט פון יידן די סעפּ-טעמבער-ראַטע פון קאָפּגעלט, און אַפילו די מערץ-ראַטע פון צווייטן יאָר, פון יאָר 1795, חוץ דעם האָט דאָס רוסישע מיליטער אויפגעמאָנט דעם קוי-מען-שטייַער. [63]

וואָס שייַך דער אויפשטאַנדס-מאַכט איז אונדז באַוווסט, אַז די קראַ-קעווער וואָיעוואָדשאַפט [64] האָט די ערשטע אויפגעמאָנט פון די יידן דעם קאָפּשטייַער. לויטן בייַשפּיל פון קראָקע האָט די אָנפירנ-קע אויפשטאַנדס-מאַכט (דער צייַטווייַליקער ראַט) דעם 28 טן יוני באַפוילן די יידן

פון גאַנץ פוילן צו באַצאָלן דאָס קאָפּגעלט פּאַר אַ גאַנץ יאָר.[65] אין אַ טייל שטעט האָט מען אַפילו געמאָנט פון יידן דאָס טאָפּלטע קאָפּגעלט (טיקטין).[66]

חוץ דעם קאָפּגעלט האָבן נאָך די יידן פון גאַנץ פוילן מיטגעהאָלפן פינאַנציעל דעם אויפשטאַנד דורך גוטווילִיקע נדבות, גערופן אויף פויליש ofiara. די דאָזיקע נדבות זיינען געווען צווייערליי: א) קאָלעקטיווע, ד"ה אַז גאַנצע קהילות פלעגן אַריינטראָגן אַזעלכע צושטייערס אָדער ב) אינדיווידועלע, דורך איינצלנע פערזאָנען.

די גרעסטע סומע אַלס פרייוויליקן צושטייער האָט אַריינגעטראָגן וואַרשע, דהיינו 81.000 גילדן. וועגן דער „נדבה" וועט זיין אַ רייד ווייטער. ווילנע האָט אַריינגעטראָגן 25.000 גילדן,[67] דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אַ טייל קהילות האָט שוין פריער, מיט 2 יאָר צוריק, געהאַט באַצאָלט אַן ענלעכן שטייער, ווי למשל סאָכאַטשעוו — 300 זל., די יידן פון פילעוו קאָנסקע־וואָליע און וואָסטאָוויצע צוזאַמען 112 זל 21 גראָשן.[68]

די דאָזיקע צושטייערס זיינען געווען פרייוויליקע אין דעם זינען, וואָס לויטן געזעץ זיינען די קהילות נישט געווען מחויב זיי צו צאָלן. אויב זיי האָבן עס געטאָן, איז דאָס געשען — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער גראָדנער קהל — „מחמת איבערגעגעבנקייט". דאָס איינמאָנען די נדבות, וואָס זיינען באַשלאָסן געוואָרן דורך די קהילות, פלעגט פאָרקומען אונטער אַ צוואַנג. אין ווילנע[69] האָט מען די דאָזיקע „נדבה" פּראָסט פשוט אָנגערופן „דער שטייער פון דער רעפובליק". אױך „נדבה" האָבן אויך אַריינגעטראָגן די קאָברינער יידן.[70]

אינדיווידועלע נדבות האָבן די יידן געגעבן צוגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין די רשימות פון די פרייוויליקע נדבות פיגורירן צווישן אַנדערע נעמען פון יידישע מנדבים.[71] עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגעבן נדבות אין נאַטור. אַזוי אַ שטייגער געפינען מיר אין „דער טאַבעלע פון בירגערלעכע נדבות אויף צו פאַרגרעסערן די מיליטער־קראַפט פון פאָלק צום אומשטערבלעכן אָנדענק" אויך יידן ווי אַ שטייגער מאָנעס חיימאָוויטשן, וועלכער האָט געשאָנקען 2 פערד פאַר דער אַרמיי. מאָשעק שמואלאָוויטש פון קוטנע האָט געשאָנקען אַ פערד מיט אַ בריטשקע. אין דעם נורער קרייז (אין דער פראָווינץ מאַזאָוויע) האָט מען פון יידישע סוחרים און פון קהילות אָנגענומען מתּנות אין נאַטור אַזעלכע למשל ווי קנעפלעך, לייוונט, בראָנפן (אידושקאָ חיימאָוויטש, דער אַרענדאַר פון מאַלקין), לעדער אד"גל.[73]

צוגלייך מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זיינען אויך יידן געווען פאַרפליכטעט צו פאַרשיידענע באַשטייערונגען אין נאַטור. אַזוי,

למשל האָט מען די ייִדן צוגעצויגן צו דער באַשטײַערונג.[74] וואָס האָט באַטראָפֿן פֿון יעדן קוימען צו 3 פּוד היי, איין פֿערטל קאָרן, 2 טעפּ קאַשע און 2 קאָרעץ האָבער.[75]

אין חודש סעפּטעמבער איז אַרויס אַן אוניווערסאַל פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט וועגן צושטעלן שטיוול, העמדער און סיערמיעגעס פֿאַרן מיליטער.[76] פֿון 5 קוימענעס האָט מען געזאָלט צושטעלן צו 2 העמדער אומזיסט, פֿאַר די סערמיענגעס און פֿאַר די שטיוול האָט די מאַכט געזאָלט באַצאָלן. עס איז אויפֿגעהיט געוואָרן אַ פֿונאַנדערטיילונג פֿון דער אויביקער נאַטור־באַשטײַערונג צווישן די קהילות פֿון מאַזאָווישן פֿירשטנטום (אָן וואַרשע), פֿון לוקאָווער קרײַז, פֿון סטענזשיצער קרײַז און פֿון פּאָדלאַשער וואָיעוואָדשאַפֿט, וואָס זאָגט עדות ווי שווער עס זײַנען געווען די דאָזיקע לאַסטן. די פּרײַזן פֿון שיך און קליידונג, וואָס די קהילות דאַרפֿן צושטעלן, שיידן זיך אַ ביסל אונטער פֿון די פּרײַזן, וואָס זײַנען אָנגעגעבן אין אוניווערסאַל. דאָס איז אַ באַווײַז, אַז מען האָט זיך אָריענטירט, אַז די פֿריערדיקע פּרײַזן זײַנען נישט רעאַל לגבי דעם אין לאַנד וואַקסנדיקן יקרות. אַזוי צ"ב פֿיגורירן דאָרט אַזעלכע פּרײַזן: פֿאַר אַ העמד — 3 גל, פֿאַר אַ פּעלץ —15 גל, פֿאַר אַ סוקמאַנע —16 גל, פֿאַר אַ פּאָר הויזן —6 גל, פֿאַר אַ פּאָר שטיוול —10 גל.

כּדי צו האָבן אַ באַגריף, ווי שטאַרק די דאָזיקע באַשטײַערונג האָט באַשווערט די ייִדישע באַפֿעלקערונג, וועל איך דאָ ברענגען אייניקע בײַשפּילן. אַזוי למשל האָט דאָס שטעטל יאַבלאָנקאַ (מאַזאָווישע) מיט 134 נפֿשות געדאַרפֿט צושטעלן 224 העמדער, 112 פּעלצן, 112 „סוקמאַנעס", 112 פּאָר הויזן און 112 פּאָר שטיוול, אין אַלגעמיין פֿאַר אַ סכום פֿון 5.712 גל; סמאָלאָדאָוו 893 נפֿשות פֿאַר 41.301 גל, לוקאָוו — 1372 נפֿשות, 63.546 גל; ווענגראָוו — 3.430 נפֿשות 158.814 גל, טיקטין 2.317 נפֿשות 107.253 גל. בס"ה 47 קהילות מיט 24.233 נפֿשות האָבן געדאַרפֿט צושטעלן 44.000 העמדער, 132,000 גל די ווערט (צו 3 גל), 22.000 פּעלצן צו 15 גל — 330.000 גל, 22.000 סוקמאַנעס צו 16 גל — 352.000 גל, 220.000 פּאָר הויזן צו 6 גל. — 132.000 גל, 22.000 פּאָר שטיוול צו 10 גל. — 220.000 גל, צוזאַמען 1.166.000 גילדן (אין דער פֿונאַנדערטיילונג לויט קהילות פֿיגוריט די אַלגעמיינע סומע 1.122.000 גילדן). דער אונטערשייד פֿון 44.000 גל, נעמט זיך דערפֿון וואָס אין דער רובריק סוקמאַנעס פֿיגורירט די סומע 308.000 גל, אָנשטאָט 352.000 גל, וואָס דאַרף דאָרט שטיין), אויב מיר וועלן געדענקען, אַז דער גרעסטער טייל, אויב נישט אַלע קהילות האָבן געליטן פֿון פֿאַרשיידענע רעקוויזיציעס, מיליטערישע קאָנטריבוציעס, חרבונות[78] וכדומה, וועט זיך אונדז די סומע פֿון 1.122.000 גילדן אַרויסווײַזן אַן אומגעהײַערע.

היות ווי די יידן האָבן געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דעם מסחר מיט אַ מ ו נ י צ י ע, האָבן אַ טייל אָרדענונגס-קאָמיסיעס אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג דעם חוב צוצושטעלן פּ ו ל װ ע ר, בלײַ, ש װ ע ב ל און קיזל-שטיינדעלעך צו ביקסן.[79] שוין אין מײַ האָט די דראָהיטשער קאָמיסיע[80] באַפוילן, אַז פון יעדן יידישן קוימען זאָל מען שטאָט זעלנער צושטעלן אַ האַלבן פונט פּולווער, 3 פונט בלײַ און קיזל-שטיינדלעך צו ביקסן. ד י מ ע ל נ י ק ע ר ק אָ מ י ס י ע[81] האָט אין איר אוניווערסאַל פון 31סטן מײַ אין פונקט 6 מחייב געווען יעדן קהל פּראָ-פּאָרציאָנעל צו דער צאָל נפשות צוצושטעלן פּולווער, בלײַ און קיזל-שטיינד-לעך – צו ביקסן. אַמוניציע האָבן די יידן געמוזט צושטעלן אויך אין אַנ-דערע וואָיעוואָדשאַפטן. אַזוי אַ שטייגער לייענען מיר אין דעם אוניווערסאַל פון דער ג ר ָאָ ד נ ע ר ק אָ מ י ס י ע,[82] אַז די יידן זײַנען מחויב אַלע זאַפּאַסן פון פּולווער, בלײַ, סאַלפּעטער און אײַזן איבערצוגעבן דער מאַכט פאַר געלט אָדער אַלס קאָנטע אויפן קאָפּגעלט. אויך די קהילה פון טיקטין[83] איז מתחייב געוואָרן אָפּצוגעבן איר פּולווער, שרויט, בלײַ און קיזל-שטיינד-לעך צו ביקסן. דאָס אַלץ באַווײַזט, אַז די באַשטײַערונגען אין נאַטור זײַנען געווען אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג. אַן ענלעכע ידיעה ווי פון טיקטין האָבן מיר אויך פון דזיאַלאָשין.[84] אויך אין ק ר אָ ט אָ ש י ן[85] האָבן די יידן אומ-זיסט געליווערט בלײַ. „זיי האָבן אַראָפּגעריסן די געוויכטער פון די זייגערס און געבראַכט זיי אַלס קרבן פאַרן פּוילישן מיליטער", שטייט געשריבן אין די דעמאָלטיקע אַקטן.

ו) ר ע ק י װ י ז י צ י ע ס

מיט שטײַערן, אָפּצאָלונגען, נדבות און צושטײַערס אין נאַטור האָבן זיך נאָך נישט אויסגעשעפּט די אַלע לאַסטן, וועלכע די יידישע באַפעלקע-רונג האָט געטראָגן אויף אירע פּלייצעס. אַ שווערע משא זײַנען געווען די ר ע ק ו י ז י צ י ע ס. וועלכע פלעגן אַדורכגעפירט ווערן בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג, אין דער ערשטער ריי אָבער בײַ יידן. כּדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף, וואָס פאַר אַ גרויסע היזקות די קהילות פלעגן האָבן איבער די רעקוויזיציעס, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער קהל פון אַזאַ שטעטל ווי ק י ל[86] האָט געמוזט אין משך פון 2 חדשים (26 אויגוסט – 27 אָקטאָ-בער 1794) ליווערן די פּוילישע און פּרײַסישע מיליטער-אָפּטיילונגען: „פערד, לעבנס-מיטלען, אַמוניציע, מונדירן, חוץ דעם באַזאָרגן שלוחים, שפּיאָנען, דעקן דאָס געצאָלט פון בעלי מלאכות פאַר מיליטערישע אַרבעטן וכדומה אויף דער באַטײַטיקער סומע פון 587 טאָלער 18 גראָשן. די אין דראָגנמער-קונג געבראַכטע רשימה באַווײַזט אונדז, אַז כּמעט יעדע פאַר טעג האָט די יידישע באַפעלקערונג געמוזט צושטעלן פאַרשיידענע זאַכן פאַר די כּסדר

זיך בײַסטנדיקע מיליטער-אָפּטײלונגען, אי באַלד פּוילישע אי באַלד ווידער פּײַנטלעכע. די היזקות פון דער קוילער קהילה פאַר דער צײַט האָבן באַטראָפן אַן ערך 1195 טאָלער.

עס האָבן זיך אויך געפונען נישט-ערלעכע עלעמענטן, וואָס פלעגן טײלמאָל אויסנוצן דאָס רעקוויזיציע-רעכט פון מיליטער צו פשוטע רויבצוועקן, אַזוי רופט למשל אָן די רעקוויזיציעס אין לוקאָווער קרײַז דער באַפולמעכטיקטער פון העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט מ. טאָמאַשעווסקי.[87] אַ ספּעציאַליסט פון אַזעלכע רויב-רעקוויזיציעס איז געווען אין לוקאָווער קרײַז אַ געוויסער טרזשצינסקי, אויף וועלכן עס שיקן אָנקלאַגעס צו דעם נאַציאָנאַלן ראַט די גענעראַלן פּאָטאָצקי און באַראַנאָווסקי.

צום מײנסט פלעגט מען רעקוויזירן פ ע ר ד. די פּערזאָנען, וואָס פלעגן זיך ווענדן צום וואַרשעווער פּרעזידענט וועגן באַצאָלן פאַר די רעקווירירטע פערד, פלעגט ער ענטפערן לויט זײַן שטענדיקן שטייגער מיט... אַ וויץ.[88] אין אַ טײל קהילות האָט מען פּראָסט פשוט צוגענומען אַלע פערד,[89] אין אַנדערע האָט מען רעקווירירט אויך אַנדערע טראַנספּאָרט-מיטלען ווי למשל גאַלאָרן.[90]

מען פלעגט אויך צונעמען מ ע ש, צום מײנסט פון די ייִדישע לײַכטערס,[91] ווי דאָס שרײַבט אין זײַן באַריכט דער קאָמיסאַר קאָפּינסקי. עס האָט זיך געפונען אַפילו אַ רבֿ,[92] וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן מיט צוויי וואָכן אַרעסט פאַרן עובֿר זײַן אויף אַ געוויסע פאַראָרדענונג פון דער מאַכט. פאַרן באַפרײַען אים פון שטראָף האָט דער דאָזיקער רבֿ צוגעזאָגט מתּיר צו זײַן אַלע ייִדן זיי זאָלן מעגן אָװעקשענקען פאַר די מלחמה-צוועקן זייערע מעשענע לײַכטערס, וואָס וועגן מער ווי 5 פונט. נאָך מער, ער האָט זיך אונטערגענומען אַליין צו קלײַבן דיזאָזיקע לײַכטערס.

— פאַר די רעקווירירטע זאַכן פלעגט מען אַמאָל אויסשטעלן אַ ס י ג נ אַ ט ע ס, וואָס די קהילות האָבן געדאַרפט צאָלן אויפן חשבון פון קאָפּגעלט אָדער פון אַנדערע שטײַערן. אַזוי למשל האָט מען געטאָן מיט די ל ו ב ל י נ ע ר ייִדן,[93] וועלכע עס האָט געקומען 2584 גילדן פאַר אײַזן און אַנדערע סחורות. אויך דער קהילה (przykahałek) פון אָסטראָוו[94] האָט מען אַראָפּגערעכנט פון קאָפּגעלט דעם צושטײַער פאַרן פּראָוויאַנט און פוראַזש, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט פאַרן מיליטער.

ז) ליווערונגען פאַרן מיליטער.

די באַדײַטיקע ראָלע פון ייִדן אין מסחר, בפרט אין דעם אויסלענדישן האַנדל האָט געווירקט, אַז די ייִדישע סוחרים, בפרט די ליוועראַנטן, טײלווײַז אויך פאַבריקאַנטן, איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע בײַם באַזאָרגן דאָס מיליטער מיט קליידונג, כלי-זיין, אמוניציע וכדומה. די

ליווערונגען פֿאַר דער אַרמיי אין יענע אומרויִקע צײַטן, בשעת די וועגן זײַנען געווען נישט זיכער, די פֿאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד האָבן אָנגעטראָפֿן אויף גרויסע שוועריקייטן און אויף שריט און טריט האָבן געלויערט פֿאַרשיידענע געפֿאַרן, האָבן נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן. די דאָקומענטן דערציילן אַ סך וועגן די גרויסע טראַנספּאָרטן לײַוונט, שטאָף אָדער אַנדערע סחורות, וואָס די ענערגישע ייִדישע ליוועראַנטן האָבן צוגעשטעלט אין די מיליטערישע מאַגאַזינען פֿון לאַנד אָדער פֿון אויסלאַנד.

אַ גאָר וויכטיקע ראָלע האָבן געשפּילט די ייִדישע סוחרים בײַם באַזאָרגן דאָס מיליטער מיט אַ מ ו נ י צ י ע. שוין אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל איז געווען אָנגעוויזן, אַז צו די פֿאַרשיידענע ריין ייִדישע התחייבֿותן האָט אויך אין אייניקע וואָיעוואָדשאַפֿטן געהערט די ליווערונג פֿון פּולווער, בלײַ, סאַלפּעטער וכדומה. חוץ דעם האָבן גרויסע ייִדישע ליוועראַנטן צוגעשטעלט פֿאַר דער אַרמיי באַטײַטיקע סכומים פּולווער, בלײַ, סאַלפּעטער וכדומה. די דאָזיקע באַשטעלונגען פֿלעגן ייִדישע ליוועראַנטן מאַכן אין אויסלאַנד.

דאָס ברענגען אַמוניציע פֿון אויסלאַנד האָט נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן. די שכנים פֿון פּוילן: עסטרײַך און פּרײַסן האָבן אָדער זיך געשטעלט אויף דער זײַט פֿון רוסלאַנד (פּרײַסן) אָדער באַצויגן זיך מיט אומווילן צו פּוילן (עסטרײַך). נישט קיין וואונדער דעריבער, אַז אויף אַ לעגאַלן וועג האָט מען קיין אַמוניציע נישט געקענט באַקומען. מען האָט געמוזט אָנווענדן אַ סך קונצן, כּדי אַרײַנצופֿירן אין לאַנד אַמוניציע פֿון אויסלאַנד. איינער אַזאַ טראַנספּאָרט פֿון אַמוניציע האָט אַפֿילו אַרויסגערופֿן אַ טומל אין אייניקע לענדער. פֿון די נאָטיצן, וואָס זײַנען געווען געדרוקט אין דער דײַטשער און עסטרײַכישער פּרעסע, דערוויסן מיר זיך, אַז ייִדישע ליוועראַנטן פֿלעגן מאַכן גרעסערע באַשטעלונגען פֿון אַמוניציע אונטערן אויסרייד, אַז די דאָזיקע טראַנספּאָרטן זײַנען באַשטימט פֿאַר סאַרדיניע. שפּעטער האָט מסתּמא דער רוסישער שפּיאָנאַזש אויפֿגעדעקט די אייגנטלעכע באַשטימונג פֿון דער אַמוניציע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז טאַקע אַרויס אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער ווינער פּאָליציי, וואָס פֿאַרווערט צו פֿאַרקויפֿן ייִדן אַמוניציע און כּלי-זיין. [95] דער גרעסטער ליוועראַנט פֿון אַמוניציע איז געווען דער ייִד אַבֿרהם ליבראָוויטש, וועלכער פֿלעגט אונטער מיליטערישן שוץ פֿאָרן קיין גאַליציע און פֿון דאָרט ברענגען אַמוניציע. [96] ליבראָוויטשס [97] טראַנספּאָרטן מאַכן אויס גאַנץ באַטײַטיקע סכומים. אַזוי צ״ב באַק׳מט ער דעם 14טן אויגוסט 13.733 גילדן 15 גראָשן פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר מיליטערישע באַדערפֿענישן בײַם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט פֿאַר מעש, בלײַ און ראַססע [98]. אין 2 וואָכן צאָלט מען אים אויס 2407 גילדן 15 גראָשן פֿאַר 150 שטיינער * און 15 פֿונט בלײַ, אַ צווייט מאָל ווי-

* אַ שטיין (kamień) האָט געווויגן אַן ערך 32 פֿונט.

דער האָט ער מיט דער אָפּטיילונג פאַר מיליטערישע באַדערפעגישן אונטער־געשריבן אַן אָפּמאַך אויף אַ טראַנספּאָרט פולווער, בלײַ, סאַלפּעטער און שוועבל פאַר אַ סכום פון 1.000 רויטע גילדן, ד״ה 18.000 פוילישע גילדן, אַחוץ דעם שליסט ער נאָך אָפּמאַכן אויף 5.216 גל. אויף 812 גל און 973 גל. הגם ליבראַוויטש האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַמוניציע־ליווערונגען, האָט ער אָבער אויך געליווערט אַנדערע סחורות ווי למשל לײַוונט, ראַססע וכדומה.

אַ צווייטער ייד, וואָס ליווערט גרעסערע טראַנספּאָרטן אַמוניציע אָדער אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען נייטיק צו דער פּראָדוקציע פון פולווער, איז געווען שמואל איצקאָוויטש. בסך־הכל מאַכן אויס זײַנע ליווערונגען אַ סכום פון 8.000 גילדן. דער וואַרשעווער סינדיק שײַע האָט אויך באַ־צויגן בלײַ און ראַססע פאַר אַ סומע פון 22.000 גל. פון אַנדערע ליווע־ראַנטן דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן איציק אַראַנאָוויטש פון דזיאַלאָשין. ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן דעפּאַרטאַמענט פאַר באַוואָפענונג אויף אַ טראַנספּאָרט בלעך, שוועבל, סאַלפּעטער פאַר 6.992 גל 22 1/2 גראַשן, אַ צווייט מאָל האָט ער באַקומען אַן אַוואַנס אויף אַ גרעסערער ליווערונג אין דער הייך פון 4.500 גל.

אין ווילנע האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן צושטעלן פולווער, בלײַ, שוועבל און סאַלפּעטער אַ ייד מיטן נאָמען נח.[99]

גוואַנט פאַר מיליטערישע צוועקן האָט געליווערט אין אַ גרויסן מאָסשטאַב דער ווענגראָווער ליוועראַנט צדוק באַימאַוויטש, אויסער ווײַס געוואַנט פאַר מאַנטלען באַזאָרגט נאָך באַימאָוויטש דאָס מיליטער מיט ווײַסע קוטשבאַיע, * קיר, ** מולטן *** וכדומה. צוזאַמען באַטרעפן די באַשטעלונגען פון באַימאָוויטש 20.000 גל.[100]

דעם יידישן פאַבריקאַנט איז נישט אַזוי לײַכט אָנגעקומען זײַן אַרבעט פאַרן מיליטער, באַלד האָט מען אים צוגענומען די געזעלן צום מיליטער. אָט ווידער האָט ער שוועריקייטן מיט דעם פּאַפּירגעלט, וואָס די אַרבעטער פון זײַן פאַבריק ווילן נישט אָננעמען פאַר שכירות בעת אים צאָלט די מיליטער־מאַכט מיט אַזאַ געלט. געוואַנט ליווערט אויך דער גרויספּוילישער ייד משה מאַרקאָוויטש פון דער שטאָט ליסע, וואָס האָט געשמט פון דעם געוואַנט־מסחר. בסך־הכל האָט ער געליווערט געוואַנט פאַר 16.000 גל.[101] די באַקאַנטע פירער פון דער וואַרשעווער יידישער פּלוטאָקראַטיע דוד קע־ניגסבערגער,[102] חיים פון לאַסק און יוסף לעווי האָבן אין אָקטאָבער אָנ־געגעבן אָפּערטעס אויף גרעסערע ליווערונגען פון שטאָף (50.000 איילן) פאַרן

* אַ קוטשבאַיע —האַריק וואָלשטאָף

** קיר — אַ מין בילינקער שטאָף

*** מולטן — (multana) — אַ מין ווייכער וואָלשטאָף

מיליטער פֿון די גרויספּוילישע אָדער אויסלענדישע פֿאַבריקן. זיי האָבן אָבער געשטעלט אַ תּנאַי, אַז זיי וועלן זײַן באַפּרײַט פֿון גרענעץ-אָפּצאָל און אַז עס וועט זיי דערלויבט זײַן אַרויסצופֿירן פֿון פּוילן קיין אויסלאַנד 8.000 רויע פֿעלן און 200 פּעקלעך חלב. קעניגסבערגערס אָפּערטע איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן פֿאַר זײַן פּרווו אַרויסצופֿירן פֿון וואַרשע זײַן פֿאַרמעגן.

אַ גרעסערן טראַנספּאָרט געוואַנט האָבן צוגעשטעלט דער גראָדנער אָרדענונגס-קאָמיסיע די ייִדישע סוחרים עמאַליאַ איזאַקאָוויטש און יוסף רובינאָוויטש [108] (38.412 זל) פֿון גראָדנע.

באַטייטיקע טראַנספּאָרטן ל ײַ וו נ ט ליווערן פֿאַרן מיליטער ייִדישע סוחרים דער עיקר פֿון גאַליציע. אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ איבערגעבן, אַז צוויי גאַליצישע ייִדן שמעון זיסן און ראובֿן שמואלן האָט געקומט פֿאַר לײַוונט 71.123 גל, ראובֿן שמואלעוויטשן 45.301 גל, מאָשעק אויפּרעכטיקן — 32.988 גל 80 גראָשן, יודקאָ וואָלפֿאָוויטשן — 16327 גל, מאיר איזאַקאָ-וויטשן — 11.077 גל 4 גראָשן, דעם זעלביקן פֿאַר אַ צווייטן טראַנספּאָרט לײַוונט — 14,855 גל 26 גראָשן, ירמיהו אַבראַמאָוויטשן — 9.421 גל 25 גר, לעוועק הערשקאָוויטשן פֿון פּושעוואָרסק — 17.824 גל 26 גראָשן וכדומה. די מערהייט גאַליצישע לײַוונט-סוחרים האָט געשטאַמט פֿון די ווײַטערדיקע גאַליצישע שטעט: פֿון לאַנצוט (מאַרעק אידזשקאָוויטש, משה נחמן, לייזער זעלקאָוויטש, שײַע מאָשקאָוויטש, זכריה איצקאָוויטש, יודקא מאָשקאָוויטש, מאָשעק מאַרקאָוויטש), פֿון פּושעוואָרסק (זכריה אידזשקאָוויטש, זכריה פֿעלדמאַן, לעוועק הערשקאָוויטש, בנימין ראָטענבערג), פֿון טאַרנע (לעוועק קלמן, מאיר אידזשקאָוויטש) און פֿון מאָשצישקע (זיסעק). אויסער איצעק לייבלען פֿון קוראָוו, וואָס האָט באַצויגן גרויסע טראַנספּאָרטן לײַוונט פֿון גאַליציע (פֿאַר 42.457 גל [105] און פֿאַר 26 096 גל 5 גראָשן), זײַנען אַלע לײַוונט-ליוועראַנטן געווען עסטרײַכישע בירגער. די גאַליצישע ייִדן האָבן בסך-הכּל געליווערט לײַוונט פֿאַר איבער אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס בעת פּוילישע ייִדן בלויז פֿאַר 86.232 גל.

דאָס דעמאָלטיקע מיליטער פֿלעגט אויך באַזאָרגט ווערן מיט בראָנפֿן. דער וויקטיקסטער בראָנפֿן-ליוועראַנט איז געווען אַ געוויסער טוביה מיכלאָוויטש [107], וועלכער שטעלט צו בראָנפֿן פֿאַר צענדלינגער טויזנטער גילדנס (בלויז אין אויגוסט האָט ער צוגעשטעלט בראָנפֿן פֿאַר 29.000 גל, ווײַטער ליווערן בראָנפֿן שײַע אידזשקאָוויטש, לייזער אידזשקאָוויטש א״אַ.

מיט דעם מאָמענט ווען ס׳איז אײַנגעפֿירט געוואָרן דאָס פּאַפּירגעלט (bilety skarbowe), זײַנען אויפֿגעקומען גרויסע קאָמפּליקאַציעס פֿאַר די מיליטערישע ליוועראַנטן, הן פֿאַר די וואָס האָבן זייערע סחורות געבראַכט פֿון אויסלאַנד, הן פֿאַר די וואָס האָבן זיי אויסגעאַרבעט אין לאַנד. די

קאָמפּליקאַציעס זײַנען באַשטאַנען דערין, וואָס דאָס פּאַפּירגעלט האָט געהאַט אַ קלענערן ווערט אין לאַנד און אין אויסלאַנד האָט מען עס בכלל נישט אָנגענומען.

אַלס בײַשפּיל לאָמיר דאָ דערמאָנען אײַזיק לייבושאָוויטשן פֿון קוראָוו,[108] וועלכער באַקלאָגט זיך דערויף, אַז פֿאַרן געוואַנט, וואָס ער האָט געקויפֿט אויף קרעדיט, קען ער נישט אָננעמען קיין פּאַפּירגעלט, ווײַל דאָס דאָזיקע געלט ווערט נישט אָנגענומען אין אויסלאַנד. אַן אַנדערער סוחר מיטן נאָמען לייבושאָוויטש פֿאַררופֿט זיך אין זײַן פֿאָדערונג דערויף, אַז אין זײַן אָפּמאַך מיט דער מאַכט איז פֿאַראַן אַ באַדינג, אַז דעם באַטרעף 30.000 גל וועט ער באַקומען אין מזומנים. דער גאַליצישער ייִד מאָשקאָ אויפּרעכטיק[109] האָט פֿאַר גרויס פֿאַרצווייפֿלונג געווענדט זיך וועגן אַן ענלעכן ענין אַזש צום פּוילישן קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, וועלכער האָט אָבער בשעת דעם אויפֿשטאַנד נישט געהאַט קיין שום דעה פֿאַר זײַנע פֿאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד און מיט דער טאַרגאָוויצער קאָנ-פֿעדעראַציע. קיין גרויסן דערפֿאָלג האָבן אויך מסתמא נישט געהאַט די גאַליצישע ייִדן שמעון זיס און ראובֿן שמואל, וועלכע עס איז געקומען פֿון דער מאַכט[110] 71.230 גל פֿאַר מיליטערישע ליווערונגען און וועלכע האָבן געפֿאָדערט, מען זאָל עס זיי אויסצאָלן אין מזומנים. דער העכסטער נאַציאָנאַלראַט איז אויך נישט אַנטקעגנגעקומען דער בקשה פֿון דעם ווענג-ראָווער פֿאַבריקאַנט באַימאָוויטש, וועלכער האָט זיך געקלאָגט, אַז די אַרבע-טער ווילן נישט אָננעמען פֿאַר שׂכירות דאָס פּאַפּירגעלט און אַז אויך פֿאַר רוישטאָף פֿאַרלאַנגט מען מזומנים.

אין געוויסע פֿאַלן גייט די מאַכט אויף קאָמפּראָמיסן אין דער פֿראַגע פֿון פּאַפּירגעלט. אַזוי למשל האָט דער קאָרפּוס פֿון קאַרוואָווסקין באַצאָלט די נאָוואָגרודקער[111] ייִדישע סוחרים דעם באַטרעף פֿאַר שטאָף $^1/_3$ מיט מזומנים און $^2/_3$ מיט פּאַפּירגעלט. אַזאַ רעזאָלוציע האָט אויך אָנגענומען די פֿינאַנץ-אָפּטיילונג בײַם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט, ווען עס האָט זיך גע-האַנדלט וועגן אַ חובֿ פֿון אויסלענדישע ייִדן אין דער הייך פֿון 68.565 גל 21 גראָשן.[12] 40 גל איז אויסגעצאָלט געוואָרן מיט מזומנים, דער רעשט מיט פּאַפּירגעלט.

אויסער ליווערנטן, וואָס האָבן אויף אייגענעם חשבון אײַנגעקויפֿט פֿאַרשיידענע סחורות פֿאַרן מיליטער, זײַנען אויך געווען מעקלערס, וואָס פֿלעגן זיך פֿאַרנעמען מיט אײַנקויפֿן פֿאַרשיידענע זאַכן לויטן אויפֿטראַג פֿון דער מיליטער-מאַכט. אַזאַ מעקלער איז געווען אַ געוויסער איציק אראָנאָ-וויטש. ער האָט פֿאַר דעם פֿינאַנץ-רעסאָרט פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט אײַנגעקויפֿט פֿאַרשיידענע סחורות.[113] צו דער קאַטעגאָריע מיליטערישע מעקלערס קען מען אויך פֿאַררעכנען דוד הערשקאָוויטשן, ישׂראל הערש-קאָוויטשן און ישׂראל הערשן. די אויסגערעכנטע האָבן זיך אונטערגענומען צו קויפֿן געווער „כּדי גוט צו דינען דעם פֿאָטערלאַנד“.[114] לויט דער דורך

זיי אָפּגעגעבענער שבֿועה האָט זייער פּראָוויזיע געזאָלט באַטרעפן 5–6 פּראָצענט.

צי האָבן די יידישע ליוועראַנטן געמאַכט גוטע געשעפטן בשעת דעם אויפשטאַנד, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראַגע פון טאָגצעטל — דאָס איז אַ גרויסער ספק. אַ טייל פון די, וואָס זיינען רייך געוואָרן אין אָנהייב פון אויפשטאַנד, האָבן שפּעטער מיטן איינפירן פּאַפּירגעלט פאַרלוירן גרויסע סומעס מחמת דאָס פּאַפּירגעלט האָט נאָכן אויפשטאַנד נישט געהאַט קיין שום ווערט. מ'ר וועלן צו די כּל-המינים שטייערן, אָפּצאָלן, בייטראָגן, רעקוויזיציעס וכדומה. וואָס די יידן האָבן געבראַכט אויפן מזבח פון אויפשטאַנד, דאַרף מען פאַררעכענען אויך גרויסע געלט-סכומים בתורת ליווערונגען, וועלכע פלעגן געדעקט ווערן מיט ווערטלאָזן פּאַפּירגעלט.

הערות:

1 Skałkowski, Z dziejów insurekcji, p. 33

2 Arch. Kr. Pol nr. 241, p. 341, 14/V 1794

3 Diariusz pow. grodz. nr. 1216, p. 32, 24/V

4 Arch. Kr. Pol. 388. p. 16

5 Arch. Kr. Pol. 388, p. 206, 29/VI

6 Diariusz pow. grodz. 1216,3/VII

7 Arch, Kr. Pol. 388, p. 12 17/VI

8 Arch. Kr. Pol. 258, p. 160

9 Arch. Kr. Pol. 381, p. 433

10 Dział Staropolski 52, nr. 13, 13/X (Arch. Skarb.)

11 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1297, 8/IX

12 Arch. Kr. Pol. 159, p. 902, 742

13 Arch. Kr. Pol. nr. 2079, 14.X; Arch. Kr. Pol. 251 p. 236, 11.IX

14 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 634

15 Arch. Kr. Pol. 288, p. 106

16 W. Tokarz: Deputacja Indagacyjna, Kraków 1918

17 לויט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון מאַגיסטער קערמיש, וועלכער אַרבעט איבער דער געשיכטע פֿון לובלינער קרײַז בשעת דעם קאָשטשושקאָ-אויפֿשטאַנד. איך דאַנק דעם פֿרײַנד קערמיש פֿאַר זײַן ליבנסווערדיקייט.

18 H. Mościcki: Pod znakiem Orła i Pogoni, Warszawa 1905, p. 105.

19 פֿאַרגלײַך Dział staropolski XXIII (Arch. Skarbowe) אין דעם יאָר 1775 און אין די ווײַטערדיקע פֿירן יידישע בעלי-עגלות פֿון לוצק איבער באַטײַטיקע סכומים פֿון געשטעמפּלט פּאַפּיר פֿון וואַרשע קיין לוצק. מיר האָבן אויך ידיעות וויפֿל עס האָט באַטראָפֿן דאָס געצאָלטע פֿאָרן טראַנספּאָרט. אַזוי צ"ב האָט דער יידישער פֿור-מאַן פֿון וואַרשע, וואָס האָט איבערגעפֿירט מיט 4 פֿערד שטעמפּל-פּאַפּיר פֿון וואַרשע קיין קרעמעניץ, באַקומען פֿאַר 4 גרויסע פּעק 64 מײַל ווײַט — 469 גל 10 גר. די סומע באַקומט זיך, ווען מען באַרעכנט 1 גל 25 גראָשן פֿאַר 1 מײַל אויף 1 פֿערד. אַ צווייטער יידישער פֿורמאַן מיטן נאָמען יאָשקאָ כאַסקעלעוויטש האָט באַקומען פֿאַר איבערפֿירן 2 פּעק, וואָס האָבן געווויגן 4 צענטנער 86 פֿונט — 95 גל, מען האָט גערעכנט אַ צענטנער צו 21 גל אין יאָר 1781 האָט דער זעלביקער פֿורמאַן באַקומען 24 גל פֿאַר אַ צענטנער. דאָס איז געווען אין פֿעברואַר, דער וועג איז דעמאָלט געווען אַן ערגערער ווי פֿריִער, פֿון דאַנען נעמט זיך מסתמא דער העכערער פּרײַז.

20 Akty powstania Kościuszki, II, p. 63, 11|VIII Gazeta narodowa wileńska nr. XX, 1794 דער דאָזיקער אוניווערסאַל איז געווען גילטיק אין ליטע זינט דעם 9 יולי.

21 Arch. Kr. Pol. 246, p. 50

22 Arch. Kr. Pol. 388, p. 82, 5|IX

23 Arch. Kr. Pol. 153, p. 103, 16|X

24 Komisja wojskowa II|25

25 Arch. Kr. Pol. 260, p. 39

26 Arch. Kr. Pol. 257, p. 134

27 Arch. Kr. Pol. 247, p. 362

28 Arch. Kr. Pol. 247, p. 349

29 Arch. Kr. Pol. 279, p. 247

30 Diariusz... pow. grodz. nr. 1216, p. 117

31 Arch. Kr. Pol. 277, 8|IX

32 Geordnete Sammlung der Regierungsschriften und Proklamationen, die seit dem 23. März 1794 in Polen erschien, Warschau 1795, p. 74

32a Gazeta powstania Polski nr. 21, 12|VI 1794

33 Dodatek do Gazety obywatelskiej 11|VI 1794

34 ד"ר ר. מאַהלער: די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די יידן אין וואַרשע אין XVIII יאָרה׳ לאַנדקענטעניש נומ׳ 2 1934.

פֿון חוב צו אַרבעטן אין די שוצגראַבנס האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען דער מלמד מאַשעק שיַיאָוויטש, וואָס האָט געוווינט אויף „גאַלובסקיע". האָט ער אָפּגעטאָן אַ „מלמדיש" שטיקל אַרבעט. ער האָט זיך איבערגעטאָן פֿאַר אַ פֿרוי. אויפֿן וועג האָט מען אָבער דער-קענט זיין מאַנצבילשע פֿיגור און מען האָט אים בחרפּתנו איינגעזעצט אין אַרעסט (Metr. lit. 180, p. 440).

נישט קיין בעסער מזל האָט געהאַט אַ וואַרשעווער יידענע, מיטן נאָמען די וואַלפּעכע דער מאַן אירער דער פּרנסה-געבער האָט ווי די הונדערטער און טויזנטער וואַרשעווער יידן געאַרבעט ביי די גראַבנס. מסתמא האָט זיך דער דלות געלאָזט פֿילן אין שטוב, וואָרעם די וואַלפּעכע האָט זיך געווענדעט צום שטאָט-פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי מיט דער בקשה צו באַפֿרייען איר מאַן פֿון דער אַרבעט. זאַקרזשעווסקי האָט ווי זיין שטייגער געענטפֿערט הומאָריסטיש. ער וועט ממלא זיין איר בקשה, מער נישט מען דאַרף אַ ביסל צווואַרטן, „ביז מיר וועלן אויסהרגענען און פֿאַרטרייבן די מאָסקאַלן און פּרייסן" (Jak Moskalów y Prusaków wytłuczemy y wypędzimy) (Arch. Kr, Pol., 159, p. 627)

35 F. Bąkowski, Kraków w czasie powstania Kościuszki, Kraków 1893

36 W. Smoleński, Mieszczaństwo warszawskie z końcem XVIII roku, Warszawa 1917 p. 245.

37 Arch. Kr. Pol. 276, p. 245.

38 Arch. Kr. Pol. 275, p. 177, 25/VIII.

39 Arch. Kr. Pol. 275, p 122, 103.

40 P. Kuczyński: Kraków w czasie powstania Kościuszki, Kraków 1912 p. 221.

41 Arch. Kr. Pol. 249, p. 243.

42 M. Feinkind Dzieje Żydów w Piotrkowie i okolicy, Piotrków 1930

די ידיעות וועגן ד"ר בערנאַרד, וועלכע עס ברענגט פֿײַנקינד זײַנען נישט אין הסכם מיט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון דעם מחבר פֿון דעם ווערטערבוך פֿון פּוילישע דאָקטוירים (Słownik lekarzów polskich, Warszawa 1888) קאַשמינסקי. לויט פֿײַנקינדן איז ד"ר בערנאַרד געבוירן געוואָרן אין יאָר 1770, לויט קאַשמינסקין אין יאָר 1783, אויב מיר װעלן אָננעמען קאַשמינסקיס דאַטע פֿאַר אַ ריכטיקע, דעמאָלט איז נישט מעגלעך, אַז ער זאָל זיך האָבן באַטייליקט אין דעם קאַשטשושקאָ-אויפֿשטאַנד. קאַשמינסקי שרײַבט, אַז ד"ר בערנאַרד איז געווען אַ דאָקטער אין די פּוילישע לעגיאָנען.

44 אַזוי צ"ב איז אַ געוויסער יאָקובאָוויטש געווען שנײַדער פֿון 17טן פּולק פֿון דער נאַציאָנאַלער אינפֿאַנטעריע.

45 Komisja wojskowa III|29, p. 266

46 טשעכטשערי (czechczery) — דאָס זענען געווען ווײַסע, לאַנגע הויזן. Gloger: Słownik staropolski, I, 285.

47 Komisja wojskowa II|22

48 Komisja wojskowa III|32

49 Komisja wojskowa III|32, p, 197

50 Komisja wojskowa III|32, p. 30

51 Komisja wojskowa III|31, p. 344

52 Komisja wojskowa III|29, p. 151

53 די ווײַטערדיקע ידיעות וועגן יידישע בעלי-מלאכות און זייער הילף פֿאַרן אויפֿשטאַנד האָב איך געשעפּט פֿון די אַקטן פֿון Komisja wojskowa II|22 (Arch, Gł. Akt Dawnych w Warszawie).

54 Arch. Kr. Pol. 279. p. 4. 25|V.

55 Arch. Kr. Pol. 159, p. 748

אַזוי אַ שטייגער איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן די צוויי צושטעלער קיבאַ און הערשעק און פֿיר היטל-מאַכער דערפֿאַר, וואָס די צושטעלער ווילן זיך נישט אָפּרעכענען מיט די היטל-מאַכער, הגם זיי האָבן שוין צוגעשטעלט די היטלען צום מיליטערישן קאָמיסאַריאָם.

56 Arch. Kr. Pol. 241

57 Skałkowski, Z dziejów insurekcji

58 Korzon Wewn. dzieje III, p. 465

נאָך פֿאַרן אויפֿשטאַנד אין די יאָרן 1788|92 האָבן די ווילנער יידישע שנײַדערס אויפֿגענייס אומזיסט 200 מונדירן. דער ווערט פֿון דער אַרבעט איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף 600 גל.

59 Arch. Kr. Pol. 304, nr. 124, 24|VII

60 Komisja wojskowa III|21, p. 3.5, 10|X

61 Arch. Kr. Pol. 248, p. 104.

כּדי בעסער אײַנצוזאַמלען בײַ יידן די שטײַערן האָט מען פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן פּעסער, וועלכע האָבן געגעבן די מעגלעכקייט זיך פֿרײַ צו באַוועגן אין לאַנד נאָר אַזעלכע

פּערזאָנען, וואָס האָבן שוין באַצאָלט די שטייערן. צי איז דער דאָזיקער פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרן איז נישט באַוווסט (Arch. Skarbowe, Dział staropolski, Dział 52, 9|VII

61a Arch. Kr. Pol. 248, p. 104

62 לויט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון מאַגיסטער קערמיש.

63 דאָרט

64 Korespondent krajowy i zagraniczny nr. 33

65 Met . litewska VI, 10, p. 105, 28|VI

66 Komisja wojskowa III|2, p. 321

67 Korespondent kraj. i zagr. nr. 41, 17|5

68 Korzon. Wewn. dzieje III, p. 439

69 Zbiór Popielów nr. 374 (d. s.) 5|V (Arch. Główne Akt Dawnych w Warszawie).

70 Dekreta jurysdykcji praskiej 37. Nr. 173a.

71 מגר. פּ. קאָן: א יידישע שטים צום אויפשטאַנד 1794 אין ווילנע.

72 Gazeta wolna, Nr. 7, 17|V

73 Arch. Kr. Pol. 251, p. 198 15|V

74 Arch Kr. Pol. 179, p. 191, 9|IX

75 Arch. Kr. Pol. 194, p. 456

76 Akty powstania Kościuszki II, p. 197

77 Arch. Kr. Pol. 173

78 אויף דעם חורבן, וואָס עס האָבן אָנגעטאָן די רוסישע חיילות, קלאָגן זיך די פּרנסים פֿון דער קאָזשעניצער קהילה לעוועק וויגדאָראָוויטש און מאָשעק מענדלאָוויטש. „דאָס חייל פֿון שונא — שרייבן זיי אין זייער מעמאָראַנדום — האָט אַרײַנמאַרשירט אין קאָזשעניצער שליסל און פֿאַרוויסט, באַרויבט די דערפֿער אין דער אומגעגנט ווי אויף די הײַזער און מאָיאָנטקעס און די סביבה פֿון קאָזשעניצער קהל" (Dział staropolski III, nr. 9 די בקשות פֿון פֿאַרשיידענע פּערזאָנען אין פֿאַרשיידענע ענינים צום העכסטן נאַציאָנאַלן ראָט, צו דער פֿינאַנץ-אָפּטיילונג).

79 די קיזלשטיינדלעך צו ביקסן ווערן אויף פּויליש אָנגערופֿן Skałki

80) Komisja wojskowa III,51 p. 30.

81) Komisja wojskowa III,51, p. 30; Arch. Kr. Pol. 321, p. 559.

82) Diariusz... pow. grodz. nr. 1216, 10.V.

83) Arch. Kr. Pol. 153, p. 89.

84) Wichtige Beiträge zur Geschichte der polnischen Feldzüge von 1794—6, Berlin 1799, p. 73.

85 Dział Starop. 52, nr. 13 (Arch. Skarb.)

86 Acta betreffend die Angelegen' eiten der Juden zu Koło אין די אַ"ג נאָכפּרייסישע אַקטן פֿון הויפּטאַרכיוו אין וואַרשע נו' 718. לשם אילוסטראַציע גיבן מיר דאָ ווײַטער אָן די טאָגטעגלעכע הוצאה פֿון די קוילער יידן פֿאַרן מיליטער פֿאַר-

דער צײַט פֿון VIII.26 ביזן X.27, דהיינו: דעם VIII 26 — אַ וואָגן און 2 פֿערד פֿאַר דער אַרמיי פֿון גענעראַל דאַמבראָווסקי און די אויסגאַבן אויף באַשפּײַזונג אין משך פֿון 6 טעג — 6 טאַלער; דעם III.28 הוצאות פֿאַר שליחים מיט בריוו פֿאַרן מיליטער קײַן שעראַדז, קוטנע און דאַמביע 7 טאַלער: דערנערונג פֿאַר אַן אָפּטיילונג פֿון 200 מאַן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דאַמבראָווסקי — 15 טאַלער; דעם XI.9 האָט דער גענעראַל דאַמב-ראָווסקי באַפֿוילן דעם קהל צוצושטעלן אים 10 פֿערד און אַ מענטש אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות, אַז די פּרײַסן דערנענטערן זיך. נאָך דעם ווי די פּרײַסן האָבן פֿאַרנומען די-שטאָט קויל, האָבן זיי בײַ די ייִדן צוגענומען 3 פֿערד, וועלכע זיי האָבן שפּעטער געמוזט אויסקויפֿן בײַ די הוזאַרן פֿאַר 4 טאַלער 18 גראָשן. דער אָנווער פֿון 2 פֿערד, וועלכע די פּרײַסן האָבן צוגענומען — 30 טאַלער. דער אָנווער פֿון קהל, מחמת די פּרײַסן האָבן פֿאַרהאַלטן 5 פֿערד אין משך פֿון 8 טעג; דעם 10 סעפּטעמבער 40 קוואַרט שפּירט — 40 טאַלער, 12 קוואַרט אייל — 4 טאַלער; נאָכן פֿאַרטרײַבן די פּרײַסן האָט די קהילה געמוזט צושטעלן דעם גענעראַל נושעווסקי, וואָס האָט אָנגעפֿירט אַן אָפּטיילונג פֿון 4.000 מאַן – 36 טאַלער; די הוצאה אויף שפּיאָנען – 8 טאַלער; דער ווערט פֿון 8 פֿערד און די הוצאות אויף שפּײַז פֿאַרן גענעראַל נושעווסקי — 10 טאַלער; די הוצאה אויף ליכט אין משך פֿון 2 נעכט – 4 טאַלער; די הוצאה אויף פֿלייש, פּוטער און בראַנפֿן – 12 טאַלער; דעם 20 סעפּטעמבער: פֿלייש, ברויט, בראַנפֿן און גייש פֿאַרן לאַגער פֿון גענעראַל מאַדאַלינסקי און גענעראַל דאַמבראָווסקי — 22 טאַלער; דער ווערט פֿון 8 פֿערד און וועגן, פֿון זיי זענען בלויז 4 צוריקגעקומען און 4 זענען פֿאַר-פֿאַלן געוואָרן — 95 טאַלער; דערנערונג פֿאַר 16 טאַלער, 130 איילן שטאָף אויף מונ-דירן 65 טאַלער; 18 קערץ תּבֿואה – 18 טאַלער. דעם 27 סעפּטעמבער-דער-נערונג פֿאַר אַן אָפּטיילונג אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם אָפֿיציר וואָלסקי — 18 טאַלער די אויסגאַבן אויף בלײַ – 6 טאַלער; די הוצאה אויף פּולווער 4 טאַלער: די הוצאה אויף בראַנפֿן – 5 טאַלער; 10 היטלעך 27 טאַלער די ווערט; 24 זעק ווייץ — 8 טאַלער. 14 אָקטאָבער – דאָס שׂכירות פֿאַר 4 קירזשנערס און 11 שנײַדערס אין צוזאַמענ-האַנג מיטן אויפֿהאַלט פֿון מאַיאָר ביעלעניעווסקי — 25 טאַלער. די דאָזיקע הוצאות האָבן באַטראָפֿן צוזאַמען 587 טאַלער 18 גראָשן.

87 Arch Kr. Pol. 253, 21.VIII.

88 ווען דער ייִד מתתיהו מיטן צונאָמען „האָפּ", וואָס האָט געלעבט פֿון פֿאָרדינ-גען כאַטשן, האָט זיך געווענדט צום פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי, ער זאָל אים אומקערן די רעקווירירטע וועגענער, האָט יענער געענטפֿערט: „איצט איז בעסער צו גיין צו פֿוס איידער צו פֿאָרן מיט אַ קאַטש". (Arch. Król. Pol. 159, p. 700). אויך דעם סאָקאָלאָווער רבֿ דוד מאָשקאָוויטש, בײַ וועמען מען האָט צוגענומען 3 פֿערד און וועגן, האָט זאַקרזשעווסקי געענטפֿערט: „אַ רבֿ און דערצו פֿון מעזריטש קען נישט בלויז לענגער וואַרטן אויף די פֿערד, נאָר ער מעג זיי אויך אָפּטרעטן". Arch. Król. Pol. 159, nr. 1155 (2/IX) מער גליק ווי מאָטיס און דער רבֿ האָט געהאַט דער ווילנער פֿורמאַן הערשעק יאַקיטלאָ-וויטש. ער האָט פֿאַר זײַנע 3 פּאָר פֿערד און וועגן באַקומען אָפּגעצאָלט 650 זל' (Arch. Król. Pol. 159, p. 553; Kom. Wojsk. 37/III, p. 63, 18/VII). אַ ביטערן גורל

האָט געהאַט אַ ייִד פֿון קוזמער מיטן נאָמען גדליהו שמולאָוויטש, פון זיין פֿאַרמעגן וואָס איז באַ-
שטאַנען פֿון 30 פֿערד האָט אים דאָס רוסישע מיליטער צוגענומען 10 און דאָס פוילישע
פֿינף. (Arch. Kr. Pol. 259, p. 89)

89 אַזוי צ"ב האָט מען די יידן פֿון קאַמיעניעץ-ליטעווסקי לויטן באַפֿעל פֿון קאַ-
מיסאַר ווייטהאַף צוגענומען 9 פֿערד אַן וועגן און 5 מיט וועגן (Arch. Kr. Pol. 279, p. 43)

90 Arch. Kr. Pol. 279, p. 315

91 Arch. Kr. Pol. 388, p. 80.

92 Arch. Kr. Pol. 253, p. 264 22/IX.

93 Arch. Kr. Pol. 247, p. 395, 24.VII

94 Arch. Kr. Pol. 279, p. 191.

95 Dodatek do Gazety obywatelskiej 4.VI 1794.

96 Kom. Wojsk. III|2, 20.X.

97 די ידיעות וועגן ליבראָוויטשן און אַנדערע אַמוניציע-ליוועראַנטן האָב איך צו-
נויפֿגעזאַמלט פֿון וויכטעדיקע מקורים: די אקטן פֿון Komisja wojskowa II.22, II,23,
Arch. Kr. Pol, 247, p, 395 ;Arch. Kr. Pol. 901, p. 287. III.30, 32, 39, 41, II.25
Ekonomiczne St. Warszawy nr. 1209; Arch. Kr. Pol. 288, p. 114; Arch. Król.
Pol. 279, p, 303) אין די בריוו פֿון קאָשטשושקאָ צום גענעראַל אָרלאָווסקי רעדט זיך אויך
וועגן ליבראָוויטשן: „רוף צו זיך דעם ייִד ליבראָוויטשן, שליס מיט אים אָן אָפּמאַך וועגן דעם
צושטעלן וואָס גיכער פולווער, פֿאַרזיכער אים, אַז איך אַליין וועל אים באַצאָלן מיט מזומנים"
(Rozkazy Kościuszki do gen. Orłowskiego w r. 1794 skierowane. Poznań
1925) (דער בריוו פֿון דעם VII.13 1794.)

98) Protokuły Deputacji Wileńskiej Bezpieczeństwa Publicznego.
Komisja Wojskowa II|23, 25, III.31, (די ביבליאָטעק פֿון די זאַמאָיסקים אין וואַרשע.)

99 ראַססטע — איז אַ וואָלטן געווועב (פֿאַרגלייך Gloger: Encyklodedja
staropolska p. 140 ,IV).

100 Kom. wojskowa III.21, p. 427, II.22.

101 Kom wojsk III.32, p. 118, 208, 235.

102 Kom. Wojsk. III.21, p. 425.

103 די ידיעות האָב איך געשעפּט פֿון די אקטן פֿון Kom. wojskowa Arch.
Król. Pol. 91; Arch. Król, Pol. 288, p. 126, 183; Arch. Król. Pol. 248, p. 454;
Arch. Król. Pol. 153, p. 48.

104 Kom. wojsk. III.21, p. 463.

105 Kom. Wojskowa III.29.

106 Arch. Kr. Pol. 283, p 367; Arch Kr. Pol. 289.

107 Arch. Kr. Pol. 153, p, 48.

108 Ekonomiczne St. Warszawy p. 1258.

109 Arch. Kr. Pol. 153, p. 62.

110 Kom. Wojskowa III.21, p. 410.

111 Arch. Kr. Pol. 279, p. 180.

112 Komisja Wojskowa III.48, p. 125.

113 Kom. Wojskowa III.48, p. 183

114 Kom. Wojskowa II.47, p. 136.

קאַפּיטל VII

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פֿון די ייִדן אין די צײַטן פֿון אױפֿשטאַנד

א) רדיפֿות

היות ווי עס פֿעלן ייִדישע מקורים, זענען נישט פֿאַראַן קיין גענויע ידיעות וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון די פּוילישע ייִדן אין די צײַטן פֿון אויפֿשטאַנד. די קנאַפּע און צופֿעליקע נאָטיצן רעדן אָבער מיט אַזאַ קלאָרער שפּראַך, אַז לויט זיי קענען מיר זיך שאַפֿן אַ באַגריף וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט דעמאָלט איבערגעלעבט צוזאַמען מיט אַנדערע אײַנוווינער פֿון לאַנד.

אין דער ערשטער ריי האָבן די פּוילישע ייִדן צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג געליטן נגישות מצד דעם רוסישן מיליטער. עס זײַנען פֿאַרבליבן אייניקע דאָקומענטן וועגן די דאָזיקע שענדלעכע נגישות, וואָס לויט זיי קען מען זיך שאַפֿן אַ בילד פֿון די הערשנדיקע פֿאַרהעלטענישן. „די אַדיוטאַנטן און אָפֿיצירן פֿון גענעראַל כרושטשעוו — שרײַבט שוואַרצע [1] — פֿלעגן נאָכן אָנקומען אויף אַן אָרט זיך פֿונאַנדערלויפֿן איבער די גאַסן. איינער פֿלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין אַ קעלער און צונעמען אַלע ווײַנען. אַנ־דערע פֿלעגן זיך צעלויפֿן איבערן שטעטל, כאַפּן ייִדן און זיי אַרײַנזעצן אין חזיר־שטאַלן, ביז וואַנען זיי פֿלעגן זיך נישט מודה זײַן, ווי זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געלט". דער באַקאַנטער מעמואַרן־שרײַבער קיטאָוויטש פֿאַר־צײלט, אַז די רוסן פֿלעגן מיט אַ באַזונדערער שׂנאה זיך באַציען צו די ייִדן, „וויפֿל מאָל זיי (די רוסן) זײַנען ערגעץ צעקלאַפּט געוואָרן, אַזוי פֿיל מאָל פֿלעגן זיי אויס נקמה אָנפֿאַלן אויף פּריצים, באַזונדערס אויף גלחים און ייִדן, פֿאַרברענען, פּײַניקן, ראַבעווען און פֿאַרגוואַלדיקן פֿרויען". [2]

דאָס זעלביקע פֿאַרצײלט דער קאַסיסאַר לאַגאַ פֿון לאָסיץ: „די רוסן האָבן צוגענומען בײַ די ייִדישע אַרענדאַרן געלט און זיי אומברחמנותדיק צעשלאָגן מיט בײַטשן". [3] אין אַ דאָרף אַ מײַל ווײַט פֿון לאָסיץ „האָבן רוסישע סאָלדאַטן געשלאָגן מיט צעגליטן אײַזן אַ ייִד מיט זײַן פֿרוי און

זיי געצוווּנגען זיך מודה צו זײַן, ווו זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געלט, זיי האָבן פֿאַרגוואַלדיקט (די פֿרוי). געשמיסן (דעם ייִד) מיט ריטער, אַזוי אַז ער ליגט איצט אָן באַוווּסטזײַן אין אַ האָפֿענונגסלאָזן צושטאַנד".

אין קאָזשעניץ [4] האָבן רוסישע אָפֿיצירן געהייסן דעם מאַגיסטראַט און דער קהילה, אונטער סטראַשען צו פֿאַרברענען די שטאָט, צושטעלן מיידלעך פֿאַר זנות.

אין בריסק־דליטא [5] האָט דאָס רוסישע מיליטער געשונדן די הויט פֿון די ייִדן, באַפֿוילן זיי צו באַזאָרגן די קיכן פֿון די אָפֿיצירן, צוגענומען אַ סומע פֿון 8.000 גל׳ קאָפּגעלט און אַחוץ דעם פֿאַרלאַנגט פֿון קהל אַ גרעסערע געלטסומע. בכדי אָנצוואַרפֿן אַ גרעסערע שרעק אויף די ייִדן, האָבן זיי צוגעשמידט ייִדן צו האַרמאַטן, און דערנאָך אַרויסגעשיקט 24 זעלנער, וועלכע האָבן „מיט דער פֿרײַהייט פֿון רויבערײַ" („pod wolnym rabunkiem") געדאַרפֿט אויפֿמאָנען די געלט־סומע פֿון די שוין עטלעכע מאָל באַראַבעוועטע בריסקער ייִדן. עס האָבן אויך נישט געהאָלפֿן די מיליטערישע קאָנטריבוציעס, וועלכע די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿלעגט אַמאָל באַצאָלן, כּדי אויסצומײַדן די רויבערײַען פֿון די רוסישע חיילות. אין קאָזשעניץ [6] למשל האָבן די ייִדן געגעבן 4.000 גל׳ די רוסישע חיילות, כּדי דערמיט אויסצולייזן זיך פֿון ווײַטערדיקע ראַבירונגען. עס האָט אָבער קנאַפּ וואָס געהאָלפֿן. די זעלביקע סאָלדאַטן האָבן שפּעטער נאָך אַ מאָל באַרויבט די קאָזשעניצער ייִדן. אין מעזריטש [7] אַקעגן האָט אָפּגעגליקט פֿאַרן פּרײַז פֿון 150 רויטע גילדן אויסצומײַדן ווײַטערדיקע רויבערײַען מצד דעם רוסישן חייל. דערמיט זײַנען ייִדן אָבער נישט באַפֿרײַט געוואָרן פֿון אַנדערע דינסט־אַרבעטן לטובת די אַדורכמאַרשירנדיקע מיליטער־אָפּטיילונגען. [8] בכלל האָבן די אַדורכמאַרשן פֿון די פֿײַנטלעכע אַרמייען פֿאַרשאַפֿן אַ סך לײַדן די ייִדישע קהילות. [9]

עס פֿעלן אויך נישט אין די מקורים קיין אָנקלאָגעס אויף רדיפֿות, רויבערײַען און אַפֿילו רציחות מצד די פּוילישע זעלנער. אַ העלע שײַן אויף דעם ענין וואַרפֿט דער בריוו פֿון איינעם פֿון די אָנפֿירער פֿון אויפֿשטאַנד, טאָמאַש וואַוורזשעצקי, צום גענעראַל געדראָיץ. [10] אין דעם בריוו געשריבן אין לאַגער אונטער סאַלאַנט (אין ליטע) באַקלאָגט זיך וואַוורזשעצקי: „יעדע רגע דערוויס איך זיך וועגן געוואַלד־מעשׂים, רדיפֿות און עוולות לגבי דער באַפֿעלקערונג, און אַחוץ דעם וויפֿל ייִדישע פֿרויען זײַנען פֿאַרגוואַלדיקט געוואָרן, וויפֿל גרויל־מעשׂים שרײַען צום הימל וועגן נקמה". וואַוורזשעצקי באַנוגנט זיך נישט מיט קיין אַלגעמיינער פֿאָרמולירונג, ער רעכנט אויס קאָנקרעטע פּונקטן פֿון עוולות לגבי ייִדן און פֿאָדערט צו באַשטראָפֿן די שולדיקע. איינער פֿון די געליטענע איז געווען דער ייִד מענדל פֿון מאַיטאַד. צום ערשט איז ער צעשלאָגן געוואָרן דורך קאָזאַקן, דערנאָך האָט ער געקריגן שמיץ פֿון פּוילישן מיליטער. אַ צווייטן פֿאַל

ברענגט ער פֿון שטעטל שקוד, ווו דער ריטמײַסטער שוסקא און אַנדערע מיליטערלײַט האָבן צוגענומען געלט בײַ דער באַפֿעלקערונג. דער ציל פֿון וואַרזשעצקיס אינטערווענץ איז אָפּצוהאַלטן אַנדערע פֿון „באַגיין אַזעלכע פֿאַרברעכנס, אויף וועלכע עס מערן זיך כסדר פֿאַרשיידענע אָנקלאַגעס“. דער מיין זײַנער איז אויך אַ מאָראַליש פּאָליטישער: „עס גייט וועגן דעם — שרײַבט וואַרזשעצקי — אַז די דאָזיקע אויסוואָרפֿן זאָלן מיט זייערע נידערטרעכטיקע מעשׂים נישט שענדן דעם נאָמען פֿון פֿאָלק (פּאָליאַקן) און באַדעקן מיט שאַנד די קעמפֿער פֿאַרן פֿאָטערלאַנד“.

אויך פֿון אַנדערע געביטן הערן מיר וועגן אַזעלכע געוואַלד־מעשׂים פֿון פּוילישע מיליטער־אָנפֿירער. אין לובאַרטאָוו למשל האָט אַ געוויסער פּולקאָווניק טרזשצינסקי אַדורכגעפֿירט פֿאַרשיידענע „רעקוויזיציעס“, וועלכע דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט טאָמאַשעווסקי האָט אָנגערופֿן בײַם אמתן נאָמען „רויבערײַען“. [11] אויך פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש [12] שרײַבט אויפֿן יסוד פֿון זײַנע פֿאָרשונגען וועגן מחנות זעלנער, „וועלכע זײַנען נישט תמיד געווען אַ סכּנה פֿאַרן שונא, דערפֿאַר אָבער שטאַרק געפֿערלעך פֿאַר ייִדן. האָלענדער *, ווייל זיי פֿלעגן אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט צונעמען אויפֿן וועג און זײַנען שטאַרק נוטה געווען צום הענגען“. פֿון דעם אַלעמען איז שוין נישט שווער זיך צו שאַפֿן אַ בילד פֿון די לײַדן, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין די ייִדישע באַפֿעלקערונג מצד די קעמפֿנדיקע אַרמייען. דער קלענסטער טייל פֿון דעם קומט צום אויסדרוק אין די אויבן געבראַכטע שילדערונגען.

* אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון פּוילן האָבן געוווינט האָלענדער.

הערות:

1 Br. Szwarce: Warszawa w 1794 r., Kraków 1894, p. 233.

2 Dzieła historyczne ks. J. Kitowicza, V, Poznań 1845.

3 Arch. Kr. Pol. 388 p. 212

4 Arch. Kr. Pol. 323, p. 108.

5 Arch. Kr. Pol. 248, p. 104 18/VIII Biulletin national hebdomadaire 1794, Nr. 7.

6 Arch. Kr. Pol. 323, p. 108; Gazeta wolna warszawska nr. 5.

7 Arch. Kr. Pol. 388, p. 212.

8 Akty powstania Kościuszki, p. 97 23/VIII

9 Kom. Wojsk. III|15 (מעמאראנדום פון טערעספאל)

10 Arch. Kr. Pol. 331, p. 2 די קאפיע פון בריוו צום גענעראל געדראיף פון 21סטן יולי.

11 Arch. Kr. Pol. 253 דער ראפּאָרט פון קאמיסאר טאמשאווסקי פון לוקאוו פון לוקאוו 21סטן אויגוסט.

12 Tokarz Żołnierze kościuszkowscy, p, 116.

ב) די באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש

לייענט מען די געשיכטע פֿון די פּוילישע אויפֿשטאַנדן, וואַרפֿן זיך אין די אויגן די באַשולדיקונגען קעגן ייִדן אין שפּיאָנאַזש. די דאָזיקע באַשולד־יקונ־גען האָבן זיך גענומען דערפֿון, וואָס מען האָט די מעשׂים פֿון איינצלנע פֿאַרקויפֿטע נשמות, וואָס האָבן צוליב געלט מיטגעהאָלפֿן דעם פֿײַנטלעכן שפּיאָנאַזש, — לויטן באַקאַנטן שטייגער אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן כּלל ייִדן. „עס איז גענוג געווען — שרײַבט דער קאָמענדאַנט פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פֿון דעם נאָוועמבער־אויפֿשטאַנד אָסטראָווסקי — אַז אַ קאָפּ פֿון אַ ייִדן זאָל זיך באַווײַזן פֿון אונטערן דאַך, כּדי מען זאָל אים „brevi manu" (נישט לאַנג געטראַכט) אויפֿהענגען ווי אַ שפּיאָן". [1] „ייִדן, געמיינע יונגען, שפּיאָנען, זיי סימפּאַטיזירן מיט די מאָסקאַלעס, לאָמיר אויפֿהענגען דאָס פֿאָלק, ווײַל יעדער ייִד איז אַ שׂונא פֿון פֿאָטערלאַנד און פֿון אונדזער זאַך.—אַזוי האָבן גערעדט וועגן ייִדן — שרײַבט אָסטראָווסקי — לײַכטזיניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט אַ פֿאָראורטייל צו ייִדן, נאָך זיי האָט עס איבערגעחזרט דער כּלל און דערנאָך דער המון. עס האָט דאָס איבער־געחזרט דער פּריץ און פּויער, דער זעלנער און בכלל יעדער האָט עס געזאָגט נישט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג, נאָר אויפֿן סמך פֿון דעם, וואָס ער האָט געהערט פֿון אַ צווייטן. אָט דערפֿאַר האָט מען אַ סך ייִדן באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, אַ סך האָט מען נאָר איבערן חשד אַליין — גאָט זאָל אונדז מוחל זײַן — אומשולדיק באַשטראָפֿט". אָט אַזוי האָט געשריבן וועגן די כּלומרשטע ייִדישע שפּיאָנען איינער פֿון די פֿירער פֿון אויפֿשטאַנד אין יאָר 1830.

„דער ערשטער אויפֿטו פֿון אַ פּריץ, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן אויפֿן אויפֿשטאַנד, איז טאַקע געווען אויפֿצוהענגען דעם קרעטשמער פֿון דעם באַנעכסטן דערפֿל" — אַזוי שרײַבט אַ הומאָריסטיש בלאַט „Pszonka" פֿון די צײַטן פֿון נאָוועמבער־אויפֿשטאַנד.

נישט בלויז דער פּוילישער צד פֿלעגט די ייִדן באַשולדיקן אין שפּיאָנאַזש, אויך דער רוסישער צד פֿלעגט זיי פֿאָרוואַרפֿן, אַז זיי דינען די אינטערעסן פֿון די פּאָליאַקן. אָט וואָס עס שרײַבט וועגן דעם דער באַקאַנ־טער אָנטייל־נעמער פֿון נאָוועמבער־אויפֿשטאַנד און באַדײַטיקער טוער בעת דער א"ג גרויסער עמיגראַציע, דער מחבר פֿון פּאָליטישע ווערק און פּויל־

שער פּאַטריאָט, דער ייִד האָלענדערסקי: „יעדער מאָל — שרײַבט ער זינט דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד — ווען אַ נײַע אָפּטיילונג איז אַרײַן אין שטעטל, פֿלעגט מען אויף דעם מאַרקפּלאַץ אויספֿירן אַן עקזעקוציע. די פּאָליאַקן פֿלעגן פֿיזיש באַשטראָפֿן די ייִדן, וועלכע זיי האָבן חושד געווען אין טון שפּיאָנאַזש־דינסט לטובת רוסלאַנד, און די רוסן ווידער פֿלעגן שלאָגן מיט אַ נאַהײַקע די ייִדן אונטערן חשד, אַז זיי העלפֿן דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד״. [2]

דער זעלביקער פּסיכאָז פֿון באַשולדיקן מאַסנווײַז ייִדן אין שפּיאָנאַזש האָט אויך געהערשט בשעת דעם קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד. נישט מער עס זײַנען — דוכט זיך — דעמאָלט געווען ווייניקער קרבנות ווי בעת די שפּעטער־דיקע אויפֿשטאַנדן.

דער פּרעזידענט פֿון קראָקע ליכאָצקי [3] זאָגט זיך אַרויס אויף אַזאַ אופֿן וועגן די אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען קעגן ייִדן אין שפּיאָנאַזש אין די צײַטן פֿון קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד: „דאָס קרימינאַל־געריכט אויף שפּיאָנען... קײַן אמתדיקע (שפּיאָנען) זענען אָבער נישט געווען אין דער שטאָט (קראָקע). אויף זייער אָרט פֿלעגט מען כאַפּן בעטלערס, ווײַבער, וואָס בעטלען, אומשולדיקע פּויערים, ייִדן, זיי באַשולדיקן, רודפֿן און זיי אָנטון עינויים אין די תּפֿיסה־הײַלן״.

צו די ווערטער פֿון ליכאָצקי, וואָס איז געווען פֿײַנטלעך געשטימט צום אויפֿשטאַנד, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי, ווען נישט דאָס, וואָס זײַנע ווערטער ווערן אין דער פֿולער מאָס באַשטעטיקט דורך די אַרכיוואַלישע פֿאָרשונגען. מיר ווערן פּשוט נשתּומם, ווען מיר לייענען, מיט וואָס פֿאַראַ לײַכטזיניקייט מען פֿלעגט כאַפּן ייִדן און זיי אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה אונטער דעם חשד פֿון שפּיאָנאַזש, בכדי זיי נאָך עטלעכע חדשים אַרעסט צו באַפֿרײַען, ווײַל עס זענען נישט געווען קיין שום באַווײַזן קעגן זיי. דער פּסיכאָז פֿון באַשולדיקן ייִדן אין כּלומרשטן שפּיאָנאַזש האָט אפֿילו פֿאַרכאַפּט אַ טייל מיליטערישע קאָמאַנדעס, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל גוט אַכטונג צו געבן אויף די אַדורכפֿאָרנדיקע ייִדן. [4] דער פּסיכאָז איז געווען דער איינציקער גורם פֿון די אַרעסטן, ווײַל די סטאַטיסטיק פֿון די פֿאַרמשפּטע ייִדן האָט נישט געגעבן קיין גרונד דערפֿאַר איבער דעם פּשוטן פֿאַקט, וואָס 99% באַשולדיקטע ייִדן פֿלעגן דורך די מיליטערישע געריכטן באַפֿרײַט ווערן פֿון יעטווידער באַשולדיקונג.

מען וואָלט איצט געדאַרפֿט אַוועקשטעלן די פֿראַגע, אפֿשר זענען בײַ די פּוילישע ייִדן געווען פּראָרוסישע שטימונגען, וואָס אויף זייער יסוד איז געבוירן געוואָרן די אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונג וועגן ייִדישן שפּיאָנאַזש. צווישן די פּאָליאַקן האָבן עקסיסטירט גרופּעס, וואָס זענען געגאַנגען מיט די רוסן בשעת דער טאַרגאָוויצער קאָנפֿעדעראַציע און טיילווײַז אויך שפּעטער, האָט דאָך בײַ די ייִדן אויך געקענט זײַן דאָס זעלביקע. עס האָט זיך טאַקע געפֿונען אַ פֿאָרשער, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרטרעטן די

דאָזיקע מיינונג. דאָס איז פּראָפּ טאָקאַזש, וועלכער האַלט, אַז עס האָט עקסיסטירט אַ כּמו רוסישע פּאַרטיי צווישן די וואַרשעווער יידן. „רוסישע שפּיאָנען — שרײַבט טאָקאַרזש — זײַנען געווען אַ סך קרובֿים און שותּפֿים פֿון דעם באַקאַנטן ליוועראַנט פֿון דער פּוילישער און רוסישער אַרמיי שמואל זביטקעווער, וועלכע האָבן געבילדעט כּמו אַ רוסישע פּאַרטיי צווישן די וואַרשעווער יידן, זיי האָט מען חושד געווען אין אויסבאַהאַלטן רוסן און זייערע פּאַפּירן און אויך אין שפּיאָנאַזש. דערמיט האָבן זיי זיך טאַקע אין דער אמתן פֿאַרנומען, הגם אַ סך זעלטענער ווי מען האָט זיי שפּעטער חושד געווען". [5] צום באַדויערן גיט טאָקאַרזש נישט אָן די מקורים, וואָס אויף זייער סמך האָט ער פֿאָרמולירט די אויביקע באַהויפּטונג וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דער רוסישער פּאַרטיי בײַ די וואַרשעווער ייִדן. פֿון טאָקאַרזשס ווערטער איז אויך שווער צו וויסן, צו זײַנען די חשדים וועגן שפּיאָנאַזש באַשטעטיקט געוואָרן און וואָס פֿאַר אַ פּסק איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דער פֿראַגע. אויפֿן סמך פֿון די מקורים, וועלכע איך פֿאַרמאָג, איז נישטאָ פֿאַראַן קײַן גרונד צו באַהויפּטן, אַז עס זאָל האָבן עקסיסטירט אַ רוסישע פּאַרטיי, ווי דאָס איז למשל געווען בײַ די פּוילישע פּריצים, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט די רוסן. עס זײַנען געווען איינצלנע פֿאַרקויפֿטע נשמות, וואָס האָבן פֿאַר געלט שפּיאָנירט לטובֿת רוסלאַנד. עס איז אָבער נישט געווען קײַן רוסישע פּאַרטיי בײַ די ייִדן, ווײַל בכלל איז דער מצבֿ פֿון פּאָליטישן באַוווסטזײַן בײַ די פּוילישע ייִדן — ווי דאָס איז שוין אויפֿגעקלערט געוואָרן פֿריער — געווען זייער אַ נידעריקער און עס איז נישט געווען קיין שום גרונד פֿאַר וועלכע נישט איז סימפּאַטיעס פֿון די פּוילישע ייִדן פֿאַר רוסלאַנד.

אויך שמואל זביטקעווער, דער כּלומרשטער פֿירער פֿון דער רוסישער פּאַרטיי, וועלכער איז געווען ליוועראַנט פֿון דער פּוילישער אַרמיי פֿאַרן אויפֿשטאַנד און איז געשטאַנען אין באַציִונגען מיט קאָשטשושקאָן אין די יאָרן 1790–2, איז דאָך נישט באַשולדיקט געוואָרן דורך דער אויפֿשטאַנדישער מאַכט אין פֿאַרברעכנס פֿון פּאָליטישן כאַראַקטער. [6] די באַשולדיקונג קעגן שמואלן איז געווען שייך צו זײַנע נישט אין גאַנצן ריינע געשעפֿטן אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנע ליווערונגען פֿאַרן מיליטער בשעת דער טאַרגאָוויצער קאָנפֿעדעראַציע. וועגן דעם זאָגט עדות דאָס, וואָס די אויספֿאָרשונגס־מאַכט האָט געזוכט די חשבונות פֿון שמואלן, זײַנע אָפּמאַכן מיט די פּריצים וועגן ליווערונג פֿון פּראָוויאַנט וכדומה. [7] עס זײַנען נישט געווען קײַן שום באַווײַזן וועגן שמואלס פֿאַרראָט, [8] ווײַל זײַן פֿאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ גאַרבערײַ, אַ מיל, אַ פּולווערעק, מאַגאַזינען, אַ קרעטשמע, אַ גוראַלניע און אַנדערע בנינים, האָט די אויפֿשטאַנדישע מאַכט נישט קאָנפֿיסקירט, זי האָט נאָר צײַטווײַליק איבערגענומען צום פֿאַרוואַלטן. שמואלס פֿאַרמעגן איז גענוי רעגיסטרירט געוואָרן, „בכדי אין

פאַל עס וועט זיך אַרויסווייזן זיין אומשולד, זאָל ער צוריק באַקומען — אַזוי שטייט בפירוש געשריבן אין די דעמאָלטיקע מקורים — זיין גאַנץ אייגנס". עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז קעגן פאַרשיידענע פאַררעטער, אָנהענגער פון דער טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אורטיילן הינטער די אויגן. קעגן שמואלן איז נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן קיין אורטייל — אַ סימן, אַז די מאַכט האָט נישט געהאַט קיין גרונד צו משפטן איט הינטער די אויגן און צו קאָנפיסקירן זיין פאַרמעגן. נאָך מער, עס איז אונדז באַוווסט, אַז איינער פון די הויפט־באַשולדיקטע פון שמואלס משפחה, יאָסל איצקאָוויטש, [9] וואָס איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, „כדי צו באַרויקן די זאָרג, אַז ער איז שמואלס אַ ברודערנזון", איז באַפרייט געוואָרן, ווייל עס האָבן געפעלט וועלכע נישט איז באַווייזן קעגן אים. עס ווייזט אויס, אַז אויך בערעק איצקאָוויטש, וועלכער איז געווען שמואלס אַ קרובֿ און אַ שרייבער אין זיינעם אַ מאַגאַזין, איז באַפרייט געוואָרן, נאָך דעם ווי עס האָט פאַר אים ערבֿ געווען דער פראַגער בירגער גאָלעמביאָווסקי [10]. קיין שום עוולה איז אויך נישט געשען די שרייבער פון דעם אַנטלאָפענעם שמואל זביטקעווער. אַזוי ווי שמואלס פאַרמעגן איז צייטווייליק פאַרנומען געוואָרן דורך דער מאַכט, האָבן שמואלס שרייבער פאַרלאַנגט פון דער פינאַנץ־אָפטיילונג ביים העכסטן נאַציאָנאַלן ראָט, מען זאָל זיי אויסצאָלן דאָס שכירות, וואָס איז זיי געקומען פון שמואלן, און דער ראָט האָט זיי אָפּגעזאָגט. ווי מיר זעען בכן, איז ווייט געווען דערפון, מען זאָל שמואלס מענטשן און קרובֿים באַשולדיקן אין שפיאָנאַזש. וואָלט געווען אַזאַ באַציִונג צו זיי, וואָלטן זיי זיכער נישט געהאַט די דרייסטקייט צו ווענדן זיך צו דער מאַכט וועגן זייער שכירות. אמת, שמואל האָט זיך בשעת דעם אויפשטאַנד געפונען אין דעם רוסישן לאַגער, אָבער נישט אַלס פירער פון אַ פאַרטיי, נאָר אַלס ליוועראַנט פון דער אַרמיי. [12] איך רעכן דעריבער, אַז אויפן גרונד פון די אַלע מאַטעריאַלן וועלן מיר נישט קענען מסכים זיין מיט טאָקאַרזשס מיינונג וועגן דעם, אַז שמואל זביטקעווער איז געשטאַנען בראש פון כמו אַ רוסישער פאַרטיי. [13] ווי עס איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט, איז נישט געווען קיין שום גרונד, אַ ביי דער יידישער באַפעלקערונג זאָלן זיך שאַפן פראָרוסישע סימפּאַטיעס, מימילא קען אויך נישט זיין קיין רייד וועגן אַ רוסישער פאַרטיי.

עס זיינען אויך צווישן די פוילישע יידן נישט געווען קיין אָנהענגער פון אַ פ ר אָ פ ר ײ ס י ש ע ר אָ ר י ע נ ט אַ צ י ע. די טויזנטער א"ג „בעטל־יידן", וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון פרייסן קיין פוילן, די שווער־יקייטן וועלכע די דאָזיקע עלעמענטן האָבן פאַרשאַפט דעם כלל פוילישע יידן, זיינען גענוג געווען אויף צו שאַפן אַ שׂנאה אַקעגן דעם פרייסישן רעזשים, וואָס זיינע רעפאָרמען האָבן חרובֿ געמאַכט דאָס יידישע לעבן אין די דורך די פרייסן אָקופירטע פוילישע טעריטאָריעס. נישט אומזיסט האָט אַ ייִד

בשעת דער אויספאָרשונג דערקלערט „די פרייסן גלייבן אונדז נישט, דערי־בער שיקן זיי אונדז נישט אַרויס אין זייערע ענינים". די אויספאָרשונג קעגן דעם פרייסישן שפּיאָן, דעם דייטשן ייִד וואָלפגאַנג היימאַן האָט אַרויס־געוויזן, אַז ער איז געשטאַנען אין באַציִונגען מיט דער פרייסישער אַמבאַ־סאַדע, ווי אויך מיט פרייסישע אָפיצירן, אָבער נישט מיט קיין ייִדישע איינוווינער. אַפילו די עטלעכע פרייסישע ייִדן מיט דעם באַקאַנטן באַנקיר דוד קעניגסבערגער אין דער שפּיץ האָבן געהאַט דעם צוטרוי פון דער מאַכט און עס איז למשל גענוג געווען קעניגסבערגערס ערבות, אַז פער־זאָנען באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש זאָלן באַפרייט ווערן.[14] בסך־הכל זעען מיר, אַז עס האָט נישט עקסיסטירט ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג קיין פאַרטיי, וואָס זאָל סימפּאַטיזירן אָדער מיטאַרבעטן מיט רוסלאַנד אָדער פרייסן. ממילא האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אידעישע שפּיאָנען צווישן ייִדן נישט לטובת פרייסן און אוודאי נישט לטובת רוסלאַנד. אויב מיר טרעפן, און דאָס אין גאַנץ זעלטענע פאַלן, ייִדישע שפּיאָנען זיינען דאָס אָדער געצאָלטע אָדער אויפגעצוווּנגענע[15] דורך די מיליטע־רישע אָפטיילונגען פון פיינטלעכן חייל. באַקענ‍ען מיר זיך מיט דעם מאַ־טעריאַל וועגן ייִדישע שפּיאָנען, זעען מיר, אַז כדי עמעץ זאָל באַשולדיקט ווערן אין שפּיאָנאַזש לטובת פרייסן, איז גענוג געווען, אַז די פערזאָן זאָל שטאַ־מען פון דאָרט[16]. וועגן אייניקע שפּיאָנען, וואָס האָבן געווירקט לטובת פרייסן, דערוויסן מיר זיך נאָכן אויפשטאַנד, נאָך דעם ווי פוילן איז צום לעצטן מאָל צעטיילט געוואָרן צווישן פרייסן, עסטרייך און רוסלאַנד. געוויסע פער־זאָנען האָבן זיך אין די דורך פרייסן נייע אָקופּירטע שטחים באמת ביי דער פרייסישער מאַכט וועגן פאַרשיידענע הנחות און דערביי זיך פאַררופן אויף זייערע פאַרדינסטן פאַר פרייסן אין דער צייט פון אויפשטאַנד.[17] צי זיינען זייערע דערציילונגען ריכטיק, קען מען נישט תמיד גלייבן.

איין איינציקער פרייסישער שפּיאָן, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ גאַנץ פאַרצווייגטע טעטיקייט דער עיקר פאַרן אויפשטאַנד, איז געווען וואָלפ־גאַנג היימאַן.[18] די באַשולדיקונג קעגן אים איז געווען זייער אַ־שווערע. בשעת דער זיבניעריקער מלחמה האָט ער ווערבירט 265 רעקרוטן פאַר פרייסן. היימאַן האָט זיך דערין נישט מודה געווען און געטענעט, אַז דערמיט האָט זיך פאַרנומען דער פרייסישער מאַיאָר דאַמבאַך, וועלכער האָט צונויפגעזאַמלט נישט בלויז פרייסישע דעזערטירן, נאָר אויך „פוילישע מענטשן". היימאַנס ראָלע איז באַשטאַנען בלויז אין צושטעלן פאַר 500 אַזעלכע רעקרוטן מונדירן און „לעדערוואַרג". בשעת דעם פּיריאָריקן סיים — האָט ווייטער געשריבן דער אָנקלאָגע־אַקט — איז היימאַן געשטאַנען אין אַ שטענדיקער בריוולעכער פאַרבינדונג מיטן פרייסישן מיניסטער האָים און אינפאָרמירט אים וועגן פּאָליטישע ענינים, „וואָס זיינען שעדלעך פאַרן פוי־לישן לאַנד". היימאַן האָט דערויף געענטפערט, אַז אויף דער ווענדונג פון

דאָסטער, וואָס איז געווען באַפּרײַנדעט מיטן מיניסטער האָים, האָט ער אָנגע־האַלטן גוטע באַציִונגען מיטן מיניסטער, אָבער ער האָט אים מודיע געווען בלויז וועגן „אינטערעסאַנטע סיים־ענינים, און דאָס נאָר אַזעלכע, וועלכע מען האָט שפּעטער געקענט לייענען אין דער פּרעסע". ער האָט נישט גע־טראַכט, „אַז דאָס קען שאַדן ברענגען דעם לאַנד". דערמיט איז נאָך נישט נעענדיקט דאָס צעטל חטאים פֿון היימאַנען: „ער האָט געזאַמלט אינפֿאָר־מאַציעס וועגן די שטימונגען פֿון די פּאָליאַקן און באַשריבן זייערע גע־דאַנקען און שטרעבונגען — לייענען מיר ווײַטער אין באַשולדיקונגס־אַקט. — ער האָט איבערגעגעבן די אופֿנים, ווי אַזוי די פּרײַסן וואָלטן געקענט אײַנ־נעמען וואַרשע". היימאַן האָט זיך אין דעם צעטל חטאים נישט מודה געווען. אמת איז, אַז ער איז טאַקע געשטאַנען מיטן רוסישן אַמבאַסאַדאָר אין באַ־ציִונגען, אָבער זיי האָבן געטראָגן אַ פּריוואַטן כאַראַקטער, דאָס זעלביקע איז שייך דעם פּרײַסישן אַמבאַסאַדאָר בוכהאָלץ.

אויף דער פֿראַגע, צי האָט ער בעת דעם אַפּריל־אויפֿשטאַנד אין וואַרשע נישט געהאָלפֿן זיך אויסבאַהאַלטן רוסן און השודיקע פּאָליאַקן, האָט דער באַשולדיקטער געענטפֿערט, אַז פֿאַרקערט צוזאַמען מיטן שנײַדער ניסן און אַנדערע שכנים האָט ער רעווידירט דאָס הויז, צי האָבן זיך דאָרט צו־פֿעליק נישט באַהאַלטן קיין רוסן.

דאָס געריכט האָט אָבער נישט געגלייבט די אַלע תּירוצים פֿון היי־מאַנען און האָט אויפֿן סמך פֿון אַזעלכע באַווײַזן, ווי דער בריוו צו זײַן זון אברהם. דער בריוו צום פּרײַסישן קיניג אין יאָר 1789, דער בריוו צו ד"ר וואָלבורג אין ברעסלע א"א, פֿאַרמשפּט אים צום טויט דורך הענגען. זײַן פֿאַרמעגן איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן מיט דער באַוואָרעניש, אַז דער פּסק־דין וועט נישט באַפֿלעקן דעם כּבוד פֿון זײַן פֿרוי און קינדער. [20] דעם 24סטן יולי איז דער אורטייל איבער היימאַנען אויסגעפֿירט געוואָרן.

אַ סך ווייניקער ווי פּרײַסישע זײַנען געווען רוסישע שפּיאָנען. די סיבה האָבן מיר שוין פֿריִער דערקלערט. עס זײַנען געווען בלויז איינצל־נע פֿאַרקויפֿטע נשמות, וואָס האָבן שפּיאָנירט לטובֿת רוסלאַנד. די דאָזיקע ברואים האָט די ייִדישע מאַסע שטאַרק פֿײַנט געהאַט. מען האָט זיי, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט איינער פֿון די עדות, באַטראַכט פֿאַר „אַ שאַנד־פֿלעק אויפֿן ייִדישן פֿאָלק". די באַציִונג צו די רוסישע שפּיאָנען מצד דער ייִדישער פֿאָלקסמאַסע כאַראַקטעריזירט צום בעסטן דאָס עדות־זאָגן פֿון אַ געוויסן וואָלף יאַקובאָוויטש פֿון לובלין, וועלכער פֿאַרציילט וועגן אַ רוסישן שפּיאָן לעוועק עליאַש מענדלאָוויטש, אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן נאָך אין די צײַטן פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע (מסתּמא דער טאַרגאָוויצער) און אַז ער האָט געראַבירט צוזאַמען מיט די רוסן: „דאָס איז זייער אַ שלעכטער ייִד ער איז שוין לאַנג ווערט די תּליה". [22] — אויך אַנדערע עדות דריקן זיך אויס וועגן לעוועקן ווי וועגן „אַ געמיינעם ייִנג", „אַ געפֿערלעכן מענטש־

אַז אַזאַ שטימונג האָט געהערשט לגבי די רוסישע שפּיאָנען, קענען מיר דרינגען אויך פֿון אַנדערע פֿאַקטן. אָט למשל איז איינער וואָלף אײַזיקאָוויטש פֿון טערעספּאָל טאַקע געווען דער קיך־באַזאָרגער פֿון רוסישן גענעראַל כרושטשעוו, אָבער „אויב עמעץ וועט אים באַווײַזן, אַז ער איז אַ שפּיאָן, אָדער אַז ער האָט גענומען געלט — זאָל מען אים תּיכּף הענגען" [23]. נאָך אַ גרעסערע אַמביציע האָט אַרויסגעוויזן וואָלף אַראָנאָוויטש. [24] אַ שיכּור האָט אים בעת די אַפּריל־טעג אָנגערופֿן „מאָסקאַל". דאָס האָט אונדזער וואָלף נישט געקענט פֿאַרטראָגן, האָט ער זיך גוטווייליק געמאָלדן צו דער אויספֿאָרשונגס־מאַכט, כּדי אויפֿצווײַזן זײַן אומשולד. זײַן „האָנאָר" האָט אים אָבער געקאָסט 5 חדשים תּפֿיסה, ווײַל ערשט אין סעפּטעמבער האָט מען זיך אין אים דערמאָנט און אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פֿרײַ. יודקאָ יאַקאָבאָוויטשן האָט אַ צווייטער ייִד אָנגערופֿן שפּיאָן. אויך ער האָט זיך געלאָזט אַרעסטירן, וואָרעם מסתּמא האָט ער פּונקט ווי שמואל סאַלאָמאָנאָוויטש פֿון באָלעסלאַוו געהאַלטן, אַז שפּיאָנאַזש איז אַזאַ חרפּה, אַז „ער וואָלט גיכער געוואָלט שטאַרבן איידער אונטערנעמען זיך צו שפּיאָנירן דאָס פּוילישע מיליטער". [25] די אַלע אויבן דערמאָנטע „שפּיאָנען" זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן פֿון יעטווידער באַשולדיקונג. עס זײַנען אונדז באַקאַנט בלויז צוויי פֿאַלן פֿון הענגען ייִדישע שפּיאָנען אין וואַרשע. איין מאָל האָט מען עטלעכע ייִדן געהאָנגען „אויף די זאַמדן" (na Piaskach) [26], אַ צווייט מאָל דעם 24סטן און 26סטן יולי פֿאַרן בריל־פּאַלאַץ [27] אין וואַרשע (הײַנט דאָס אויסערן־מיניסטעריום). אין געוויסע פֿאַלן לאָזט זיך פֿעסטשטעלן, אַז דער אויסשפּירדינסט פֿון ייִדן איז געווען אויפֿגעצוווּנגען דורכן שונא. איינער אַזאַ פֿאַל האָט פּאַסירט אין בריסק דליטא. די דאָרטיקע קהלה איז געצוווּנגען געוואָרן דורך די רוסן אויפֿצוזאַמלען געוויסע ידיעות און איבערשיקן זיי צום רוסישן גענעראַל סוואָראָוו. [28]

בסך הכּל איז די צאָל ייִדן אין רוסישן און פּרײַסישן אויסשפּירדינסט געווען זייער אַ קליינע. [29] דאָס שטייט אין אַ שטאַרקער דיספּראָפּאָרץ צו דער צאָל ייִדן, וועלכע מען פֿלעגט טאָג אײַן טאָג אויס פֿאַרהאַלטן אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, אויף אַלע וועגן און שטעגן, בײַ אַלע שלאַבאַנען וכדומה. פּראָפֿ׳ טאָקאַרזש [30] שרײַבט וועגן דעם כּלומרשטן ייִדישן שפּיאָנאַזש אָט וואָס: „בכלל איז דער גרעסטער פּראָצענט פּערזאָנען, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן פֿאַר דער אינדאַגאַציע־דעפּוטאַציע (אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע) אונטער דער באַשולדיקונג פֿון מיליטערישן שפּיאָנאַזש, געווען ייִדן. אין דער מערהייט פֿאַלן פֿלעגט עס זיך ענדיקן מיט באַפֿרײַען, טייל־מאָל זײַנען אָבער געווען פֿאַלן פֿון אמתדיקער שולד". עס וואָלט זייער פֿיל פּלאַץ פֿאַרנומען, מיר זאָלן דאָ אויסרעכענען אָדער בלויז אַרומרעדן די הונדערטער פֿאַלן פֿון אומויסטער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש. [31] אין זייער אַ סך פֿאַלן פֿלעגט מען אַרײַנזעצן ייִדן אין תּפֿיסה אַלס באַשולדיקטע אין

שפּיאָנאַזש אויפֿן יסוד פֿון מסירות פֿון פּערזאָנען, וועלכע האָבן אויף אַזאַ וועג געוואָלט אויספּרעסן געלט פֿון ייִדן. איינעם אַזאַ פֿאַל מיט דעם שילצער ייִד סאַנדער (מסתּמא סענדער), דעם „בעל־טובֿה פֿון דער שילצער אָרעמקייט" באַשרײַבט אין זײַנע מעמואַרן [32] דער שרײַבער קאַיעטאַן קאָזשמיאַן, וואָס האָט בשעת דעם אויפֿשטאַנד פֿאַרנומען די פֿונקציע פֿון סעקרעטאַר פֿון דער לובלינער אָרדענונגס־קאָמיסיע.

די אַרעסטירטע פֿלעגט מען באַפֿרײַען, נאָך דעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום גרונט פֿאַר קיין באַשולדיקונג, אָדער נאָך אַן אינטערווענץ, אָדער אַן ערבֿות פֿון אַ געהעריקער פּערזאָן. זייער אָפֿט פֿלעגט מען באַפֿרײַען די אַרעסטירטע לויט אַן ערבֿות פֿון דעם ייִדישן סענדיק אין וואַרשע, [33] אָדער אַ גאַראַנטיע פֿון באַקאַנטע ייִדן, ווי צ״ב דעם רײַכן וואַרשעווער ייִד, דעם אַרענדאַר פֿון שחיטה שמעון ענאָכאָוויטש, [34] דוד קעניגסבערגער, [35] די וואָיטן פֿון די באַזונדערע וואַרשעווער צערקלען. [36] די פּראָווינציעלע אַרעסטאַנטן פֿלעגן באַפֿרײַט ווערן נאָך אַן ערבֿות פֿון די מאַגיסטראַטן, [37] קהלות. [38]

אין הסכּם מיט דער ייִדישער טראַדיציע האָט אין וואַרשע אַ גרופּע ייִדן, גערופֿן אין די אַקטן starsi szpitalni זיך באַשעפֿטיקט מיט הילף פֿאַר די אַרעסטירטע. די דאָזיקע הילפֿסאַרבעט האָט אויסגעפֿירט די חבֿרה קדישא, ווי מען קען דאָס דרינגען פֿון דעם אויבּיקן פּויליש נאָמען. די הילפֿסאַרבעט פֿאַר די אַרעסטירטע האָט אָנגעפֿירט אַ זייער רירעוודיקע פּערזאָן מיטן נאָמען שײַע נאַפּטולאָוויטש.

די הילפֿסטעטיקייט פֿון דער קאָמיסיע איז געווען אַ טאָפּעלע: א) יורידישע, ב) מאַטעריעלע (שפּײַז, מעדיצינישע הילף). די יורידישע הילף איז באַשטאַנען אין שיקן צו דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע בקשות וועגן צואײַלן די אויספֿאָרשונג, וואָרעם עס פֿלעגט דעמאָלט טרעפֿן, אַז הונדערטער מענטשן זײַנען געזעסן אין די תּפֿיסות חדשים לאַנג אָן קיין שום פֿאַרהער. די בקשה־שרײַבערס באַטאָנען אין זייערע ווענדונגען, אַז דאָס טוען זיי „אויס ליבע צו מענטשן", מחמת די אַרעסטירטע האָבן נישט קיין קרובֿים אין וואַרשע, [39] אין תּוך־ענין: צי דער אַרעסטירטער איז שולדיק צו אומשולדיק, גייען זיי נישט אַרײַן. אין געוויסע פֿאַלן פֿלעגט די אינטערווענץ פֿון דער הילפֿס־קאָמיסיע [40] ברענגען גוטע רעזולטאַטן. [41] דאָס צושטעלן שפּײַז און מלבושים פֿאַר די אַרעסטירטע האָט אָבער אָנגעטראָפֿן אויף שוועריקייטן, מחמת מען פֿלעגט אַמאָל די קאָמיסיע־מיטגלידער נישט דערלויבן אויפֿצורעדן זיך מיט די אַרעסטירטע. [42] די באַציִונג פֿון דער מאַכט, בפֿרט פֿון דעם שטאָט־פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי, איז נישט תּמיד געווען אַ קאָרעקטע. ווען די הילפֿס־קאָמיסיע האָט זיך אײַן באַוווּסטזײַן, אַז זי איז מקיים אַ מצווה, געווענדט צום פּרעזידענט פֿון וואַרשע וועגן באַשטימען 20 קערץ קאָרן און 10 קערץ ווייץ פֿאַר די ייִדישע אַרעסטאַנטן און קראַנ־

קע אין ייִדישן שפּיטאָל, האָט זיי דער פּרעזידענט געענטפֿערט בזה הלשון: „עס קען גיכער קומען אַ באַפֿעל די ייִדן (Żydy) זאָלן צושטעלן 20.000 קערץ קאָרן, 10.000 קערץ ווייץ, איידער איך זאָל נאָך דאַרפֿן באַזאָרגן מיט שפּײַז ליידיק־גייערס". [43] מען מוז מודה זײַן, אַז צווישן דער שפּראַך פֿון קאָשטשושקאָ וועגן דעם, אַז „דאָס פֿאָטערלאַנד איז אַ מאַמע פֿאַר אַלע־מען", און דעם לשון פֿון זאַקרזשעווסקי איז געווען אַ ווײַטער מהלך, כרחוק מזרח ממערבֿ...

די הילפֿס־קאָמיסיע האָט אויך אַנטוויקלט אַ געוויסע מעדיצינישע טעטיקייט. קראַנקע אַרעסטאַנטן פֿלעגט מען מיטן הסכּם פֿון דער מאַכט אַריבערפֿירן צו דעם נאָך זייער פּרימיטיוון ייִדישן שפּיטאָל אין וואַרשע. [44]

הערות:

1 Ostrowski: Pomysły o potrzebie reformy towarzyskiej, p. 82

2 L. Hollaenderski: Les Israélites de Pologne, Paris 1846, p, 94

3 Pamiętniki F. Lichockiego, prezydenta m. Krakowa z r. 1794. Poznań 1862.

4 Korzon Wewn. dzieje I, 232 דאס זעלביקע האט עדות געזאגט א געווי־סער לייבאוויטש. בשעת דער אויספארשונג האט מען אים געזאגט, אז „די מיליטערישע קאמאנדעס האבן א באפעל שטארק אכטונג צו געבן אויף די יידן, וואס פארן אדורך מיט פוטער און האפן קיין ווארשע" (Oddział 52, nr 13 Arch. Skarbowe w War-szawie. Metr. Lit. VII, 194, p. 385, 8/X

5 Tokarz, Warszawa etc., p. 194

6 Gazeta rządowa Nr 98 2/X

6a וועגן שמואל זביטקאווערס סעטיקייט האב איך ברייטער געשריבן אין צווייטן טייל פון מיין בוך וועגן די ווארשעווער יידן (כתב־יד). דא איז כדאי צו דערמאנען, אז אין די יארן 1790 בעת קאשטשושקא האט געדינט אין פוילישן מיליטער איז ער געשטא־נען אין געשעפטלעכע באציונגען מיט שמואלן אלס ליוועראנט פון דער פוילישער ארמיי. (Bronisław Pawłowski, Służba wojskowa Tadeusza Kościuszki w latach 1790—1, Lwów 1932)

7 Akty powst. Kośc. I, 272

8 שמואלס גארבעריי איז לויט א פאראָרדענונג פון העכסטן נאציאנאלן ראט געלאזן געווארן אין באוועגונג פאר די צוועקן פון מיליטער. דער ראט האט באשטימט א סכום פון 910 גל 23 גראשן אויף אויסצובויען א נייעם פליגל פון שמואלס גארבעריי. די גארבעריי האט באשעפטיקט 15 ארבעטער. שמואלס מיל איז איבערגעגעבן געווארן אויף ליציטאציע אונטערן באדינג פון אומזיסט מאלן פארן לאזארעט. די קרעטשמע מיט דער גוראלניע, דער שפייכלער און אנדערע בנינים שמואלס אויסער פראגע זיינען פארנומען געווארן דורכן מיליטער, א טייל האט מען באשטימט אויף ליציטאציע. שמואלס פול־ווארעק איז איבערגענומען געווארן; דורך דער ארדענונגס־קאמיסיע פון ווארשעווער פירשטנ־טום. מען האט אויך זייער פלייסיק געזוכט שמואלס באוועגלעך פארמעגן. אין דעם פריי־סישן קאנטאר האט מען געלייגט אן ארעסט אויף 1384 גל וואס זיינען געווען שמואלס אייגנטום. אויף אן אנדער ארט האט מען פארנומען שמואלס 757 גל. שמואלס דינסטן האבן אפילו פארשפרייט א קלאנג וועגן 5.000 רויטע גילדן, וועלכע ער האט ערגעץ געזאלט באהאלטן. דער קלאנג האט זיך אבער ארויסגעוויזן פאר פאלש. די לעבנס־מיטלען און פוראזש, וועלכע זיינען געווען אנגעזאמלט אין שמואלס מאגאזינען אויף פראגע־האט מען אריבערגעפירט קיין ווארשע.

Arch. Kr. Pol. 241, p. 59, 69, 88 253, 256, 348, 405; Arch. Kr. Pol. 284; Arch. Kr. Pol. 285, p. 70, 272; Arch. Kr. Pol. 288, p. 106, 268, 274;

Arch. Kr. Pol. 305; Kom. Wojsk. III/31, p. 2, 35, 181; Kom. Wojsk. III/32, p. 154, 328; Kom. Wojsk. III/40, p. 143; Ekonomiczne St. Warszawy 120 ; Gazeta Wolna Warszawska nr. 2, 29/IV, nr. 4: Jurydyki praskie nr 173a Akty powst. Kośc. I, p. 57. 79)

9 Metr. lit. VII, 192, p. 181; Metr. lit. VII, 187, p. 179

10 Metr. lit. VII, 188, p. 164

11 Dział staropolski, oddz. 52, nr 2 (Arch. Skarbowe w Warszawie)

12 Arch. Kr. Pol. 356, p. 330; Arch. Kr. Pol. 323, p. 197. דער באַריכט פֿון לוויוויטש פֿון V/16 פֿאַרציילט, אַז „די פּרײַסישע ליוועראַנטן האָבן צוזאַמען מיט שמואלן געליווערט לעבנס מיטלען פֿאַר רוסלאַנד פֿאַר מזומנים". דער אַרענדאַר אבֿרהם מאַשקאָוויטש האָט מודיע געווען דער מאַכט, אַז בײַ אים זײַנען געווען 2 אומבאַקאַנטע פּערזאָנען און אים געפֿרעגט, „צי עס איז נישט אַדורכגעפֿאָרן שמואלס זון אַבעל צוזאַמען מיטן פֿאָטער, וואָס האַלטן זיך אויף אין מאָסקווער לאַגער". אַ צווייטער עדות לעווקע באַרוכאָוויטש האָט דערקלערט, אַז ער האָט געהערט פֿון זײַנעם אַ פֿעטער, אַ פּרײַסישן ליוועראַנט, אַז די שמואלעכע געפֿינט זיך צוזאַמען מיטן מאַן לעבן דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר איגעלשטרעם. זי זאָל זיך אויך האָבן אויסגעדריקט, אַז זי וועט אַזוי לאַנג נישט קומען קיין וואַרשע, ביז וואַנען עס וועלן נישט אָנקומען הונדערט טויזנט מאָסקאַלעס"
(Arch. Kr. Pol. 254, p. 33)

די אויספֿאָרשונגס-קאָמיסיע האָט אייניקע השודיקע פּערזאָנען געשטעלט בשעת דער אויספֿאָרשונג די פֿראַגע: „ביסטו געווען באַקאַנט מיט שמואלן, דעם וואַרשעווער ליוועראַנט"? אַזאַ פֿראַגע האָט מען אויך געשטעלט יאַנקל איזראַעלאַוויטשן, וועלכער האָט דערויף געענטפֿערט, אַז בשעתו האָט ער געשריבן אַ גט פֿאַר שמואלן (Metr. lit. VII, 185, 12/IX) אַ צווייטער מיטן נאָמען אהרון מאַטיסיעוויטש האָט זיך אין זײַן עדות-דערקלערונג מודה געווען, אַז שמואל האָט אים באַצאָלט אויף 10 רויטע גילדן (Metr. lit. VII, 185, p. 110)

13 דער איין און איינציקער מענטש, וואָס באַשולדיקט שמואלן אין שפּיאָנאַזש, איז דער באַקאַנטער פּרײַסישער שפּיאָן, דער ייִד וואָלפֿגאַנג הײמאַן. „איך האָב געהערט — האָט דערקלערט היימאַן — אַז שמואל האַלט אויס אַזעלכע שפּיאָנען אויף פּראַגע, אָבער איך קען זיי נישט". איך האָב וויניק צוטרוי צו היימאַנס עדות-זאָגן, מחמת צווישן היימאַנען און זביטקעווער האָבן געהערשט אָנגעשטרענגטע באַציונגען. היימאַנס פֿרוי עלעאָנאָרע איז געווען שמואלס ערשטע ווײַב, מיט וועלכער שמואל האָט זיך געגט און שפּעטער האָט זיך לאַנגע יאָרן געפֿירט אַ פּראָצעס צווישן עלעאָנאָרען און שמואלן. היימאַן איז אויך בשעתו געשטאַנען אין געשעפֿטלעכע באַציונגען מיט שמואלן, וועלכע זײַנען שפּעטער איבערגעריסן געוואָרן. אַזוי ווי היימאַן איז געווען פֿײַנטלעך געשטימט צו שמואלן און ער באַשולדיקט סתם אין דער וועלט אַרײַן, נישט אָנגעבנדיק קיין נעמען און פֿאַקטן, מוזן מיר האַלטן זײַן גאַנצע באַשולדיקונג פֿאַר אומבאַגרינדעט.

14 Metr. lit. VII, 193, p. 411; Arch. Kr. Pol. 167, 30/VIII. למען האמת. ברענג איך ווײַטער אַ באַריכט פֿון אַ געוויסן קראַסאָווסקי וועגן די שאַרפֿע חילוקי-דעות

צווישן די פּויזנער ייִדן וועגן זייער באַציונג צום אויפֿשטאַנד. „אונדזער קאָמענדאַנט איז זײַנט צוריקגעקומען פֿון אַ באַראַטונג — שרײַבט קראַסאָווסקי — און געבראַכט אַ ידיעה, אַז אין פּויזן איז שוין פֿאַראַן דער גענעראַל מאַדאַלינסקי. צווישן די דאָרטיקע פּוילישע און דײַטשע ייִדן איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך (insurekcja), מען זאָגט, אַז די פּרײַסישע רעגירונג האָט באַוויגן די דײַטשע ייִדן, זיי זאָלן נאָכן אויסהרגענען די פּוילישע ייִדן זיך וואַרפֿן אויף דער שטאָט. די פּוילישע (ייִדן) האָבן זיי אָבער אויסגעכאַפּט און אויסגעהרגעט די דײַטשע". דער דאָזיקער באַריכט געפֿינט נישט קיין באַשטעטיקונג אין אַנדערע מקורים, הגם עס פֿעלן נישט קיין מאָנאָגראַפֿיעס פֿון פֿאַרשיידענע גרויספּוילישע שטעט, בפֿרט פֿון פּויזן. די אַ ביסל אומגלויבלעכע ידיעה זאָל אפֿשר זײַן אַן אויסדרוק פֿון געוויסע סימפּאַטיעס מצד אַ טייל שטאַרק אַסימילירטע פּויזנער ייִדן פֿאַר פּרײַסן? (Ar h. Kr. Pol. 323, p. 7-9, 2/X).

15 אַזוי צ"ב איז זיך מודה אַ געוויסער לעווקע באַרוכאָוויטש, אַז נאָכן פֿאַרנעמען סאָכאַטשעוו האָט אַ פּרײַסישער גענעראַל באַפֿוילן די ייִדישע קרעמערס, זיי זאָלן גלײַך ווי עס ווערט זיך באַווײַזן פּויליש מיליטער, געבן וועגן דעם צו וויסן קיין סאָכאַטשעוו. אַזוי ווי די ייִדן האָבן זיך דעם אַנטקעגנגעשטעלט, האָט ער געסטראַשעט מיט אונטערצינדן די שטאָט (Arch. Kr. Pol. 254, p. 33). די אָסטראָווער ייִדן האָבן זיך דערמיט אויך געגעבן אַן עצה. ווען די פּרײַסן האָבן זיי געהייסן צושטעלן שפּיאָנען, האָבן זיי דורך שוחד פֿון 6 רויטע גילדן זיך באַפֿרײַט פֿון דעם אומאַנגענעמען חוב (Metr. lit. VII, 185, p. 204, 16/IX).

1 אַזוי צ"ב איז צעשלאָגן געוואָרן און באַליידיקט דורך די פּרײַסישע פּיקעטן דער פּאָוואָנזקער ייִד מיכאל מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט געפֿירט תּבֿואה קיין וואַרשע און איז געגנבֿעט דורך די פּרײַסישע פּאָזיציעס. מען האָט אים באַפֿרײַט, ווײַל עס האָבן געפֿעלט באַווײַזן פֿון זײַן שולד (Metr. lit. VII, 180, p. 85), שלמה איצקאָוויטשן האָט מען אַרײַנגעזעצט דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט די פּרײַסן סחורה (Metr. lit. VII, 185, 186). אין דער זעלביקער זאַך האָט מען באַשולדיקט אַ געוויסן משה סאַמסאָנאָוויטש, פֿון בענדין (Metr. lit. 185, p. 135). גדליהו שימאָנאָוויטש איז אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין אַרעסט, ווײַל מען האָט בײַ אים געפֿונען אַ פּרײַסישן פּאַס (Metr. lit. 185, p. 218). זכריה וואָלפֿאָוויטש פֿון ראַשין האָט געוועקט אַ געוויסן חשד, דערפֿאַר וואָס ער האָט זײַנע זאַכן אַרויסגעשיקט אין פּרײַסישן געביט (Metr. lit. VII, 177).

17 די „פֿאַרדינסטן" פֿון די פּרײַסישע שפּיאָנען זײַנען געווען אַזעלכע: מאַרעק יאָאַכימאָוויטש האָט געלאָזט וויסן דעם דײַטשן מיליטער-פֿירער פֿאַן געדלאַכן וועגן די שריט פֿון דעם אויפֿשטאַנדס-פֿירער ראַקימניצקי (Popruskie oddz. V, nr. 184 Arch. Główne); ניסן זוסמאַן, אַ וואַרשעווער קירזשנער, האָט „אויס געטרײַשאַפֿט און ליבשאַפֿט צום קיניג (פּרײַסישן)" אויף עפּעס אַ וווּנדערלעכן אופֿן אָפּגעראַטעוועט די פּרײַסישע אַרמיי ערבֿ דעם אײַננעמען וואַרשע. אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט זיך צו ווײַזן אין וואַרשע, בעט ער, מען זאָל אים דערלויבן צו וווינען איז לוויוויטש, ווו ייִדן האָבן נישט געטאָרט וווינען ביז וואַנען די שטאָט איז נישט אַריבער אין פּרײַסישע הענט (Popruskie, 738). און איצעק שמואל קעמפּנער ווידער באַרימט זיך (S. P. 29/IX 1798 Arch. Główne).

אַז ער האָט אָפּגעראַטעוועט אַ פּרײַסישע אָפּטײלונג, אַמוניציע און האַרמאַטן הינטער דעם שטעטל ווידעוואַ דורך דעם וואָס ער האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז די אינסורגענטן גרייטן זיך צו מאַכן אויף אים אַן אָנפֿאַל. פֿאַר דער „טובֿה" בעט ער, מען זאָל אים געבן אויפֿ-האַלטרעכט אין פּעטריקאָוו (Popruskie S. P. 766, 5.— 10|IV 1795). אויך אין פּראַ-סניש האָט די פּרײַסן מיטגעהאָלפֿן אַ ייִדישער שפּיאָן. וועגן אים זײַנען פֿאַראַן ידיעות אין Beitraege zur Geschichte der polnischen Feldzüge von 1794-6, Berlin 1799, p. 87.

18 פֿון דער גאַנץ גענויער אויספֿאָרשונג קען מען זיך שאַפֿן אַ בילד וועגן הײמאַנס לעבנסגאַנג. די יונגע יאָרן האָט ער פֿאַרבראַכט אין ברעסלע און בערלין (Metry-ka lit. VII, p. 140) די אויספֿאָרשונג פֿון 9טן יולי 1794 ווי ער איז אַ געוויסע צײַט דערצויגן געוואָרן דורך משה מענדעלסאָן, שפּעטער האָט ער שטודירט אַ יאָר צײַט מעדיצין אין אוניווערסיטעט אין פֿראַנקפֿורט בײַ דער אָדער. נאָכן פֿאַרענדיקן אָדער ריכטיקער געזאָגט נאָכן נישט-פֿאַרענדיקן זײַנע שטודיעס האָט ער געאַרבעט אין דעם באַנקקאָנטאָר פֿון זײַן פֿאָטער אַ יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט און צוזאַמען מיטן פֿאָטער געגרינדעט אַ סיצן-פֿאַבריק. בײַ דער פֿאַבריק האָט ער אָנגעוווירן זײַן ווײַבס נדן פֿון 10.000 טאַלער און איז אָפּגעפֿאָרן קײַן פּוילן. דאָרט האָט זיך הײמאַן פֿאַרנומען מיט אײַנקויפֿן אין וועליטש-קע זאַלץ פֿאַר שמואל זביטקעווער. יענער פֿלעגט דערמיט זאָלן די פּריצים דעם באַטרעף פֿאַר פּראָוויאַנט פֿאַרן מיליטער. אַ דאַנק רעקאָמענדאַציע-בריוו פֿון דעם באַקאַנטן פּרײַ-סישן מיניסטער האָים צום וואַרשעווער אַמבאַסאַדאָר פֿון פּרײַסן בוכהאָלץ האָט הײמאַן באַקומען די ליווערונגען פֿאַרן עסטרײַכישן מיליטער, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין פּוילן נאָך דער ערשטער צעטיילונג (1772). די עסטרײַכישע ליווערונגען האָבן אים געעפֿנט אַ וועג צו די ליווערונגען פֿאַר דער רוסישער אַרמיי אין פּוילן, וואָס בראָש פֿון איר איז געשטאַ-נען דער גענעראַל דע ראַמאַנוס. איבער אַ סכסוך מיט דעם דערמאָנטן רוסישן גענעראַל איז הײמאַן אײַנגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט 7 חדשים. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פֿון פּרײַסישן אַמבאַסאַדאָר און דעם פֿירשט סולקאָווסקי איז הײמאַן באַפֿרײַט געוואָרן. בינתּים האָט הײמאַן חתונה געהאַט מיט שמואל זביטקעווערס געגמטער פֿרוי, גערופֿן עלעאָנאָרע (לייבטן אָדער לאה). אין די 80-ער יאָרן אַרבעט הײמאַן אויפֿן באַנקירערישן געביט; ער פֿאַרפּלאָנטערט זיך ווידער אין אַ מיאוסער מעשׂה פֿון פֿעלשן וועקסלען פֿון דעם מעלניקער סטאַראָסטע בומלער. הײַנאָן ווערט פֿאַרמשפּט צו תּפֿיסה, ער אַנטלויפֿט פֿון לאַנד קײַן ברעסלע און פֿון דאָרט שיקט ער צום געריכט זייער אַ באַ-ליידיקנדן בריוו אין פֿראַנצייזיש. אין דעם בריוו סטראַשעט ער די ריכטער, אַז זיי וועלן אים מוזן דעקן די שאָדנס: „איך וווילגעבוירענע הערן מיינט, אַז שטראָפֿלאָז קענט איר טון מיט אַ ייִדן וואָס איר ווילט. געדענקט אָבער, אַז מײַן דורכלויכטיקער האַר, דער פּרײַסישער קיניג האָט מיך נאָמינירט פֿאַר אַ האַנדלס-אַגענט". די פֿעלשונגס-אַפֿערע און דער באַליי-דיקנדיקער בריוו האָבן הײמאַנען געצוווּנגען אויפֿצוהאַלטן זיך 5 יאָר אין אויסלאַנד. ערשט אין יאָר 1788 איז ער צוריקגעקומען קײַן פּוילן, זײַנע געשעפֿטן פֿאַרבעסערן זיך אָבער נישט, און צום סוף באַנקראָטירט ער (Memoriały do Komisji Skarbu Kor. nr. 26, p. 109, r. 1783 — Arch. Skarbowe. Oblaty grodu. warsz. nr. 13, 1782.

Memoriały do Komisji Skarb. Kor. nr. 35 p. 146, r. 1788; Gazeta warszawska nr. 87, 31|IX 1789; Gazeta warsz. nr. 8, 27|5 1790; Korespondent krajowy i zagraniczny nr. 30, 23|VI 1793)

19 Bulletin nationale hebdomadaire № 8, 1794; Gazeta Wolna Warszaw. № 28, 29|VI דער אורטייל אויפֿן ייד וואָלפֿגאַנג.

20 Staropolskie nr. 1, 13 IX.

21 Arch. Kr. Pol. 274, p. 22.

22 Metr. lit. VII, 176, p. 38, 12.VI.

23 Arch. Kr. Pol. 256, p. 188.

24 Gazeta Rządowa nr. 63, 5.IX.

25 Metr. lit. VII, 180.

26 Historia powstania Kościuszki 1794 r. Poznań, Księgarnia Katolicka 1894.

27 Dzieła historyczne ks. Kitowicza, V, p. 246.

28 Korzon, Wewn. dzieje VI, p. 250.

29 Mościcki: Pod znakiem Orła i Pogoni Warszawa 1915.
מאָשציצקי גיט איבער אַ ידיעה וועגן אַ ווילנער ייד גאַרדאַן, וועלכער האָט דער ערשטער פֿאַרציילט די רוסן וועגן דעם, אַז עס גרייט זיך אַן אויפשטאַנד, ווי אויך וועגן אייניקע ווילנער יידן, וועלכע האָבן צו וויסן געגעבן דעם גענעראַל ציציאַנאָוו קיין גראַדנע וועגן דעם ווילנער אויפשטאַנד. דער באַריכט פֿון קאָמיסאַר לאַגא גיט אויך איבער וועגן 2 יידן שפּיאָנען (פּישל און פינקוס), וועלכע זיינען הינטער די אויגן פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט (Arch. Kr. Pol. 279, p. 208, 21.IX 1794) און וועגן פּישלס דריטן ברודער, אַ שפּיאָן, וואָס איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צו תּפיסה און 500 שמיץ. אויך דער גענעראַל ענגעלהאַרדט דערמאָנט אין זיינע מעמואַרן (פּויזן 1873, ז' 113) וועגן יידישע „אינפֿאָרמאַטאָרן" אין סלאָנים. צי זיינען דאָס געווען פֿריוויליקע אָדער אויפֿגעצוווּנגענע, דאָס ווייסן מיר נישט.

30 Tokarz, Warszawa etc., p. 195 (uwaga 1).

31 דאָ וועלן מיר אויסרעכענען בלויז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פֿאַקטן. אַזוי צ"ב האָט מען חושד געווען די יידן אהרן אַבראַמאָוויטש און מאָשעק הערשקאָוויטש אין שפּיאָנאַזש בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן זיך געפֿרעגט דעם נאָמען פֿון די ראַגאַטקעס (Metr. lit. VII, 192, p. 38). אויף שאַיע יאַסקאָוויטשן האָט מען געוואָרפֿן אַ חשד, ווייל ער האָט זיך צוגעקוקט ווי מען האָט פֿאַרזיגלט די זאַכן פֿון מאָשעק שמולאָוויטש (Gazeta rządowa 12.XI nr. 116) אַכט יידן געקומענע פֿון גאַליציע מיט שפּייז האָט מען איינגעזעצט איבער אַ ווייס פֿערד. אַ ביטער מזל האָט געהאַט מרדכי מאַיעראָוויטש פֿון לאָמאַז. קיין פּוילן איז ער געקומען צופֿוס פֿון לאָנדאָן, ווּו ער האָט אַ רייכן ברודער, אַ סוחר. ווען ער איז אַ פֿאַרמאַטערטער נאָך אַזאַ שווערער נסיעה געקומען קיין וואַרשע, האָט מען אים פֿאַרהאַלטן ביי די וואָליער ראַגאַטקעס אונטער דעם חשד פֿון שפּיאָנאַזש. דערמאָלט האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן די ווייטערדיקע ביטערע ווערטער: „וואָלט איך

„ספוווסט, אַז איצט איז אַזאַ לאַגע אין פּוילן, וואָלט איך אַהער נישט געקומען“ (Metr. lit. VII, 1786, p. 46). אַן אַנדערער ייִד מיטן נאָמען יאַקובאָווינש, וואָס איז אין גאַנצן באַרויבט געוואָרן דורך די רוסן, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, ער איז דאָרט געכאַפּט געוואָרן דורך די פּוילישע קאָמאַנדעס אַלס אַ חשודיקער (Metr. lit. VII, 185). זעלמאַן שלאָמאָוויטש אין געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף און געזוכט אַרבעט (זײַן פאַך איז געווען בראָנפן-ברענערײַ). מען האָט אים אויפן וועג געכאַפּט און ערשט נאָך 8 וואָכן באַפרײַט פון תּפיסה (Metr, lit. ,VII ,993). אַזעלכע צרות האָבן זיך אָנגעליטן הונדערטער ייִדן אָן שום גרונד.

32 אַ געוויסער פּרזשיבילסקי — שרײַבט קאָזשמיאַן — האָט געמסרט אַלס שפּיאָן און פאַררעטער דעם אָנגעזעענסטן און רײַכסטן סוחר, אַ שילצער ייִד מיטן נאָמען סאַנדער. איך האָב פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר, ווען מען האָט דעם אומגליקלעכן אַרעסטאַנט אויף אַ פּשוטן פויערישן וואָגן געבראַכט צו פירן צום ראַטהויז אונטער דער וואַך פון שילצער שטאָטלײַט. איך האָב געדאַרפט מאַכן די ערשטע אויספאָרשונג פון אים, פאַרהאַלטן אים אין תּפיסה און אָפּגעבן אַ באַריכט. דער מסור, וואָס האָט דעם ייִד געמסרט, האָט הויך אויפן קול פאַרציילט וועגן דעם ייִדנס פאַרברעכנס. עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. דער ייִדישער אַרעסטאַנט, הויך געוויקסיק, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אין עלטער פון אַן ערך 40 יאָר, געקליידט אין אַטלאַס, מיט פיס געפּענטעטע דורך קייטן, האָט נישט געקענט אַראָפּגיין פון וואָגן. איך האָב אים געהייסן אַראָפּנעמען די קייטן און אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אַ באַגריף וועגן דער גערעכטיקייט און אירע פאָרמען, האָב איך געמאַכט פאַרוואָרפן דעם מסורניק, פאַרוואָס ער האָט אים אייגנוויליק אָן קיין שום באַווײַז פאַרקאָוועט אין קייטן. ווען די שילצער שטאָטלײַט, די וואַך-לײַט, האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אָנגערופן: „האַר לעבן, מיר שווערן, אַז דער סוחר איז אומשולדיק, ער איז דער בעל-טובֿה פון אונדזער אַרעמשאַפט“. נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט דער ייִד זיך דערפילט אַ ביסל דרייסטער און אַראָפּקריכנדיק פון וואָגן האָט ער זיך פאַרבוקט ביז צו די פיס און קושנדיק מײַנע הענט האָט ער מיר אַרײַנגערוקט אין האַנט אַרײַן אַ בריוו פון דעם ריכטער קאָכאַנאָווסקי, דעפּוטאַט פון צווימערער וואָיעוואָדשאַפט אינעם סיים פון יאָר 1788, וועלכן איך האָב פּערזענלעך נישט געקענט, וועלכער איז אָבער געווען באַקאַנט מיט מײַן פאָטער. אין דעם בריוו איז געשטאַנען געשריבן: „איך קען אײַך נישט גנעדיקער האַר, און איר קענט מיך אויך נישט, אָבער איך קען אײַער פאָטער און אויך ער קען מיך. איך גאַראַנטיר אײַך מיט מײַן לעבן פאַר דעם ייִדן, וואָס איז מיט גוואַלד אַוועקגעשלעפּט געוואָרן. ער איז אין גאַנצן אומשולדיק. דו הייבסט אָן דײַן באַרוף אין זייער געפערלעכע צײַטן. זאָל בײַם אָנהייב פון דײַן אַרבעט שטיין גערעכטיקייט און יושר. גאָט וועט דיך דערפאַר בענטשן און דו וועסט האָבן אַ ריין געוויסן, דער מסור איז אַ שלעכטער און געמיינער נפש. דער אומגליקלעכער (ייִד) האָט זיך בײַ אים נישט געוואָלט אויסקויפן“.

איך האָב באַרויקט — שרײַבט ווײַטער קאָזשמיאַן — דעם אומגליקלעכן ייִדן און נאָכן אָדורכלייענען פאַר אַלעמען דעם בריוו פון קאָכאַנאָווסקי האָב איך ווײַטער געפירט די אויספאָרשונג. די אומשולד פון דעם ייִדן איז געווען אַ קלאָרע, די שטאָטלײַט האָבן זי-

אונטערגעהאַלטן. דער ייִד איז באַפרייט געוואָרן. הגם איך האָב אים זינט דעמאָלט נישט געזען, האָב איך זיך ביי אַ געוויסער פּאָסירונג איבערצייגט וועגן זיין איידלקייט. ווען עס איז ביי מיר אויסגעבראָכן אַ שׂרפה, האָט ער זיך מיר אָנגעוואָרפן מיט זיין הילף. איך האָב אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב זיך אין איר נישט געניייטיקט. דער ייִד האָט פאַרן פּריץ פון שילעץ, דעם פינאַנץ-מיניסטער מאַטושעוויטש, געזאָגט, און יענער האָט עס מיר איבער-דערציילט: „איך פאַרדאַנק דעם ה' קאָזשמיאַן דאָס לעבן און יענער האָט זיך פאַרלייגט מיך צו מאַכן פאַר אַן אומדאַנקבאַרן מענטש“.

33 Arch. Kr. Pol. 241.

34 Arch. Kr. Pol. 256, p. 79; Arch. Kr. Pol. 241, p. 22.

35 Arch. Kr. Pol. 167, p. 3; Metr. lit. VII, 193, p. 411, 27.VIII.

36 Metr. lit. VII, 175, p. 54.

37 Gazeta Rządowa nr. 90, 2.X; Metr. lit. VII, 175, p. 54

38 Metr. lit. VII, 193, p. 17.

39 Metr. lit. VII, 185, p. 277.

40 Metr. lit. VII, 196.

4 אַזוי אַ שטייגער איז גדליהו שמיאַנאָוויטש פאַרגעסן געוואָרן און געזעסן אין דער תּפיסה פון די בערנאַרדינער. מען האָט אים אויסגעפאָרשט ערשט אויפן יסוד פון אַ בקשה, וועלכע עס האָט אָנגעגעבן שאַיע נאַפּטאַלאָוויטש. (Metr. lit. VII, 185, p. 277)

42 Arch. Kr. Pol. 159, p. 13

43 Arch. Kr. Pol. 159, nr 2211,25/X,

44 Arch. Kr. Pol. 256, p. 124

ג) דער מטחר

אין דער צײַט פֿון דעם אויפֿשטאַנד איז דער מכהר געווען אויסגעשטעלט אויף פֿאַרשיידענע סכנות, וואָס האָבן אויף יעדן טריט און טריט געלויערט אויפֿן סוחר. מער פֿון אַלץ האָבן אָבער די סוחרים געליטן איבער די רעקוויזיציעס פֿון די רוסישע און פּוילישע חיילות, וועלכע פֿלעגן צונעמען נישט בלויז זאַכן פֿאַר קריגס צוועקן, ווי בלײַ, פּולווער א״אַ, נאָר אויך לעבנס-מיטלען א״אַ. טייל מאָל פֿלעגט דער סוחר לײַדן פּראָסט פּשוט פֿון רויבערײַען מצד די פֿאַרשיידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען. אָט למשל קלאָגט זיך דער סוחר ניסן אברהם פֿון דוביעצקאָ,[1] וועלכער האָט אויף שיפֿלעך געפֿירט לײַוונט, דרילעך און ניס, אַז עס האָבן אים באַרויבט פּוילישע און רוסישע מיליטער-אָפּטיילונגען. אויך די סוחרים מאיר חאַטערמאַן, יודקא יאַקובאָוויטש און מרדכי יאָזעפֿאָוויטש[2] האָבן זיך באַקלאָגט, אַז דער פּאָלקאָווניק פֿון דער לאַנדמיליץ באָסקי האָט זיי באַרויבט אויפֿן וועג. דער ענין האָט אָנגעשפּאַרט אין דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט, וועלכער האָט איבערגעשיקט דעם ענין צום העכסטן מיליטערישן פֿירער, „ער זאָל אַרויסגעבן אַ גערעכטן און אַ גיכן פּסק לטובֿת די ייִדן".

די וואָס דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט און זיי האָבן אויסגעמיטן רעקוויזיציעס אָדער רויבערײַען מצד דעם מיליטער, האָבן זיך געמוזט אָפּטאויסקויפֿן בײַ דעם אַדורכמאַרשירנדיקן חייל.[3] די וועגן זײַנען דעמאָלט געווען זייער נישט זיכער פֿאַרשיידענע עלעמענטן פֿלעגן מאַכן אָנפֿאַלן אויף ייִדישע סוחרים.[4] דערמיט האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט אַלע צרות פֿונעם סוחר. ווען ער איז שוין געקומען צו זײַן באַשטימונגס-אָרט, למשל זאָגן אין דער הויפּטשטאָט, האָבן זיך אָנגעהויבן נײַע שוועריקײַטן, נישט איינעם האָט מען אַרײַנגעזעצט אונטער דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש. אַזאַ מזל האָבן געהאַט אַכט גאַליציאַנער ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען מיט לעבנס-מיטלען קיין וואַרשע.[5] דאָס זעלביקע האָט אויך פּאַסירט מיט יאָסל דאַווידאָוויטשן פֿון קאָברין,[6] וועלכער האָט זיך אויפֿן וועג קײַן דאַנציק פֿאַרהאַלטן אין דער הויפּטשטאָט. אויך מיכאַל מאַרקאָוויטש פֿון פּאָוואָנזעק, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע מיט תּבֿואה, איז פֿאַרהאַלטן

פון צעשלאָגן געוואָרן דורך פּויליש̈ע זעלנער. [7] אַ טייל סוחרים פון וער־
ראָווינץ, וואָס זײַנען געקומען אין דער הויפּטשטאָט מיט סחורות, האָט מען
פאַרהאַלטן און זיי נישט געלאָזט אַרויספאָרן אָן דער דערלויבעניש פון
דער מאַכט. [8] אין אַנדערש מאָל ווידער האָט מען סוחרים, וועלכע זײַנען
געקומען קיין וואַרשע צו מאַכן דאָרט אײַנקויפן, פאַרוועדט אַרײַנצופאָרן. [9]
די סחורות, וועלכע מען פלעגט ברענגען קיין וואַרשע, פלעגט מען טייל־
ווײַז רעקווירירן, אַזוי למשל האָט מען בײַ ראָוונער ייִדישע סוחרים, וואָס
זײַנען געקומען מיט אַ גרעסערן טראַנספּאָרט בראָנפן, רעקווירירט אַ פערטל
פאַרן מיליטער. [10] אויף אַרויסצופירן האָלץ, לעבנס־מיטלען און אַנדערע
סחורות קיין דאַנציק, קיניגסבערג און עלבינג איז נייטיק געווען די דער־
לויבעניש פון דער מאַכט. ייִדישע סוחרים, וואָס האָבן זיך געווענדט וועגן
דערלויבן זיי אַרויסצופירן געוויסע סחורות, פלעגט זאַקרזשעווסקי ענטפערן:
אַז ער וועט דאָס דערלויבן, „נאָך דעם ווי מיר וועלן דעם פּרײַסישן קיניג
צעקלאַפּן און צוריקבאַקומען דאַנציק". [11] אין אייניקע פאַלן פלעגט מען אָבער
יאָ דערלויבן אַרויסצופירן געוויסע סחורות קיין דאַנציק. אָבער בתּנאַי, אַז
די סוחרים וועלן גאַראַנטירן דערפאַר, אַז די מאַנשאַפט וועט זיך אומקערן [12]

ייִדישע סוחרים פון גאַליציע, וואָס זײַנען פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן
וועג קיין דאַנציק און האָבן מחמת דעם געהאַט באַדײַטיקע היזקות, פלעגן
זיך אין אייניקע פאַלן ווענדן צום עסטרײַכישן אַמבאַסאַדאָר נאָך הילף,
אין איינעם אַזאַ פאַל פון אַן אינטערווענץ מצד דעם אַמבאַסאַדאָר דע קאַשע [13]
ווע̈גן פאַרהאַלטן שיפן מיט תּבֿואה הינטער וואַרשע האָט די אויפשטענדישע
מאַכט פּראָסט פשוט דערקלערט, אַז דאָס איז געשען מחמת דער זאָרג
פון דער רעגירונג פאַר דער באַשפּײַזונג פון דער הויפּטשטאָט. אויף שווע־
ריקייטן מצד דער אויפשטענדישער מאַכט האָבן אויך אָנגעטראָפן טראַנס־
פּאָרטן, וואָס זײַנען געגאַנגען דורך ע ל ב י נ ג. [14] דאָס זעלביקע איז אויך
שייך געווען צו ליט, וועלכע פלעגט אַרויספירן אירע פּראָדוקטן דורך
קיניגסבערג. [15] אין חודש מײַ האָט נאָך די גראָדנער אָרדענונגס־קאָמיסיע
דערלויבט דעם סוחר ראובֿן יאָסעלעוויטש אַרויסצופירן אַ גרעסערן טראַנס־
פּאָרט מעל, גרויפּן, אַרבעס א"אַ, וואָס איז באַגלייט געוואָרן דורך 36
מענטשן. אין יוני האָט אָבער די זעלביקע קאָמיסיע נישט דערלויבט די
ייִדן פון דעם ליטווישן ישובֿ לייפּון אַרויסצופירן געהילץ קיין קיניגסבערג.

וואָס שייך די האַנדלס־באַציִונגען מיט אויסלאַנד אויפן יבשה־וועג,
ד"ה מיט די דײַטשע שטעט פראַנקפורט, ברעסלע, לײַפּציק א"אַ, האָט מען
אויך געמאַכט געוויסע באַגרענעצונגען און שוועריקייטן. [16]

אַ גרויסע מניעה פאַר די האַנדלס־באַציִונגען אין יענער צײַט איז
געווען די פּראַגע פון פּאַפּירגעלט, וואָס האָט נאָמינעל געהאַט דעם זעלביקן
קורס וואָס מעטאַל געלט. די אוניווערסאַלן פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט
אין דער פּראַגע, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די קירכעס [17]

און שולן, [18] האָבן קנאַפּ וואָס געהאָלפן. די הויפּט-מניעה איז געווען די-וואָס אַ סך סוחרים זײַנען געשטאַנען אין האַנדלס-באַציִונגען מיט אויסלאַנד, און דאָרט האָט מען נישט אָנערקענט דאָס פּאַפּיר געלט. וואָס שייך דעם לאַנד גופא, האָט זיך געשאַפן אַ געוויסער אונטערשייד צווישן דעם באַמינאַלן קורס פון דעם פּאַפּירגעלט און זײַן ווערט אויפן מאַרק. שוין דעם צווייטן טאָג נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם אוניווערסאַל וועגן דעם פּאַפּיר-געלט האָבן די וואַרשעווער יידן דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן זיי באַקלאָגן זיך, אַז „צו 5 גראָשן מוזן זיי באַצאָלן פון בילעטן". [19] צום באַדויערן ווערט נישט אָנגעגעבן פון וואָס פאַר אַ סומע מען האָט אָנגעווירן 5 גראָשן. פון אַנדערע מקורים דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס אַדזשיאָ (agio) איז געווען זייער אַ הויכס און האָט באַטראָפן 12% פאַר זילבערגעלט און 17% פאַר גאָלד. [20] שפּעטער איז דאָס אַדזשיאָ דערגאַנגען ביז 30%. [21]

דאָס פּאַפּירגעלט האָט אַרויסגערופן כסדרדיקע קאָנפליקטן צווישן די סוחרים און די קונים, [22] מחמת די סוחרים האָבן עס נישט געוואָלט אָנ-נעמען. עס פלעגט דערגיין צו אַזעלכע קוריאָזן, אַז שטאָטישע באַאַמטע, וואָס האָבן די ערשטע געדאַרפט אַכטונג געבן דערויף, אַז דאָס געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען פּאַפּירגעלט. [23] אַפילו אַ וואָיט פון איינעם פון די וואַרשעווער צערקלען, אַ געוויסער דלוגאָ-שעווסקי, [24] איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַרן געריכט פאַר צעשלאָגן אַ ייִד, וועלכער האָט אים געצאָלט מיט פּאַפּירגעלט. אַ טייל סוחרים האָבן אַפילו אָנגענומען פּאַפּירגעלט, אָבער זיי האָבן געהעריק געהעכערט דעם פּרײַז פון די סחורות, כדי אַזוי אַרום אויסצוגלײַכן זיך דעם אונטערשייד פון קורס.

נאָכן פאַלן פון אויפשטאַנד האָט דאָס פּאַפּירגעלט אין גאַנצן פאַרלוירן זײַן ווערט. טויזנטער יידן האָבן דעריבער אָנגעווירן זייער גאַנץ פאַרמעגן. די ווענדונג פון די קהילות אין די דורך פּרײַסן אָקופּירטע געביטן (בשעת דער דריטער צעטיילונג אין יאָר 1795), דאָס איז Neu-Ostpreussen, גיט אַ בילד פון דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב דעם פּאַפּירגעלט. „die hiesige Provinz theils während der Revolution selbst, zuletzt ganz vorzüglich durch unmittelbare Plünderungen, theils durch das ausser Cours gesetzte Papier Geld, womit die handelnde Judenschaft gleichsam überschwemmt war, gelitten hat" („די היגע פּראָווינץ האָט געליטן טייל-ווײַז בשעת דער רעוואָלוציע גופא, לעצטנס זייער שטאַרק פון דירעקטע גזלות, טיילווײַז דורך דעם וואָס די ייִדישע סוחרים זײַנען פאַרפלייצט גע-וואָרן מיט פּאַפּירגעלט, וואָס האָט איצט קײַן גאַנג נישט").

אַז מיר רעדן וועגן די מניעות פאַרן דעמאָלטיקן האַנדל, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די באַגרענעצונג צו באַנוצן זיך מיט ייִדיש אין פּאָסטפאַר-קער. היות ווי דאָס רובֿ ייִדן האָבן קײַן פּויליש נישט געקענט, האָט דאָס באַטײַט אַ שטאַרקע מניעה פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם האַנדלס-פאַרקער.

דער פֿאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט ייִדיש איז אָבער נישט אײַנגעפֿירט געוואָרן אין גאַנץ פּוילן. בלויז די אָרדענונגס־קאָמיסיעס פֿון געוויסע לאַנד־טיילן האָבן אַדורכגעפֿירט דעם דאָזיקן נישט־יושרדיקן באַשלוס. אַזוי צ״ב איז אונדז באַוווּסט, אַז די אַרדענונגס־קאָמיסיע פֿון בעלסקער קרײַז האָט פֿאַרווערט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צו באַנוצן זיך אין דער קאָרעספּאָנדענץ דורך דער פּאָסט מיט ייִדיש, בלויז פּויליש און דײַטש זײַנען געווען דערלויבט. די אָרדענונגס־קאָמיסיע פֿון גראָדנער קרײַז [25] האָט דעם 10טן מײַ אַרויסגעגעבן אַן אוניווערסאַל, וואָס פֿאַרווערט די קאָרעספּאָנדענץ אין דער העברעיִשער שפּראַך אין פּאָסטפֿאַרקער. דערבײַ איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף די רבנים אַ חוב מיטצוהעלפֿן אַדורכצופֿירן דאָס אונטער אַ שטראָף. דער צוועק פֿון דער פֿאַראָרדענונג איז געווען, אַז „זיי (די ייִדן) זאָלן נישט געבן צו וויסן דעם שׂונא וועגן קיין שום זאַך”. אויך די צענטראַלע אָנפֿירונג פֿון די פּאָסט־ענינים האָט זיך דערמיט פֿאַרנומען. דעם 10טן מײַ [26] האָט די קאָמיסיע פֿאַר פּאָסט־ענינים צוגעשיקט צו דער אויפֿשטאַנדישער מאַכט אַ פּראָיעקט וועגן פֿאַרבאָטן די ייִדישע שפּראַך אין דער קאָרעספּאָנדענץ דורך דער פּאָסט. די קאָמיסיע האָט איר פּראָיעקט באַגרינדעט דערמיט, אַז אויב מען זאָל אַנגאַזשירן געשוווירענע איבערזעצער אויף צו רעווידירן די קאָרעספּאָנדענץ אין ייִדיש, וועט דאָס זײַן בלויז אַן אָנווער אין צײַט, און צווייטנס איז נישט פֿאַראַן דער געהעריקער צוטרוי צו די איבערזעצער גופֿא. דער ענין איז אַריבער צו דער העכטער אינסטאַנץ: צו דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט. דעם 6סטן יוני [27] איז דער ענין אַרומגערעדט געוואָרן אויף אַ זיצונג פֿון דעם ראַט און די אָפּטיילונג פֿאַר זיכערקײַטס־ענינים האָט באַקומען אַ באַפֿעל אַרויסצוזאָגן איר מיינונג אויף דער נאָענטסטער זיצונג. אין די ווײַטערדיקע אַקטן פֿון דעם ראַט איז נישט פֿאַראַן קײַן שום רייד וועגן דער פֿראַגע פֿון פֿאַרבאָט פֿון ייִדיש. עס הייסט בכן, אַז די באַגרענעצונג פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך איז נישט אײַנגעפֿירט געוואָרן. וואָס האָט דערצו גורם געווען? האָט מען זיך אפֿשר באַרעכנט, אַז דאָס איז אוממעגלעך אויסצופֿירן, כּל זמן דער רוב בנין ומנין פֿון די ייִדן רעדן און שרײַבן בלויז ייִדיש? אָדער אפֿשר האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז דאָס וואָלט געווען אַ מוראַדיקער מאָראַלישער קלאַפּ פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג? אַז דאָס וואָלט געווען פּשוט אַ חוזק פֿון די פּרינציפּן פֿון גלײַכהייט, וועלכע זײַנען אַזוי פֿײַערלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די אַקטן פֿון דעם אויפֿשטאַנד. אַזוי צי אַזוי, דער פּראָיעקט איז פֿאַרבליבן אין די אַקטן, ער האָט נישט דערזען די ליכטיקע שײַן.

הערות:

1 Kom. Wojsk. III.21
2 Akty pow. Kość. II, p. 483
3 Arch. Kr. Pol. 255, p. 2.
4 Metr. lit. VII, 194, p. 265
5 Gaz. Rząd. nr. 116, 21.X
6 Metr. lit. VII, 180, p. 305
7 Metr. lit. VII, 180, nr 85, 11/VII
8 Metr. lit. VII, 194, p. 461.
9 Metr litr. VII, 194, 14.X
10 Arch. Kr. Pol. 159. nr. 2125
11 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 2080, 14.X
12 Arch. Kr. Pol. 284
13 Arch. Kr. Pol. 278, p. 2, 23.VI
14 Arch. Kr. Pol. 260, p. 161
15 Diariusz grodz. nr. 1216, P. 6
16 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1593, 19.IX
17 Zbiór Popielów nr. 73, 31.VIII
18 Arch. Kr. Pol. 253

דער קאמיסאר טאמאשעווסקי גיט אפ א באריכט פון לוקאוו, אז ער האט באפוילן צו פארעפנטלעכן דעם אוניווערסאל וועגן דעם פאפירגעלט אין די יידישע שולן, ווארעם אז די יידן וועלן אנערקענען דאס געלט און באשטימען א געהעריקן קורס — וועט אויך דער פויער גלויבן און געהעריק שאצן דאס פאפירגעלט".

19 Korzon, Wewn. dzieje III, p. 386.
20 Kom. Wojsk. III.30, p. 327
21 Arch. Kr. Pol. 381
22 Arch. Kr. Pol. 153, p. 71; Arch. Kr. Pol. 255, p. 21
23 Arch. Kr. Pol. 153, p. 77
24 Arch. Kr. Pol. 257, p. 492
25 Popruskie oddz. V, 184, r. 1797
26 Diariusz grodz, nr. 1216
27 Arch. Kr. Pol. 257

ד) דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פֿון יידן אין וואַרשע

וועגן דעם טאָגטעגלעכן לעבן פֿון די יידן אין וואַרשע איז פֿאַראַן
אַ ביסל מער ידיעות, ווי וועגן דעם לעבן פֿון די יידן אין דער פּראָווינץ.
וואַרשע איז דעמאָלט אויסגעוואַקסן צו אַ נאָך גרעסערן יידישן ישוב ווי
פֿריער. טויזנטער יידן פֿאַרטריבן פֿון זייערע היימערטער איבער די מלחמה.
געשעענישן האָבן געזוכט אין דער הויפּטשטאָט אַ מקום־מקלט, דער גרעס־
טער טייל פֿון די צוגעקומענע זיינען געווען אָרעמע, רויִנירטע מענטשן
וואָס האָבן פֿאַרגרעסערט די סיי ווי שוין גרויסע מחנה אָרעמע לייט אין
וואַרשע. [1] די נישט־אָפֿיציעלע וואַרשעווער קהילה־פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָט
געווירקט אונטערן נאָמען פֿון אַ „חבֿרה קדישא“ („Starsi szpitalni i jał-
mużnicy“) און איז באַשטאַנען פֿון נפֿתלי אַבראַמאָוויטש פֿון קראָקע, שייע
נאַפּטאַלאָוויטש פֿון פינטשעוו און שלמה יודקעוויטש פֿון פּלאָנסק, האָט
אַנטוויקלט איר הילפֿס־טעטיקייט צווישן די אָרעמע פּליטים און זיי אַרויס־
געהאָלפֿן מיט געלט־אונטערשטיצונגען [2]. אַ טייל פּליטים האָבן זיך געפּלייסט
צו געפֿינען אַרבעט אין וואַרשע, כּדי נישט דאַרפֿן אָנצוקומען צו דער
יידישער קהילה. די דאָזיקע באַמיִונגען האָבן אָבער אָנגעטראָפֿן אויף שטע־
רונגען מצד דעם אָרטיקן ביגערטום. אַזוי למשל האָט אַ גרופּע דאָרפֿס־
יידן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער שחיטה פֿון בהמות, געמוזט פֿירן
אַ ביטערן קאַמף פֿאַרן רעכט פֿון אַרבעט אין וואַרשע. [3] אַ טייל פּליטים
איז מיט דער צייט נמאס געוואָרן צו געניסן פֿון פֿילאַנטראָפּיע, זיי האָבן
זיך דעריבער געווענדט צום פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי מיט דער בקשה
אַרויסצוגעבן זיי פּעסער, אָן וועלכע מען האָט זיך נישט געקענט פֿריי באַ־
וועגן. די תּשובֿה פֿון דעם וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט איז געווען
„דער סענדיק זאָל צוזאַמענשטעלן אַ קאָמפּאַניע פֿון טויזנט אַזעלכע פּער־
זאָנען און זיי אַרויסגעבן פּעסער. ער זאָל זיי אויך צוגעבן אַ באַגלייטונג,
וואָס זאָל זיי אַרויספֿירן מחוץ די שלאַבאַנען פֿון וואַרשע“. [4]

שוין אין אָנהייב פֿון אויפֿשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע
פֿון די רייכע וואַרשעווער יידישע משפּחות. די וואַרשעווער אָרעמע לייט
האָבן באַציִטנס געוואָרנט די מאַכט, אַז עס גרייט זיך אַ מאַסן־עמיגראַציע

פון די ווילנע.[5] עס איז שוין פריער דערמאנט געווארן, אז די פירער פון רייכן בירגערטום דוד קעניגסבערגער, חיים פון לאסק און יאסל לעווקאוויטש האבן געפרווט ארויסשיקן זייערע פרויען פון ווארשע[6]. אין יולי האבן זיי געמאכט א צווייטן פרווו, דאס מאל אן איינגעגעבענעם.[7] אויך דער רייכער באנקיר לעווי פון בערלין האט פארלאזט ווארשע מיט א באדייטיקער געלטסומע.[8] אויך אנדערע יידישע גבירים, באנקירן, סוחרים, מיט וועלכע עס רודערט זיך אין ווארשע פארן אויפשטאנד, האבן, פונקט ווי דאס רייכע ווארשעווער בירגערטום, פארלאזט די שטאט,[9] וועלכע איז געשטאנען אונטער דער סכנה פון הונגער, באלעגערונג וכדומה.

עס האט זיך אויך געענדערט די מאכט, וועלכע האט רעגירט איבער די ווארשעווער יידן. עס זיינען געקומען נייע צייטן, האט מען געמוזט באשטימען נייע מענטשן, וועלכע האבן געדארפט ווירקן אויף דער יידישער באפעלקערונג, זי זאל מיטהעלפן מאראליש און מאטעריעל דעם אויפשטאנד. דער ווארשעווער סענדיק, וועלכער האט אנגעפירט די ענינים פון די ווארשעווער יידן אויפן ארט פון דער נישט-עקסיסטירנדיקער קהילה, מיטן נאמען שלמה שאיאוויטש, האט דעמיסיאנירט.[10] זיין ארט האט פארנומען א נייער סענדיק מיטן נאמען יאנקל מאשקאוויטש.[11] דער פראגער סענדיק אמט איז געווארן אן ארענע פון קאנקורענץ-קאמף. דער אמאליקער פראגער סענדיק (פון די 80-ער יארן) אייזיק שמערלאוויטש,[12] וואס איז דערווייטערט געווארן פאר פעלשונגען, האט איצט פארשיט דעם העכסטן נאציאנאלן ראט[13] מיט בקשות, מען זאל אים צוריקגעבן דאס סענדיק-בענקל; דערביי האט ער זיך פארורפן אויף זיינע פארדינסטן ביי די באקאנטע פריצים דזיאלינסקי. זאקרזשעווסקי האט דערויף געענטפערט אויף זיין שטייגער: „עס וועט עס באקומען — ווען דער סענדיק-אמט וועט זיין וואקאנט א דזשיאלין" (אן אנצוהערעניש אויף דער פראטעקציע פון די דזיאלינסקיס). אויך א צווייטער ייד מיטן נאמען ברוך איזראעלאוויטש,[14] וואס „איז מזומן קנאה דערווייטערט געווארן פון דעם סענדיק-אמט", האט זיך באמיט, אז מען זאל אים נאמינירן פארן פראגער סענדיק. נישט אייזיק און נישט ברוך האבן באקומען דעם אמט. פראגער סענדיק איז געווארן א דריטער מיטן נאמען יעקב יאעלאוויטש.[15]

די קאמפעטענצן פון דעם סענדיק זיינען אין דער צייט פון אויפשטאנד געבליבן די זעלביקע וואס פארן אויפשטאנד. ער איז בכן ווייטער געווען דער פארטרעטער פון דער יידישער באפעלקערונג, אבער אין דער ערשטער ריי דער אויספירער פון אלע פארארדענונגען פון דער אויפשטאנדישער מאכט. ער האט צוזאמענגעארבעט מיט דער מאכט ביי דער פראפאגאנדע לטובת דעם אויפשטאנד. בעת מען האט געפירט אן אקציע פאר א פרייוויליקער הלוואה לטובת דעם מלוכה-אוצר און פאר אויסבייטן מזומנים אויף פאפירגעלט, איז דער סענדיק צוזאמען מיט פארשטייער פון מאגיס-

טראַט אַרומגעגאַנגען צווישן רײַכע ייִדן. [16] ער האָט אויך צונויפֿגערופֿן פֿאַרזאַמלונגען פֿון די וואַרשעווער ייִדן אין די שולן כּדי אַרומצורעדן און אויפֿצוקלערן די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער מאַכט. [17] אויך בײַם שאַפֿן דעם ייִדישן פֿולק פֿון בערעק יאָסעלעוויטש האָט מיטגעווירקט דער סענדיק. [18] פּונקט ווי פֿריִער, האָט ער צוזאַמען מיט אַ שטאַב שמשים געזוכט גנבֿים און נאָכן אויסגעפֿינען זיי מודיע געווען וועגן דעם דער מאַכט. דער פּראַגער סענדיק איז אַפֿילו דערפֿאַר אויסגעצייכנט געוואָרן „פֿאַר געטרײַשאַפֿט און פֿלײַס“. [19] ווען אַ טייל רײַכערע ייִדן האָבן בדעה געהאַט צו פֿאַרלאָזן די הויפּטשטאָט און אַרויסצופֿירן זייערע פֿאַרמעגנס, האָט דער סענדיק צו וויסן געגעבן וועגן דעם דער אויפֿשטאַנדישער מאַכט. [20] ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער מאַכט בײַם אויפֿמאָנען די „נדבֿה“ פֿון די וואַרשעווער ייִדן. כּדי קיינער זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פֿון אַרײַנטראָגן זײַן חלק פֿון דער נדבֿה, האָט דער סענדיק אָוועקגעשטעלט אַ שמש, וואָס זאָל לעגיטימירן אַלע ייִדן, וואָס פֿאָרן אַרויס פֿון וואַרשע. [21] די מאַכט האָט געהאַט אַ גרויסן צוטרוי צום סענדיק. האָט עמעץ למשל געוואָלט ווערן אַ שפּיאָן אין דער פּוילישער אַרמיי, פֿלעגט ער זיך ווענדן נאָך אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צום סענדיק. [22] אויך אין פֿאַל פֿון באַשולדיקונג וועגן שפּיאָנאַזש פֿלעגט גענוג זײַן דאָס ערבֿות פֿון סענדיק או ף באַפֿרײַט צו ווערן. [23] דער סענדיק אַלס דער נישט־געקרוינטער קיניג און דיקטאַטאָר פֿון די וואַרשעווער ייִדן האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט טיילן זײַן מאַכט. עס האָט זיך אָבער געפֿונען דעם סענדיקס אַ קאָנקורענט – דאָס איז געווען דער ייִד מאַיאָרעק פֿון לענטשנע אָדער פֿון לובלין, [24] וואָס האָט זיך טיטולירט „פּאַטענטירטער קאָמענדאַנט פֿון די ייִדן פֿון דריטן צערקל“. דער וואָיט פֿון צערקל איז געווען די פּערזאָן, וואָס האָט מאַיאָרעקן באַשאָנקען מיט דער „קאָמענדאַנטור“. וואָס פֿאַר אַ מין „קאָמענדאַנט“ דאָס איז געווען, דאָס ווייסן מיר נישט. צי דאָס איז געווען אַ מיניאַטור פֿון סענדיק אויפֿן שטח פֿון אַ צערקל צי עפּעס אַנדערש, וועגן דעם שווײַגן די מקורים. וואָס ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט זיך מאַיאָרעק גענומען אויפֿצומאָנען שטײַערן און אַפֿילו געפֿאָדערט אַן אָפּצאָל פֿון די סוכּות. דער סענדיק האָט נאָך געקענט פֿאַרטראָגן, ווען מאַיאָרעק האָט זיך געשפּילט אין „קאָמענדאַנט“, ער האָט אָבער נישט געקענט לײַדן, ווען מען האָט אָנגערירט זײַן קעשענע. ער האָט זיך דעריבער געווענדט צום פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי [25] מיט אַן אָנקלאָגע קעגן מאַיאָרעקן און יענער האָט אָפּגעשאַפֿט דעם אַליינהערשנדיקן „קאָמענדאַנט“. אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט די קורצע הערשאַפֿט פֿון דעם איינציקן ייִדישן „קאָמענדאַנט“ אין די צײַטן פֿון קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד. [26]

אויך די געריכטס מאַכט פֿון דעם סענדיק האָט זיך נישט שטאַרק געענדערט אין דער צײַט פֿון דעם אויפֿשטאַנד. פֿריִער איז דער סענדיק געווען אין דער פֿראַגע פֿון יוריסדיקציע אָפּהענגיק פֿון דעם קרוין־מאַרשאַל, איצט פֿון דעם

העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט, אייגנטלעך פֿון זײַן פּאָרזיצער. אויב עמעץ האָט געוואָלט פֿאַרקלאָגן אַ פּערזאָן פֿאַרן סענדיק-געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון דעם סענדיק און 3 דיינים. [27] האָט מען פֿריער געמוזט האָבן דעם הסכּם פֿון דעם פֿאָרזיצער פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט, פּונקט ווי פֿאַרן אויפֿשטאַנד האָט מען געמוזט האָבן די דערלויבעניש פֿון דעם קרוין-מאַרשאַל. [28] אויפֿן פּסק-דין פֿון סענדיק האָט מען געקענט אַפּעלירן צום פֿאָרזיצער פֿון העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט. ווען ס'האָט למשל פּאַסירט, אַז אַ ייִד מיטן נאָמען מענדל יאַקובאָוויטש האָט אויפֿן אורטייל פֿון סענדיק געוואָלט אַפּעלירן צום געריכט פֿון פֿערטן צערקל, האָט דער פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי אים געענטפֿערט: „אין אַן ענין, וואָס איז איין מאָל געמשפּט געוואָרן דורכן סענדיק, קען מען בלויז צו מיר אַפּעלירן“. [29] דאָס איז ענלעך ווי פֿאַרן אויפֿשטאַנד, ווען מען האָט פֿון אורטייל פֿון סענדיק געקענט אַפּעלירן בלויז צום קרוין-מאַרשאַל. [30] פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון סענדיקס מאַכט, פֿלעגט זאַקרזשעווסקי אָפּשיקן צום סענדיק ווי צו דער געהעריקער אינסטאַנץ. [31] ענינים פֿון דירה-געלט זײַנען נישט געשטאַנען אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דעם סענדיק, נאָר פֿון צערקל-געריכט. [32] אַלע ציווילע תּביעות זײַנען אין דער צײַט פֿון אויפֿשטאַנד אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דעם געזעץ פֿון מאָראַטאָריום. אין איינעם אַ פֿאַל, ווען דאָס סענדיק-געריכט האָט צוגעפּסקנט אַ געוויסן הערש אַבראַמאָוויטש 29.985 גל' פֿון דעם ייִד אליהו סאַמאַנאָוויטש, האָט דער העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט באַפֿוילן דעם סענדיק מער נישט צו משפּטן אַזעלכע ענינים. [33] בלויז אין אויסנאַמפֿאַלן האָט דאָס געריכט לויט אַן אָנווײַזונג פֿון דעם העכסטן מיליטער-פֿירער קאָשטשושקאָ געקענט פֿאַראָרדענען, אַז דאָס געריכט זאָל באַטראַכטן אַן ענין וואָס איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן מאָראַטאָריום. אַזאַ עצה האָט דער פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי געגעבן די לויצקער ייִדן בעניאַמינאָוויטש און לייזעראָוויטש, וואָס האָבן זיך געלאָדן וועגן אַ גרויסער סומע מיטן רוסישן ליוועראַנט שמאלאָוויטש. [34] פּערזאָנען, וואָס פֿלעגן זיך ווענדן צו זאַקרזשעווסקען וועגן באַטראַכטן פּראָצעסן פֿון פֿאַרן אויפֿשטאַנד פֿלעגט ער אָפּפּטרן מיט אַ וויץ: „דאָס זײַנען אַלטע מעשׂיות“. [35]

די גרעסטע צאָל ענינים, וועגן וועלכע וואַרשעווער ייִדן פּראָצעסירן זיך, זײַנען שייך ד י ר ה-ג ע ל ט, [36] וואָס האָט שטאַרק געשטײַגט אין די צײַטן פֿון אויפֿשטאַנד. נישט געקוקט אויפֿן מאָראַטאָריום פֿלעגט דאָס געריכט אַרויסטראָגן אורטיילן וועגן עקסמיסיע, אויסער דעם האָט מען די ווידערשפּעניקע געסטראַשעט מיט אַ מיליטערישער [37] עקזעקוציע. די נישט-ערלעכע אַדמיניסטראַטאָרס, גערופֿן „מורגראַביעס“, פֿלעגן דעמאָלט באַפֿרײַען זיך פֿון נישט געוווּנטשענע לאָקאַטאָרס מער „אויף אַן אייגענער פֿויסט“ ווי לויטן געזעץ. אַזוי למשל האָט געהאַנדלט דער אַדמיניסטראַטאָר פֿון דעם „פּאַלאַץ“ גערופֿן „גאָלובסקי“, וועלכער האָט אַרײַנגעזעצט צו זײַן לאָקאַטאָר

14 סאָלדאַטן און דערנאָך אים פֿאַרן טערמין דערווײַטערט פֿון דער דירה. [38] איבער דעם יקרות אויף דירות פֿלעגט אָפֿט דערגיין צו פֿאַרשיידענע סיכסוכים. ווען די צדדים פֿלעגן זיך ווענדן צו זאַקרזשעווסקין, פֿלעגט ער, ווי זײַן שטייגער איז געווען, ענטפֿערן, אַז „אויף אַזעלכע נישט ערלעכע פּערזאָנען זאָל מען נישט בלויז וואַרפֿן חרמים, נאָר מען מעג זיי אויך מכבד זײַן מיט אַ רימען". [39]

נישט געקוקט אויף דער ערנסטקייט פֿון מאָמענט האָבן זיך אָבער געפֿונען ייִדן, וואָס האָבן דאָס סענדיק־געריכט פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿאַרשיידענע אָפֿט קליינלעכע אָנקלאָגעס. [40]

הגם אויפֿן סענדיק־אַמט זײַנען פֿאָרגעקומען אַזעלכע וויכטיקע שינויים האָט אָבער דער געשווירענער איבערזעצער פֿון די צײַטן פֿאַרן אויפֿשטאַנד מיטן נאָמען שמעון שמולאָוויטש ווײַטער פֿאַרנומען זײַן אַמט. [41] אים פֿלעגט מען איבערשיקן צום אַדורכקוקן און איבערזעצן די פּאַפּירן, וועלכע מען האָט געפֿונען בײַ חשודיקע פּערזאָנען. אים פֿאַרדאַנקען מיר דאָס אַ בריוו פֿון אַ כּלה צום חתן אין אַ פּויליש איבערזעצונג, וואָס איז פֿאַרבליבן אין די אַקטן. דער בריוו איז אינטערעסאַנט איבער דעם קולטור־שטייגערישן אינהאַלט, ווי אויך מחמת דעם פּויליש סטיל.

דאָס בילד פֿון דער ייִדישער וואַרשע אין די צײַטן פֿון אויפֿשטאַנד וואָלט נישט געווען קײַן פֿולס, ווען מיר זאָלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף דער פּערזאָן פֿון לייזער יצחק, וואָס טיטולירט זיך לוויוויטשער סענדיק און וואַרשעווער דרוקער. לייזער יצחק איז געווען זייער אַ רירעוודיקער און ענערגישער מענטש. אייביק האָט ער עפּעס פּראָיעקטירט. ער האָט עס פּראָיעקטירט צו גרינדן אַ ייִדישע דרוקערײַ אין דעם קיניגלעכן מאַיאָנטעק גזאַלענדזשינוו. זײַן ווערק איז געווען די ייִדישע דרוקערײַ אין נאָווי־דוואָר בײַ וואַרשע. פֿון זײַן איניציאַטיווע איז אַרויס דאָס געזעץ וועגן דעם שטעמפּל־אָפּצאָל פֿון ייִדישע ספֿרים און אַנדערע. [42] דער אייביק אומרויִקער לייזער יצחק האָט אויך בשעת דעם אויפֿשטאַנד אַנטוויקלט אַ רירעוודיקע טעטיקייט. ער האָט געפֿירט עפּעס געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט זאַקרזשעווסקין. [43] עס קען זײַן, אַז צו די אַלע פּראָיעקטן פֿון אָפּצאָלן און באַשטײַערונגען פֿון די וואַרשעווער ייִדן האָט געהאַט אַ שײַכות דער פּראָיעקטן־מאַכער לייזער יצחק. ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ פּראָיעקטן ער האָט געהאַט אין זינען, ווען ער האָט אין דער צײַט פֿון מלחמה און אויפֿשטאַנד אַרויסבאַקומען אַ פּאַטענט פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט אויף צו דרוקן לוחות און העברעישע צײַטונגען. אפֿשר האָט ער געחלומט אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג פֿאַר ייִדן, כּדי מיט דער הילף פֿון געדרוקטן וואָרט צו געווינען די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿאַרן אויפֿשטאַנד. [44] ווידער זײַנען דאָס אָבער געווען פֿינאַנציעלע שוועריקייטן, וואָס האָבן צו נישט געמאַכט זײַן פּראָיעקט, פּונקט ווי אין די 70ער יאָרן האָט דער דוחק אין געלט אוממעג-

לעך געמאַכט צו גרינדן אַ דרוקעריי, הגם ער האָט געהאַט דערויף אַ קי־
ניגלעכן פּריווילעג. לייזער האָט דעריבער געבעטן זאַקרזשעווסקין, וואָס אַ דאַנק
אים האָט ער באַקומען אַ פּאַטענט אויף אַ דרוקעריי, ער זאָל אים דער־
לויבן צו פּראָצעסירן זיך מיט פאַרשיידענע „יידעלעך" (Żydki),[45] פון וועלכע
עס קומט אים געלט. זאַקרזשעווסקי האָט אָבער דערויף נישט איינגעשטימט,
ווייל דאָס איז געשטאַנען אין אַ סתירה צום געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשטעלט
אַלע פּראָצעסן אין ציווילע ענינים. ווען לייזערן איז נישט געראָטן צו שאַפן
זיך געלט פאַר דער דרוקעריי אויף דעם אופן, בעט ער, די מאַכט זאָל
דערויף אַסיגנירן אַ געוויסן געלט־סכום. אויך דער פאָרשלאָג איז נישט אָנ־
גענומען געוואָרן, הגם לייזער האָט צוגעזאָגט, אַז די יידישע דרוקעריי וועט
רייך מאַכן דעם מלוכה־אוצר.

עס האָט אויך נישט געהאַט קיין פּעולה די אינטערווענץ פון לייזערן,
מען זאָל נישט נעמען יידן צום מיליטער.[46] „די יידן – האָט געטענהט
לייזער – זיינען גרייט צו טון אַלץ אויף וואָס די רעליגיע דערלויבט.
דעריבער בעט ער זאַקרזשעווסקין, ער זאָל געבן צו פאַרשטיין וועמען מען
באַדאַרף, מען זאָל די יידן נישט אָוועקרייסן פון זייערע ווייבער און קינ־
דער, ווייל אויב זיי וועלן געהרגעט ווערן, וועלן זייערע פרויען נישט קע־
נען חתונה האָבן". דע־ וואָס קען דאָס יידישע לעבן יוייס, אַז לייזערן
איז געגאַנגען אין דער זייער קאָמפּליצירטער פראַגע פון עגונות. אין יענע
צייטן ביי דעם פרימיטיוון אופן פון פירן די רשימות פון די געהרגעטע
סאָלדאַטן איז די מורא פאַר בלייבן עגונות געווען זייער אַ גרויסע. מען
מוז מודה זיין, אַז אין דעם פאַל איז זאַקרזשעווסקיס תּשובה, הגם אויך
אַ הומאָריסטישע, דאָך געווען אַ ריכטיקע: „זיי קענען זיך גטן מיט די
ווייבער, אָדער זאָלן זיי נישט פאַלן אין דער מלחמה".

הערות:

1 Arch. Kr. Pol. 249, p. 243

2 Arch. Kr. pol. 259. p. 275.

3 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1459

4 Arch. Kr. Pol. 159, p. 861

5 Arch. Kr. Pol. 260, p. 235, 1.VI

6 Arch. Kr. Pol. 241; p. 280, 286, 287, 13.VI

7 Arch. Kr. Pol. 257, p. 235

8 Arch. Kr. Pol. 241, p. 197

9 Tokarz, Insur. Warsz. p. 75

10 Ekonomiczne St. Warszawy nr. 874

11 Arch. Kr. Pol. 257, p. 238

12 Jurysd. warsz. nr. 78, 1789; Ekonomiczne St. Warszawy 1253

13 Arch. Kr. Pol. 259, p. 64, 2.VII; Arch. Kr Pol. 159, 1005, 22.V

14 Arch. Kr. Pol. 159, p. 470

15 Arch. Kr. Pol. 159, p, 455, 470 18.VII; Arch. Kr. Pol. 276, 75, 2.VII.

16 Arch. Kr. Pol. 257, p. 238, 19.VIII

17 Arch. Kr. Pol. 247, p. 50

18 Arch. Kr. Pol. 257, p. 242, 23/IX

19 Kom. Wojsk. III,21, p. 430

20 Arch. Kr. Pol. 257, p. 235

21 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1067. 25.VIII

22 Arch. Kr. Pol. 251, p. 036

23 Metr. Lit. VII, 177, 17 V

24 Arch. Kr. Pol. 381, p. 144

25 Arch. Kr. Pol. 287, p. 118, 27.IX

26 דאָ איז נאָך כדאי צו באַמערקן, אז דער דר'מטר צערקל האָט פאַרגעלייגט אַן אומבאַקאַנטן פּראָיעקט וועגן רעאָרגאַניזירן דעם געהילפסשטאַב פון סענדיק. דער דאָזי־קער פּראָיעקט רעכנט אויס די וויכטערדיקע: אליהו פון סטאַבניץ, מאיר בערקאָוויטש, דער קאָמענדאַנט פון די יידן פון דריטן צערקל, לעוועק דער געוועזענער רב פון רוזשאַן, לייזער דאַווידאָוויטש פון אַפּאַלע, ישראל שלאָמאָוויטש, לייזער קאַלמאַנאָוויטש פון שידלאָווע, דער איבערזעצער פון יידיש אויף פּויליש' וויכטער ווערן אויסגערעכנט באַנדידאָטן אויף שמשים (Arch. Król. Pol. 382, p. 244).

27 Arch. Kr. Pol. 381, p. 144

28 Arch. Kr. Pol. 381, p. 452; Arch. Kr. Pol. 260, p. 251

29 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1076

30 אָרדינאַציע פֿון יאר 1784 (B. Dyr. Policji ni. 11, p. 68 — Arch. Gł.)

31 Arch. Kr. Pol. 260

32 Arch. Kr. Pol. 159 nr. 1237, 3.IX

33 Akty powstania Kość. II, 144 9.IX

34 Arch. Kr. Pol. 260, p. 246

35 Arch. Kr. Pol. 159

36 Arch. Kr. Pol. 249, p. 240

37 Arch. Kr. Pol. 381, p. 510

38 Arch. Kr. Pol. 259, p. 360

39 Arch. Kr. Pol. 159, p. 54

40 לעוועק שלאָמאָוויטש האָט אָפּגעערדט דנם גזועלן פֿון הערשקן (Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1532) מאָשעק יודקאָוויטש האָט זיך בּראָצעסירט מיט זײַן אייִדעם, וואָס איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט זײַן טאָכטער (Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1048), פֿריידע טעלאַווא איז זיך באַגאַנגען מיט איר קראַנקן מאַן נישט געהעריק: נישט געגעבן קיין עסן, וואָס זי האָט אים געוואָרפֿן, האָט זי נאָך פֿון סענדיק פֿאַרלאַנגט אַ גט (Arch. Kr. Pol. 155, p. 842).

נישט ערלעך האָבן געהאַנדלט יוסף פֿון רייִשע, כּטועק דער שמוקלער און איצעק דער שנײַדער דערמיט וואָס זיי האָבן נישט באַצאָלט דעם מלמד ברוך נוסינאָוויטשן פֿון זשעטלעכאָוו שׂכר-לימוד. זאַקרזשעווסקי האָט זיך אָנגענומען פֿאַרן אָרעמען מלמד, אָבער בײַ אַ געלעגנהייט האָט ער ברוכן געטעצהט: „זאָל ער לערנען נישט בלויז אויף ייִדיש, נאָר אויף פּויליש און דײַטש“. עס איז אָבער אַ פֿראַגע, צי ברוך אַליין האָט באַהערשט די דאָזיקע שפּראַכן (Arch. Kr. Pol. 159). פֿאַר זאַקרזשעווסקין האָט זיך אויך באַקלאָגט אַ געוויסער מאיר הערשעק אויפֿן קירזשנער זעליק און זײַן ווײַב: זיי האָבן אים אויסגעריסן די באָרד און דעריבער קען ער זיך נישט לויט די דינים פֿון דער ייִדישער רעליגיע באַווײַזן אין גאַס (Arch. Kr. Pol. 159, p. 733). דער וואַרשעווער לאַווניק צודזעווסקי האָט מסתּמא פֿאַרגעסן, אַז עס זײַנען אָנגעקומען נײַע צײַטן; ער האָט נישט בלויז געשלאָגן אַהרן הערשקאָוויטשן פֿון פּאַרטשעוו, נאָר האָט אים נאָך באַליידיקט מיט די ווײַטערדיקע ווערטער: „וואָס ווילסטו דו, ייִד, דו וועסט בײַ מיר גאָרנישט פּועלן. דו זאָלסט מיך אַפֿילו קלאָגן ווו דו ווילסט נאָר. איך בין אַ לאַווניק און דו ביסט אַ ייִד!“ (Arch. Kr. Pol. 387, p. 366)

42 לייזער יצחקס טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון דרוקוועזן האָב איך אַרומגערעדט אין דער אָפּהאַנדלונג: „צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן בוך און דרוק אין פּוילן בעתן 18טן יאָרה“, וואַרשע 1935.

43 Arch. Kr. Pol. 381, p. 329

אין אַ בריוו צו זאַקרזשעווסקין בעט ער „אים גנעדיק אויסצוהערן אין אַ געוויסן ענין“. דערויף האָט אים זאַקרזשעווסקי געענטפֿערט: „איך בין מוכן ומזומן צו הערן“.

44 ווײַל עס איז געווען פֿאַרמאַכט דער פּויליש-פּרײַסישער גרענעץ, פֿון וואַנען מען פֿלעגט מאַסנווײַז אימפּאָרטירן ספֿרים, האָט דער אָפּזאַץ פֿון כּפֿרים און לוחות געדרוקטע

אין לאַנד געהאַט געוויסע אויסזיכטן נישט געקוקט אויף די שווערע באַרינגונגען.

45 Arch. Kr. Pol. 381, p. 456. אין דעם דערמאַנטן מעמאָראַנדום פאַרציילט לייזער, אַז „קיין שום ייד האָט נישט אַזוי פיל פאַרדינסטן פאַרן פאַטערלאַנד זינט עס-לעבע צענדליגער יאָרן ווי ער". ער בעט, מען זאָל אים פאַרזיכערן אויף דער עלטער און געבן אים אַ קאָנצעסיע אויפן בית-עולם אין וואַרשע... פון דעם מעמאָראַנדום דערוויסן מיר זיך, אַז דער פּראָיעקט צו גרינדן דעם בית-עולם אין דער פאַרשטאָט פון וואַרשע— פּראַגע (אין יאָר 1780) איז געווען זיינער. די רווחים פון דעם בית-עולם האָט ביי אים צוגענומען און אויסגענוצט אין משך פון איבער צען יאָר דער באַקאַנטער ליוועראַנט שמואל זביטקאָווער. אויך אין דעם פאַל האָט ער באַקומען אַן אָפּזאָג. מיטן מקבר זיין מתים האָט זיך אין דער צייט פון אויפשטאַנד פאַרנומען די חברה קדישא.
(Arch. Kr. Pol. 159, nr. 894, 18.VIII);

46 Arch. Kr. Pol. 159, p. 567, 24.VII

ה) דער קאמף וועגן טאגצעטל אין ווארשע

ווי עס איז שוין אונטערגעשטראכן געווארן, זיינען די יידן אויסער די אלגעמיינע שטייערן און לאסטן נאך געווען מחויב צו צאלן געוויסע רייך יידישע שטייערן. די דאזיקע שטייערן זיינען געווען א שווערע לאסט פאר די יידן איבער צוויי טעמים: מאראלישע און מאטעריעלע. באזונדערס שווער איז דאס געווען פאר די ווארשעווער יידן, וועלכע האבן נאך געדארפט אויסהאלטן א גרויסע צאל פליטים פון פארשיידענע עקן פון לאנד און וועלכע האבן אויך גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די מיליטערישע אקציעס פון דער שטאט, ווי אויך אין אנדערע ארבעטן.

די ווארשעווער יידן האבן פונקט ווי די יידן פון גאנצן לאנד געמוזט באצאלן דעם ק א פ ש ט יי ע ר פאר א גאנץ יאר אין דער הייך פון 3.693 גל׳ אחוץ דעם האבן זיי געמוזט צאלן א ספעציעלן ווארשעווער שטייער גערופן ט א ג-צ ע ט ל (אויף פויליש biletowe) פארן וווינרעכט אין דער הויפט-שטאט, ווו יידן האבן אין פרינציפ נישט געטארט וווינען. אזא טאגצעטל, גילטיק אויף 14 טעג, זיינען מחויב געווען אויסצוקויפן אלע יידן, וואס וווינען אין דער הויפט שטאט. בלויז דער יידישער סענדיק מיט זיין שטאב פון שמשים און דיינים, ווי אויך די ארענדארן פון די כשרע גארקיכן אין ווארשע זיינען געווען פריי פון דעם „טאגצעטל“. די נייע שטרעמונגען און לאזונגען פון גלייכקייט פון אלע שטאנדן און אמונות, וואס זיינען אזוי ברייט פונאנדערגעשפרייט געווארן בשעת דעם קאשטשושקא-אויפשטאנד, זיינען געשטאנען אין א בולטער סתירה צו דער ווייטערדיקער עקסיסטענץ פון דעם באליידיקנדיקן „לייבצאל“, דעם „טאגצעטל“. נישט קיין וואונדער דעריבער, אז איבער פרינציפיעלע טעמים האט זיך פונאנדערגעפלאקערט צווישן די ווארשעווער יידן און דעם בירגערטום א שארפער קאמף וועגן דעם „טאגצעטל“. דער דאזיקער קאמף איז געווען א לאנגער, ער האט זיך געפירט 4 חדשים אויף 7 חדשים פון אויפשטאנד און האט זיך פארענדיקט מיט א מפלה פון די יידן. אנדערש האט אבער נישט געקענט זיין. דאס ווארשעווער בירגערטום האט פארן און בשעתן אויפשטאנד געהאט א גרויס אנזען אין לאנד. איינע פון די וויכטיקסטע פיגורן בשעת

דעם אויפֿשטאַנד, דער פּרעזידענט פֿון וואַרשע, איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט און גלײַכצײַטיק דער העכסטער קאָמענדאַנט פֿון דער שטאָטישער מיליץ סטאַניסלאַוו זאַקרזשעווסקי, איז געווען אַ הייסער פּאַרטיידיקער און פֿרײַנד פֿון די וואַרשעווער שטאָטלײַט.[3] בשעת דעם פֿיריאָריקן סיים האָט ער אויף די סיים-זיצונגען פּאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון שטאָטישן שטאַנד. די הייסע סימפּאַטיע פֿאַרן שטאָטישן בירגערשטאַנד, וועלכע האָט זיך אין יענע צײַטן געפּאָרט מיט אַנטיפּאַטיע צו ייִדן, האָט זיכער גורם געווען, אַז דער דאָזיקער „פֿרײַנד פֿון דער מענטשהייט" — ווי ער אַליין האָט זיך גערופֿן — האָט אין צענדלינגער אַמטלעכע דאָקומענטן געבראַכט צום אויסדרוק זײַן נישט-באַהאַלטענע שׂנאה צו ייִדן, וועלכע הייסן בײַ אים „שאַכערס", „ליידיק-גייערס" וכדומה. דערבײַ דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז מיט אַזאַ לשון רעדט וועגן ייִדן אין די אַמטלעכע אַקטן בלויז זאַקרזשעווסקי. בדרך כּלל רעדט זיך אין די אַמטלעכע אַקטן וועגן ייִדן ווי גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער פֿון לאַנד, וועלכע פֿירן אויס ווי געטריק זייער חוב לגבי דעם פֿאָטערלאַנד.[4] פֿאַרקערט אַ טייל אַקטן רעדן נאָך מיט גרויס אָנערקענונג וועגן זייערע אויפֿטוען. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט די גרויסע ראָלע פֿון זאַקרזשעווסקין ג'שעתן אויפֿשטאַנד, ווײַטער די געגנוג צאָלרײַכע פֿאַרטרעטונג פֿון בירגערטום אין דעם צײַטווײַליקן ראַט און אין דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט, אין אַלע קאָמיסיעס פֿון אויפֿשטאַנד, אין דעם קרימינאַל-געריכט און בכלל אין אַלע אַמטן פֿון אויפֿשטאַנד — וועט אונדז נישט חידושן, וואָס דאָס בירגערטום איז געווען בכּוח אַדורכצופֿירן באַשלוסן, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין אַ בולטער כּתירה צו דער אַלגעמיינער ליניע פֿון אויפֿשטאַנד און צו זײַנע הויפּטלאָזונגען.

דאָס וואַרשעווער בירגערטום האָט אַפֿילו אין אַזעלכע ערנצטע מאָמענטן נישט פֿאַרגעסן וועגן זײַנע גרופּן-אינטערעסן, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין באַגרענעצן די רעכט פֿון די ייִדן פֿון דער הויפּט שטאָט. דאָס „טאָגצעטל" איז געווען דער סימבאָל דערפֿון, אַז די ייִדן האָבן נישט קיין ווינרעכט אין וואַרשע און אַז זיי מוזן פֿאַרן יעדנמאָליקן אויפֿהאַלט אין דער הויפּטשטאָט באַצאָלן אַ געהעריקע סומע. דאָס בירגערטום האָט זיכער געוואָלט אויך איצט טרײַבן ייִדן פֿון וואַרשע, פּונקט ווי עס האָט געטאָן ערבֿ דעם אויפֿשטאַנד. דאָס איז אָבער אוממעגלעך געווען איבער דער צווייטאָליקער באַלעגערונג פֿון דער הויפּט שטאָט, מחמת דעם הילפֿסדינסט פֿון די ייִדן בשעתן אויפֿשטאַנד, וואָס אָן דעם האָט מען זיך נישט געקאָנט באַגיין. די שטאָטלײַט האָבן אָבער זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון דעם גירוש פֿון די וואַרשעווער ייִדן, ווי עס האָבן דאָס באַוויזן זייערע באַמיִונגען בײַ דעם רוסישן גענעראַל בוקסהעוודען גלײַך נאָך דעם ווי וואַרשע איז פֿאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן נאָך דער מפּלה פֿון אויפֿשטאַנד.

די וואַרשעווער ייִדן האָבן געגלייבט, אַז פֿאַר דעם אָנטייל אין די

אנריל-קאַמפּן פון דער הויפּט שטאָט, פאַר זייער אַקטיווער הילף לטובת
דעם אויפשטאַנד אויף אַלע מעגלעכע געביטן וועלן אויפהערן אַלע ביזאיצ-
טיקע באַגרענעצונגען. זיי האָבן גערעכנט, אַז די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג,
וועלכע האָט דורכן מויל פון איר פירער דערקלערט, אַז „דאָס פאָטערלאַנד
איז א מאַמע פאַר אַלעמען" און „דאַרף אַלעמען איינטיילן אַ גלייַכע גע-
רעכטיקייַט", וועט קודם כל מאַכן אַ סוף צו דעם נע-ונד פון די וואַרשע-
ווער יידן, וואָס האָט שוין גערויערט עטלעכע יאָרהונדערטער און וועט
ענדלעך אָנערקענען זייער וווינרעכט אין דער הויפּטשטאָט.
די קאַפּיטולאַציע פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט פאַר דעם פּעסטן
ווילן פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, הגם דער פירער פון אויפשטאַנד קאָש-
טשושקאָ האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין גייַסט פון טאָלעראַנץ, האָט געוויזן
בחוש, וואָס פאַר אַ רעאַלן ווערט עס האָבן די לאָזונגען וועגן דער גלייַכ-
הייט פון אַלע שטאַנדן, וואָס זייַנען אַזוי הייס פּראָקלאַמירט געוואָרן בשעת
דעם אויפשטאַנד.
דער קאַמף וועגן דעם טאָגצעטל האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1טן מייַ
1794, ד"ה דעם צווייטן טאָג נאָך דעם ווי דער מאַגיסטראַט האָט פאַר-
עפנטלעכט אַ מעלדונג, אַז יידן דאַרפן אויסקויפן דעם טאָגצעטל פאַר 3 גל'
אויף 14 טעג. [5] דעם קאַמף האָט אָנגעהויבן אַן אויסטערלישע פאַריייניקונג,
וואָס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער ממש פון אַ „קלאַסן-אָרגאַניזאַציע",
דהייַנו „די פאַרזאַמלונג פון דער וואַרשעווער אָרעמשאַפט" (Zgromadzenie
Ubóstwa Warszawskiego). אין איר בקשה צו דער מאַכט וואָרנט די דאָ-
זיקע „אָרעמשאַפט", אַז איבער דער גרויסער צאָל אָרעמע לייַט אין וואַרשע,
וואָס דאַרפן אַלע אויסקויפן „טאָגצעטלען און זייַנען דאָס נישט אין שטאַנד
צו טון, וועלן די תּפיסות זייַן צו קליין אויף אַרייַנצונעמען אַלע אָרעמע
לייַט אָן טאָגצעטלען די „אָרעמשאַפט" לייגט דעריבער פאָר, מען זאָל
אָפּשאַפן דעם טאָגצעטל. וואָס באַשטייַערט אַלעמען גלייַך און באַשטייַערן
די רייַכע מיט אַ 10% פאַרמעגן-שטייַער. דער ענטפער פון דער מאַכט אויף
דער דאָזיקער ווענדונג איז אונדז נישט באַקאַנט. מסתמא איז ער געווען
אַ נעגאַטיווער, ווייַל אָננעמען דעם דערמאָנטן פאָרשלאָג וואָלט געווען אין
אַ סתירה צו די כוונות פון בירגערטום, וואָס איז דאָך מיט דעם טאָגצעטל
אויסן געווען נישט בלויז פיסקאַלע צוועקן, נאָר אויך דעם פּרינציפּ, אַז
יידן האָבן נישט קיין וווינרעכט אין וואַרשע. אין יוני [6] ווערט דער קאַמף
כאַר אָפּשאַפן דאָס טאָגצעטל ווייטער באַנייַט. די יידן שטורעמען דעם
העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט. דאָס כאָל פאַרלאַנגען זיי צו פאַרקלענערן דעם
אָפּצאָל פאַרן טאָגצעטל. דער ראַט האָט נישט באַטראַכט דעם פאָרשלאָג
נאָר אים איבערגעשיקט צום מאַגיסטראַט מיט דער אָנווייַזונג, אַז „ער זאָל
נעמען אין אַכט די לאַגע פון די פּעטענטן און ער זאָל באַמיען זיך צו
באַשליסן דעם ענין אין הסכם מיט יושר און מילדהאַרציקייַט". די מילד-

הארציקייט פון דעם ענגהאַרציקן מאַגיסטראַט האָט נישט געמוזט זײַן קיין צו גרויסע, ווײַל אין אויגוסט [7] דערלאַנגען די ייִדן ווידער בקשות צו דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט וועגן דעם ענין. דער ראַט האָט אַלס ענטפער אויף די ווענדונגען באַשטעטיקט דעם באַשלוס, וועלכער האָט פאַרקלענערט דעם אָפּצאָל אויף 5 זילבערנע גראָשן. דער ראַט האָט זײַן באַשלוס מאָטיווירט דערמיט, וואָס די ייִדן פאַרדינען אַ סך בײַם מיליטער, דעריבער קענען זיי אויסטראָגן דעם דאָזיקן אָפּצאָל. [8] דער ראַט האָט אויך גאָרנישט דערקעגן, אַז די רײַכע זאָלן צאָלן פאַר די אָרעמע. די באַהויפּטונג פון דעם ראַט איז אויף אַזוי פיל נישט געווען אָביעקטיוו, וואָס ער האָט אַ הײַפל אויפגעקומענע ליוועראַנטן (עס איז נאָך אַ פראַגע, צי זיי האָבן שפּעטער נאָכן אײַנפירן דאָס פּאַפּירגעלט אײַנגעהאַלטן זייערע פאַרמעגנס!) אידענטיפיצירט מיטן כלל וואַרשעווער ייִדן, וועלכע זײַנען — ווי עס באַווײַזן דאָס דעמאָלטיקע ציילונגען — באַשטאַנען פון קליינהענדלער, בעלי־מלאכות, מעקלערס, פון אַ סך פּערזאָנען אָן שטענדיקע באַשעפטיקונגען און אַ גרויסער צאָל מלחמה־פּליטים. פאַר די אַלע, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין „דער פאַרזאַמלונג פון ייִדישער אָרעמשאַפט", איז דאָס טאָגצעטל געווען אַ שווערע משׂא, ממש נישט צו דערטראָגן. אַחוץ דעם איז נאָך כדאַי צו פאַררעגיסטרירן אַ פאַקט, וואָס איז פאַר יענע צײַטן אויך ווילד און משונהדיק. מען האָט נעמלעך געהייסן צאָלן דאָס טאָגצעטל אויך מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַרמעגנס אויף הפקר און געזוכט אַן מקום־מקלט אין דער הויפּטשטאָט. מחמת דעם טאַקע וועט אונדז נישט וווּנדערן, אַז דאָס אײַנמאָנען דאָס טאָגצעטל האָט אָנגעטראָפן אויף אומגעהײַערע מניעות, ווי עס אינפאָרמירן אונדז די באַריכטן פון די באַזונדערע צערקלען. [9] עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מען האָט געהאַט בדעה זיך אומצוקערן צו דער סיסטעם פון הויז־רעוויזיעס, ווי מען פלעגט זיך נוהג זײַן אין די צײַטן פאַרן אויפשטאַנד. דער לעצטער עטאַפּ פון קאַמף וועגן דעם פּוילישן „לײַבצאָל" האָט זיך אָפּגעשפּילט אין חודש סעפּטעמבער. [10] וועגן דעם דאָזיקן קאַמף דערוויסן מיר זיך פון דעם בריוו פון קאָשטשושקאָ צום העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט. אין דעם בריוו רעדט זיך וועגן דעם, אַז די וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך צוויי מאָל געווענדט צו קאָשטשושקאָן מיט אָנקלאָגעס אויף די „שווערקײַטן" מצד די שטאָטלײַט, בפרט אין דער פראַגע פון טאָגצעטל. „דאָס וואָס האָט נאָך געקענט אָנהאַלטן — שרײַבט קאָשטשושקאָ — בײַ דער אַלטער רעגירונג, בײַ אַזוי פיל (אַנדערע) עוולות, פּאַסט נישט אויף איצטער, בשעת דאָס פאָטערלאַנד איז אַ מאַמע פאַר אַלעמען", „בפרט, אַז די ייִדן זײַנען אַ קלאַס מענטשן, וועלכע זײַנען גלײַך מיט אַנדערע נוצלעך און זיי ווילן גלײַך מיט אַנדערע מיטהעלפן צו דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד". דער ענדגילטיקער רעזולטאַט פון דעם קאַמף, אין וועלכן עס האָבן געקעמפט אויף דער זײַט פון

בירגערטום 8 שטאָטלײַט, מיטגלידער פֿון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט און אויסער זיי זאַקרזשעווסקי, אויף דער זײַט פֿון די ייִדן די אַבסטראַקטע פֿאָרמולע וועגן דער גלײַכקייט פֿון אַלע שטאַנדן און קאָשטשושקאָס אינטערווענץ — איז אונדז נישט באַקאַנט. מען קען אָבער מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז בײַ די עקסיסטירנדע סאָציאַלע און פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן האָבן געמוזט פֿאַרשפּילן די ייִדן.

אין די דענקאָ'טיקע אַקטן זײַנען אויפֿגעהיט אַ גאַנצע ריי דאָקומענטן, וואָס אַנטפּלעקן אין דער פֿולער מאָס, וואָס פֿאַר אַ נישט־גערעכטע לאַסט עס איז געווען דאָס טאָגצעטל. אַט למשל האָט מען אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה אַ ייִדישן שנײַדער מרדכי פֿון קאָזשעניץ, [11] וועלכער האָט געאַרבעט פֿאַ ן מיליטער. איבער זאַקרזשעווסקיס אַ „חכמה“, אַז „מען דאַרף נישט קויפֿן קײַן בילעטן, נאָר פֿאַר זיי באַצאָלן“, ווייסן מיר נישט, צי דער מיליטערישער שנײַדער אהרון יאָכאַנאָוויטש [12] האָט סוף כּל סוף געמוזט אויסקויפֿן אַ טאָגצעטל אָדער ער איז דערפֿון באַפֿרײַט געוואָרן אַלס אָנערקענונג פֿאַר זײַן אַרבעט לטובֿת דעם מיליטער. נאָך מער, אַפֿילו אויספֿירן אומזיסט אַזאַ פֿליכט ווי שטיין אויף דער וואַך האָט נישט באַפֿרײַט פֿון דעם טאָגצעטל. חיים דודן, [13] וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט דער אויפֿמאָנער פֿון טאָגצעטל באָגדאַנאָוויטש צוגענומען דאָס געווער פֿאַר נישט האָבן קיין טאָגצעטל. דאָס מאָל איז דער וויציקער זאַקרזשעווסקי גערירט געוואָרן פֿון די פּשוטע ווערטער פֿון היימען און אים אָפּגעלאָזט: „עס זײַנען פֿאַר אונדז אָרעמע ייִדן (איצט) שווערע צײַטן, מיר מוזן האַלטן וואַך, אָדער צאָלן (דערפֿאַר). מיר צאָלן „די נדבֿה“ און קאָפּגעלט. עס קומט אונדז אויס די סאַמע לעצטע משכּנות צו פֿאַרזעצן פֿאַר האַלב אומזיסט, פֿדי מיר זאָלן קענען לעבן“.

די וואַרשעווער „חבֿרה קדישא“ [14] האָט זיך אויך געווענדט וועגן באַפֿרײַען פֿון טאָגצעטל די פּליטים („די ייִדן, וועלכע האָבן אַלץ פֿאַרלאָזן“) און די „אָרעמע לײַט, וועלכע די חבֿרה קדישא האַלט אויס“. זאַקרזשעווסקיס תּשובֿה „איך גיב זיי פֿרײַהייט צו זײַן נע־ונד אין וואַרשע“ איז אַפֿילו „מלא חכמה“, אָבער וואָס דאָס באַטײַט: צי זײַנען די אָרעמע לײַט און פּליטים באַפֿרײַט געוואָרן פֿון טאָגצעטל צי נישט — דאָס קענען מיר נישט וויסן.

אויסער דעם טאָגצעטל און קאָפּגעלט האָבן נאָך די וואַרשעווער ייִדן באַצאָלט 81.000 גילדן [15] אַלס „נ ד ב ה“, וועלכע איז לכתּחילה פּרעלימינירט געוואָרן אויף 72.450 גל. אויף אויפֿצומאָנען די „נדבֿה“ האָט די אָרדענונגס־קאָמיסיע פֿון וואַרשעווער פּירשטנטום באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון די ווײַטערדיקע וואַרשעווער ייִדן: דעם סענדיק שלמה שאַיאָוויטש, הערשעק סאַלאָמאָנאָוויטש פֿון טיקטין, מיכאַל איצקאָוויטש פֿון ראַווע דעם באַגרינדער פֿון דער באַרימטער משפּחה עטינגער, מאָשקאָ אַראָנאָוויטש

פֿון צויזמער, דער אַרענדאַר פֿון די וואַרשעווער גאָרקיכן, בייניש פֿון טיקטין, יעקבֿ שמולאָוויטש פֿון קראָקע און פֿײַוול מאיר פֿון טיקטין. די „נדבֿה" פֿון די וואַרשעווער ייִדן האָט געזאָלט אײַנגעצאָלט ווערן אין 2 ראַטעס: דעם 1טן און דעם 15טן יוני. דאָס אויפֿמאָנען די דאָזיקע סומע האָט אָנגעטראָפֿן אויף גרויסע שוועריקײַטן, ווײַל די פּני פֿון וואַרשע האָבן לויטן אײַנגעשטעלטן שטייגער — אַריבערגעוואָרפֿן די גאַנצע לאַסט פֿון דער „נדבֿה" אויף די נישט פֿאַרמעגלעכע. כּדי מען זאָל זיך נישט קענען אַרויסדרייען פֿון אַרײַנטראָגן די „נדבֿה", האָט מען קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט פֿון דער שטאָט אָן אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט אײַנגעצאָלט די „נדבֿה", ווי אויך דאָס קאָפּגעלט.[16] נאָך מער, מען האָט אַוועקגעשטעלט שמשים בײַ דער בריק, כּדי צו פֿאַרהאַלטן אַזעלכע, וואָס ווילן זיך אַרויסדרייען פֿון צאָלן די „נדבֿה".[17]

בשעת דעם אײַנמאָנען „די נדבֿה" האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך אַנדערע שוועריקײַטן. די אײַנמאָנער האָבן געוואָלט נעמען „די נדבֿה" אויך פֿון די גאַליציִשע ייִדן,[18] וועלכע האָבן בלויז צײַטווײַליק געווײַלט אין דער הויפּטשטאָט. דעם סיכסוך האָט אויסגעגלײַכט זאַקרזשעווסקי. די „נדבֿה" זײַנען מחויבֿ געווען צו צאָלן די פּערזאָנען, וואָס האָבן פֿאַרן אויפֿשטאַנד געוווינט אין וואַרשע. פֿון אַרײַנטראָגן די „נדבה" פֿלעגן אויך באַפֿרײַט ווערן די יענע ייִדן, וואָס האָבן באַוויזן, אַז זיי האָבן שוין געטאָן זייער חובֿ אין אַן אַנדער אָרט.[19] די אויפֿמאָנער פֿון דער „נדבֿה" האָבן ווײַזט אויס נישט אין גאַנצן אָביעקטיוו געטאָן זייער זאַך, ווײַל עס זײַנען אַרײַנגעפֿלאָסן אַקעגן זיי אָנקלאַגעס צום פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי, וועלכער האָט עס איבערגעגעבן דעם סענדיק צו באַטראַכטן.[20]

דערמיט האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט די לאַסטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין וואַרשע. אָנגעהויבן פֿון אויגוסט איז אין משך פֿון סעפּטעמבער און אָקטאָבער געפֿירט געוואָרן אַן אַקציע פֿאַר אַ רעגירונגס-הלוואה, און אויך פֿאַר איבערבײַטן מזומנים אויף פּאַפּיר-געלט.[21] כּדי פּאָפּולער צו מאַכן די דאָזיקע אַקציע צווישן ייִדן האָט דער סענדיק גערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די וואַרשעווער ייִדן און אויפֿגעפֿאָדערט זיי צו שטיצן די אַקציע. גלײַכצײַטיק איז ער מיט צוויי קריסטלעכע לאַוניקעס אַרומגעגאַנגען צווישן די פֿאַרמעגלעכע ייִדן און זיי גערופֿן צו סובסקריבירן אויף דער רעגירונגס-הלוואה. די דאָזיקע אַקציע האָט אָבער לכתּחילה נישט געהאַט קיין גרויסן ערפֿאָלג, מחמת די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז פּשוט צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן אונטער די פֿאַרשיידענע לאַסטן און שטײַערן.[22] אין סעפּטעמבער האָט זיך ווײַטער געפֿירט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער דערמאָנטער פּראַגע.[23] אין אָקטאָבער האָט דער סענדיק יאַנקל מאָשקאָוויטש צונויפֿגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ייִדישער פּלוטאָקראַטיע און זיי גערופֿן צו שטיצן די אַקציע פֿון בײַטן מזומנים אויף פּאַפּירגעלט.

די יידישע גבירים אין ווארשע האבן זיך אין פרינציפ ארויסגעזאגט כארשטיצן די דאזיקע אקציע, גלייכצייטיק האט אבער די פלוטאקראטיע געהאלטן, אז די סומע פון 20.000 רויטע גילדן, וואס איז אויף איר ארויסגעלייגט געווארן, איז צו הויך. זי האט דעריבער פארגעלייגט, די סומע זאל פארקלענערט ווערן אויף א העלפט. די רייכע יידן האבן עס מאטיווירט מיט דער פארקלענערונג פון מסחר, מיט דער אוממעגלעכקייט אפצונעמען די חובות, ווייל עס איז אפגעשטעלט די יוריסדיקציע, און אויך דערמיט וואס פאר די סחורות באקומט זי פאפירגעלט. נישט געקוקט דערויף איז דער אנטייל פון די רייכע ווארשעווער יידן אין דער אקציע פון בייטן מזומנים אויף פאפירגעלט געווען א באדייטיקער. בלויז 6 גבירים האבן דעקלארירט צוזאמען 21.000 גל (יעקב שמולאוויטש פון קראקע 6.000 גל, מאשעק אראנאוויטש פון צויזמער — 4.000 גל, הערשעק פייבושעוויטש מיטן זון — 5.000 גל, מיכאל פון ראווע (דער ראש פון דער משפחה עטינגער) 2.000 גל, נפתלי אבראמאוויטש פון קראקע 2.000 גל, לייזער הערשקאוויטש פון טיקטין 2.000 גל). ווי פיל עס האבן געגעבן אנדערע רייכע יידן פון ווארשע איז נישט באוווסט. איייניקע רייכע יידן, ווי למשל דוד קעניגסבערגער, לעווי חיים פון לאסק און דער יידישער דאקטאר פון ווארשע האבן אין דער זעלביקער צייט דעקלארירט זייער גרייטקייט צו באזארגן מיט מונדירן 40 זעלנער אדער איינצאלן פאר יעדן 241 גל.[24]

נעמען מיר דאס אלץ צונויף, מוז מען מודה זיין, אז דער פינאנציעלער צושטייער פון די ווארשעווער יידן לטובת דעם אויפשטאנד איז געווען א גאנץ באדייטיקער, בפרט ווען מיר וועלן נעמען אין אכט, אז די „געלע לאטע" אין דער פארם פון טאגצעטל איז ווייטער געבליבן און אז די סכנה פון גירוש פון דער הויכט שטאט האט ווייטער געהאנגען איבער די קעפ פון ווארשעווער יידן.[25]

הערות:

1 די רעכטלעכע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע בעתו 18 טן י"ה רעדט איך ארום אין צווייטן באנד פון מיין ארבעט וועגן די יידן אין ווארשע. דער דאזיקער קאפיטל דערשיינט אין דרוק אין דעם דובנאוו-באנד פון ייוו"א.

2 Ekonomiczne St. Warszawy nr. 1258.

3 W. Dzwonkowski: Przyjaciel ludzkości. Warszawa, 1922.

4 Arch. Kr. Pol. 381. p. 396.

5 Arch. Kr. Pol. 260, p. 235.

6 Akty powst. Kośc. I, p. 356, 24/VII.

7 Arch. Kr. Pol. 249, p. 243 12/VIII

8 Akty etc. II p. 75, 13.VIII

9 Ekonomiczne St. W. 1258, 9.IX

10 Akty etc. I, p. XLVII i Arch. Kr. Pol. 270, p. 109, 18/IX

11 Arch. Kr. Pol. 260, p. 192

דער באשלוס פון זאכרזשעווסקין אין דער פראגע איז געווען „דאס מאל לאז איך אדורך". דאס האט מען געהייסן, אז אויף להבא וועט אונדזער שניידער, הגם ער טוט א דינסט פארן מיליטער, נישט פריי זיין פון אויסקויפן א בילעט.

12 Arch. Kr. Pol. 159, p. 886, 18.VIII

13 Arch. Kr. Pol. 260, p. 355

14 Arch. Kr. Pol. 259, p. 225

15 Ekonomiczne St. Warszawy nr. 1258, 16.V; Arch. Kr. Pol. 153, p. 750, 15.IX,

16 Arch. Kr. Pol. 241, p. 344, 17.VI

17 Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1067, 25.VIII

18 Arch. Kr. Pol. 284

19 Dekrety jur. praskiej 173a, p. 37.

20 Arch. Kr. Pol. 159 nr. 2056, 13 X, nr. 2270, 29.X; Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1551, 18.IX יאנקל הערשלאוויטש פון מיקמין באקלאגט זיך פארן סענדיק, אז נאכן ארייננעמען די „נדבה" פון 150 גל' האבן „די רייכע" יידן ארויפגעלייגט אויף אים א „נינם ענייער". היה אשה טוביה, וואס רופט זיך „דאקטארין", איז אויך באשולדיקט געווארן ביים אויפמאנען די „נדבה". זי ווענדט זיך דעריבער מיט אן אנקלאגע צום פרע-זידענט זאכרזשעווסקי און לייגט ביי א בריוו פון פריץ מיעלזשינסקי, וועלכער איז אזוי שווער קראנק געווען, אז דאקטוירים האבן אים שוין אויפגעגעבן און דאך האט אים אונדזער דאקטארין אפגעראטעוועט. זאכרזשעווסקי האט אויפגעפאדערט דעם סענדיק, ער זאל אים צושטעלן אויפקלערונגען (Arch. Kr. Pol. 159, nr. 1556, 18.X) אנדערש דאס זיך זאכרזשעווסקי נוהג געווען מיט א געוויסן ליבמאן יאזעפאוויטש, וועלכער האט

ייד געקלאגט, אַז ער איז נישט אין שטאַנד צו באַצאָלן די 110 גל „נדבה"-געלט, וועלכע
מען האט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער האט באַקומען אַן אָפּזאָג (Arch. Król. Pol. 159,
nr. 1651, 22.IX) פון דער שטייער-אויסמעסטונג פון די יידישע פני אין וואַרשע איז אויך
נישט געווען צופרידן אַ געוויסער דוד יעקב, וועלכער בעט זאַקרזשעווסקין, ער זאָל אים
פאַרקלענערן די נדבה פון 40 רויטע גילדן אויף 15. דאָס קומט אים ווייל ער שטאַמט
פון גרויס יחוס (ma honor pochlebiać sobie jako po ojcu na całym świecie
słynącym) און „זיין פאַטער האט א שם אין דער גאַנצער וועלט". צי האט זאַקרזשעווסקין
אימפּאָנירט דוד יעקבס יידישער יחוס — איז נישט באַוווּסט.
Staropolskie, dział II, nr. 9, 11/VII — Arch. Skarbowe).

21 Arch. Król. Pol. 257, p. 2:8, 19/VIII.

22 Zbiór Popielów nr. 73, 27/VIII.

23 Akty powst. Kość. II, p. 276, 472-3

24 Arch. Kr. Pol. 247, p. 47—50 25/X.

25 Arch. Kr. Pol. 247, p. 49; W. Tokarz: Insur. warsz. p. 80
שרייבט וועגן דעם אַט וואָס „דער דעצידירנדיקער פרווו פון זייער לאָיאַליטעט (ד"ה פון די
וואַרשעווער יידן) לגבי דעם אויפשטאַנד האט געזאָלט ווערן דער ענין פון בייטן מזומנים
אויף רעגירונגס-אָבליגאַציעס און פּאַפּירגעלט. עס זיינען בדלות געוואָרן די וואָפן-פאַברי-
קאַנטן שאַדעל, דאַהלען, מונקענבעק. עס האָבן געגעבן באַדייטיקע געלטסומעס די הערינגס
שולצס, רויטערשטרויכס, פישערס (דאָס אַלץ זיינען רייכע וואַרשעווער קריסטן), עס האָבן
זיך נישט איינגעגעבן קיין שום באַמיונגען צוצוציען די יידן צו דער דאָזיקער הלוואה".
ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, ווייסן מיר, אַז בלויז 6 רייכע יידן האָבן דעקלאַ-
רירט אַ סומע פון 21.000 גל. וויפל עס האָבן דעקלאַרירט אַנדערע, ווייסן מיר נישט. צי
הייסט דאָס ביי די כלערליי אַנדערע שטייערן און לאַסטן פון די וואַרשעווער יידן, אַז זיי
האָבן נישט געהאָלפן דעם אויפשטאַנד מיט געלט? דאָס איז אַ ביסל צו איינזייטיק מצד
אַ געלערנטן פּראָפעסאָר, וועלכער דאַרף זיך דאָך ריכטן נאָר לויטן היסטאָרישן אמת!

קאַפּיטל VIII

די וואַרשעווער משומדים (פֿראַנקיסטן) בשעתן אויפֿשטאַנד

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעמע פֿון דער איצטיקער אַרבעט דאַרפֿן מיר זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף דעם אָנטייל פֿון די משומדים אין אויפֿשטאַנד און בכלל וועגן זייער ראָלע אין יענער צײַט. דער גרעסטער רובֿ וואַרשעווער משומדים זײַנען געווען די פֿראַנקיסטן, וואָס האָבן לויטן בײַשפּיל פֿון זייער פֿירער יעקבֿ פֿראַנק זיך געשמדט. כּדי צו פֿאַרשטיין די באַציונג פֿון די וואַרשעווער קריסטן צו די משומדים בשעתן אויפֿשטאַנד, מוזן מיר זיך אומקערן צו די צײַטן פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד. פֿאַלן פֿון אינדיווידועלן שמד פֿלעגן זיך טרעפֿן אין פּוילן נאָך בײַם סוף פֿון מיטלעלטער. די איינצלנע משומדים פֿלעגן אין גיכן אַסימילירט ווערן און טייל מאָל דערגרייכן גאַנץ הויכע פּאָזיציעס אין דעם פּוילישן מלוכה־לעבן. ערשט זינט דער צײַט פֿון יעקבֿ פֿראַנקן, וואָס האָט געווירקט אין 18טן י״ה, איז דער שמד געוואָרן אַ ·מאַסן־דערשײַנונג.[1] די דאָזיקע נײַע משומדים, גערופֿן פֿראַנקיסטן, האָבן זיך אָבער נישט אַזוי גיך אַסימילירט מיט דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט. ערשטנס דערפֿאַר, וואָס די צאָל פֿראַנקיסטן האָט געגרייכט אין די הונדערטער און אפֿשר אין טויזנטער, און צווייטנס, ווײַל זיי האָבן אײַנגעהאַלטן אַ סך מנהגים און געוווינהייטן פֿון דער יידישער רעליגיע. די פֿראַנקיסטן פֿלעגן חתונה האָבן נאָר צווישן זיך, זיי פֿלעגן אָנהאַלטן געזעלשאַפֿטלעכע באַציונגען נאָר צווישן אייגענע,[2] וכדומה. מחמת דער גרויסער צאָל פֿראַנקיסטן און זייער אייגנאַרטיקײַט האָט מען דעמאָלט אַ סך גערעדט און געשריבן וועגן זיי. עס איז מיט איין וואָרט אויפֿגעקומען אַ פֿראַנקיסטן־פֿראַגע, וועלכע מען האָט זיך געפּלײַסט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿאַרענטפֿערן.

וועלכע סיבות האָבן אַרויסגערופֿן דעם אויפֿקום פֿון פֿראַנקיזם? מיט וואָס דערקלערט זיך עס, וואָס יידן, וועלכע האָבן פֿריער אַזוי פֿעסט זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פּרוּוון פֿון שמד, הגם דערמיט זײַנען געווען פֿאַרבונדן אַ סך פּריווילעגיעס, אין געוויסע פֿאַלן אַפֿילו דער אַדל־טיטל, האָבן

איצט פּלוצים מאַסנווײַז און פֿרײַוויליק אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן? צו אַ ספֿק האָט דאָ געשפּילט אַ באַדײַטיקע ראָל פֿראַנקס סטראַטעגיע פֿון שאַפֿן אַן אייגענע סעקטע, וועלכע איז געווען די בריק צווישן דעם ייִדישן גלויבן און דעם קאַטוילישן. שולדיק זײַנען אויך די כּלי־קודש, וועלכע האָבן דורך זייער נישט־טאָלעראַנטער פּאָליטיק לגבי די פֿראַנקיסטן ממש זיי געשטויסן אין די אָרעמס פֿון קאַטויליציזם. [3] די וויכטיקסטע סיבה, וואָס האָט דעצידירט בײַם אויפֿקום פֿון פֿראַנקיזם, איז אָבער געווען דערווירטשאַפֿטלעכער מאָמענט. די קאַטאַסטראָפֿאַלע לאַגע פֿון די ייִדן אין פּוילן האָט דעצידירט וועגן דעם נצחון פֿון פֿראַנקיזם אין פּוילן, דאָס איז מודה אַלעקסאַנדער קרויסהאַר, דער מחבר פֿון אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן די פֿראַנקיסטן. [4] „זיי (די פֿראַנקיסטן) זײַנען באַשטאַנען — שרײַבט קרויסהאַר — אויסשליסלעך פֿון קליינהענדלער און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן דורכן אָננעמען דאָס קריסטנטום פֿאַרבעסערט זייער ביז איצט נידעריקן סאָציאַלן מצב. איצט איז זיי מעגלעך געווען אַרויפֿצושטײַגן אויף אַ העכערן געזעלשאַפֿטלעכן שטאַפּל און אַרויסרײַסן זיך פֿון דעם עלנט און נויט, אין וועלכן זיי האָבן ביז איצט געלעבט".

אויך די בקשה פֿון די פֿראַנקיסטן צום העכסטן גײַסטלעכן אין פּוילן, צום פּרימאַס, דעם 16טן מאַי 1759 [5] זאָגט עדות, אַז די אָנהענגער פֿון פֿראַנקן זײַנען אין זייער גרעסטער מערהייט באַשטאַנען פֿון אָרעמע לײַט. אין דער בקשה וואַרפֿן די פֿראַנקיסטן אָפּ די פֿאָרוווּרפֿן פֿון זייערע געגנער, אַז זיי גרייטן זיך צו צום שמד מחמת אָרעמקייט אָבער „גײַציקייט" גלײַכצײַטיק באַקלאָגן זיי זיך אָבער אויף דער נויט פֿון זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבן נישט קיין מעגלעכקייט פֿון עקסיסטענץ. אויך אַן אַנדער דאָקומענט, דער אויפֿרוף פֿון גלח פֿעליקס טורסקי, [6] דאַטירט דעם 1טן מערץ 1760, רעקאָמענדירט די קאָנטער־תּלמודיסטן (אַזוי האָט מען גערופֿן די פֿראַנקיסטן אין די פּוילישע אַקטן) „דער באַרעמהאַרציקייט, מילדהאַרציקייט און גוטסקייט פֿון אַלע גלייביקע אין קריסטוסן".

די פֿראַנקיסטן האָבן לכתּחילה געזוכט צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע אויפֿן וועג פֿון זעלבסטהילף. [7] דעריבער האָבן זיי געשאַפֿן אַ פֿאַרבאַנד פֿון קעגנזײַטיקער הילף, וואָס איז געווען געבויט אויף קאָמוניסטישע יסודות און האָט באַקומען אונטערשטיצונג פֿון גאַנצן לאַנד, אַפֿילו פֿון אויסלאַנד. די נדבֿות, וועלכע מען פֿלעגט זאַמלען פֿאַר די פֿראַנקיסטן, זײַנען אָבער נישט געווען גענוג אויף צו פֿאַרענטפֿערן די משומדים־פֿראַגע. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנדערע אופֿנים און מיטלען: מען האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר פּ ר אָ ד ו ק ט י וו י ז אַ צ י ע, בפֿרט פֿאַר אַ ג ר אַ ר י־ זאַ צ י ע פֿון די משומדים. „מען האָט געגלייבט — שרײַבט דער היסטאָריקער סמאָלענסקי — אַז די געשמדטע ייִדן וועלן אויפֿהערן צו רויִנירן די שטעט אין פֿאַרבלענדן דאָס פֿאָלק און וועלן זיך אַריבערוואַרפֿן צו אַנדערע

מער נוצלעכע באַשעפֿטיקונגען, מען האָט גערעכנט, אַז נאָך דעם ווי זיי זײַנען געוואָרען אַ טייל פֿון נאַציאָנאַלן קערפּער, וועלן זיי נישט אויסזויגן דאָס טײַערסטע בלוט [8] (פֿון די פּויערים)".

די דאָזיקע האָפֿענונגען האָבן אָבער נישט געזאָלט מקוים ווערן, די משומדים האָבן זיך פּונקט ווי די ייִדן פֿאַרנומען מיט זייערע אַלטע באַשעפֿטיקונגען. דעריבער טאַקע באַווײַזן זיך אין דער דעמאָלטיקער פּובליציסטיק שטימען, וואָס פֿאַרלאַנגען צו באַגרענעצן די טעטיקײַט פֿון די פֿראַנקיסטן אויפֿן געביט פֿון שענקערײַ און אַריבערפֿירן זיי צו דער לאַנדווירטשאַפֿט. אַזאַ פֿאָדערונג למשל רוקט אַרויס דער מחבר פֿון דער בראָשור: „אַ בריוו פֿון אַ פֿרײַנד אַ פּאָליאַק", [9] וועלכער וויל די משומדים באַשעפֿטיקן בײַ מלאכה און לאַנדווירטשאַפֿט און פֿאַרווערן זיי צו פֿאַרנעמען זיך מיט הויזירערײַ און האַלטן אין אַרענדע מער ווי איין שענק. אויך דער מחבר פֿון דער בראָשור אד"ט „קאַטעכיזם וועגן ייִדן און משומדים" [10] איז אויפֿגעבראַכט אויף די משומדים, וואָס ווילן זיך נישט נעמען צו לאַנדווירטשאַפֿט: „האָט דען נישט — רופֿט אויס דער מחבר — דער משומד פּלוני בן פּלוני די זעלבע הענט וואָס אַנדערע?... זײַנען זיי דען עפּעס בעסערס ווי מיר? זיי האָבן דאָך נישט קיין הענט פֿון וואַקס אָדער פּוטער?" — ווי עס איז געדרונגען פֿון דעם באַריכט פֿון דעם פּויפּסטלעכן נונציוס סעררראַ, [11] זײַנען געפֿירט געוואָרען אונטערהאַנדלונגען מיט די פּוילישע פּריצים וועגן באַזעצן די פֿראַנקיסטן אין זייערע מאַיאָנטקעס אַלס פּויערים. מען האָט אַפֿילו פּראָיעקטירט צו באַזעצן די משומדים, וואָס שטאַמען פֿון אויסלאַנד [12] (וואָלאַכיע, מאָלדאַוויע און אונגאַרן), אויף ערד אין ליטע, צוליב דעם צוועק האָט מען פֿאַר זיי געזאָלט אויסטיילן אַ געוויסן ערדפֿאָנד פֿון די קיניגלעכע נחלאות.

וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן האָבן געבראַכט אָט די פּרווון צו פּראָדוקטיוויזירן די פּוילישע פֿראַנקיסטן? עס ווײַזט אויס, אַז די אַקציע האָט זיך געענדיקט מיט אַ פֿולן דורכפֿאַל. סמאָלענסקי שרײַבט אַפֿילו, אַז „די משומדים האָבן זיך מיט פֿלײַס געוואָרפֿן צו דער לאַנדווירטשאַפֿט", ער ציטירט אָבער נישט קיין שום מקור, וואָס זאָל באַשטעטיקן זײַן באַהויפּטונג. די מקורים וועלכע זײַנען אונדז באַקאַנט, רעדן עפּעס גאַנץ פֿאַרקערט. [13] די משומדים האָבן זיך געריסן צו דער אַלטער ייִדישער באַשעפֿטיקונג, צו שענקערײַ. אין די מאַיאָנטקעס, פֿון וועלכע מען פֿלעגט דערווײַטערן די ייִדישע אַרענדאַרן און קרעטשמערס, פֿלעגט מען טייל מאָל באַזעצן משומדים. [14] האָבן זיך טאַקע דעריבער געמערט אָנקלאַגעס אויף די משומדישע שענקערס. עס איז אַזוי ווײַט דערגאַנגען, אַז אַ טייל מחברים האָבן פֿאַרלאַנגט מען זאָל פֿאַרווערן די פֿראַנקיסטן צו פֿאַרנעמען זיך מיט שענקערײַ (למשל דער אַנאָנימער מחבר פֿון „דעם פּוילישן שפּיגל פֿאַר דער עפֿנטלעכקײַט").

אין וואַרשע איז די שענקערײַ געווען ממש אַ מאָנאָפּאָל פֿון די־

פֿראַנקיסטן. דערויף קלאָגט זיך „דער קאַטעכיזם וועגן ייִדן און משומדים": „כמעט יעדער משומד — שרייַבט דער „קאַטעכיזם" — האָט אַ שענק, וועלכע ער באַמיט זיך צו דינגען אויפֿן ראָג גאַס. — דער משומד שטייט זיך אַזוי בײַם דורכגאַנג און פֿאַרהאַלט די דורכגייער ער פֿרעגט זיך אויס וועגן זייער געזונט, אין דער אמתן אָבער ציט ער זיי אויף אַזאַ אופֿן אַרײַן אין שענק אַרײַן".

גרויסע צרות האָבן די משומדים געליטן מצד דעם וואַרשעווער מאַגיסטראַט. נישט דערויף האָבן די וואַרשעווע- שטאָטלײַט אַזוי פֿאַרביסן געקעמפֿט פֿאַר זייערע פּריווילעגיעס „דע נאָן טאָלעראַנדיס יודעיס" (וועגן נישט טאָלערירן ייִדן), כּדי אַרײַנצולאָזן אין שטאָט הונדערטער אָדער ווי אַ טייל באַהויפּטן טויזנטער געשמדטע קאָנקורענטן! די הויפּט-באַשעפֿטיקונג, צו וועלכער די משומדים האָבן זיך געריסן מיט אַלע זייערע כּוחות, איז געווען שענקערײַ. דער מאַגיסטראַט האָט אָפּהענגיק געמאַכט דאָס דערלויבן די משומדים צו באַשעפֿטיקן זיך מיט שענקערײַ פֿון באַקומען דאָס שטאָטישע רעכט, וואָס האָט נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן. עס האָט נישט געהאָלפֿן די אינטערווענץ פֿון דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט בײַם שטענדיקן ראַט. עס איז געבליבן, אַז משומדים דאַרפֿן זיך באַמיען וועגן דעם שטאָטישן רעכט און דאָס האָט דער פּרעזידענט צוגעזאָגט צו געבן די פּערזאָנען, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען „מיט מעשׂים טובֿים". [15] אָנקלאַגעס פֿון וואַרשעווער קריסטן קעגן די משומדים, לייענען מיר אויך אין אַן אַנדער דעמאָלטיקן מקור: „די משומדים, די אָנהענגער פֿון פֿראַנקן, נעמען צו די מעגלעכקײַט פֿון עקסיסטענץ" — קלאָגן זיך די וואַרשעווער קריסטן אויף זייערע נײַע גלויבנס-חבֿרים. געמיינט האָט מען דאָ אין דער ערשטער ריי די שענקערײַ, [16] וואָס אין וואַרשע האָבן געשפּילט אין איר די ערשטע פֿידל די פֿראַנקיסטן. [17]

אָט דאָ געפֿינען מיר זיך בײַם קוואַל פֿון דער שׂנאה, וואָס האָט געהערשט לגבי די פֿראַנקיסטן און וואָס איז זייער בולט געקומען צום אויסדרוק בשעת דעם אויפֿשטאַנד. יאָרהונדערטער האָט דאָס וואַרשעווער בירגערטום געקעמפֿט מיט די ייִדן און פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיי די טויערן פֿון דער שטאָט, כּדי זיי דערנאָך אַרײַנצולאָזן אין שטאָט און געבן זיי גלײַכע רעכט אַלס... פֿראַנקיסטן. דער מאָמענט דערקלערט אונדז טאַקע, פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען אַזאַ רײַכע אַנטי-משומדישע ליטעראַטור אין יענער צײַט. די דאָזיקע שׂנאה קעגן די משומדים מצד דעם המון האָבן אויך באַשלאָסן אויסצונוצן קעגן דעם אויפֿשטאַנד די רעאַקציאָנערע, [18] קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן. דאָס אָרגאַניזירן עקסצעסן אַקעגן די משומדים האָט געזאָלט אָפּווענדן די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די ענינים פֿון אויפֿשטאַנד און אַרויסרופֿן אין לאַנד אַ תּוהו ובֿוהו.

עס דוכט זיך, אַז אַ געוויסע ראָלע אין דער שׂנאה קעגן די משומדים [19]

האָט געשפּילט אויך דאָס צו גיכע אַרויסרוקן זיך פֿון איינצלנע פֿראַנקיסטן אויף אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס. די דאָזיקע השערה באַשטעטיקט אין אַ געוויסער מאָס באַרטאָלאָמיי מיכאַלאָווסקי [20] אין זײַנע „מעמואַרן“. „עס איז שוין דעמאָלט געווען — שרײַבט מיכאַלאָווסקי — אַ סך ייִדן, וואָס האָבן געהאַט די זעלבע דערציונג ווי די מיט וועלכע עס שטאָלצירן די קריסטן. נישט זעלטן פֿלעגט מען צווישן זיי טרעפֿן מענטשן באמת געבילדעטע און געלערנטע, וועלכע די עפֿנטלעכע מיינונג האָט נישט צוגעלאָזט צו דער אָרטיקער געזעלשאַפֿט איבער זייער אמונה“.

די דאָזיקע געבילדעטע עלעמענטן בפֿרט פֿון דער הויפּטשטאָט [21] האָבן געזוכט אַ וועג צו דערנעענטערן זיך צו דער פּוילישער געזעלשאַפֿט. דער פֿראַנקיזם אַלס אַ בריק צווישן דעם ייִדנטום און קריסטנטום האָט פֿאַרלײַכטערט דאָס אַרײַנדרינגען פֿון די דאָזיקע עלעמענטן אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט און שפּילן דאָרט אַן אָנגעזעענע ראָלע. די צו גיכע קאַריערע פֿון איינצלנע משומדים האָט מסתּמא געמוזט אַרן געוויסע טיילן פֿון וואַרשעווער קריסטלעכן בירגערטום. אַלס בײַשפּיל וואָס פֿאַר אַ הויכע פּאָזיציע עס פֿלעגן פֿאַרנעמען אַ טייל משומדים, איז דאָ גענוג צו דערמאָנען יאַן דעמבאָווסקי, וואָס איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿון איינעם פֿון די פֿירנדיקע פּערזענלעכקײַטן פֿון דעם פּראָגרעסיוון לאַגער אין פּוילן, פֿון איגנאַצי פּאָטאָצקין. דעמבאָווסקי איז לעבן קילינסקין און דעם גלח מייער געווען איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון אויפֿשטאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין די אַפּריל קאַמפֿן און אָנגעפֿירט די מרידה פֿון פֿאָלק קעגן די צו מעסיקע עלעמענטן פֿון דעם אויפֿשטאַנד. ער איז געווען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער שחיטה פֿון אָנגעזעענע בוגדים און די יוני-טעג, דערפֿאַר איז ער טאַקע פֿאַרמשפּט געוואָרן צו אַ האַלב יאָר תּפֿיסה. דעמבאָווסקי האָט זיך נאָכן אויפֿשטאַנד באַטייליקט אין די נאַפּאָלעאָנישע לעגיאָנען, ווו ער האָט דערגרייכט דעם ראַנג פֿון אַן אָפֿיציר. [22] אַ צווייטער אָנגעזעענער משומד איז געווען יוזעף רזשעמפּאָלוסקי, וואָס האָט געשטאַמט פֿון ווישקאָוו. ער איז געווען אַן אייגנטימער פֿון אַ הויז אויף דער פּיוונע גאַס און פֿון אַ געוועלב מיט בראַבאַנטער סחורה, רזשעמפּאָלוסקי האָט געהערט צו די אָנפֿירער פֿון דער כּוחרישער ברודערשאַפֿט אין וואַרשע [23]. אין אויפֿשטאַנד האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט.

ווי עס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, האָבן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן געפּרוּווט אָרגאַניזירן פּאָגראָמען אַקעגן משומדים. דער אָפֿיציעלער תּירוץ איז געווען: די משומדים גייען האַנט בײַ האַנט מיט מאָסקווע, זיי באַהאַלטן אויס שׂונאים אין די שטיבער, זיי שפּיאָנירן לטובֿת רוסלאַנד וכדומה. קיין באַשטעטיקונג אויף די אַלע פֿאָרוואָרפֿן געפֿינען מיר נישט אין די מקורים. איידער מיר וועלן איבערגיין צו באַשרײַבן דעם פֿאַרלויף פֿון דער אַקציע קעגן די משומדים, וועלן מיר זיך צו ערשט באַקענען מיט די

שפּיאָנאַזש־פּראָצעסן, וואָס זײַנען פֿאַרפֿירט געוואָרן קעגן זיי. מער פֿון אַלץ האָבן מיר מאַטעריאַלן וועגן אַ געוויסן יוזעף מושינסקי,[24] וואָס האָט געשטאַמט פֿון וואָיסלאָוויץ. געוווינט האָט ער בײַ זײַן שוועסטער, דער שענקערין, אויף אָגראָדאָווע.[25] מושינסקי איז געווען אַ שרײַבער בײַ פֿאַרשידענע פּריצים, צווישן אַנדערע אויך בײַ דעם גרינדער פֿון דעם ערשטן פּוילישן טעאַטער, וואָיציעך באָגוסלאַווסקי. לויטן בײַשפּיל פֿון אַנדערע פֿראַנקיסטן איז מושינסקי אַנדערטהאַלבן יאָר געווען מיט זײַן מוטער אין פֿראַנקס רעזידענץ אָפֿענבאַך. פֿון דאָרט איז ער צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע מיט דעם משומד קלעמענס ניעדזשעלסקי. פֿון די ווײַטערדיקע דערקלערונגען פֿון מושינסקי דערוויסן מיר זיך, אַז זײַנע קרובֿים יאַקוב זאַוואַדוקי (אויפֿן קראָקעווער פֿאָרשטאָט) און מאַגדאַלענאַ און אַננאַ מאַטושעווסקי האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט שענקערײַ. מושינסקי איז באַשולדיקט געוואָרן אין געבן עפּעס געהיימע צייכנס מיט אַ שטעקעלע די רוסישע אָפֿיצירן: דאָס געריכט האָט אים פֿאַרהאַלטן אין תּפֿיסה ביזן סוף פֿון אויפֿשטאַנד[26]. קיין באַווײַזן קעגן אים זײַנען בכן נישט געווען.

אַ צווייטער משומד יוזעף גליקזעליק[27] איז אויך באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש, הגם די פֿאַרוואָרפֿן קעגן אים זײַנען געווען זייער ערנסטע, הײַנו: צוטראָגן ידיעות דער רוסישער אַמבאַסאַדע און אָנהאַלטן מיר איר געהיימע פֿאַרבינדונגען. מער קיין שפּיאָנאַזש־פּראָצעסן קעגן די משומדים זײַנען אונדז נישט באַקאַנט.[28] און דאָך האָט מען אין אָנהייב פֿון חודש מײַ אָנגעהויבן פֿירן אַ קאַמפּאַניע קעגן די משומדים. „וואָס האָט דאָס אַזוינס אָפּגעטאָן די קעצישע אמונה? — האָט מען אָנגעהויבן רעדן אויף אַלט שטאָט. „מיר וועלן זיי אויסהרגענען ווי די מאָסקאַלן" — איז מען אַרומגעגאַנגען מיט סטראַשונקעס. אין אַ טייל ערטער איז אויך דערגאַנגען צו עקסצעסן קעגן די משומדים.[29] אַ ביסל שײַן אויף די פּאָגראָם־פּרוּוון קעגן די משומדים וואַרפֿט די דערקלערונג פֿון אַ געוויסן פּאָלינסקי, וואָס איז געווען פֿאַרמישט אין דעם ענין. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן געמלעך באַשלאָסן צו נעמען נקמה פֿאַרן אויפֿהענגען די הויכגעשטעלטע בוגדים דורך פּאָגראָמירן משומדים, יידן און דיסידענטן (קריסטן — פֿון נישט־קאַטוילישן גלויבן). „מען האָט מיר געזאָגט — האָט זיך פֿאַרטיידיקט פּאָלינסקי, אַז די משומדים האָבן געמאַכט דעם טומל (דאָס הענגען די בוגדים). מען דאַרף אײַך אַלעמען (משומדים) אויפֿהענגען (האָב איך געטראַכט). דערווײַלע האָב איך מיט אַ פּיסטויל געשאָסן צו אַ משומד און אַ זאָג געטאָן צו אים: „דו רוצח, דו האָסט אויסבאַהאַלטן בײַ זיך מאָסקאַלן".[30]

סוף מײַ זײַנען ווידער געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פֿון עקסצעסן קעגן משומדים. צוויי פּערזאָנען: דער לאָקײַ אַנטאָני ניעוויאַראָווסקי און דער געוועזענער יעזויִט פֿראַנצישעק קאָסטעצקי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אונ־

טער דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן פונאַנדערגעקלעפּט אויף די ראָגן פון די גאַסן „אויפרופן וואָס רופן אויסצושעכטן די משומדים". ניעוויאַראָווסקי האָט בשעת דער אויספאָרשונג דערקלערט, אַז די פּערזאָן, וועלכע האָט אים איבערגעגעבן די אויפרופן, האָט אים פאַרזיכערט, אַז „דאָס איז אַזוי גוט ווי פון קאַשטשושקאָן, איר אַלע וועט זײַן גליקלעך, אַז דו האָסט ליב קאָשטשושקאָן, טאָ קלעפּ עס אויס אויף די ווענט". ווײַטער האָט ניעוויאַראָווסקי פאַרציילט פאַרן געריכט, אַז ווען דער באַקאַנטער בוגד ראָנאָזשינסקי איז געהאָנגען געוואָרען, האָט ער פאַרן טויט זיך מודה געווען, אַז אַלע שפּיאָנאַזש-מאַטעריאַלן האָט ער באַקומען פון משומדים.[31] אַז ער פלעגט זיי פונאַנדערשיקן איבער שעוקען, דאָרט ווו עס פאַרזאַמלען זיך יינגע לײַט און יוריסטן.[32] בײַ די ווײַטערדיקע פּראָגעס האָט אונדזער לאָקײַ אַפילו געהאַט אַן אייגענע פּראָגראַם, ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די פראַגע פון משומדים: „די יונגע משומדים זאָל מען מאַכן פאַר זעלנער, די אַלטע פאַר מיליטערישע פורמאַנעס און די פרויען פאַר הויזווירטינס". אַ צווייטער באַשולדיקטער, דער געוועזענער יעזויט קאָסטעצקי, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון גאַנצן עסק. די אויפרופן האָט ער געקלעפּט פאַר געלט.[33] דער טעקסט פון דעם אויפרוף איז אונדז נישט באַקאַנט. פון דער אויספאָרשונג איז אָבער צו זען, אַז דאָרט האָט מען אויפגעוואָרפן די משומדים, אַז זיי האַלטן אָן באַציִונגען מיטן רוסישן אַמבאַסאַדאָר איגעלשטרעם, אַז זיי זאָלן האָבן באַקומען פון אים 15 הײַזער. אין דעם אויפרוף האָבן אויך נישט געפעלט קײַן פּערזענלעכע מאָמענטן (אָנפאַל אויפן וואָיט פון זעקסטן צערקל).

די וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אַקציע קעגן די משומדים האָבן זיך באַהאַלטן אין שאָטן. זייערע נעמען זײַנען נישט אַנטפּלעקט געוואָרן בשעת דער אויספאָרשונג. דאָס האָבן אָבער געמוזט זײַן פאַרמעגלעכע מענטשן, מחמת בײַ ניעוויאַראָווסקין האָט מען געפונען אַ באַדײַטיקע געלט סומע און ער האָט נישט געקענט אויפקלערן, פון וואַנען ער האָט זי גענומען.[34] ניעוויאַראָווסקי איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ יאָר תפיסה און 50 שמיץ בײַם אַרײַנגיין און אַרויסגיין פון דער תפיסה. קאָסטעצקי האָט באַקומען 3 חדשים תפיסה און 25 שמיץ בײַם אַרײַנגיין און אַרויסגיין פון דער תפיסה.

הערות:

1 די צאָל פֿראַנקיסטן איז שווער פֿעסטצושטעלן. קרויסהאַר גיט אין זײַן אַרבעט Frank i frankiści polscy (1726—1816), Kraków 1896, I. p. 208 — 500 פֿראַנ־קיסטן, וואָס האָבן אין די יאָרן 1759-60 אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן אין לעמבערג. די גלחים אַוועדיק און פּיקולסקי, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער פֿראַנקיסטן-פֿראַ־גע אין פּוילן, פֿאַרציילן אין אַלגעמיין, אַז עס זײַנען געווען טויזנט פֿראַנקיסטן אין לאַנד. (קרויסהאַר I. 208). Katechizm o Żydach i neofitach (וואַרשע 1790) האָט אָנגע־ציילט בלויז אין וואַרשע עטלעכע טויזנט פֿראַנקיסטן. די ציפֿער ווײַזט מיר אָבער אויס צו זײַן אַ גרויסע גוזמא.

2 אַקעגן דעם סעפּעראַטיזם פֿון די פֿראַנקיסטן טרעטן אַרויס אַ גאַנצע ריי מחברים, ווי למשל דער מחבר פֿון („Zwierciadło polskie dla publiczności" (וואַרשע 1790) קלאָגט זיך: „ניסים דאַרף מען האָבן, אַז פֿון זיי (די משומדים) זאָלן ווערן אָרנטלעכע מענטשן. זיי היטן שבת און עסן קוגעל". אויך דער אַנאָנימער מחבר פֿון דער בראָשור: Pasałyk pod imieniem Ćwika na jestestwo dawniej nieużyteczne sporządzony (1790) שרײַבט: „קיינער פֿון אונדז ווייסט אָבער ניט ווו זיי האָבן זיך געשמדט; ווו זיי זײַנען מקבר זייערע מתים, ווו זיי האָבן חתונה. טײַערע לעזער! טרעפֿט, וועמען איך שעלט דאָ, צי איז דאָס אַ האָן, אַ הון, אַ הינדל אָדער אַן איי". די אייגנאַרט פֿון די פֿראַנקיסטן איז פֿאַרבליבן ביז צו דער העלפֿט 19טן י"ה. וועגן דעם האָט אין די 50-ער יאָרן פֿון 19טן יאָר ה' געשריבן קלעמענס פּרזשעזאַר אין דער בראָשור: Kwestja reformy Żydów (לײַפּציק 1854), ז' 44 אַט וואָס: „דאָס שליסן שידוכים דורך די געשמדטע משפּחות צווישן זיך שאַפֿט פֿון זיי אויב נישט קיין אייגענע געזעל־שאַפֿט, איז על כּל פּנים אַן אייגענע גרופּע".

כּדי אָפּצושאַפֿן די אייגנאַרטיקייטן פֿון די משומדים, אָפּשיידן זיי פֿון ייִדן און פֿאַרבינדן זיי מיט דער קריסטלעכער וועלט, ווערט פּראָיעקטירט צו פֿאַרווערן די משומדים אָנצוהאַלטן וועלכע עס נישט איז פֿאַרבינדונגען מיט ייִדן. אַזוי למשל באַשטימט וועגן ייִדן דער געזעץ פּראָיעקט פֿון דעם געוועזענעם קאַנצלער זאַמאָיסקי, וואָס איז אַרויס אין 18טן י"ה: „אַ געשמדטער ייִד, אַ ייִדישע פֿרוי טאָרן אונטער קיין שום באַדינג נישט פֿאַרקערן מיט ייִדן, אויב זיי מוזן זיך דווקא זען מיט אַ ייִדן, זאָל דאָס געשען אין בײַזײַן פֿון אַ קריסט. פֿאַר עובֿר זײַן דערויף קומט אַ וואָך תּפֿיסה פֿאַרן משומד און אַ חודש פֿאַרן ייִד". (ציטירט בײַ W. Smoleński, : Stan i sprawa Żydów etc).

אַן ענלעכע פֿאַראָרדענונג האָט אַרויסגעגעבן אין דער לעמבערגער פּראָווינץ דער אַרציביסקופּ קאָביעלסקי. אין פּונקט 10 פֿון זײַן פֿאַראָרדענונג פֿאַרווערט ער די ייִדן צו פֿירן שמועסן מיט משומדים. אַ קהילה, וואָס וועט זיך דערוועגן אָנצונעמען צוריק אַ משמד, וועט פֿאַרקלאָגט ווערן פֿאַרן טריבונאַל. Dr. N. M. Gelber: Epizody z dziejów Żydów w Brodach (Moriah) XI, 1913, nr. 51.

3 S. Dubnow VII, p. 203, 198, האַלט, אַז די רדיפות מצד די רבנים זײַנען געווען איינע פֿון די סיבות, וואָס האָבן געשטויסן די פֿראַנקיסטן צום קאַטוילישן גלויבן:
Den durch den Cherem auch wirtschaftlich in die Enge getriebenen, ihrem Volke fluchenden und von ihm verfluchten Sektierern blieb nur noch eine einzige Zufluchtsstätte übrig, die katholische Kirche.

4 Frank i frankiści polscy I, p. 211

5 Frank etc. I, p. 140

6 Frank etc. I, p. 205

7 Frank etc. I, p. 113

8 Smoleński: Stan i sprawa Żydów polskich w wieku XVIII, Warszawa 1876, p, 247

9 Smoleński, p. 265

10 Katechizm etc. p. 9

11 Kraushaar I, p. 168

12 Kraushaar I, p. 171

13 Zwierciadło polskie etc. באַשולדיקט די משומדים, אַז „זיי האַלטן שענקן, פֿירן מכּחרים אין די שטעט, צוליב רווחים פֿעלשן זיי די משקאות“.

14 ד"ר ר. מאַהלער „די סטאַטיסטיק פֿון די ייִדן אין לובלינער וואָיעוואָדזטווע“ (1764) — 65 (יונגער היסטאָריקער II, 1929) גיט אָן, אַז אין די רשימות פֿון קאָפּ־שטײַער אין דעם שטעטל פּיוסק (אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט) איז פֿאַראַן אַ צושריפֿט פֿון די באַאַמטע, אַז אין 9 דערפֿער, וואָס געהערן צום קהל אין פּיוסק, „זײַנען פֿריער געווען ייִדן, איצט זײַנען דאָרט דאָ קאָנטראַתלמודיסטן (ד"ה פֿראַנקיסטן) אין די קרעטשמעס“.

15 Zbiór Popielów, nr. 26, Regestra Rady Nieustającej (VII) 1775.

16 O prawach konfraterniom i cechom po miastach erygowanym służących, o potrzebie i użyteczności onych (Zbiór Popielów nr. 205) אויך אין יאָר 1790 האָבן זיך אָנגעזאַמלט כּמאַרנעס איבער די קעפּ פֿון די משומדים. וועגן דעם זאָגט עדות אַ בריוו פֿון אַ משומד לוטינסקי (פֿון 29.XI. 1790) צום קיניג, אין וועלכן ער דריקט אויס די מורא, „אַז אויף דעם כּיים זאַל, נישט אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס צום שאָדן פֿאַר זייערע פּריווילעגן“. אין דעם ענטפֿער פֿון 7.XII, 1790 באַרויקט אים דער קעניג „אַז עס וועט גאָרנישט געשען“. (Sumarjusz papierów królewskich Zbiór Popielów nr. 331)

17 אין דער בקשה פֿון די פֿראַנקיסטן צום פּרימאַס, דאַטירט דעם 16טן מײַ 1759, שרײַבן זיי צווישן אַנדערע זאַכן; „מיר רעכענען, אַז פֿון הײַנט אָן וועט קיינער פֿון אונדזערע נישט באַזעצן זיך אין קרעטשמעס און זוכן ברויט דורך פֿאַרשפּרייטן שכּרות און דורך אויסזויגן קריסטלעך בלוט, צו וואָס די תּלמודיסטן (ד"ה די ייִדן) זײַנען געוויינט, בײַ זיי מעג מען אויך באַשווינדלען“ (Kraushaar I, p. 141).

18 וועגן דעם, אַז שענקערײַ איז געווען די הויפּט־פּרנסה פֿון די וואַרשעווער משומדים פֿאַרמאָגן מיר אויך אַנדערע מקורים. צ"ב לייענען מיר אין אַ באַריכט פֿון דעם

באַמטן פֿון משקות-אָפּצאָלן (czopowe) וו. קאַזלאַווסקי פֿון די 90-טער יאָרן, אַז
„יעדער פֿון די וואָס מיסחרן (מיט בראַנפֿן), באַזונדערס די משומדים און יידן, פֿירן אַרײַן
געהיים דורך פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿאַרשיידענע סחורות און משקאות און די אַרײַנגעפֿירטע
באַמיען זיי זיך אויסצובאַהאַלטן - Memoriały do Komisji Skarbu Koronnego)
nr, 44). אין די אַרכיוו-מאַטעריאַלן האָב איך אָנגעטראָפֿן די ווײַטערדיקע משומדים-שענ-
קערס אין וואַרשע: דאָמיניק ברזשעשינסקי אַ שענק אויף נײַע-וועלט (Arch. Król,
Pol. 237. 1694), יאַקוב קאַמינסקי (ווי אַ ייִד האָט ער געהייסן יאַנקל יודקאָוויטש) האָט
געהאַנדלט מיט בראַנפֿן (Oblaty grodu warszawskiego nr. 19, 1784). בײַם
משומד, דעם שענקער פּיאַסעצקי האָט געאַרבעט ווי זײַנער אַ געהילף זעלמאַן שמולעוויטש
פֿון דובנע, „וועלכער ווערט באַנוצט צום אָנגיסן די פֿעסלעך דורך פּיאַסעצקין און אַנדע-
רע משומדים' (Jurysdykcja marsz. Nr. 65, r. 1779). די משמדת מושינסקאַ האָט
געהאַט אַ „הײַזל" און אחוץ דעם באַשטעפּטיקט זיך מיט שענקערײַ (Arch, Król. Pol,
237, r. 1794).

19 אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם אַנטאַגאַניזם געפֿינען מיר אין פּוילישן פֿאָלקלאָר:
„אַ געשמדטן ייִד איז נאָר צו דערטריקן", „אַ געשמדטער ייִד און אַ געבאַוועטער וואָלף
גייען איין וועג", „אַ געשמדטער ייִד, אַ געצווונגענער דינער, אַ געבאַוועטער וואָלף, אַ גע-
וואַשענער פּעלץ — זײַנען ווערט דעם טײַוול", „אַ געשמדטער ייִד, געגנבֿעטער באַראַן,
אַ געבעטענער פּויער — גייען איין וועג". (Bystroń: Przysłowia polskie 1933; Wisła
I, 1899, p 764. 767)

20 Pamiętniki Bartłomieja Michałowskiego r 1786—1815, Warszawa 1857,

21 חוץ אָרעמע לײַט האָבן זיך צום פֿראַנקיזם געריסן אויך אויפֿגעקלערטע עלטע-
מענטן, וועלכע עס איז צו ענג געווען אין דער יידישער סבֿיבֿה. וועגן דעם זאָגן עדות די
מעמואַרן פֿון דעם גראַף פֿרידעריק סקאַרבעק (פּויזן 1874, ז' 5). „פֿאַר מיר – שרײַבט
סקאַרבעק וועגן זײַנע יונגע יאָרן — האָט מען געבראַכט (קיין איזביץ) אַ פּעדאַגאָג פֿון
וואַרשע, צווישן די פֿראַנקיסטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן און
וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט בלויז מיט אַ שיינער, פֿראַנצייזישער אויסשפּראַך און מיט
שפּילן אויף אַ פֿידל".

22 Akty powst. Kośc. I, XXV; Smoleński: Pisma histor. II, p. 389; (Pamiętniki czasów moich, Lipsk 1863
p. 163): וועגן דעמבאָווסקין, שרײַבט ניעמצעוויטש: „דער המון וואָס איז (אין חודש יוני אין וואַרשע) אונטערגעהעצט געוואָרן דורך
פֿאַרבלענדטע עלעמענטן און... דורך אַ ייִד, וואָס האָט אָנגענומען דעם נאָמען דעמ-
באָווסקי"...

23 Smoleński: Mieszczaństwo warszawskie, p. 21.

24 דער באַריכט פֿון דער אויספֿאָרשונג פֿון V/23 (Metr. lit. VII, 176, P. 16.
וועגן דער שׂנאה פֿון וואַרשעווער בירגערטום צו די משומדים קען מען זיך איבערצײַגן
פֿון דעם באַשלוס פֿון דעם צײַטווײַליקן ראַט פֿון VI/20 וועגן פֿאַרזיגלען די בראַנפֿן-

לאגערס פון די משומדים און וועגן פארווערן זיי צו האלטן שענקן (Arch. Król. Pol. 290, p. 16.

25 Metr. lit. VII, 177, p. 13; Arch. Król. Pol. 247, 13/VI.

26 דארט

27 Arch. Król. Pol. 254, p. 220 - גליקזעליקס ביאגראפיע איז זייער אן אינטערעסאנטע. ער האט געשטאמט פון מערן. ביז 20 יאר געלערנט חומש, אריטמעטיק און שרייבן דייטש. „אזוי ווי אים האט געעקלט דער עסטרייכישער דעספאטיזם", איז ער נאכן אפשמדן זיך געקומען קיין פוילן. אין ווארשע איז ער געווען א שענקער, אזוי ווי ער האט אבער אנגעזעצט, איז ער געפארן קיין ווין, וו ער האט געלעבט פון געבן לעקציעס פון העברעיש. דארט האט ער זיך אויסגעלערנט צו מאכן פערפומען. ער איז נאך א מאל געקומען קיין פוילן, אפגעצאלט אלע חובות און געווארן א שרייבער ביים גראף הארם, דערנאך ביים זון פון וואיעוואדע פאנינסקי און שפעטער א לערער פון העברעיש ביים געוועזענעם שטולהאר מאשינסקי. שפעטער איז ער אין משך פון 3 יאר קראנק געווען, נאכן געזונט ווערן האט ער אנגענומען דעם אמט פון שרייבער ביים מינץ-אינספעקטאר יאבלאנאווסקי, און דערנאך ביים וואלינער וואיעוואדע הולעוויטש. פון שרייבערײַ האט ער געמאכט א שפרונג צו גאלאנטעריע, וועלכע ער האט צוגעשטעלט רוסישע אפיצירן אויף קרעדיט. ער איז אויך געווען א ביסל פארמישט אין אן אפערע פון פעלשן וועקסלען.

28 לויט קיטאוויטשן (Dzieła historyczne ks. J. Kitowicza I, 246) איז אין יוני צוזאמען מיט אנדערע הויכגעשטעלטע פארדעטער געהאנגען געווארן דער משומד קאבילאנסקי.

29 Tokarz: Warszawa za rządów Rady Zastępczej Tymczasowej -- Biblioteka Warszawska, 1911, t. IV, z. 2)

30 Metr. lit. VII. 188

31 Metr. lit. VII. 188, p. 77

32 Metr. lit. VII. 188, p. 104, V/30 די אויספארשונג פון

33 Metr. lit, VII, 188, p. 81; 28/VI

34 Metr. lit. VII, 188, די אויספארשונג פון 18טן און 20טן יוני

35 Metr. lit. VII 169, p. 68; Akta Wydziału Bezpieczeństwa Nr. 1805 Biblioteka Zamojskich, p. 19

רעזומע

מיר זײַנען בײַם סוף פֿון אונדזער אַרבעט וועגן דעם אָנטייל פֿון די ייִדן אין דעם קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד. מיר האָבן אַנאַליזירט די דעמאָלטיקע לאַגע פֿון די ייִדן אין פוילן, בפֿרט אין וואַרשע, און זײַנען געקומען צום אויספֿיר, אַז אויפֿן פֿאָן פֿון די עקסיסטירנדיקע פאָליטישע און ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען איז נישט געווען קיין באָדן פֿאַר טיפֿע סימפאַטיעס מצד די פוילישע ייִדן צום אויפֿשטאַנד, בפֿרט פֿאַר זייער אָנטייל אין די צוגרייט־אַרבעטן צום אויפֿשטאַנד. מיר האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז דער טרויעריקער מצבֿ פֿון די וואַרשעווער ייִדן, וואָס איבער זייערע קעפּ האָט שטענדיק געהאָנגען די דאַמאָקלעס־שווערד פֿון אַ גירוש, האָט זיך ערבֿ דעם אויפֿשטאַנד שטאַרק פֿאַרערגערט. דאָס איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אין דער צײַט פֿון פֿיריאָריקן סיים זײַנען געוואַקסן די השפעות פֿון בירגערטום פֿון גאַנצן לאַנד און בפֿרט פֿון דער הויפטשטאָט. דאָס האָט ערבֿ דעם קאָשטשושקאָ־אויפֿשטאַנד געשאַפֿן פֿאַר די וואַרשעווער ייִדן אַ מצבֿ ממש נישט צו דערטראָגן. דער שווערער מצבֿ פֿון די ייִדן אין דער הויפטשטאָט האָט נישט געקענט בלײַבן אָן ווירקונג אויף דער באַציִונג פֿון די ייִדן אין פוילן צום אויפֿשטאַנד, בפֿרט אַז שוין דעמאָלט האָט די הויפט שטאָט געמוזט האָבן אַ השפעה אויף די פראָווינצער ישובֿים.

דער נידעריקער מצבֿ פֿון דער פאָליטישער אויפֿקלערונג פֿון די פוילישע ייִדן, וואָס בראש פֿון זיי איז געשטאַנען אַ קליין הײַפֿל אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געקראָגן זייער בילדונג אין אויסלאַנד און זײַנען ווייניק געווען צוזאַמענגעוואָקסן מיטן לאַנד, האָט אויך נישט געקענט ווירקן גינסטיק אויף די סימפאַטיעס פֿון די ייִדן צום אויפֿשטאַנד.

די דערמאָנטע נעגאַטיווע מאָמענטן האָבן אָבער אַנטקעגנגעווירקט אַנדערע פֿאַקטאָרן. דאָס זײַנען געווען די דעמאָקראַטישע טענדענצן פֿון דעם אויפֿשטאַנד און די באַמיִונגען פֿון זײַנע פֿירער צו געווינען פֿאַרן אויפֿשטאַנד אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מיעוטים און אויך די אונטערדריקטע סאָציאַלע שיכטן דורך צוזאָגן צו פֿאַרבעסערן זייער מצבֿ און

אויסגלײַכן זיי אין זייערע רעכט מיט די פּריווילעגירטע שיכטן. אַ גאַר וויכטיקער פֿאַקטאָר איז געווען די שׂנאה פֿון די ייִדישע פּאָלקסמאַסן צו רוסלאַנד, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט איר נישט - טאָלעראַנטער פּאָליטיק לגבי ייִדן, פֿון די שחיטות און הריגות פֿון די קאָזאַקן אין די אַמאָליקע און די גאַנץ נאָענטע צײַטן (די שחיטות פֿון גאַנטע און זשעלעזניאַקן). אויך די פֿון יאָרהונדערטער אײַנגעוואָרצלטע טראַדיציע פֿון פּוילישע ייִדן צו באַטייליקן זיך אין די פּאַרטיידיקונגס-שלאַכטן, וואָס פֿלעגן פֿאַרקומען אין זייערע ווינערטער אָדער אין דער נאָענטסטער געגנט, האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם אַרײַנציען די ייִדן אין דער אַרבעט פֿאַרן אויפֿשטאַנד.

וואָס שייך דעם אָנטייל פֿון די ייִדן אין די קאַמפֿן, וועלכע זענען געפֿירט געוואָרן דורך דער רעגולערער אַרמיי, איז ער נישט געווען קיין באַדײַטיקער, הגם עס זײַנען געווען אַ טייל וואָיעוואָדשאַפֿטן, וואָס האָבן ייִדן גערופֿן צום מיליטער-דינסט אין דער רעגולערער אַרמיי. די סיבות דערפֿון איז נישט שווער צו געפֿינען דערין, וואָס עס האָבן געפֿעלט מיליטערישע טראַדיציעס בײַ די פּוילישע ייִדן, וועלכע זײַנען אין אַלטן פּוילן נישט געווען מחויב צו טון מיליטער-דינסט אויסער זייער שטאָט. אַקעגן איז דער אָנטייל פֿון די ייִדן אין די לאָקאַלע קאַמפֿן, ווי למשל אין דעם באַפֿרײַונגס-קאַמף פֿון וואַרשע אין אַפּריל, אין די קאַמפֿן מיט די רוסן אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט אין די רייען פֿון אַלגעמיינעם אויפֿהייב, אין די שטאָטישע מיליצן — געווען זייער אַ באַדײַטיקער.

דער שענסטער אויסדרוק פֿון דעם ייִדישן אָנטייל אין די לאָקאַלע פּאַרטיידיקונגס-קאַמפֿן איז געווען דער פּולק פֿון בערעק יאָסעלעוויטש, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט בעת דער לעצטער שלאַכט אין וואַרשע און פּראַגע.

זייער אָנזעעוודיק איז געווען די ראָלע פֿון ייִדן אין די פֿאַרשיידענע מיליטערישע הילפֿסאַרבעטן. די ייִדן גיבן וויכטיקע הילף בײַם אויסשפּיר-דינסט פֿון דער פּוילישער אַרמיי. ייִדן זײַנען אין די טויזנטער באַשעפֿטיקט בײַ די באַפֿעסטיקונגס-אַרבעטן אַרום די שטעט, גראָבן שוצגרובנס, שאַנצן כדומה. אָן דער הילף פֿון ייִדישע ליווראַנטן איז זיך שווער פֿאַרצושטעלן די באַזאָרגונג פֿון דער אַרמיי מיט מונדירן, מיליטער - מכשירים, כּלי-זיין, אַמוניציע וכדומה. זייער אַ וויכטיקע אַרבעט האָבן אויך געטאָן די ייִדישע בעלי-מלאכות.

זייער גרויס איז אויך געווען די פֿינאַנציעלע הילף פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די כּלערליי אַלגעמיינע שטײַערן, אָפּצאָלן, „נדבֿות“, צושטײַערס אין נאַטור, וועלכע די ייִדן האָבן אַרײַנגעטראָגן צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, ווײַטער די ספּעציעל ייִדישע שטײַערן ווי דער קאָפּשטײַער און טאָגצעטל אין וואַרשע, האָבן געשטאַרקט די פֿינאַנצן פֿון מלוכה-אוצר. די רעקוויזיציעס און די אומגעהײַערע קאָנטריבוציעס האָבן

זייער שטאַרק רויִנירט די ייִדישע באַפֿעלקערונג, וועלכע האָט נאָך אַ חוץ דעם געליטן פֿון דעם קריזיס און שטילשטאַנד איןווירטשאַפֿטלעכן לעבן.

נעמענדיק אין אַכט, אַז די פּראָקלאַמירונגען פֿון די אויפֿשטענדישע ספֿערעס און אויך די פּרעסע, די מעמואַרן און אַנדערע מאַטעריאַלן רעדן מיט אָנערקענונג וועגן דער באַטייליקונג פֿון די ייִדן אין דעם אויפֿשטאַנד, קענען מיר רעזומירן, אַז די ייִדישע פֿאָלקסמאַסע האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צום אויפֿשטאַנד. עס קען אויך געזאָגט ווערן, אַז לויט זייערע כּוחות און מעגלעכקייטן, זייער פּאָליטישן און קולטורעלן מצבֿ, זייערע טראַדיציעס וכדומה האָבן זיי געשטיצט דעם אויפֿשטאַנד הן מיט געווער אין דער האַנט הן דורך די וויכטיקע הילפֿס־דינסטן.*

* אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צווישן דער שטעלונג פֿון די ייִדן צום אויפֿשטאַנד קען מען אַדורכפֿירן מיט דער שטעלונג פֿון פּויערטום. „אויף וויפֿיל — שרייבט פּראָפֿ. מאַ-קאָווש (Żołnierze Kościuszkowscy, p. 15) — מיר וועלן צו דעם מאָראַלישן מאָמענט, וועלכן עס האָבן געשאַפֿן דער אַפֿילו נישט באַדייטיקער אָנטייל פֿון פּויער אין קאַמף, צו-רעכענען די דינסטן, וועלכע ס׳האָט געטאָן דער אַלגעמיינער אויפֿהייב אין דעם גאַרניזאָן-גרענעץ-טראַנספּאָרט-דינסט, ווער וועט קאָנען זאָגן, אַז די האָפֿענונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויפֿן פּויער, זײַנען נישט מקוים געוואָרן". די דאָזיקע ווערטער קען מען זייער לײַכט אָנווענדן צו די פּוילישע ייִדן. דערבײַ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די דאָזיקע ענלעכ-קייט איז נישט קיין צופֿעליקע. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען וועגן דער געזעלשאַפֿטלעכער שטעלונג פֿון ייִד און פּויער, כּדי צו פֿאַרשטיין, אַז ענלעכע באַדינגונגען רופֿן אַרויס אויך ענלעכע רעזולטאַטן.

הוספה

די ליטווישע ייִדן בשעת דעם אויפֿשטאַנד

ווי עס איז שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דער הקדמה, האָבן מיר דאָ נישט בדעה אויספֿירלעך צו באַהאַנדלען דעם אָנטייל פֿון די ליט־ווישע ייִדן אין דעם קאָסטשושקאָ־אויפֿשטאַנד. אַזאַ אַרבעט פֿאָדערט אַ ספּע־ציעלע אויספֿאָרשונג אין די געהעריקע אַרכיוון פֿון ווילנע און אַנדערע שטעט. איך וועל זיך דעריבער באַגרענעצן מיט די אַלע פּרטים וועגן די ייִדן אין דעם ליטווישן פֿירשטנטום, וועלכע עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צונויפֿצוזאַמלען אין די אַרכיוון פֿון וואַרשע אָדער אין געדרוקטע מאַ־טעריאַלן.

פּונקט ווי בנוגע די פּוילישע ייִדן, אַזוי האָבן זיך אויך בנוגע ליט־ווישע ייִדן געפֿינען אייניקע היסטאָריקער, וואָס האָבן אַרויסגעדרונגען אַל־געמיינע מסקנות וועגן זייער באַציִונג צום אויפֿשטאַנד נאָר אויפֿן יסוד פֿון איינצלנע פֿאַקטן. קאָרזשאָן [1] שרײַבט וועגן די ליטווישע ייִדן אָט וואָס: „אין ליטע האָבן זיי זיך צוגעצויגן די גענאָד פֿון רוסישן מיליטער־פֿירער פֿירשט רעפּנין, וועלכער האָט אין אַן אַמטלעכן אויפֿרוף צום מינסקער גו־בערנאַטאָר (ניעפּלייעוו) געשריבן וועגן גראָדנער קהל: „אַלע היגע ייִדן האָבן לחלוטין נישט מיטגעפֿילט מיטן בונט, וואָס איז געווען אין פּוילן. פֿאַרקערט מיט פֿלײַס האָבן זיי אונדז געטאָן טובֿות“. די זעלביקע מיינונג האָט אויך אויסגעדריקט דער פֿאָרשער פֿון ליטווישן פֿירשטנטום הענריק מאָשציצקי [2]. זייער ריכטיק שרײַבט וועגן דעם פּנחס קאָן: [3] „צו די ידיעות, וואָס שטאַ־מען פֿון די רוסישע מקורים, דאַרף מען זיך באַציִען מיט גרויס אָפּגעהיט־קייט און באַוואָרעניש איבער פֿאַרשיידענע טעמים. בכל אופֿן קענען זיי נישט זײַן קיין יסוד צו מאַכן אַלגעמיינע אויספֿירן“. מען דאַרף זיך משער זײַן, אַז רעפּנינען איז געגאַנגען אין דערווײַזן פֿאַר דער וועלט, אַז דער קאָסטשושקאָ־אויפֿשטאַנד האָט נישט געהאַט די סימפּאַטיעס פֿון אַנדערע פֿעלקער, וואָס באַוווינען פּוילן.

פּנחס קאָן [4] האָט אין זײַן אַרבעט, וואָס איז נישט לאַנג פֿאַרעפֿנט־

לעכט געוואָרן, אַנטדעקט אַ ייִדישן דאָקטער פֿון ווילנע מיטן נאָמען ד״ר שלמה פּאָלאָנוס, וואָס האָט אין ווילנע אַנטוויקלט זייער אַ רירעווודיקע טעטיקייט בשעת דעם קאָשטשושקאָ-אויפֿשטאַנד. זײַן רעדע צו די ווילנער ייִדן, געהאַלטן דעם 17טן מײַ, זיי זאָלן צושטיין צום אויפֿשטאַנד. איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דרוק אין דער פּוילישער שפּראַך. מיר וועלן זיך אויף דעם אינהאַלט פֿון דער רעדע נישט אָפּשטעלן, מחמת זי איז וואָרט־ווערטלעך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך פּ. קאָן און געהעריק באַלויכטן געוואָרן. די דאָזיקע רעדע, ווי בכלל די גאַנצע טעטיקייט פֿון ד״ר פּאָלאָנוס, זאָגן עדות אויף די סימפּאַטיעס פֿון די ווילנער ייִדן לטובֿת דעם אויפֿשטאַנד. ווי אַ צווייטער באַווײַז קען אונדז דינען די שאַפֿונג פֿון „אַ דעפּוטאַציע אײַנצואָרדענען די ייִדישע באַפֿעלקערונג״. וואָס האָט געאַרבעט פֿאַר „דער טובֿה און גליק פֿון די ייִדן״. די דעפּוטאַציע — שרײַבט פּאָלאָנוס — „וויל זען ווי צום גיכסטן פֿרוכטן פֿון איר גרייטוויליקער אַרבעט און זי פֿירט אויך צו נוציקייט, אָרדענונג און זיסער האַרמאָניע. כּדי איר זאָלט קענען אַרײַנגערעכנט און פֿאַרייניקט ווערן מיטן גאַנצן פֿאָלק אונטערן רוף פֿון גלײַכהייט״. די שאַפֿונג פֿון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פֿאַר ייִדישע ענינים זאָגט בפֿירוש עדות דערויף, אַז מען האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע און צוטרוי צו דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און געפֿלײַסט זיך זי צו געווינען פֿאַרן אויפֿשטאַנד.

כּדי דאָס לעצטע צו דערגרייכן, האָט די אויפֿשטאַנדישע מאַכט דעלעגירט ספּעציעלע קאָמיסאַרן, [5] וואָס האָבן גערופֿט אָפּנעמען פֿון די ייִדן אַ שבֿועה פֿון געטרײַשאַפֿט פֿאַרן אויפֿשטאַנד און גלײַכצײַטיק האַלטן אַגיטאַציע־רעדעס אין די שולן. עס זײַנען אויפֿגעהיט געוואָרן אינסטרוקציעס, וואָס אַנטהאַלטן דעם אינהאַלט פֿון די רעדעס אין די שולן. אויפֿן ערשטן אָרט ווערט אין די אינסטרוקציעס אונטערגעשטראָכן די סכּנה, וואָס לויערט אויף די ייִדן אין פֿאַל פֿון רוסלאַנדס זיג. דער דאָזיקער מאָמענט, ווי מיר דערמאָנען זיך, ווערט אויך שטאַרק אונטערגעשטראָכן אין ד״ר פּאָלאָנוסעס רעדע. די אינסטרוקציעס פֿאָדערן אויף די ייִדישע באַפֿעלקערונג צו באַשטײַערן זיך מיט געלט אָדער אין נאַטור לטובֿת דעם אויפֿשטאַנד.

אַפֿילו די עקזעקוציע פֿון איינצלנע ייִדישע שפּיאָנען פֿלעגט מען אויסנוצן פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. אַזוי צ״ב מעלדעט די ווילנער פּרעסע, [6] אַז פֿאַרן אויספֿירן דעם טויט־אורטייל איבער צוויי ייִדישע שפּיאָנען האָט דער סענדיק געהאַלטן אויפֿן שולהויף אַ רעדע, אין וועלכער „ער האָט גערימט די גערעכטיקייט פֿון אורטייל״. דער סענדיק האָט ווײַטער פֿאַרמשפּט די דאָזיקע לאַנדסלײַט זײַנע, וואָס פֿאַרראָטן אומפֿאַרשעמט פֿאַר געלט דאָס גוטע לאַנד, וואָס דערנערט זיי זינט אַזוי פֿיל יאָרן, ער האָט אויפֿגעמוטערט די גרויסע מחנות מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן עקזעקוציע־פּלאַץ, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַפֿלעקן מיט אַן ענלעכן פֿאַרברעכן

און אַז זיי זאָלן דאַנקבאַר זײַן פֿאַר די טובֿות, פֿון וועלכע זיי געניסן אונטער דעם שוץ פֿון דער גוטער לאַנד־רעגירונג״.

פונקט ווי אין וואַרשע, האָט מען אויך אין ג ר אָ ד נ ע רעאָרגאַניזירט דעם קהל אויף דעם פֿאַרלאַנג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און צוקאָאָפּטירט אַ גאַנצע ריי פערזאָנען, „וועלכע זאָלן צוזאַמען מיטן קהל העלפֿן צו געווינען די בירגער דורך זייער בײַשפּיל, זיי זאָלן טון גוטס פֿאַרן פֿאָטערלאַנד און בכדי זיי זאָלן אַנדערע נישט באַוווסטזיניקע אויפֿקלערן וועגן גליק, וואָס עס וועט זיי ברענגען דער זיג פֿון פֿאָטערלאַנד״.[7]

צוזאַמען מיט דער איבעריקער באַפֿעלקערונג האָט מען אויך אויף די ליטווישע יידן אויסגעשפּרייט דעם חובֿ צוצושטעלן ר ע ק ר ו ט ן אין נ אַ ט ו ר, ד״ה אָן אויסקויפֿגעלט. אַזוי צ״ב האָט מען דעם גראָדנער קהל באַפֿוילן אומצוקערן דאָס רעקרוטן־געלט, וואָס די יידן האָבן שוין געהאַט אַרײַנגעטראָגן, און געהייסן צושטעלן רעקרוטן: פֿוסגייער און רײַטער. די אָרדענונגס־קאָמיסיע מאָטיווירט איר באַשלוס מיט פּרינציפּיעלע טעמים, הײַנו מיט דעם גלײַכן חובֿ פֿון אַלע אײַנוווינער צו פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד און אויך מיט דער מורא פֿאַר דער אַנטפֿעלקערונג („דעפּאָפּולאַציע״) פֿון די שטאָטישע אײַנוווינער.[8] אין אַ וואָך נאָך דער דאָזיקער פֿאַראָרדענונג האָבן 7 גראָדנער יידן[9] אויף פֿערד (יידישע קוימענס זײַנען געווען אין גראָדנע 356 און פֿון יעדע 50 קוימענעס האָט מען געדאַרפֿט שיקן 1 רײַטער) זיך געמאָלדן אין לאַגער פֿון גענעראַל יעלסקי, כּדי צו דינען דאָרט ווי שפּיאָנען. אינטערעסאַנט איז די באַוואָרענונג פֿון דער גראָדנער אָרדענונגס־קאָמיסיע, „אַז ווען די 7 יידן וועלן זיך אומקערן פֿון לאַגער פֿון גענעראַל יעלסקי, דאַרפֿן זיך די זעלביקע אָדער אַנדערע אויף זייער אָרט מעלדן צום רעגולערן מיליטער״. אויך אין ווילנע[10] האָט די אויפֿשטאַנדישע מאַכט בײַ דער ציילונג פֿון אַלע מאַנסבילן פֿעיִקע צום קאַמף נישט אויסגעמיטן אויך די יידישע באַפֿעלקערונג. מען דאַרף זיך דעריבער משער זײַן, אַז די ווילנער יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער שטאָטישער גוואַרדיע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון יעדן פֿינפֿטן צווישן די רעגיסטרירטע פערזאָנען.

אין גראָדנע[11] האָט די אָרדענונגס־קאָמיסיע מיט צופֿרידנקייט פֿעסטגעשטעלט, אַז בײַ דער רעוויע פֿון אַלגעמיינעם אויפֿהייב פֿון 18 ביז 40 יאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 25סטן מײַ, זײַנען „לעבן בירגער און פּריצים געווען אויסגעשטעלט אויך יידן״.

פונקט ווי אין פוילן, האָבן אויך די יידן אין ליטע געקעמפֿט מיטן שונא. ידיעות האָבן מיר וועגן דעם אָנטייל פֿון די יידן אין די גאַסן־קאַמפֿן אין וו י ל נ ע.[12] נאָך דער באַלעגערונג פֿון דער שטאָט האָט דאָס רוסישע מיליטער דעם 20סטן יולי געוואָלט מיט שטורעם אײַננעמען די שטאָט. מיינענדיק, אַז די שטאָט קען זיך שוין מער נישט פֿאַרטיידיקן, האָט דאָס מיליטער מיט מוזיק און פויקן אָנגעהויבן מאַרשירן צו די טויערן פֿון

שטאָט. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן שיסן אויפֿן שונא און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערער קאַמף. די רוסישע אַרמיי איז פֿון צוויי זײַטן אָנגעפֿאַלן אויף דער שטאָט. איין קאָלאָנע האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער געגנט פֿון אַסטראָבראָם. דאָ אָבער האָט מען זיי פֿון די הײַזער באַגעגנט מיט אַ האָגל פֿון קוילן, די צווייטע קאָלאָנע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּאָלקאָווניק מילער האָט באַוויזן זיך אַרײַנצורײַסן אין צענטער שטאָט. דאָ אָבער האָט דער שונא אָנגעטראָפֿן אויף אַ מוראדיקן ווידערשטאַנד מצד די בירגער. „ייִדן – לייענען מיר אין איין מקור – פֿרויען, אַפֿילו קינדער האָבן געקעמפֿט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן מוט, די מערהייט פֿון דעם שונאס קאַנאָניערן איז געפֿאַלן – מען האָט זיך אָנגעהויבן צוריקצוציען".

בײַ אַזאַ מין באַציִונג מצד דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צום אויפֿשטאַנד איז נישט קיין וווּנדער, אַז אַזאַ וויכטיקע פֿונקציע ווי מיליטערישער אויסשפּיר־דינסט האָט מען איבערגעגעבן ייִדן, צוגלײַך מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. אַזוי צ״ב האָט די גראָדנער אָרדענונגס־קאָמיסיע [13] אין אירער אַן אינסטרוקציע צו די אין די שטעט דעלעגירטע קאָמיסאַרן אָנגעוויזן, אַז זיי זאָלן מחייבֿ זײַן די ייִדישע באַפֿעלקערונג צו זאַמלען ידיעות וועגן די כּוחות פֿון שונא. מען האָט אויך באַפֿוילן די קהילות צו באַשטימען – אויף דער גאַראַנטיע פֿון קהל – שפּיאָנען אין די באַזונדערע שטעט. [14]

די פֿאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז ייִדישע פֿורמאַנעס [15] זאָלן אין דער ערשטער ריי גענומען ווערן צום טראַנספּאָרט־דינסט בכדי אײַנצושפּאָרן די לאַנדווירטן, איז אויך חל געווען אויף ליטע. צוליב דרינגענדיקע און נישט פֿאַרויסגעזעענע טראַנספּאָרטן פֿון קוריערן האָט מען די ייִדן און שטאָטלײַט פֿון גראָדנער פּאָוויאַט [16] באַפֿוילן צו האַלטן גרייט אין די שטעטלעך פֿערד, היינו אין קוזשניצע – די ייִדן 4 פֿערד, די שטאָטלײַט 2 פֿערד מיט װעגן, אין קרינעק – די ייִדן 4 פֿערד, די שטאָטלײַט 2, אין סאָקאָלקע די ייִדן – 4, די שטאָטלײַט 2, אין סידרע – די ייִדן 3. די באַפֿעלקערונג פֿון די דאָזיקע שטעט האָט אויך געמוזט תּיכּף מעלדן וועגן דעם באַווײַזן זיך פֿון שונאס חיילות. די גראָדנער קהילה האָט געמוזט צושטעלן 30 פֿורמאַנעס, וועלכע זײַנען באַנוצט געוואָרן בײַ דער אַרטילעריע. די דאָזיקע פֿורמאַנעס האָבן באַקומען אַ געהעריקע מיליטערישע קליידונג. [17]

די ליטווישע ייִדן באַשטײַערן זיך אויך גערן לטובֿת דעם אויפֿשטאַנד. און דאָס מיט גאַנץ באַדײַטיקע סומעס. ווילנער ייִדישע קהילה האָט זיך באַשטײַערט מיט אַ סומע פֿון 25.000 גילדן. [18] די הויפּט־אָנפֿירער פֿון דער דאָזיקער גוטוויליקער באַשטײַערונג זײַנען געווען צוויי באַרימטע ייִדישע דאָקטוירים פֿון ווילנע: דער שוין באַקאַנטער ד״ר פּאָלאָנוס און ד״ר יעקבֿ ליבאָשיץ. די אויבן דערמאָנטע האָבן זיך מתחייבֿ געווען אַרײַנצוטראָגן די דאָזיקע סומע אין וועכנטלעכע ראַטעס צו 500 גילדן אָדער ליווערן פֿאַר

אַזאַ געלטסומע אַ געהעריקן סכום מיליטערישן מאַטעריאַל. כּדי איינצומאָנען די דאָזיקע באַשטייערונג, וועלכע ווערט אין די אַקטן אָנגערופן „שטייער פאַרן מיליטער פון דער רעפובליק״, האָט דער מאַגיסטראַט באַשטימט צו צחיי יידן פון יעדן צערקל;[19] די איניציאַטיווע פון דער דאָזיקער באַשטייערונג — שרייבן די דערמאָנטע ווילנער דאָקטוירים — דרינגט אַרויס פון „אַ ריינער און אמתדיקער כּוונה צום ליטווישן פאָלק״. אויך גראָדנער קהל איז נישט אָפּגעשטאַנען. אויסדריקנדיק זיין צופרידנקייט איבערן אויפשטאַנד און „שטרעבנדיק מיט פלייס לויט מעגלעכקייט צו העלפן דעם לאַנד״ האָט דער קהל צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג דעלעגירט עטלעכע מענטשן, וואָס זאָלן צוזאַמען מיטן מאַגיסטראַט באַשטימען די הייך פון דער פרייוויליקער באַשטייערונג לטובת דעם אויפשטאַנד.[20]

חוץ קאָלעקטיווע נדבות באַשטייערן זיך אויך איינצלנע יידן מיט נדבות לטובת דעם אויפשטאַנד. יידישע אַרענדאַרן אין וויינערס[21] באַשטייערן זיך אין די דערפער מיט געלט אָדער אין נאַטור (לייוונט). אין ווילנע באַשטייערן זיך רייכערע יידן מיט באַדייטנדיקע געלט־סכומים.[22]

אויפן סמך פון דעם בינטל פאַקטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט, איז נאָך נישט מעגלעך צו מאַכן קיין אַלגעמיינעם סך־הכּל וועגן דער באַציִונג פון די ליטווישע יידן צום אויפשטאַנד. דערויף וועלן נאָך נייטיק זיין ספּעציעלע פאָרשונגען. איינס קען אָבער שוין איצט אויפן סמך פון די געבראַכטע מאַטעריאַלן געזאָגט ווערן: עס איז נישטאָ קיין גרונד צו באַהויפּטן, אַז די יידן פון ליטע זיינען געווען פיינטלעך געשטימט לגבי דעם אויפשטאַנד.

הערות:

1 Korzon: Wewn. dzieje I, p. 232

2 H. Mościcki: Żydzi polscy pod berłem Katarzyny II. Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłosci Żydów w Polsce I, 1912 און אויך אי דעם בוך Pod znakiem Orła i Pogoni

3 מגר' פנחס קאָן: אַ יידישע שטים צום אויפשטאַנד 1794 אין ווילנע. ווילנע 1933, ז' 5.

4 דאָרט

5 Diariusz Grodz. nr. 1216, p. 52 מיר ברענגען דאָ ווייטער די איבערזעצונג פון דער אינסטרוקציע: „מען דאַרף זיי (ד"ה די יידישע איינוווינער) אויפווייזן, אַז די פאַרביסנקייט פון די מאָסקאַלן איז צום מיינסט געווענדט קעגן די פּערזאָנען פון יידישן פאָלק. זועלן די יידן ביי דער אַלגעמיינער פאַרטיידיקונג פון לאַנד און ביי דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד בלייבן פּאַסיוו און נישט טעטיק, דעמאָלט (זאָלן זיי געדענקען), אַז זיי וועלן די ערשטע פאַלן אַ קרבן פון פאַרטיליקונג און אונטערדריקונג מצד דעם שונא. זיי (די יידן) דאַרפן אַלץ ברענגען אַ קרבן פאַר דער ערד, וואָס דערנערט און שפּייזט זיי, זיי פאַרדאַנקען אַלץ דעם פאָטערלאַנד, וואָס אונטער זיין שוץ און געזעצן געפינען זיי זיך. (די קאָמיסאַרן) זאָלן זיי צורעדן צו ברענגען גוטוויליק קרבנות און נדבות אין מזומנים, אין זאַכן און אויך אין חפצים, וואָס קענען דינען פאַר דעם מיליטער. די קאָמיסאַרן זיינען באַפולמעכטיקט אַנצונעמען דאָס אַלץ פון דער באַפעלקערונג. גלייכצייטיק זאָלן זיי מודיע זיין אַז דאָס בוך פון גוטוויליקע נדבות איז אין גראָדנע אָפן פאַר יעדן פלייסיקן בירגער. נאָך דער רעדע דאַרפן די קאָמיסאַרן פאַרבעטן דעם (אין דער שול) פאַרזאַמלטן יידישן עולם ער זאָל אָפּגעבן אַ שבועה לויט דעם ביי‌געלייגטן נוסח. די קאָמיסאַרן דאַרפן אויך באַקומען אַ ספּעציעלע אינסטרוקציע פון דער זיכערקייטס-דעפּוטאַציע (קאָמיסיע) וועגן באַשטימען אויפן ערבות פון קהל שפּיאָנען (צווישן דער יידישער באַפעלקערונג). יעדער קהל איז מחוייב אָפּצונעמען אַ שבועה פון די יידן, וואָס וווינען אין דער סביבה".

מיר ברענגען דעם נוסח פון דער שבועה:

„מיר בירגער פון דער שטאָט, פון יידישן גלויבן, פּרנסים פון דער קהילה און דער גאַנצער קהל קיינעם נישט אויסשליסנדיק שווערן ביי גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, ווי אַ[1] עדות פון אונדזערע ריינע מחשבות און אונדזערע ריינע הערצער רופן מיר דעם רבונו של עולם, וואָס איז דאָ אין דעם מקום קודש. (מיר שווערן), אַז מיר אַלע בירגער פון יידישן גלויבן וועלן געטריי זיין און גוט געשטימט צו דעם איצטיקן אויפשטאַנד פון פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון דעם פירער טאַדעוש קאָשטשושקאָ מיט אַלע אונדזערע כוחות וועלן מיר העלפן דעם אויפגעשטאַנענעם פאָלק פון פוילן, ווי מיר האָבן געפונען פאַר זיך אַ פאָטערלאַנד. נישט בלויז מיר וועלן נישט טראַכטן אָדער רעדן פאַררעטעריש, נאָר מיר וועלן אַרויסגעבן יעדן פון אונדז, וואָס טראַכט פאַררעטעריש און מיר וועלן וועגן דעם מעלדן דער מאַכט. געדענקענדיק אָן גאָט וועלן מיר געטריי לויט גאָטס געבאָט אויספירן אַלע דינסטן, צו וועלכע מען וועט אונדז נאָר רופן. מיר וועלן

געטרײַ און אויפֿריכטיק דינען דער אָרדענונגס-קאָמיסיע פֿון גראָדנער פּאָוויאַט און דעם נאַציאָנאַלן ראַט. מיר וועלן אויספֿירן אַלע באַפֿעלן און פֿאַראָרדענונגען, וואָס קומען אַן לויט קאָשטשושקאָס באַפֿעל. מיר וועלן אויך אַכטונג געבן, אַז די אײַנוווינער, וואָס וווינען אין די סבֿיבֿות און געהערן צו אונדזער קהילה, זאָלן געטרײַ דינען דער רעפּובליק. אַז מיר וועלן שווערן מיט אמת, זאָל אונדז אַזוי גאָט העלפֿן. דער וואָס וועט ברעכן די דאָזיקע שבֿועה, זאָל אים גאָט באַשטראָפֿן און טייטן, ווי עס שטייט געשריבן אין אונדזערע דינים און אין דער תּוכחה".

דער אָריגינאַל פֿון דער שבֿועה איז אויפֿגעהיט אין דעם פּריוואַט-אַרכיוו פֿון גראַף הוטען-טשאַפּסקי אין סינקאָוויטשע (סלאָנימער פּאָוויאַט) (Zbiory hr. Hutten-Czapskiego w Sinkowiczach), איך דריק דאָ אויס מײַן דאַנק דעם ה' טשאַפּסקי פֿאַרן מאַכן מיר צוטריטלעך זײַנע זאַמלונגען.

אין דער זאַמלונג פֿון ה' טשאַפּסקי איז אויך פֿאַראַן דער נוסח פֿון דער שבֿועה, וועלכע עס האָבן אָפּגעגעבן די ייִדן פֿון גראָדנער פֿאָרשטאָט. דער טעקסט פֿון דער שבֿועה אונטערשיידט זיך אַ ביסל פֿון דעם אויבן ציטירטן נוסח. כאַראַקטעריסטיש איז דער ווײַטערדיקער אָרט. שטאָט די ווערטער „מיר אַלע בירגער פֿון אַלט טעסטאַמענטליכן גלויבן" שטייט געשריבן: „מיר בירגער אײַנוווינער פֿון דער פּוילישער ערד, אין וועלכער מיר האָבן פֿאַר זיך אַ פֿאָטערלאַנד און לעבנסמעגלעכקייט".

אויך די ווילנער ייִדישע קהילה האָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג אָפּגעגעבן אַ שבֿועה פֿון געטרײַשאַפֿט פֿאַרן אויפֿשטאַנד אין די הענט פֿון דער דעפּוטאַציע פֿאַר עפֿנטלעכער זיכערקייט. (Protokuły Deputacji Wileń. Bezp. Publ., Bibl. Zamojskich nr. 1300).

6 Gazeta narodowa wileńska

7 Diariusz grodz. p. 29, 110, 10/VI, 14/V 1794. Wyznaczenie osób z narodu żydowskiego do wpajania w pospólstwo tegoż Narodu dobrych maksym do sprzyjania narodowi“ — די ווײַטערדיקע פּערזאָנען זײַנען אין גראָדנע צוקאָאָפּטירט געוואָרן צום קהל: טאַנכעל ראַבינאָוויטש, חיים וואַלפּיענסקי, אַבֿרהם מאַיטראָוויטש, לייבא יאָסיעלאָוויטש, חיים סלוצקי, אליהו לייבאָוויטש, לייב זאַבלודאָווסקי, בנימין, האַראַנסקי, ישׂראל יודעלאָוויטש, יוסף רובינאָוויטש, מרדכי הירשאָוויטש און ליטמאַן מאָוושאָוויטש. — פֿון זאַניעראַן — די ייִדן: הירש קאַפּעלאָוויטש, שמואל מאָוושאָוויטש הלל דאָווידאָוויטש און שלמה גאָטליבאָוויטש.

8 „Ze względu tak na powinną od wszelkich tej ziemi mieszkańców obronę jako też na mogących się przez najmujących się zastępców chrześcijan za rekrutów od żydowskiej religji należących nastąpić w obywatelach miejskich czynnych, jakoto rzemieślnikach i ich czelad i depopulacją“.

9 Diariusz grodz, VII/7 און VII/3 באַשלוסן פֿון

10 Gaz. narod. wileńska nr. X, 4/VI

11 Gazeta wolna krajowa nr. 13

12 H. Mościcki: Generał Jasiński i powstanie kościuszkowskie, Warszawa 1917.

13 Diariusz grodz.

14 פֿאַרגלײַך אויבן די אינסטרוקציע פֿון דער גראַרנער אָרדענונגס-קאָמיסיע צו די קאָמיסאַרן.

15 Gaz. nar. wileńska nr. XX, 9 lipca

16 Diariusz grodz. V/12 באַשלוסן

17 Diariusz grodz. p. 117

18 Korespondent kraj. i zagr. nr. 42, 27/VI, Gazeta wileńzka nr. 2-7 V Mojżesz Heller: Ofiara kahału wileńskiego na skarb powstańczy w r. 1794 (Księga pam. ku czci Berka Joselewicza)

19 Zbiór Popielów nr. 374 (דרוק)

20 Diariusz grodz. p. 75

21 Doda'ek do Gaz. nar. wil. z 18|V

22 פּ. קאָן: א יידישע שטים צום אויפֿשטאַנד 1794 אין ווילנע, ז' 6.

ד"ר ר. מאהלער

הוספות

וועגן דער פראַגער הריגה פון יאָר 1794

(צום קאפיטל 13 פון ד"ר ע. רינגעלבלומס: „די יידן אין אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ")

די היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן געדינט ד"ר רינגעלבלומען ווי אַ יסוד פאַר זיין קאַפיטל וועגן דער פראַגער הריגה, באַשטייען פון באַשרייבונגען און זכרונות פון עדי-ראיה, אחוץ פאַלקסלעגענדעס, ווי למשל זביטקאָווערס אויסקויפן קרבנות פון די הענט פון די קאָזאַקן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן צייכענען זיך טאַקע אויס מיט דער פלאַסטישקייט, מיט וועלכער עס ווערן אין זיי געשילדערט די שוידערלעכע סצענעס פון דער פראַגער הריגה, זיי גיבן אָבער נישט קיין שום באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דער הריגה אויף יידן, וועגן דער צאָל יידישע הרוגים, וואָס זיינען געפאַלן אויף די גאַסן פון פראַגע און וועגן דער גרייס פון עקאָנאָמישן חורבן פון די פראַגער יידן. דער דאָזיקער בלויז ווערט אין אַ געוויסער מאָס אויסגעפילט דורך די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן וואַרשעווער יידן אין די לעצטע יאָרן פון אַמאָליקן פוילן, וואָס געפינען זיך אין מלוכישן הויפטאַרכיוו אין וואַרשע. ווערטפולע ידיעות וועגן דער פראַגער הריגה געפינען מיר אין דער קאָפּשטייער-ציילונג פון וואַרשעווער יידן פון מערץ-מיי 1795, בעת וואַרשע איז געווען אָקופּירט דורך די רוסישע חיילות.[1]

קודם-כל ווערן מיר דאָרט געוואָר, אַז אַלע יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף פראַגע פאַר דער הריגה, זיינען געווען באַפרייט אין יאָר 1795 פון יידישן קאָפּשטייער, וואָס האָט באַטראָפן 9 פוילישע גילדן אויף אַ קאָפּ. די אָקופּאַציע-מאַכט האָט נעמלעך אָנגענומען פאַר אַ כלל, אַז אַלע פראַגער יידן זיינען געווען מאַטעריעל פולשטענדיק רויִנירט. עס האָבן זיך אויפגעהיט אין שייכות דערמיט באַשטעטיקונגען, וואָס דער בירגערמייסטער (פון VII־טן קרייז פון וואַרשע), פּאַוועל גראַבאָווסקי, האָט אַרויס-

---

[1] A. C., Akta Skarbowe, oddz. 65 B, № 90—95 (Arch. Główne Akt Dawnych w Warszawie).

געגעבן די אַלע ייִדן, וואָס האָבן געבראַכט עדות, אַז זיי האָבן געווינט אין פּראַגע פאַר דעם שטורעם פון 4טן נאָוועמבער 1794 י׳ די עדות, אויף וועלכע דער בירגערמײַסטער פאַררופט זיך, זײַנען על-פּי רובֿ ייִדן: דער סינדיק (שתּדלן) פון די פּראַגער ייִדן, אליעזר, און דער בראָנפן-סוחר דוד בן אײַזיק (Heyzykowicz), אין מאַנכע פאַלן אויך קריסטן פון דער שלאַכטע. אין די דאָזיקע באַשטעטיקונגען שטעלט פעסט דער בירגערמײַס- טער וועגן די פּראַגער ייִדן, אַז „זיי זײַנען אַלע געניזוקט געוואָרן אויפן פאַרמעגן און זענען איצט געבליבן אין אָרעמקייט". אין אַ טייל באַשטעטי- קונגען ווערט דערציילט בפירוש וועגן דעם, אַז עס זענען פאַרברענט גע- וואָרן די הויפן אָדער קרעטשמעס, ווו די ייִדן האָבן געווינט פאַר דער הריגה. די קרעטשמע אין דאָרף גראָכאָוו (הײַנט אַ טייל פון פּראַגע), וועלכע אלי׳ ברוכאָוויטש האָט געדונגען בײַם שלאַכטשיץ פּאָרעמבסקי, איז גאָר פאַרברענט געוואָרן דורך דעם פוילישן מיליטער, מן-הסתּם אין שײַכות מיט די מלחמה-אָפּעראַציעס.

די דאָזיקע דאָקומענטן גיבן אויך אַ בילד וועגן דער געוואַלטיקער בהלה, וואָס האָט געהערשט צווישן די פּראַגער ייִדן ערבֿ דעם שטורעם פון רוסישן מיליטער. ווער עס האָט נאָר געקאָנט, איז אַנטלאָפן, געבליבן זענען בלויז די, וואָס האָבן נישט באַוויזן באַצײַטנס זיך אַריבערצוכאַפּן קיין וואַר- שע. קודם-כּל האָבן די ייִדן אַרויסגעשיקט קײַן וואַרשע די קינדער און פרויען, די מענער האָבן פאַרלאָזט די שטובן צו לעצט און דערפאַר געפינען מיר טאַקע צווישן די פאַרווונדעטע און דערהרגעטע ייִדן, ווי אויך צווישן די געפאַנגענע, דאָס רובֿ מענער. די ייִדן פון די דערפער אַרום פּראַגע זענען פאַר די רוסישע חיילות אַנטלאָפן קיין וואַרשע, אָדער קײַן פּראַגע און אין דער לעצטער מינוט ערשט פון דאָרט קײַן וואַרשע. צווישן די דערמאָנטע אַקטן געפינט זיך אַ ביטע פון 5 ייִדישע פאַמיליעס פון אַ דאָרף אונטער פּראַגע, וועלכע זענען אַנטרינען געוואָרן קײַן פּראַגע, וועגן דעם, אַז מען זאָל זיי באַפרײַען פון קאָפּשטײַער גלײַך ווי די פּראַ- גער ייִדן תּושבֿים, ווײַל זיי זענען בדלות געוואָרן פונקט ווי יענע. דער נוסח פון בריוו איז דער ווײַטערדיקער:

Prześwietna Administracyo! Ponieważ Pogłówne Żydowskie teraz na Żydów iest nakazane, od którego tylko żydzi Prascy. którzy w czasie Rewolucyi mieszkali na Pradze, odebrali te względy, iż są uwolnieni, mając przeto w uwadze dla jakiey to przyczyny czenść (!) mieszkańców Żydowskich zyskała Miłosierdzie. My zatym niżcy podpisani lubo nie na Pradze tylko na wsi mieszkaiący rownegoż a może y cięższego doznali losu, bo n i e t y l k o n a m m a j ą t k i z a b r a n e z o s t a ł y a l e y d z i e c i n a s z e z s a m e g o g ł o d u u m i e r a ć

musieli: przywaleni tą biedą a niemaiąc z czego życia utrzymać, musieliśmy się tu na Pragę do czasu sprowadzić dla wyżywienia przynajmniej samych siebie, suplikuiemy zatym, aby P. Administracya raczyła zwrócić łaskawe oko na stan nasz nieszczęśliwy, za które dobrodziejstwo nam równie jak Praskim wyświadczone całe życie wypłacać się Przed Bogiem wdzięcznością będziemy

Prześwietney Administracyi, nayniższi słudzy.

Szmul Kielmanowicz, Leizer Herszkowicz, Herszko Boruhowicz, Herszko Abramowicz, Marek Boruhowicz.

ווי גרויס עס איז געווען די צאָל פּראַגער ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן קײַן וואַרשע, ווײַזט דער פֿאַקט, וואָס נאָך אין אַפּריל 1795 י׳, אַ כּלל אַ האַלב יאָר נאָך דער פּראַגער הריגה, זײַנען פֿאַרבליבן אין וואַרשע 298 פּראַגער פּליטים, ד״ה בערך אַ דריטל פֿון דער צאָל העכער 900 ייִדן, וואָס פּראַגע האָט געציילט פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד פֿון קאָשטשושקאָ. די מורא פֿון די פּראַגער ייִדישע פּליטים איז נישט געווען כּלל קיין איבערגעטריבענע: אין די באַשטעטיקונגען פֿון פּראַגער בירגערמײַסטער פֿון י׳ 1795 רעדט זיך ווי וועגן אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט וועגן דעם, אַז די ייִדן, וואָס זענען נישט אַנטלאָפֿן, זענען אין בעסטן פֿאַל גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, אויב עס האָט זיי אָפּגעגליקט אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן. עס חזרט זיך איבער אין די דאָזיקע צײַגענישן עטלעכע מאָל דער נוסח: „נישט באַווײַזנדיק צו אַנטלויפֿן זענען זיי גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט".

„na Pradze mieszkali y nie mogąc ubieżyć, zabranemi zostali w obóz rosyjski do niewoli".

די רוסישע זעלנער פֿלעגן נעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט גאַנצע פֿאַמיליעס מיט די קינדער און דינסטן („לעוועק וואָלפֿאָוויטש מיט זײַן פֿרוי מירל, מיט די קינדער און דינסטן") אין די זעלטענע פֿאַלן, ווען זיי האָבן זיי אַלע געלאָזט לעבן. עס ווערן אָבער אויך געבראַכט פֿאַלן, — ווו דער פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע איז געהרגעט געוואָרן און די פֿרוי מיט די קינדער זענען גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט אָדער ווו די פֿאַמיליע איז געהרגעט געוואָרן און דער פֿאָטער איז געוואָרן געפֿאַנגען. וועגן די געפֿאַנגענע ווערט דאָס רוב פֿאַרנאָטירט, אַז זיי זענען פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און אַלס פֿאַרוווּנדעטע (pleyzerowany) מיטגענומען געוואָרן דורך די זעלנער.

פֿון די באַשטעטיקונגען פֿון פּראַגער בירגערמײַסטער באַקומט זיך די ווײַטערע רשימה פֿון הרוגים:

1) אַן אַלטע פֿרוי (נאָמען נישט אָנגעגעבן), די מוטער פֿון דער אַלמנה מיט פֿיר קליינע קינדער, זעלדע דאַווידאָוויטש. די קינדער פֿון זעלדען זענען בײַ צײַטנס אַרויסגעשיקט געוואָרן קײַן וואַרשע, זי אַליין האָבן

די רוסן גענומען געפֿאַנגען נאָך דעם, ווי זיי האָבן געהרגעט די מוטער.

2) אַן אַלטער ייִד הערש, דער פֿאָטער פֿון מענדל הערשקאָוויטש, וועלכער איז צוזאַמען מיט דער פֿרוי גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן פֿאַרווונדעט.

3) די פֿרוי און קינדער פֿון דעם געפֿאַנגענעם און פֿאַרווונדעטן דוד הערשקאָוויטש.

4) זוסמאַן און זײַן פֿרוי, איבערגעלאָזט דרײַ יתומים.

5) יוסף, זון פֿון מענדל, געשטאָרבן פֿון די ווונדן.

6) די פֿרוי פֿון משה בן זעליג; ער אַליין איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

7) הערש זעליקאָוויטש פֿון דאָרף ברודנאָ (הײַנט אַ פֿאָרשטאָט פֿון וואַרשע), וועלכער איז אַנטלאָפֿן פֿון דאָרט מיט זײַן פֿרוי קײַן פּראַגע. די פֿרוי האָט נאָך באַוויזן צו אַנטלויפֿן קײַן וואַרשע.

8) הערשקאָוויטש, דער ברודער פֿון גדליה הערשקאָוויטש; געהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער.

9) הערש וואָלפֿאָוויטש.

10) אַ שנײַדער, נאָמען נישט אָנגעגעבן; דעם געזעלן שמואל בן פֿײַוול האָט מען אַ פֿאַרווונדעטן גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

11) אַבראַמאָוויטש (די פֿרוי זײַנע איז געוואָרן פֿאַרווונדעט און געפֿאַנגען).

12) דאַווידאָוויטש (זײַן פֿרוי האָט באַוויזן בײַ צײַטנס צו אַנטלויפֿן קײַן וואַרשע).

13) אַבֿרהם ברוכאָוויטש.

14) הערשקאָוויטש, אַ ברודער פֿון מאיר הערשקאָוויטש.

עס איז נישט נייטיק צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע רשימה פֿון הרוגים פֿון דער פּראַגער הריגה איז אַבסאָלוט נישט קאָמפּלעט. ווען מיר זאָלן אַפֿילו אָננעמען, אַז עס האָבן זיך דערהאַלטן אַלע דאָקומענטן, ווו דער בירגערמײַסטער האָט באַשטעטיקט פּראַגער ייִדן, אַז זיי האָבן געווינט אויף פּראַגע פֿאַר דער שחיטה, מוזן מיר אויך דאַן קומען צום אויספֿיר, אַז נישט אַלע קרבנות זענען דאָרט פֿאַרצייכנט געוואָרן: אין די פֿאַלן, ווו עס איז אויסגעהרגעט געוואָרן די גאַנצע פֿאַמיליע, איז דאָך אַפֿילו נישט געבליבן קיינער, ווער עס זאָל זיך ווענדן צום בירגערמײַסטער נאָך אַ באַשטעטיקונג וועגן באַפֿרײַען פֿון קאָפּשטײַער... בײַ אַ פֿאַרגלײַך פֿון דער רשימה פֿון בערך 20 הרוגים, וואָס זענען פֿאַרשריבן געוואָרן אין די פּנקסים פֿון דער פּראַגער חבֿרה-קדישא און בית-המדרש (ציטירט אין קאַפּיטל פֿון ד״ר רינגעלבלום וועגן דער פּראַגער הריגה), ווײַזט זיך אַרויס קוים איין נאָמען (הערש), וועלכן מען וואָלט געקאָנט בדוחק אידענטיפֿיצירן אין ביידע רשימות.

אַ געוויסן באַגריף וועגן דער צאָל ייִדן, וואָס זענען געפֿאַלן בעת דער פּראַגער הריגה, קען מען זיך מאַכן אויך אויפֿן יסוד פֿון דער צאָל פּראַגער ייִדישע קינדער, וואָס זענען פֿאַרנאָטירט אין דער קאַפּשטיין־ער־ציי־לוגג פֿון י׳ 1794 ווי יתומים. קײַלעכדיקע יתומים, קינדער פֿון פּראַגער ייִדן, זײַנען דאָרט אָנגעגעבן 40, דערפֿון זענען 21 אַרײַנגענומען געוואָרן דורך פּראַגער ייִדן און 19 האָבן געפֿונען אַמקום־מקלט בײַ וואַרשעווער ייִדן. אויב מיר וועלן דאָ צורעכענען די יתומים פֿון פּראַגע, וואָס זענען געבליבן בײַ די מוטערס אַלמנות (אויף פּראַגע זײַנען אין י׳ 1795 פֿאַרצייכנט אויף 181 ייִדישע פֿאַמיליעס 35 אַלמנות צווישן די פּראַגער פּליטים אין וואַרשע־אויף 99 פֿאַמיליעס — 27 אַלמנות!) און די יתומים, וואָס זענען געבליבן אָן מוטערס, דאַן וועט די קײַלעכדיקע ציפֿער פֿון 200 יתומים, וועגן וועלכע עס גיט אָן אײַזנבוים, כּלל נישט אויסקומען גוזמאדיק.

די מינימאַלע צאָל ייִדישע הרוגים פֿון דער פּראַגער הריגה קענען מיר לפֿי־ערכדיק באַרעכענען אויף אַזאַ יסוד:

לויט דער שטאָטישער ציילונג פֿון וואַרשע פֿון י׳ 1792 האָט די צאָל ייִדן אויף פּראַגע באַטראָפֿן 904.[2] אין יאָר 1795, אַ האַלב יאָר נאָך דער פּראַגער הריגה, האָט די צאָל ייִדישע נפֿשות, וואָס האָבן זיך פֿאַר־רעכנט צו פּראַגע, ד״ה אַזעלכע וואָס האָבן געוווינט אויף פּראַגע פֿאַר דער הריגה („przed szturmem 4 Listopada zamieszkali na Pradze"), באַ־טראָפֿן 818 (דערפֿון זענען 520 שוין געווען צוריק באַזעצט אויף פּראַגע און 298 האָבן געוווינט אין וואַרשע גופֿא). עס בלײַבט בכן אַ חיסור פֿון 86 נפֿשות. עס איז שווער אָנצונעמען, אַז פּראַגער ייִדן זאָלן זיך האָבן באַזעצט נאָך דער שהיטה אין פּראָווינצשטעט, בעת מיר ווייסן, אַז פּראָ־ווינצער ייִדן פֿלעגן אָנווענדן אַלע מיטלען, כּדי צו קענען אַרײַנקומען קײַן וואַרשע. מיר מעגן בכן אָננעמען מיט זיכערקייט, אַז מינימום 100 ייִדן זענען געפֿאַלן בעת דער פּראַגער הריגה. דער שׂכל איז אָבער מחייבֿ, אַז די צאָל הרוגים איז געווען אַ סך גרעסער: פֿון איין זײַט דאַרף מען אין אַכט נעמען, אַז פֿון דער ציילונג פֿון י׳ 1792 (וועלכע האָט אַגבֿ, אויך נישט אַרומגעכאַפּט אַלע פּראַגער ייִדן אָן אויסנאַם!) ביז נאָוועמבער 1794 איז די צאָל ייִדן אויף פּראַגע געוואַקסן סײַ דורך דעם נאַטירלעכן צוּוווּקס, סײַ דורך דער אימיגראַציע פֿון פּראָווינצער ייִדן אין דער הויפּטשטאָט; פֿון דער אַנדערער זײַט איז פֿעסטגעשטעלט אויפֿן יסוד פֿון די אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן, אַז בעת דער הריגה האָבן זיך געפֿו־נען אויף פּראַגע, אַחוץ די דאָרטיקע ייִדן אויך די ישובֿניקעס פֿון די אַרו־מיקע דערפֿער.

---

2 פֿג״ל ר. מאהלער: „צאל און צעשפרייטונג פֿון די ייִדן אין ווארשע אין 18טן י״ה („לאנדקענטעניש" נומ 2, ז׳ 46).

זוכצעטל פֿון נעמען און ערטער*

א

אַבעל, דער זון פֿון שמואל זביט־קאָווער, 152.
אַבראַמאָוויטש אהרן, 155
אַבראַמאָוויטש הערש, 166
אַבראַמאָוויטש הערשעק, 120
אַבראַמאָוויטש הערשקאָ, פּראַגער ייִד, 204
אַבראַמאָוויטש זעליק, 113
אַבראַמאָוויטש יאָסעק, 92
אַבראַמאָוויטש ירמיהו, 128
אַבראַמאָוויטש לעוועק, 73
אַבראַמאָוויטש נפֿתלי פֿון קראָקע, 163, 178
אַבראַמאָוויטש, פּראַגער ייִד, 205
אַבראַמאָוויטש צאַלעק, 79
אַבֿרהם, דער זון פֿון וואָלפֿגאַנג היימאַן, 147
אויפּרעכטיק מאָשקאָ, 128, 129
אומאַן, 108
אונגאַרן 85, 183
אונינסקי, אַרטילעריע־פֿענריך, 76
אוקראַינע 7, 34
אַוועדיק גלח, 188
איגעלשטרעם, רוסישער אַמבאַסאַדאָר, 38, 69, 83, 152, 186
אידזקאָוויטש זכריה פֿון פּרזשעוואָרסק, 128
אידזשקאָוויטש לייזער, 128
אידזשקאָוויטש מאיר פֿון טאַרנע, 128
אידזשקאָוויטש מאַרעק פֿון לאַנצוט, 128
איזאַקאָוויטש מאיר, 128
אידזשקאָוויטש שאַיע, 128
איזאַקאָוויטש שמאָלא פֿון גראָדנע, 128
איזביץ, 190
איזראַעלאָוויטש, 71
איזראַעלאָוויטש ברוך, 164
אייזיקאָוויטש וואָלף פֿון טערעספּאָל, 148
איזראַעלאָוויטש יאַנקעל, 152
איזראַעלאָוויטש מענדל, 70
איזראַעלאָוויטש שאַיע, 73
איצעק בער, שנײַדער, 170
איצעק לייבל פֿון קוראָוו, 128
איצקאָוויטש, 31
איצקאָוויטש הערשעק, 118
איצקאָוויטש זכריה פֿון לאַנצוט, 128
איצקאָוויטש יאָסיעל, 79, 145
איצקאָוויטש מיכאל פֿון ראַווע, 176
איצקאָוויטש שלמה, 153
איצקאָחיטש שמואל, 127
אײַזענבוים אַנטאָני, 110, 206
אליהו פֿון סטאָבניץ, 169
אליעזר, סינדיק פֿון פּראַגע, 203
אָלשעווסקי, 63
אַמעריקע, 47, 48
אָסטראָוו, 125, 153
אָסטראָווסקי אַנטאָני, 15, 72, 96, 142, 151
אָפּענבאַך, 186
אַקאָרד עליאַש ד"ר, 24, 31, 32
אַראָנאָוויטש איצעק, מעקלער, 129
אַראָנאָוויטש איצעק פֿון דזיאַלאָשין, 127
אַראָנאָוויטש וואָלף, 148
אַראָנאָוויטש יוסף, 45, 87, 101, 112
אַראָנאָוויטש מאָשקאָ פֿון צויזמער, 177, 178

---

* אין דעם זוכצעטל זײַנען אַרויסגעלאָזן געוואָרן די שטאָט וואַרשע און דער נאָמען קאָשטשושקאָ דערפֿאַר, וואָס זיי חזרן זיך איבער כמעט אויף יעדער זײַט.

אַראַנאָוויטש קיווא, היטלמאַכער, 120
אריה אברהם, 109
אָרלאָווסקי, קאָמענדאַנט פֿון וואַרשע, 87, 89, 102, 136
אַשכנזי שמעון, 83

ב

באָגדאַנאָוויטש, אויפֿמאָנער פֿון טאָג-צעטל, 176
באָגוסלאַווסקי וואָיציעך, 186
באָימאָוויטש צדוק פֿון ווענגראָוו, 127, 129
באַלאַבאַן מ., 30, 32, 65, 102
באַנקאָיוסקי פּ., 47, 132
באָסקי, פּולקאָוניק פֿון לאַנדמיליץ, 158
באַר, 92
באַראַנאָוו, 63
באַראַנאָווסקי גענעראַל, 125
באָרוכאָוויטש אַבֿרהם, פּראַגער ייִד, 205
באַרוכאָוויטש אליִ', 203
באָרוכאָוויטש הערשקאָ, פּראַגער ייִד. 204
באָרוכאָוויטש יאַאַכים, 55
באָרוכאָוויטש לעוועק, 152, 153
באָרוכאָוויטש מאַרעק, פּראַגער ייִד, 204
בוטלער, מעלניקער סטאַראָסטע, 154
בוטרימאָוויטש, פּינסקער דעפּוטאַט 12, 21
בוים אַנטאָני, 53
בוכהאָלץ, פּרייַסישער אַמבאַסאַדאָר, 147, 154
בוקסהעוודען, דער רוסישער גענע-ראַל, 173
ביאַלאַטשעוו, 20
ביסטראָן יאַן, 190
ביעלינסקי מאַרשאַל, 34
ביעלעניעווסקי מאַיאָר, 135
ביינישׁ פֿון טיקטין, 177
בעלסק, 113, 116, 160
בעניאַמינאָוויטש, 166
בערלין, 134, 154, 164
בערלינסקי, אונטערפּולקאָווניק, 73
בערנאַרד, 101
בערנאַרד חיים ד"ר מעד. 118, 133
בערנאַדינער, 157
בערקאָוויטש מאיר, קאָמענדאַנט פֿון די ייִדן פֿון דריטן צערקל, 169
בערקאָוויטש שלמה, 91
בערקאָוויטש שמעון, 120
בראָד, 188
ברוך נוסינאָוויטש, פֿון זשעלעכאָוו, 170
ברזשעזינסקי דאָמיניק משומד, 190
בריסק דליטא, 61, 119, 121, 139, 148
ברעסלע, 147, 154, 159

ג

גאַדאָם וולאַדזשימיערזש, 102
גאָטליבאָוויטש שלמה, 201
גאַליציע, 128, 155, 158, 159, 177
גאָלעמביאָווסקי, פּראַגער בירגער, 145
גאָלענדזשינוו, 167
גאָנטע, 34, 52, 62, 143
גאָניאָנדז, 63
גאָרדאָן, אַ ייִד פֿון ווילנע, 155
גדליהו שמולאָוויטש פֿון קוזמיר, 136
גייַסרוק פֿאָן, גובערנאַטאָר פֿון גאַ-ליציע, 95
גלאָגער, 133, 136
גליקזעליג יוזעף, 186, 191
געדראָיץ, 139, 141
געלבער, נ. מ. ד"ר, 50, 188
גערלאַך פֿאָן, דייטשער מיליטער-פּירער, 153

גראַבאָווסקי פּאַוועל, בירגערמייסטער
פון פּראַגע, 202
גראָדנע, 30, 37, 52, 62, 67, 113, 116,
122, 124. 155, 159, 161, 195, 197,
198, 199, 200, 201
גראָכאָוו, אַ דאָרף ביי וואַרשע, 230
גראַנוי, 54, 56
גרויספּוילן, 8, 13, 22, 25
גרזשיבאָווסקי מאַרצין, קאַפּיטאַן, 91

ד

דאַהלען, וואַרשעווער סוחר, 190
דאַווידאָוויטש הלל, 201
דאַווידאָוויטש זעלדע, אַ פּראַגער
פרוי 204
דאַווידאָוויטש יאָסל פון קאָברין, 158
דאַווידאָוויטש, פּראַגער ייד, 205
דאָמבאַך, פּרייסישער מאַיאָר, 146
דאָמבראָווסקי הענריק, 79, 95, 113, 135
דאַנציק, 158, 159
דובנאָוו, ש., 101, 179, 189
דוד בן אייזיק, בראַנפן-סוחר, 203
דוד יעקב פון וואַרשע, 180
דזיאַלאָשין, 124
דזוואָנקאָווסקי וו., 179
דזשיאַלין, 164
דזשיאַלינסקי, 164
דיווין, 63
די-פּור, 66
דלוגאָשעווסקי, 160
דע לין (de Ligne), פירשטין, 102
דע קאָשע, עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר,
78, 159
דעמבאָווסקי יאַן, 185. 190
דראָהיטשין, 63, 116, 124

ה

האַנאָווער נתן, 65

האָים, פּרייסישער מיניסטער, 146,
147, 154
האָלענדערסקי, 143
האָראָנסקי בנימין (גראָדנע), 201
האַרס גראַף, 191
הוטטען-טשאַפּסקי גראַף, 201
הולעוויטש, וואָלינער וואָיעוואָדע, 191
הונקלער גלה, 97
הייזיקאָוויטש מאָשעק, 71
הירשאָוויטש מרדכי (גראָדנע), 201
הערינג, וואַרשעווער סוחר, 190
הערש, דער פּאָטער פון מענדל
הערשקאָוויטש, פּראַגער ייד 205
הערשעק, אַ בעל-מלאכה אין וואַרשע,
170
הערשעק, היטלמאַכער, 120
הערשעק, אַ צושטעלער, 133
הערשקאָוויטש אַהרן פון פּאַרטשעוו,
170
הערשקאָוויטש גדליה, פּראַגער ייד, 205
הערשקאָוויטש דוד, 129
הערשקאָוויטש דוד, פּראַגער ייד, 205
הערשקאָוויטש יאָסעק פון טיקטין, 179
הערשקאָוויטש ישראל, 129
הערשקאָוויטש לייזער פון טיקטין,
178
הערשקאָוויטש לייזער, פּראַגער ייד,
204
הערשקאָוויטש לעוועק פון פּרזשע-
וואָרסק, 128
הערשקאָוויטש מאיר פון שטשעקאָ-
טשין, 92
הערשקאָוויטש מאיר. פּראַגער ייד, 205
הערשקאָוויטש מאָשעק, 155

ו

וואָורזשעצקי טאָמאַש, 8, 94, 139, 140
וואַטערמאַן מאיר, 158

וואַידאַ קאַראַל, 53, 56
וואַלבורג ד״ר, 147
וואַלסקי, אָפּיציר, 135
וואָלפיענסקי חיים (גראָדנע), 201
וואָלף, יידישער שפּיאָן, 114
וואָלף, 113
וואָלפאָוויטש הערש, פּראַגער ייד, 205
וואָלפאָוויטש זכריה פון ראַשין, 153
וואָלפאָוויטש יודקאַ, 128
וואָלפאָוויטש לעוועק, פּראַגער ייד, 204
וואָלפגאַנג היימאַן פון פּרייסן, 146, 152, 154
וואָלפּעכע, אַ וואַרשעווער יידענע, 132
וואָלקאָוויסק, 116
וואָלפאָוויטש מאָרדקאַ פון מאַציעיאָוו, 92
וואָלאָכיע, 183
וואָלף שלום, 109
וואָלף זעליק, 101
וויגדאָראָוויטש הערשעק, 113
וויגדאָראָוויטש לעוועק, 134
ווידאַוואַ, 154
וויטהאָף קאָמיסאַר, 136
ווילנע, 3, 4, 8, 55, 63, 67, 122, 127, 131, 133, 136, 155, 196, 197, 198, 199, 200, 201
ווין, 126, 191
וויעליטשקע, 154
ווישינסקי באַראָן, 96
ווישקאָווסקי, אָנפירער פון אַ בריגאַדע, 120
וולאָסטאָוויצע, 122
ווענגראָוו, 123
ווערעשינסקי, 61

ז

זאב, 109
זאב וואָלף, 109
זאב פון לובלין, 109
זאַבלודאָווסקי לייב (גראָדנע), 201
זאַוואַדזקי יאַקוב, 186
זאַיאָנטשעק גענ. 41, 92, 102
זאַמאָיסקי, געוועזענער קאַנצלער, 188
זאַמאָיסקיס ביבליאָטעק, 67, 101, 136, 191, 201
זאָנענבערג בערעק, 110
זאַקרזשעווסקי, וואַרשעווער שטאָט-פּרעזידענט, 42, 46, 70, 73, 76, 89, 90, 91, 113, 132, 135, 149, 150, 159, 163, 164, 165, 166, 167, 168, 170, 173, 175, 177, 179, 180
זאַקרזשעווסקי, פּויזנער דעפּוטאַט, 12
זג׳יטקעווער שמואל, 108, 110, 144, 151, 152, 154, 171, 202
זוויהיל, 17
זוסמאַן ניסן, אַ וואַרשעווער קירזשנער, 153
זוסמאַן, פּראַגער ייד, 205
זיס שמעון פון גאַליציע, 128, 129
זיסעק פון מאָשטשיסק, 128
זעליק קירזשנער, 170
זעליקאָוויטש הערש, פון ברודנאָ, פּראַגער ייד, 205
זעלמאַנאָוויטש, 91
זעלמאַנאָוויטש הערשעק, 113
זעלמאַנאָוויטש יאָסל פון גרויס-פּוילן, 113
זעלעזניאַק, 34, 52, 62, 193
זעליקאָוויטש לייזער פון לאַנצוט, 128
זשעלעכאָוו, 113, 193

ח

חיה אשת טוביה, „די דאָקטאָרין“, 179
חיים דוד, 176
חיים, וואַרשעווער שניידער, 119
חיים פין לאָסק, 51, 127, 163, 178
חיימאָוויטש אידושקאַ, 122

חיימאָוויטש מאַנעס, 122

ט

טאַטערן, 5
טאָמאַשאָוו מאַזאָוועצק, 15, 96
טאָמאַשעווסקי מ., 125, 140, 141, 162
טאַנכעל פֿון גראָדנע, 30
טאָקאַרזש וואַצלאַוו פּראָפּ. 40, 47,
51, 54, 55, 57, 58, 65, 67, 70,
72, 73, 74, 75, 79, 81, 82, 83,
101, 114, 131, 140, 141, 144, 145,
148, 151, 155, 169, 190, 191, 199
טאַרגאָוויצאַ, 7, 37, 74, 75, 86,
129, 143, 144, 145, 147
טוגענדהאָלד יעקבֿ, 100
טולטשין, 65
טורסקי פֿעליקס, גלח, 182
טיקטין, 122, 123, 124
טערקן, 5, 65
טרזשצינסקי, פּולקאָווניק, 140
טרעמבּיצקי אַנטאָני, 69, 72, 76, 80, 81
טשאַצקי טאַדעוש, 17, 21
טשאַרנאַבראָדאַ ש., 47
טשיזשעוו, 63, 64
טשעכן, 85

י

יאַאַכימאָוויטש מאַרעק, 153
יאַבלאָנאָווסקי, מינץ-אינספּעקטאָר, 191
יאַבלאָנקאַ, 123
יאָזעף דער II-טער, דער קיסר פֿון עסטרײַך, 13, 59, 66
יאָזעפּאָוויטש ליפּמאַן, 179
יאָזעפּאָוויטש מרדכי, 158
יאָזעפּאָוויטש הערשל, כעלעמער רבֿ, 17
יאָכינאָוויטש אהרן, 176
יאָסעלאָוויטש לייבאַ (גראָדנע), 201
יאָסעלעוויטש בערעק, 1, 45, 47,
48, 65, 71, 80, 83, 84, 98, 110,
112, 165, 123
יאָסעלאָוויטש ראובן, 159
יאָסקאָוויטש שאַיע, 155
יאָעלאָוויטש דניאל, 120
יאָעלאָוויטש יעקבֿ, 164
יאַקובאָוויטש, 156
יאַקובאָוויטש וואָלף פֿון לובלין, 147
יאַקובאָוויטש יודקאָ, 148, 158
יאַקובאָוויטש לייזער, 113
יאַקובאָוויטש מאַרעק פֿון מאָשטשיסק, 92
יאַקובאָוויטש מענדל, 166
יאַקובאָוויטש, שנײַדער 133
יאַנקעלעוויטש הערשעק, 135
יאַשינסקי יאַקוב, 8, 41
יהודה איש קריות, 69
יודעלאָוויטש ישראל (גראָדנע), 201
יודקעוויטש חיים, 92
יודקעוויטש משה, 170
יודקעוויטש שלמה פֿון פּלאָנסק, 763
יוזעפּאָוויטש, היטלמאַכער, 120
יוסף פֿון ריישע, 170
יוסף, זון פֿון מענדל, פּראַגער ייִד, 205
יעזיערסקי, 21
יעזיערסקי גלח, 78
יעלסקי גענעראַל, 197
יעקבֿ פֿון לובלין, 109
יצחק, 109
יצחק אײַזיק פֿון פּראַגע, 109
יצחק אײַזיק בן שמואל, 109
יצחק פֿון קאָנסטאַנטין, 190
ישׂכר בער, 109
ישׂראל איצעק פֿון קראָקע, אַ מוכר-ספֿרמניק, 24
ישׂראל הערש, 129
ישׂראל יצחק בן שמואל, 109
ישׂראל פֿון טוראָבין, 108, 110

כ

כאַסקעלעוויטש יאַשקאָ, 131
כמיעלניצקי, 52, 62, 65

כעלם, 61
כענטשין, 22, 30, 31
כרושטשעוו, רוסישער גענעראַל 138, 148

ל

לאָגאַ, קאָמיסאַר פֿון לאָסיץ 139, 155
לאָמזשע, 61
לאָנדאָן, 155
לאַנערי יאַן, 53
לאָסאָסנע ביי גראָדנע, 16
לובאַרטאָוו, 140
לובלין, 2, 63, 66, 78, 114, 120,
121, 125, 131, 149, 165, 189
לוזאַרקעוויטש יאַן, 76
לויוויטש, 152, 153
לוטינסקי, משומד, 189
לויצק, 26, 131, 166
לונינסקי, 92
לוסקיניאַ, 60
ליבראָוויטש אַבֿרהם, 126, 127, 136
ליטע, 3, 8, 23, 139, 159, 194, 197
ליכאָצקי, פּרעזידענט פֿון קראָקע,
143, 151
ליסאַ, 22
ליקעווע, 61, 123, 125, 141, 162
לייבאָוויטש אליהו (גראָדנע), 201
לייבאָשיץ יעקב ד"ר, 198
לייבאָוויטש אײַזיק פֿון קוראָוו, 129
לייבוסאָוויטש, 129
לייבל, אַ היטלמאַכער, 120
לייזער דאַווידאָוויטש פֿון אָפּאָלע, 169
לייזער יצחק, לויוויטשער סענדיק,
91, 167, 168, 170
לייזעראָוויטש, 166
לייזעראָוויטש יאַן, 91
לייטאָן, 48
לייפּון, 159
לײַפּציק, 159, 188, 190

לעווי, באַנקיר פֿון וואַרשע, 51, 164
לעווי, קראָקעווער רבֿ, 44, 48
לעווי יוסף, 127
לעווין, געוועזענער רבֿ פֿון רוזשאַן 169
לעוועק, דער שמוקלער, 170
לעוועק קלמן פֿון טאָרנע, 128
לעווקאָוויטש הערשעק, 92
לעווקאָוויטש ישׂראל, 113
לעווקאָוויטש יוסף, 51 164
לעווקאָוויטש מאיר. 55
לעווקאָוויטש דוד פֿון קראָטאָשין, 113
לעווקאָוויטש הערשעק, 71
לעלעוועל יאָאַכים, 95
לעמבערג, 47, 72, 151, 188

מ

מאדאַלינסקי גענעראַל,113,150,135,153
מאָהילעוו, 24
מאַהלער ר. ד"ר, 11, 132, 189, 202
מאָוושאָוויטש שמואל, 201
מאָוושאָוויטש ליטמאַן (גראָדנע), 201
מאַזאָוויע, 68
מאַטושעוויטש, פֿינאַנסמיניסטער, 157
מאַטושעווסקאַ אַננאַ, 186,
מאַטושעווסקאַ מאַגדאַלענאַ, 186
מאַטיסעוויטש אהרן, 152
מאיר הערשעק, 170
מאַיאָרעק פֿון לענטשנע, 165
מאַיעראַוויטש אבֿרהם (גראָדנע), 201
מאַיעראָוויטש מרדכי פֿון לאָמאַז, 155
מאָכנאַצקי מויריצי, 47,
מאַלאַכאָווסקי סטאַניסלאַוו, מאַרשאַל
פֿון פּיריאָריקן סיים, 12, 20, 30
מאַלקין, 122
מאָלדאַויע, 183
מאַציעיאָוויצע, 8, 88, 91, 94
מאָקראָנאָווסקי גענעראַל, 43, 68, 87,
101, 120

מאַשקאָוויטש אבֿרהם, אַרענדאַר, 252
מאַשקאָוויטש דוד, סאָקאָלאָווער רבֿ, 135
מאַרקאָוויטש לייזער, 55
מאַרקאָויטש מאַשעק פֿון לאַנצוט, 128
מאַרקאָוויטש משה פֿון ליסע, 127
מאַרקוס לייזער, 101
מאַשטשיצקי ה. פּראָפֿ. 114, 131, 155, 195, 200
מאַשינסקי, דעפּוטאַט, 12
מאַשינסקי שטולהאַר, 191
מאַשקאָוויטש, 73
מאַשקאָוויטש יאַנקל, סינדיק, 164, 177
מאַשקאָוויטש יודקאַ פֿון לאַנצוט, 128
מאַשקאָוויטש שאַיע פֿון לאַנצוט, 128
מאַשקאָוויטש, וואַרשעווער שנײַדער, 119
מאַשקאָוויטש חיים, 120
מונקענבעק, וואַרשעווער סוחר, 190
מושינסקאַ, די משומדת, 190
מושינסקי יאָאַכים, 114
מושינסקי יוזעף, פֿון וואַיסלאַוויץ, 186
מיכאַל פֿון ראַווע, 178
מיכאַלאָווסקי באַרטלאָמיעי, 185, 190
מיכאַלאָוויטש טובֿיה, 128
מילער, פּולקאָווניק, 198
מיעזעס מ., 65,
מיעלזשינסקי, 179
מײַער יוזעף 8,
מײַער גלה, 185
מעזריטש, 53, 61, 135, 139
מעלניק, 61, 113, 124
מענדל לעפֿין, 25, 32
מענדעל פֿון מאיסאַד, 139
מענדל שמוקלער, 73
מענדלאָוויטש לעוועק עליאַש, 147
מענדלאָוויטש מאַשעק, 134
מענדעלזאָהן משה, 24, 31, 154
מרדכי, שנײַדער פֿון קאָזשעניץ, 176
משה בן זעליק, פּראַגער ייִד, 205
משה נחמן פֿון לאַנצוט, 128
משה פּאַביאַן, 120
מתתיהו „האָפּ“, 135

נ

נאָוואַרעדאָק, 129
נאָווי דוואָר, בײַ וואַרשע, 108, 167
נאַפּאָלעאָן, 83, 95
נאַפּטאָלאָוויטש שײַע, 157, 163
נאַישעווסקי, הונדערט פּירער, 70
נופּערס פּ., 107, 110
נור, 122
נושעווסקי, גענעראַל, 135
נח ליוווראַנט, 127
נחמיה, 109
ניסן אבֿרהם פֿון דוביעצקאָ, 158
ניעדזשעלסקי קלעמענס, 186
ניעוויאַראָווסקי אַנטאָני, 186, 187
ניעמצעוויטש, 80, 190,
ניעפּלויעוו, מינסקער גובערנאַטאָר, 195
נײַ־ירושלים (אַ שטעטל אין וואַרשע), 35
נעמיראָוו, 16
נעשוויז, 29

ס

סאָכאַטשעוו, 122, 153
סאָלאָמאָוויטש הערשעק פֿון טיקטין, 176
סאָלמאָנאָוויטש שמואל, פֿון באַלע־סלאָוו, 148
סאַלאַנט (ליטע), 139
סאַמסאָנאָויטש אליהו, 166
סאַמסאָנאָוויטש משה פֿון בענדין, 153
סענדער פֿון שילעץ, 149, 156
סאַפּיעהאַ קאַזימיערזש, 78
סאַקסן, 6, 18, 19
סאָקאָלאָוו, 63

סאָקאָלאָווסקי, 63, 75, 81
סאָקאָלקע, 198
סאַרדיניע, 126
סאַרנאַק, 61
סוואַראָוו, 9, 148
סולקאָווסקי פּירשט, 154
סטאַניסלאַוו אויגוסט, 6, 11, 18, 19, 29, 34, 37, 40, 51, 129
סטאַשיץ סטאַניסלאַוו, 20
סטענזשיץ, 113, 123
סידרע, 193
סינקאָוויטשע דאָרף (סלאָנימער פּאָ-וויאַט), 201
סיימע, רוסישער אָפּיציר, 69, 72
סלאָנים, 155
סלוצקי חיים (גראָדנע) 201
סמאָלענסקי וולאַדיסלאַוו, 20, 22, 30, 132, 182, 183, 188, 189, 190
סמלאָדאָוו, 123
סעררא, פּויפּסטליכער נונציוש. 183
סקאָטניצקי אַדאַם, 92
סקאַלקאָווסקי א., 47, 48, 73, 80, 83, 88, 99, 101, 131, 133
סקאַרבעק פּרידעריק גראַף, 190
סקאַרזשעווסקי, גענעראַל, 113

ע

עוזר סעגאַל, 109
עלבינג, 159
עלעאָנאָראַ, די פּרוי פון היימאַן וואָלפּגאַנג, 152, 154
ענאָכאָוויטש שמעון, 149
ענגלאַנד, 50
ענגעלהאַרדט לעוו, גענעראַל, 110, 155
עסטרייך, 5, 13, 13, 53, 59, 60, 65, 83, 114, 126, 128, 154, 191
עפּשטיין יעקב, 92

פּ

פּאָדאָליע, 17
פּאָדלאַשיע, 123
פּאַוולאָווסקי בראָניסלאַוו, 151
פּאָזנאַנסקי יעקב פון ריטשמאָנד, 48
פּאָטאָצקי איגנאַצי, 185
פּאָטאָצקי גענעראַל, 125
פּאָטאָצקי סטאַניסלאַוו, 96
פּאָלאָנוס ד"ר, 50, 55, 196, 198
פּאָלאָנע, 65
פּאָלינסקי, 186
פּאָניאַטאָווסקי יוזעף, פּירשט 101
פּאָפּלאַווסקי, 110
פּאָנינסקי, וואָיעוואָדע, 191
פּאָציעי, גראַף, 77
פּאַריז, 85, 151
פּאָרעמבסקי שלאַכטשיץ, 203
פּויזן, 51, 56, 110, 136, 151, 153, 155,
פּיאַסעצקי, משומד, 190
פּיוסק, 189
פּיזדרי, 113
פּילעוו. 122
פּינטשעוו, 47
פּינחס הלוי, 109
פּינקוס, 155
פּיקולסקי גלח, 188
פּלאָנטש, 8
פּעטריקאָוו, 133, 154
פּערסן, 9
פּראַזאָר, 118
פּרוכניק אַדאַם, ד"ר, 40, 41, 47, 51, 55
פּרזשיבילסקי, 156
פּרזשעזאָר, קלעמענס, 188
פּרייסן, 5, 7, 8, 13, 31, 74, 126, 135, 145, 153, 153, 130
פּישל, 155
פּישל אברהם, 78, 91, 92

פישער, וואַרשעווער סוחר, 190
פײַבושעוויטש הערשעק, 178
פײַוויש, וואַרשעווער שנײַדער, 119
פּייוול מאיר פון טיקטין, 177
פײַנקינד משה, 118, 132
פעלדמאַן זכריה פון פּרזשעוואָרסק, 128
פראַנק יעקב 181, 184, 189
פראַנקפורט בײַ דער אָדער 154, 159
פראַנקרײַך 25, 26, 85
פרידעריך דער II-טער, קעניג פון פרײַסן 13
פרײַדע עטלאָווא 170

צ

צבי 109
צבי בן צבי 109
צבי הירש 109
צודועווסקי, וואַרשעווער לאָווניק 170
צויזמער 65, 156
ציציאַנאָוו גענעראַל 155

ק

קאָבילינסקי משומד 191
קאָביעלסקי אַרציביסקופּ 188
קאָברין 63, 122
קאָדאָ 102
קאָזאַקן 5, 107, 139
קאָזלאָווסקי, באַאַמטער פון משקאות־אָפּצאָל 190
קאָזשמיאַן קאַיעטאַן 149, 156
קאָזשעניץ 134, 139
קאָטערינע די צווייטע 200
קאָכאַנאָווסקי, ריכטער 156
קאָלמע ישראל פון שרעשעוו 70, 101
קאָלאָמב. פרײַסישער באַאַמטער 95
קאָללאָנטײַ 41
קאָלמאַנאָוויטש לייזער פון שידלאָוו 169
קאָלמאַנזאָן יעקב (זשאַק) ד"ר 25, 32
קאַמינסקי יאַקוב, משומד (יאַנקל יודקאָוויטש) 190
קאַמיענעץ ליטעווסקי 136
קאָן פ. 50, 55, 134, 195, 196, 200
קאָנסקע־וואָליע 122
קאָסטעצקי פראַנצישעק, יעזואיט 186, 187
קאָפּינסקי 125
קאָפּעלאָוויטש הירש 201
קאָצק 96
קאַרוואָווסקי 129
קאָרזשאָן טאַדעוש 65, 67, 72, 88, 101, 110, 133, 134, 151, 155, 162, 195, 200
קאַרטשעוו 64
קאָרעץ 16
קאַרפּינסקי 72, 89, 94
קאָשטשיעלסק (גרויספּוילן) 113
קאָשמינסקי 133
קוזמער 136
קוזשניצע 198
קוטנע 135
קול 113, 124, 125, 134, 135
קופּטשינסקי ט. 55, 67, 132
קוקעל גענעראַל 89, 90
קיוואַ, אַ צושטעלער 133
קיטאָוויטש 139, 141, 155, 191
קילינסקי יאַן 8, 41, 86, 87, 185
קיעלמאַנאָוויטש שמואל, פּראַגער ייִד 204
קיערזשקאָווסקי 70, 72, 89, 95
קייזער א. 97
קעמפנער איצעק שמואל 153
קעניגסבערג 31, 159
קעניגסבערגער דוד פון וואַרשע 28, 51, 127, 128, 146, 149, 164, 178
קערמיש מאַגיסטער 2, 131, 134

קראַטאָשין 113, 124
קראַסאָווסקי 152, 153
קראַסנאָסטאַוו 61
קראָקע 8, 44, 47, 48, 55, 58, 64, 67, 68, 83, 117, 118, 121, 132, 151, 188
קראַשינסקיס ביבליאָטעק 39, 65, 66
קרויסהאַר אַלעקסאַנדער 182, 188, 189
קרינעק 198
קרעטינגען 102
קרעמענעץ 131

ר

ראַבינאָוויטש טאַנכעל (גראָדנע) 201
ראָגאָזשינסקי 187
ראנגע יאַקאָב 78
ראַדזשיוויל קאַראָל, ווילנער וואָיע־וואָדע 29
ראַדאָם 113
ראובן שמואל פון גאַליציע 128, 129
ראַוויטש 113
ראָוונע 159
ראָזענפעלד יאַן, דאָקטאָר 79, 83
ראָזענפעלד מאַרדקאָ 79, 83
ראָטענבערג בנימן פון פּשעוואָרסק 128
ראָמאַנוס דע, גענעראַל 154
ראַפּערסוויל 81, 82
ראַצלאַוויצע 8, 74, 118
ראָקיטניצקי 153
רובינאָוויטש יוסף פון גראָדנע 127, 201
רויטענשטרויך, וואַרשעווער סוחר 190
רוסלאַנד 2, 5, 7, 8, 40, 52, 62, 126, 158, 185, 193, 195
רזשעמפּאַלוסקי יוזעף פון ווישקאָוו 185
ריטשמאָנד 48
רינגעלבלום ע. 30, 39
רייסן 17
רעהאָן פראַגער פאַבריקאַנט 101
רעפנין פירשט 195

ש

שאַדעל, וואַרשעווער סוחר 190
שאַיאָוויטש מאָשעק 132
שאַיאָוויטש שלמה סינדיק 164, 176
שייע, וואַרשעווער סינדיק 127
שאַצקי יעקב ד״ר 4, 48, 56
שולץ, וואַרשעווער סוחר 190
שוסקאָ ריטמייסטער 140
שוואַרצע 138, 141
שוועדן 5, 108
שטשעקאָטשין 8
שימאַנאָוויטש גדליהו 153, 157
שימאַנאָוויטש הערשעק 73
שימעל וואָלפּאָוויטש פון ווילנע 29
שיפער ד״ר 83, 98, 108
שלאַמאָוויטש זעלמאַן 156
שלאַמאָוויטש ישראל 169
שלאַמאָוויטש לעוועק 170
שלעזיע 25
שלעשקאָווסקי מעדיצין־דאָקטאָר 16
שמאַלאָוויטש, רוסישער ליוועראַנט 166
שמואל בן פייוול, פראַגער ייד 205
שמולאָוויטש יעקב פון קראָקע 177, 178
שמולעוויטש זעלמאַן פון דובנע 190
שמולאָוויטש מאָשעק פון קוטנע 79, 122, 155
שמולעוויטש ראובן 128
שמערלאָוויטש אייזיק, פראַגער סענ־דיק 71, 164
שניאַדאָווע 63, 121
שעראַדזש 135
שקוד 140

אינהאלט.

זײַט

הקדמה — אַלגעמיינער אַרײַנפיר — 1 — 9

קאַפּיטל — דיווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון יידן אין דער צײַט פון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי — 10 — 32

II קאַפּיטל — די וואַרשעווער יידן ערבֿ דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד — 33 — 39

III קאַפּיטל — די פּאָליטישע ריכטונגען אין דער פוילישער געזעלשאַפט און די באַציִונג פון דער אויפ־שטאַנדישער מאַכט צו די יידן — 40 — 48

IV קאַפּיטל — די יידן אין די אויפשטאַנדישע רייען — 49 — 73

א) אינטעליגענץ, פּלוטאָקראַטיע און די יידישע פּאָלקסמאַסן לגבי דעם אויפשטאַנד. — 49 — 56

ב) אַלגעמיינער אויפהייב — 57 — 67

ג) יידן אין דער בירגער־מיליץ פון וואַרשע. — 63 — 73

V קאַפּיטל — די וואַרשעווער יידן אין קאַמף פאַר פרײַהייט — 74 — 111

א) דער אַנטייל פון די יידן אין דער אַפּריל־רעוואָלוציע — 74 — 83

ב) דער פולק פון בערעק יאָסעלעוויטש — 84 — 106

ג) די פּראַגער שחיטה — 107 — 111

VI קאַפּיטל — צו הילף דעם אויפשטאַנד — 111 — 137

א) אויסשפּירדינסט און אַנדערע דינסטן — 112 — 114

ב) טראַנספּאָרט — 114 — 115

ג) שמירה, אַרבעט אין די שוצגראָבנס און אַנדערע דינסטן — 116 — 117

ד) האַנטווערק — 118 — 120

ה) אַפּצאָלונגען אין געלט און אין נאַטור — 121 — 124

ו) רעקוויזיציעס — 125 —

ז) ליווערונגען פאַרן מיליטער — 126 — 137

VII קאַפּיטל — דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון די יידן אין די צײַטן פון אויפשטאַנד — 138 — 180

א) רדיפות — 138 — 141

ב) די באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש — 142 — 157

ג) דער מסחר — 158 — 162

זײַט

ד) דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פֿון ייִדן אין וואַרשע — — — 163 — 171

ה) דער קאַמף וועגן טאָגצעטל אין וואַרשע — — 172 — 180

VIII קאַפּיטל — די וואַרשעווער משומדים (פֿראַנקיסטן) בשעתן אויפֿשטאַנד — — — — — 181 — 191

רעזומע. — — — — — — — — 192 — 194

הוספֿה: — די ליטווישע ייִדן בשעת דעם אויפֿשטאַנד — 195 — 202

הוספֿה וועגן דער פּראַגער הריגה פֿון יאָר 1794 פֿון ד״ר ר. מאַהלער — — — — — 203 — 207

צוכצעטל פֿון נעמען און ערטער 208 — 217

TREŚĆ:

str.

Wstęp — — — — — — — — — 1— 9

1 Rozdział — Stosunki gospodarcze, społeczne. kulturalne i polityczne Żydów w Polsce w epocc stanisławowskiej 10 — 32

II Rozdział — Żydzi warszawscy w przededniu insurekcji — — — — — 33 — 39

III Rozdział — Kierunki polityczne i stosunek władz insurekcyjnych do Żydów . 40 — 48

IV Rozdział — Żydzi w szeregach powstańczych 49 — 73

a) Inteligencja, plutokracja i masy ludowe żydowskie wobec powstania — — — — — — — —

b) Pospolite ruszenie, rekruci — — — — — —

c) Żydzi w milicji obywatelskiej Warszawy. — — —

V Rozdział — Żydzi warszawscy w walce o wolność — — — — — 74 — 111

a) Udział Żydów warszawskich w rewolucji kwietniowej — — — — — — — — — — —

b) Pułk Berka Joselewicza — — — — — — —

c) Rzeź Pragi — — — — — — — — — —

VI Rozdział — Usługi pomocnicze, opłaty, podatki i świadczenia — — — 112 — 137

a) Służba wywiadowcza i inne usługi — — — —

b) Transport — — — — — — — — — — — —

c) Służba pomocnicza i t.p. — — — — — — —

d) Rzemiosło — — — — — — — — — — —

e) Opłaty pieniężne i daniny w naturze — — — —

f) Rekwizycje — — — — — — — — — — —

g) Liwerancje wojskowe — — — — — — — —

VII Rozdział — Życie potoczne Żydów w czasie insurekcji — — — — — 138 — 180

a) Prześladowania — — — — — — — — — —

b) Oskarzenia o szpiegostwo — — — — — —

c) Handel — — — — — — — — — — — —

d) Życie potoczne Żydów w Warszawie — — —

e) Walka o biletowe w Warszawie — — — — —

VIII Rozdział — Neofici (frankiści) warszawscy podczas insurekcji — — — 181 — 191

Zakończenie — — — — — — — — — 192 — 194

Dodatki — Żydzi na Litwie — — — — 195 — 202

Dr. R. Mahler: Rzeź Pragi — — 203 — 207

Spis miejscowości i nazwisk 208 — 217